STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10242

POYERN

Wladyslaw Stanislaw Reymont

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

David S. Goldman

פארלאג
אריענט

וול. סט. ריימאנט

פ ו י ע ר ן

עפּאָפּיי אין פיר בענדער איבער־
זעצט מיט דער דערלויבעניש
פון מחבר: שלמה ראָזענבערג

פ א ר ל אַ ג „אָ ר י ע נ ט"

וול. סט. ריימאנט

פויערן

ערשטער באַנד

האַרבסט

ייִדיש: שלמה ראָזענבערג

וואַרשע, אָגראָדאָווע 27

הילע געצייכנט: י. טיקאָטשינסקי

געזעצט: פּ. קרימער, פולאַוו

געדרוקט: שיקאָרע און מילנער, נאָוואָליפּקי 6

Wł. St. REYMONT

C H Ł O P I

Przeł. SZ. ROZENBERG

Druk. Sikora i Mylner, Warszawa, Nowolipki № 6.



W. St. Reymont

מיינע טייערע טאַטע-מאַמע
ראובן חנוך און נחמה —
די דאָזיקע אַרבעט געווידמעט.

דער איבערזעצער

אריינפיר

אַרייַנפיר

השמים שמים לד׳, והארץ נתן
לבני אדם.
(תהלים קט״ו, ט״ז)

חלאַדיסלאַוו סט. ריימאָנט געהערט צו די געציילטע, וואָס האָבן געבילדעט אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַ מין נאַטוראַליסטן-קרייז. זיין שאַפונגס-וועג האָט זיך געשלענגלט איבער רעאַלע וועגן, אויפגענומען דאָקומענטן, אָבסערווירט און אַנאַליזירט. זיין אַנאַליז שטעלט זיך אָבער נישט קיין איבערערדישע צילן, ער וויל נישט שאַפן דאָס אַבסטראַקטע און מעטאַפיזישע, נאָר האָט אויסשליסלעך אין אויג דאָס אָרגאַנישע וועזן, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אַלע פיזישע געבאָטן און געזעצן פון וועלטאַל. דאָס לעבן, ווי ס׳איז אין דער ווירקלעכקייט, מוז דורך אונז קינסטלעריש דורכגעפירט און פסיכאָלאָגיש אויסגעפאָרשט ווערן. דאָס דאָזיקע נישטערן אין גייסט, מוז נישט דווקא גיין אויף דער אָנגעצויגענער דראָט פון אַרויסגעהויבענעם יחיד, נאָר קאָן אויך זיך אַרויסטיילן פון גוף, אַרויסשיינען פון דעם געזעמל-קאָלאָריט. דערביי דאַרפט בולט אַקצענטירט ווערן דעם שרייבערס שאַפונגס-אינדיווידואַליטעט.

דער הויפּט-געוויכט ווערט געווענדעט אויף דעם לעבנס-אמת און זיין רעאַליסטישער נאַקעטקייט, בלויז דורכזיכטיק פאַר-

שלייערט מיט אַ פייגנבלאַט פון דער פורפּור-סטיליזאַציע. דעריבער ווערט דאָ דער אמת נישט אָפּגעשפּיגלט בלויז אין זיין עפּיזאָדיש-קייט, אין דעם אָפּגעבראָכענעם מעמד, נאָר אין דער פאַרקיילעכ-דיקער געשטאַלטונג, לויט וועלכער מיר קאָנען באַקומען אַ געזיימטן אָפּשיין פון אַ שטיק לעבן.

דער וועג ביז די „פויערן" איז אַ לאַנגער און שווערער, ריימאָנט האָט פריער זיך געטובלט אין קליינע אָדער גרעסערע טייכלעך. ער האָט געקלעטערט איבער פאַרשיידענע שטאַפּלען ווי: „די קאָמעדיאַנטין", „פערמענטן", „געזעכטע", „אין אַ האַרבסט-נאַכט", „צושפּעט" „פאַר דעם זונאויפגאַנג", „פון טאָגבוך" און „די צוגע־זאָגטע ערד". ענדלעך האָבן די אָפּגעבראָכענע שטיקער זיך צונויפ-געטוליעט, און געצווינגען דעם דיכטער צו שאַפן עטוואָס, וואָס זאָל שפּראָצן מיט גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט — אַן עפּאָפּיי...

* *
*

אין מאָמענטן פון גאָרער טאַלאַנט-צעוואַקסנקייט קאָן זיך אַ שרייבער דערהויבן צו דער מדרגה פון שאַפן אַן עפּאָפּיי, וועלכע דערהאַלט, לויט איר כאַראַקטער, אַלע אָפּגעזונדערטע אָפּברוכן פון קינסטלערס פולזייטיקן טאַלאַנט. ווו און אין וועלכע צייטן זיי זאָלן נישט האָבן אַרויסגעטרעטן, געפונען זיי איצטער זייער אָרט אין דעם האַרמאָנישן צונויפגאָס, אין דעם אַלץ אַרומנעמענדן, אין דעם עפּאָפּייאישן, אַן עפּאָפּיי איז אייגנטלעך יענץ געדיכט, וואָס שלענ-גלט זיך אין אַ קייט פון בילדלעכע הויכן, אָרגאַניש געבונדן מיט קשר-פעדימלעך, וואָס שאַפן שפּעטער דאָס גרויסע, גאַנצע און פולזייטיקע. גאָרנישט טאָר דעמאָלס פאַרלוירן גיין פונם קינסט-

לערס אויג, אַלץ מוז אין זיין עפּישן באַשרייבן געפונען אַ גאַנצן,
אָדער טיילווייזן תיקון. די הויפּט-עלעמענטן פון אַ עפּאָפּיי זענען:
מענטש און נאַטור; ס׳ציט זיך פאַר אונז דורך אַ פילם-באַנד פון
אַלע גלידער, וואָס באַלאַנגען צו אַ בעשטמיטער סביבה, געטובלט
אין פאַרשיידענע קלימאַטישע אַטמאָספערן. מיר טרעפן אין דער
עפּאָפּיי מענטשן, וואָס באַגעגנען דעם זונאויפגאַנג אין קילן
מאָרגן-ציטער, פרעגלען שפּעטער זייערע פּנימער אין דער בראָטנ-
דער מיטאָג-זון, און גייען אויס פון האַרץ-נאָגנדער בענקשאַפט,
בעת דעם ביסלעכווייזיקן פאַרשווינדן פון די גוססדיקע שטראַלן,
וואָס פלעכטן זיך איין אין דער נעץ פון די אָוונט-שאָטנס.
מענטשן, וואָס ווערגן זיך אויף דעם נאַכט-געלעגער מיט זייערע
טאָג-טעגלעכע דאגות, און געפינען אַ בלאַסן טרייסט אין דער
דורכן פענסטער מילד-שיינענדער לבנה, אָדער פאַרקערט, ווערן
צעשמעטערט אין דער געדיכטער נאַכט-פינסטערניש. מענטשן,
וואָס ווערן געשמיסן דורך שניידיקע ווינטן, געפּאַטשט דורך
רעגן-גאָסן, און געשרומפּן דורך בייסיקע קעלט.

דאָס אַלץ איז איינגעוויקלט אין די בלעטער פון סאָציאַ-
לע פאַרהעלטענישן, וואָס דרינגען אַרויס פונם קאַמף פאַרן דאָ-
זיין, אינם גרויסן נעפּל פונם קנויל באַציונגען בין אדם למקום,
וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין דער מורא פאַרן גרויסן סוד
פון דעם, וואָס ר׳האָט געזאָגט, און אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן,
און בין אדם לחברו, אין דער אומאויפהערלעכער ראַנגלעניש
מיט דעם מיטלעבער, שכן, דיקטירט דורך דעם אומאויסלעש-
באַרן דערהאַלטונגס-אינסטינקט, און אויך אונטערבאַוווסטן ליידנ-
שאַפטס-טריב.

דער איינציקער גרענעץ-פּאַס, וואָס קרייזט אַרום די עפּאָ-
פּיי איז ס׳רוב די צייט, וועלכע דריקט אויס איר חותם אויף
דעם כאַראַקטערן-וואַקס פון די העלדן, וועלכע זענען דאָך סוף
כל סוף נישט מער ווי קינדער פון אַ באַשטימטן דור, וואָס

לעבן מיט אייגנטימלעכע צייט-מנהגים, צייט-גלויבונגען און צייט-באַגריפן.

צוויי הויפט-עפּאָפּייען זענען פאַראַן אין דער פּוילישער ליטעראַטור, וואָס — לויט זייער דיכטערישן ווערט און קינסטלערישער קאָנסטרוקציע—טיילן זיי זיך אויס צווישן אַלע איבריקע, און פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן, דאָס זענען: אַדאַם מיצקעוויטשס „פּאַן טאַדעאוש" און וולאַדיסלאַוו סט. ריימאָנטס „פּויערן" („כלאָפּי").

דער אויסערלעכער מאָטיוו פון „פּאַן טאַדעאוש" איז געווען אַ ריין-פּאָליטישער ד. ה. די נאַפּאָלעאָנישע מלחמה אין יאָר 1812, בעת וועלכער פּוילן האָט זיך געוואָלט אָנוואַרמען ביי נאַפּאָלעאָנען און דורך אייגענע געהילף-לעגיאָנען געהאָפט פאַר זיך צו דערווערבן פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט. אין דער דאָזיקער צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון די ידיעות איבער נאַפּאָלעאָנס נצחונות, איז ליטע געלעגן ווי אַן אָפּגעריסן העק, ערגעץ ווייט פון פּאָליטישן טומעל און קעסל-קאָך, און זיך געלעבט במנוחה אין איר פעסטגעשטעלטן שטייגער. די ליטווישע הימלען זענען נאָר פון צייט צו צייט געוואָרן באַדעקט מיט דורכזיכטיגע וואָלקנס פון לייכטע אַמביציע-רייבענישן, מחלוקתלעך און ברוגז-טענץ, וואָס זענען אַנטשטאַנען אויפן גרונט פון פּריוואַטע אינטערעסן. אָבער חוץ דעם האָט מען זיך געלעבט איין שלאַכטישן ווילטאָג, זיך געליבט, געקושט, געבאַלעוועט און אייגנגעאָרדנט געיעגן אין וואַלד א. א. הנאות. ערשט אַ דאַנק די באַציאונגען פון גלח-עקספּיאַטאָר ראָבאַק מיט וואַרשע, און אויך צופּעליקע דורכוואַנדערנדע פּוילישע לעגיאָנערן, איז דאָס אונטעראויוונדיקע ליטווישע לעבן אַביסל אויפגערודערט געוואָרן, און אויך זיך אָנגעשטעקט מיט די פּאָליטישע געשעענישן. דער קינסטלערישער עיקר אָבער פון דער עפּאָפּיי איז דאָס מאַלעריש-אַלזייטיקע באַשרייבן דעם לעבנס-שטייגער, וואָס האָט געפונען איין אויסדרוק אין דער פּרעכטיקער גאַלעריי טיפּישע געשטאַלטן פון דער מיטל-

פאַרמעגלעכער שלאַכטע. אַ שפע פון געניאַל-אויפגעכאַפּטע כאַראַק-טערן, פיין-געשניצטע געשטאַלטן און פּלאַסטיש איבערגעגעבענע פיגורן מיט אַלע זייערע איינצלנע תנועות, אייגנשאַפטן, זיטן און מנהגים. דאָס איז די קרוין פון אַ קענטיקן, אָבער שוין אונטער-גייענדן דור.

„פאַן טאַדעאוש" איז די עפּאָפּיי פון דער שלאַכטע.

די „פויערן" אָבער זענען די עפּאָפּיי פונם פּראָסטן פאָלק.

ווען מ'זאָל אין שטילע מינוטן זוכן אין די רעאַליסטישע „פויערן" דער אומזעבאַרן גייסט, וואָס שוועבט איבער זיי אַן אויס-געשמיילטער, וואָלט מען אים בלי שום ספק געפונען אין פּערסישן זאָראָאַסטער, דעם נביא פון דער ערד. דאָס גאַנצע לעבן פון די פויערן איז אַ געזאַנג פון דער מאַמע-ערד, וואָס שלאָגט פון זיך אַרויס אַ געזונטן און געזונטמאַכנדן ריח. דער פויערן-שטייגער ווערט גערעגלט דורך די פיר צייט-טיילן פון יאָר: קינות-קלאָגע-דער הארבסט, פאַרגליווערטער ווינטער, הלל-זינגענדער פרילינג און באַקנדער זומער. די אייל מיט וועלכער ס'לעבן ווערט גע-מאָסטן אין דאָרף, איז—ארבעט. ארבעט אַלס מענטשלעכע טעטיקייט צו פאַרמערן דעם גיטער-באַשאַף. די קללה אויף אדם הראשונען, וועלכער איז, צוליב זיין ערשטגעבוירטיקן חטא, פאַרשאָלטן גע-וואָרן מיט דעם „בזעת אפיך תאכל לחם", איז ביים דאָרפס-מענטש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאָלדענע ברכה. די ארבעט איז פאַר אים נישט קיין אויסנווייניק-אָנגעוואָרפענער באַפעל, נאָר אַן אינעווייניקסט-לעבנדיקער געבאָט, וועלכן ר'איז מקיים באהבה, ווייל דאָס איז דער אומבאַדינגלעכער זינען פון זיין לעבן.

מ'טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז הגם ריימאָנט האָט גע-שריבן אין איין צייט מיט דעם איינפלוסרייכן פּשיבישעווסקי, וועלכער פאַרמאָגט אַ ספּעציעל פאַרשטענדניש פאַר קאָמפּליציר-טע כאַראַקטערן, צייכנענדיק ביז גאָרער דינקייט די סובטעלע

שאָטנס פון דער מענטשלעכער נשמה, איז ער דאָך נישט פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דעם הערשנדן אָטעם פון דער צייט. דעמאָלט איז געווען די שוועלבן-תקופה פון דער מאָדערניסטישער ליריק, וועלכער האָט געפּראַלט איר „אָז ישיר“ איבער די זיך טרענקענדע חילות פון דער פּאָזיטיוויסטישער אַרמיי ס'האָט געקייניגט דער „principium individuationis“ דער העלד פון טאָג איז געווען דער שטאַרקער יחיד מיט זיין אינדיווידועל-אייגעפלאַנצטע נייגונגען. ריימאָנטס טאַלאַנט איז אָבער געווען אַזוי זעלבסטשטענדיק-רייף, אַז ר'איז געווען ביכולת צו גיין מיט אייגענע כחות איבער די אים מיט גאָב באַשערטע וועגן פון צבור-לעבן. דער גרויסער פויערן-קאָלעקטיוו מיט זיינע אורשפּרינגלעכע אינסטינקטן, שלויערע נייגונגען און כיטרע אונטערגענג, און דאָס אַלץ אויף דער שויס פון דער ברייטער רייכפאַרביקער נאַטור.

ריימאָנט איז אַ רעאַליסט, וואָס זעט די נאַטור, צווישן אים און זיין באַהאַנדלטע טעמע איז פאַראַן אַ שטח. דאָס קאָן מען אָבער באַין אופן נישט זאָגן, למשל, וועגן וויספּיאַנסקי און זשעראָמסקי. די וועלט, וועגן וועלכער ס'דערציילט אונז זשעראָמסקי ברויכט רעאַליסטיש שטאַרק נאָכגעפרעגט ווערן, צי זי עקזיסטירט בכלל. פאַקטיש עקזיסטירט זי לגמרי נישט, זי איז נאָר אַן איבערשאַף פונם דיכטערס גייסטרייכן „איך“, וואָס ווימלט ערגעץ אין די טאָלן פון לעבן. ריימאָנט לאָזט זיך נישט אַראָפּ אין קיין טאָלן, זוכט נישט קיין טראַנסצענדענטע ווערטן פון דער ווירקלעכקייט, פרעגט נישט אָפּ קיין סבות פון דערשיינונגען. ער שפּאַצירט איבער דער אויבערפלאַך, פיקסירט דעם לעולם-ועדיקן אויטאָמאַטיזם, און דאָס נישט מיט ווינציקער טאַלאַנט פון זשעראָמסקיס אינוויינִיקסקייטן, נאָר מיט מער פּלאַסטיק, אומגעהיירער צייכנונגס-קראַפט פון פּערזאָנען און פאַקטן, לעבעדיקן און שטאַרק-רעאַליסטישן קאָלאָריט. אַלץ שפּראָצט מיט קראַפט און ענערגיע.

אַ טעות וועט האָבן דער, וואָס וועט באַ ריימאָנטן זוכן אַ

וועלכע ס'איז דאָקטרינע אָדער פילאָזאָפישע טעזע, ער שילדערט נאָר די וועלט פון דערשיינונגען, און אויך דאָס אויף אַ ריין עמפּירישן שטייגער, אָן אַ געשיכטלעכער באַפאַרבונג. אַ קריטיק־דאָקטרינער וועט פון ריימאָנטן תמיד אַנטלויפן, ווייל אין דער באַהאַנדלונג פעלט ריימאָנטן געשיכטלעכקייט. ער איז קודם כל אַן עסטעט־פּסיכאָלאָג, און מיידט אויס די אָנווענדונג פון וועלכע ס'איז היסטאָריאָזאָפישע געזעצן. און דערפאַר איז זיין באַאָבאַכטונגס־קרייז אַ סך ברייטער און רייכער ווי ביי זשעראָמסקי; ריימאָנט וועט נישט אַדורכלאָזן אומבאַמערקטערהייט קיין מוסקול־ריר, אויגפּינטל, קול־ציטער א. אַ. וו. זיין באַציאונג צו דער נאַטור איז אַ זינלעכע, ער מאַלט און שילדערט זי שטענדיק אין כלערליי צופעליקע און שטענדיקע פּאָזיציעס. דאַריבער איז ריימאָנט צוגענגלעך פאַר די ברייטסטע קרייזן לייענער, אין קעגנזאַץ צו זשעראָמסקי, וועלכער מוז שוין האָבן אַ געקליבענעם לייענער. פאַר זשעראָמסקין עקזיסטירט נישט דאָס פאָלק אַלס קוואַנטיטאַטיווער אָביעקט, נאָר אַלס קוואַליטאַטיווע שאַפונגס־קראַפט, וואָס איז געבוירן און לעבט אין געשיכטלעכן באַוווסטזיין.

* *
*

לויט דער דיספּאָזיציע, צעפאַלט זיך דאָס ווערק אין פיר טיילן, אין איינקלאַנג מיט די פיר צייט־יאָרן; דער שטח, אויף וועלכן די אַקציע וויקלט זיך, איז — דאָס דאָרף. דאָס פּוילישע דאָרף, מיט איר באַזונדערן חן און רייץ, איז אָפּגעריסן פון דער גרויסער שטאָט, און דויערט אין איר אָפּגעשלאָסנקייט ווי אַ באַזונדער קעניגרייך. אַן אַרומגעצוימט פעסטונג, ווו מענטשן לעבן

אין דער סביבה פון הויכע טאָפּאָלן-בוימער, ביים געזאַנג-באַגלייט פון צווישטשערנדע פויגל, טאַק-טאַקעריי פון קאַטשקעס און קוואַקעריי פון זשאַבעס. אַ מחנה, וואָס לעבט זיך אויס אין אייגענע פאַרלאַנגען און נייגונגען, פריידן און ליידן מיט אייגנטימלעכע באַגריפן וועגן גאָט, וועלט און לעבן. איבער אַלעם קיניגט דער אונטערבאַוווסטער קאַמף פאַרן דאָזיין, דורך אַ גאַנץ פרימיטיוון און אַפילו ווילדן לעבנס-באַנעם. ווי אומעטום איז אויך דאָ דעצידירנד דער עראָטישער מאָמענט. איבער דעם אוצר עפּיש-באַשרייבלעכע בילדער, ציט זיך אַ רויטע אַקציע פון גיריקייט, דורכגעטריבנקייט, ליבע און קנאה, אויסגעמישט מיט ריזיקער גבורה.

דער אַלטער פויערישער „גאָספּאָדאַזש” באָרינאַ, אַ קאַרגער אַלמן, ווערט פאַרכישופט פון דער געזונטער יאַגנאַס שיינקייט און באַשליסט „וואָס זאָל נישט זיין” מיט איר חתונה צו האָבן. צווישן די דערוואַקסענע קינדער, איידעמס און שניר אַנטשטייט אַ „ברומעריי”, מ׳האָט מורא פאַר דער ירושה, אַז זי זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט. צווישן די פּאָראויסיקע יורשים איז אויך פאַראַן דעם אַלטן באָרינאס זון אַנטעק, אַ באַווייבטער. אַנטעק אַחוץ זיין מורא פאַר דעם עווענטועלן היזק פון דער ירושה, ברענט ער מיט אייפערזוכט, כעס און נקמה צום טאַטן-חתן, וואָס נעמט ביי אים אַוועק זיין יאַגנאַ, צו וועלכער ער פילט אויף אַן אור-שפרינגלעכן אַרט, אַן אומבאַזיגבאַר געפיל פון רויער ליבע. דער שידוך ווערט אָבער געשלאָסן, נאָכדעם הוליעט דאָס גאַנצע דאָרף אויף דער גאָר פריילעכער און ברחבותדיקער חתונה פון דעם רייכן זקן, וואָס באַגערט נאָך אַ קאַפּ צו געניסן פון דעם אייליק-פאַרשווינדנדן לעבן. מיט דעם גאַנצן שמוק פון דער ספּעציפיש-דאָרפישער צערעמאָניע פירט מען צונויף דעם רייכן זקן מיט דער בליענדער יונגקייט, מיט דער בלענדנד-שיינער געזונטער יאַגנאַ, וועלכע פלעגט און צערטלט דאָך אין דער שטיל, אין די פאַלדן פון דער נשמה, אַ הייס געפיל פאַר דעם קרעפטיקן און וויל קלוגערישן קונפטיקן שטיפזון — אַנטעק.

דער קאָנפליקט צווישן פאָטער און זון, צוליב יאַגנאַ, ווערט וואָס אַמאָל מער פאַרשאַרפט, ביז ס'דערגייט צו בלוטיקע געשלעגערייען. באָרינאַ פאַרטרייבט פון זיין הויז דעם ווידערשפעניקן זון אַנטעק, וועלכער נעמט פאַר ליב דעם גורל פון אַ וואָגלענדן פאַרליבטן. ער בלייבט אָן אַרבעט און אָן מיטלען צום לעבן; אין דערהיים פלאַקערט פשוט אַ גיהנום. צו זיין ערלעכער, געטרייער און האַרציקער פרוי, האַנקאַ, באַציט ער זיך גראָב און אָפשטויסנד. אַליין פילט ער זיך איינזאַם און עלנט, מיט אַ ריס אין האַרצן, אויסגייענדיק פון נאָגנדער בענקשאַפט צו דער בלויאויגיקער יאַגנאַ. שליסלעך געלונגט עס אים באַהאַלטענערהייט זיך צו באַגעגענען מיט יאַגנאַ און פאַרברענגען מיט איר גליקלעכע מינוטן פון וואַרעמע צערטלערייען. איין באַגעגניש האָבן זיי שיעור נישט באַצאָלט מיטן לעבן, ווערנדיק באַדראָט דורך פייער־פלאַמען. צעריסן מיטן פאָטער און ווייב, ווערט ער שפעטער איינגאַנצן אָפהענטיק און באַמיט זיך אין שכרות צו פאַרטויבן דעם ווייטיק.

אין דאָרף ליפּצע, ווו די באָרינאַס וווינען, פייפט איצט אין ווינטער אַ גרויסער דלות, די פויערן זיינען פאַראָרעמט און באַקומען נישט קיין אַרבעט. צו דעם אַלעם האָט נאָך דער פּריץ באַפוילן אויסצוהאַקן דעם פויערישן וואַלד. די פויערן ווערן דערפון אויפגעקאָכט און אונטער די אָנפירונג פון דעם אַלטן און יונגן באָרינאַ, וואַרפט זיך דאָס פויערישע פאָלק אין קאַמף מיט די הויפסלייט. אין מיטן דער הייסער און פאַרביסענער ראַנגלעניש, בעת דער אַלטער באָרינאַ באַקומט וואָס אַמאָל שטאַרקערע און שמערצלעכערע קלעפּ, פאַרמעסט זיך אַנטעק מיט אים בלוטיק אָפּצורעכענען, ציילנדיק אין זיין קאָפּ מיט אַ פּוזיע. אויף די הילף־געשרייען פון אַלטן פאָטער קייגן דעם פּריצס וואַלדשומר, באַזינט זיך פלוצלינג אַנטעק, ס'דערוועקן זיך אין אים די קרובהשאַפטס־געפילן פון אַ זון צו אַ פאָטער. אָפּזאָגנדיק זיך

פון דעם פאָטערמערדערישן פּלאַן, איילט ער מיט הילף און שלאָגט טויט די הויפּסלייט.

מ׳דערוואַרט זיך ביז וועסנע, די נאַטור וועקט זיך איבער און עטעמט מיט אַ באַנייטע פרישקייט. אין ליפּצע איז אָבער נישט היימלעך, ווייל כמעט אַלע מאַנספּערשוינען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין געשלעג, זיינען איצט פאַרשפּאַרט אין תפיסה. דאָס דאָרף איז אינגאַנצן געלאָזן געוואָרן אויף דעם באַראָט פון די ווייבער, אין דאָ רוקט זיך אָן אַזוי פיל אַרבעט. ס׳דרייען זיך באַר אַרום די „רויקע" מענער, ווי: דער גלח, אָרגאַניסט ראָך און דער קאָוואַל. דער איינציק פאַרבליבענער פון די שלעגער, איז דער אַלטער באָרינאַ, וואָס ליגט נעבעך אַ צעמזיקטער אין בעט אָן אַ טראָפּן באַוווסטזיין, וואַרטנדיק אויף דעם טויט. נעבן זיין בעט וואַכט זיין געטרייע שניר האַנקאַ, יאַגנאַ דאַגעגן „שפּילט" ליבעס מיטן וואָיט, מאַטעיוש א. א. פון רחמנות וועגן קומען אָן פויערן פון די שכנותדיקע פעלדער בכדי צו באַאַרבעטן דורך די מענער פאַרלאָזטע ליפּעצער ערד. ענדלעך ווערן דאָך די מענער באַפרייט פון קרימינאַל און קומען מיט פרייד צוריק אַהיים. צווישן זיי פעלט אָבער אַנטעק, פאַר וועלכן מ׳פאַרלאַנגט קויציע.

איינמאָל פאַרטאָג, ווען אַלע שלאָפן נאָך, ווערט דער אַלטער באָרינאַ פלוצלינג מישובדיק, כאַפּט זיך שנעל אויף, זוכט די קליידער און נישט געפונענדיק זיי, גייט ער אַרויס באָרוועס און נאַקעט אין שטאַל, גלעט די בהמות, לויפט אַרויס אויפן פעלד, און אין באַוווסטלאָזן דראַנג, הויבט ער אָן זייען און זייען איבער די פעלדער; פאַלנדיק דאָרט אָן כחות הויכט ער אויס זיין נשמה.

באָרינאַס לויה קומט פאָר מיט גרויס פּאַראַד אין דער באַגלייטונג פון כמעט אַלע דאָרפסלייט. אַנטעק ווערט באַפרייט אויף קויציע, יאַגנאַ פאַרליבט זיך אויפסנייע העליש אין דעם אָרגאַניסטס זון, קייגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן. די מאַכט

ווייל גרינדן אין דאָרף אַ רוסישע שול, דער המון קעמפט
לכתחילה קעגן דער רוסיפיצירונג פונם יינגן דור, אָבער אונ־
טערן דרוק פון שטאַרקערן זיינען די פויערן צום סוף מסכים
דערויף. ראָך באַהאַלט זיך אויס פון דער פּאָליציי, וועלכע זוכט
אים אַלס שולדיקן אונטערהעצער. דער וואָיט ווערט אַרעסטירט
צוליב געלט־מיסברויך, וואָס ער האָט פאַרשווענדעט אויף הו־
לאַנקעס מיט יאַגנאַ. דאָס גאַנצע דאָרף ווערט אויפגעבראַכט,
אָנערקענענדיק זי אַלס שעדלעך־אויסגעלאַסענע באַשליסט די
„גראָמאַדאַ” זי אַרויסצוטרייבן פון דאָרף אויף אַ וואָגן חזירים־
מיסט. קיינער אַ חוץ מאַטעאוש קומט איר נישט צו הילף, פון
גרויס פאַרביטערטקייט און חרפה פאַלט זי אַריין אין אַ געפער־
לעכער קרענק.

דאָס איז נאָר דער סקעלעט, וועלכער ווערט ביי ריי־
מאָנטן באַדעקט מיט פלייש און לייב, באַזאַפט מיט זידיק בלוט.
אַ מענגע עפּיזאָדן, מאַסן־סצענעס אין פאַרשיידנע צייטן פונם
טאָג, בעת אַ רעגן, שניי, ווינט און שטורם. ביי פאַרשיידענע
אַרבעטן אין וואַלד, פעלד, ביים זייען, אַקערן, בראָנעווען,
שניידן, דרעשן, ביי דער אַרבעט אין שטאַל, שפּייכלער, אויף
שטאָט־ירידים און אין סאָנד, קרעטשמע בעת חגאות, שמחות,
לויות, מיט איין וואָרט, אַ פּלאַסטיש געמעל פונם פאַרקיילעכדיקטן
לעבן פון פוילישן פויער אין דעם פוילישן דאָרף, אַלץ דיכטעריש
פּראָדוצירט, פאַרביק, לעבעדיק, פול מיט פשטות, פרישקייט און
ערלעכקייט.

צוויש׳ן דעם שפּאָרן געזעמל העלדן: ראָכאָ דער גלח,
אָרגאַניסט, ־אַש, מילנער, קאָוואַל, וואָיט, יאַגוסטינקאַ, יוזקאַ דאָ־
מיניקינאַ, שיוועק, וויטעק, קובאַ, יאַצעק, יאַמבאָרזש, מאַטעאוש,
גזשעלאַ, טערעסאַ, אַגאַטאַ א. א. שיידן זיך בולט אָפּ פיר הויפּט־
געשטאַלטן: באָרינאַ, יאַגנאַ, אַנטעק און האַנקאַ.

דער אַלטער מאַציעי באָרינאַ איז אַ רייכער. אומעטום גע־
אַכטעטער „גאָספּאָדאַזש”, זיין יוסטקייט ליגט אין דער קאַרגשאַפט,

וועלכע גרעניצט זיך ביי אים מיט ווילדקייט. אַ שטאַרק אַנטוויקלטע אַמביציע, וואָס דערגייט צו אַ נישט־אָנטרעטנדער פאַרביסנקייט. אַ זינלעכער פאַרשוין מיט נאַטירלעכע בייגונגען און פאַרלאַנגען אויף דער עלטער גרייט אַרויסצוטרייבן די קינדער אַבי זיך צונויפגיין מיט דער שפּראָצנדער יאַגושקאַ. געזונט און אַביסל גאווהדיק, דרייסט און ענערגיש, דערביי נישט איבערטרייבנד, אַלע אייגנשאַפטן זיינען ביי אים קאָנצענטרירט, אָנזעעוודיק, און דאָך איז ער נישט קיין אָפּגעשלאָסן אינדיווידואום. ריימאָנט פירט אים בעיקר אַרויס אַלס סימפּאַטיש געשטאַלט פון דעם גאַנצן פויערן־שטאַנד. פאַראַן אויך ביי אים מאָמענטן פון מילדקייט און רחמנות איבער אַלעם דאָמינירט הייסע ליבע צו דער שוואַרצער ערד, מיט וועלכער ר׳איז פאַרבונדן דורך אומצייליקע בלוט־בענדער.

אַ מערקווירדיק, כמעט נישט דאָרפיש געשטאַלט איז יאַגושקאַ, די פאַר וועלכער דאָס לעבן, אַן און פאַר זיך, איז גרוי און פוסט, און דעריבער באַפאַרבט זי זיך עס מיט פאַרטראַכטע טרוימערישקייט. זי איז תמיד אַ פאַרטראַכטע; פון דער נאַטור באַשאָנקן מיט אויסערגעוויינלעכע שיינקייט און מילדקייט, זוכט זי אונטערבאַוווסטזיניק זינען פאַר איר לעבן. זי געפינט אים אין דער שטענדיקער פאַרקלערטקייט. בעת די מוטער דערציילט איר, אַז זי, די בלאָנדע, דאַרף חתונה האָבן מיט דעם וועלקנדן באָרינאַ, ענטפערט זי גלייכגילטיק: „ס׳איז מיר אַלץ איינס, אַז איר וועט הייסן, וועל איך חתונה האָבן מיט באָרינאַ, אַז נישט וועל איך בלייבן מיט אייך“. ס׳איז איר לגמרי פרעמד די גיריקע געפילן און שלויערע אונטערגענג פון דער דאָרפישער מיליע. זי ווייסט נאָר פון איין איינווייניקסטן דראַנג — ליבע, וועלכע ווערט ביי איר ס׳רוב פאַרוואַנדלט אין אַ צעצויגן־פאַרחלומטע בענקשאַפט. ווען ס׳קומט אַ דעצידירנדער מאָמענט, פאַרמאָגט זי אין זיך גענוג מוט און קראַפט אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס, אַפילו מיט היזק פאַר איר פאַרמעגן, וואָס איז צווישן פויערן אַודאי אַ זעלטענע דערשיינונג. זי איז ווירדיק און שטאָלץ, וואַרפט צוריק מיט פאַראַכ־

טונג דעם רעיענטאַלישן אָפּשריפט, און איז זיך גיך און אַנטשלאָסן
מיאש פון דער רייכער ירושה, אַבי צו פירן אַן אייגן און פריי
לעבן. זאָלן זיי אַלץ צונעמען, אַבי איר וועט נאָר געלאָזן ווערן
די מעגלעכקייט פריי און אומגעשטערט צו שפינען איר אויסגע-
בענקט ליבע-געוועב. זי פאַרברענגט מיט אַנטעקן, שיכּורט מיטן
וואַיט און בענקט האָפענונגסלאָז נאָך יאַשן. חוץ דעם עקזיסטירן פאַר
איר אינגאַנצן נישט די דערבייאיקע קלייגע מענטשעלעך מיט די
דראָבנע השגות. צוליב איר באַזונדערן שיינקייטס-חן און רייץ, איז
זי שטענדיק אַרומגערינגלט מיט אייפערזיכטיקע באַבעס, וועלכע
פירען אויף איר אומגליק. פון אַלע העלדן, איז זי אַמיינסטנס
אינדיווידועל פאַרשניטן, ווייל זי לעבט מיט איר אייגן וועלטל.
זי ברעכט אַלע שפינוועבס-געזעצן און פאַרבאָטן, לאַכט אויס די
פאַרשיידנסטע גלחיש-פאַרזאָגענע מאָראַליטעטן, לעבט ווי אַן אָפּ-
געריסענער אבר, באַשטייט זיך אַליין איר שטעטל. זי גלויבט
נישט אין קיין פאָרשריפטן, וואָס זאָלן איר פאַרווערן צו ליבן
אַנטעקן, באַטייליקן זיך אין דער געזעלשאַפט פון וואָיט אָדער
מאַטעאוּשן, און צום סוף קרישטאָל-ריין צו בענקן נאָך איר אויס-
געחלומטן יאַשן, דעם אָרגאַניסטס זון.

דער הויט-השדרה פון דער עפּאָפּיי איז אַנטעק, אַן אַקטי-
ווער און טעמפּעראַמענטפולער כאַראַקטער, פאַר וועלכע ס'זייַנען
נישט פאַראַן קיין שום צוימען בכדי צו דערגרייכן דעם ציל.
אין פיל פּרטים איז ער ענלעך צו יאַגנאַ, נאָר מער ווירקנד און
אָנגרייפנד. אין דעם מיטלפּונקט פון זיין לעבן שטייט די רויע
און פולבלוטיקע ליבע צו יאַגנאַ, פון וועגן וועלכער ער ווערט
פאַרטריבן פון זיין באַלעבאַטישן ווירטשאַפט. נאָכדעם קומט דער
דראַנג פון נקמה. אָט דאָס צווייאיק געפלעכט באַגלייט אים די
גאַנצע צייט, און באַקומט אַ סך מאָל דעם אויסדרוק אין עקס-
פּלאָזיווע טאַטן. קוים ווערט נאָר זיין אַמביציע לייכט געריצט,
פאַלט ער אַריין אין אַ שגעון און שלאָגט מכּות רצח פרעמדע
און אייגענע, נישט שוינענדיק דעם אייגענעם טאַטן. פאַראַן מאָ-

מענטן, ווען ר׳איז פול מיט נקמה־דורשט און איז גרייט צו דערמאָרדן דעם אייגענעם פאָטער, אָבער ס׳איז גענוג נאָר איין רגע, אַז זיין ווילדער כעס זאָל זיך בליץ־שנעל איבערבייטן אין אַן אַנדערער ריכטונג און ער טויט גאָר דעם, וואָס האָט זיין פאָטער געוואָלט שלעכטס טון. אין תוך גענומען, איז זיין כאַראַקטער אַ געשפּאָלטענער, ער פירט אַ טאָפּל לעבן: אינעווייניק קאָכט, ברויזט און זידט, אויסנווייניק איז ער פאַרגליווערט אין דעם למראית־עינדיקן אויטאָמאַטיזם. אַקוראַט ווי יאַגנאַ ווערט ער נישט מיטגעריסן מיט די קליין־קליינטשיקע אַמביציעלעך פון די דאָרפסלייט, נאָר לעבט זיך אויס אין אַן אייגן וועלטל. צום סוף ווערט אָבער זיין אייגנאַרטיקייט שטאַרק אָפּגעקילט און לאָזט זיך געגנצלעך באַאיינפלוסן דורך דעם לעבנס־שטראָם. ער גיסט זיך צונויף מיט דעם משנים קדמוניותדיקן דאָרפס־טריב, און געפונט זיין לעבנס־צוועק אין דער צוגעקניפּטקייט צו דער ליבער ערד. „אַלץ מוז גיין מיט דעם אייגענעם שטייגער, אַלץ. מ׳ברויכט אַקערן כדי צו זייען, זייען כדי שפּעטער צו קלייבן, און אַלץ וואָס שטערט נאָר, דאַרף מען אויסוואָרצלען, אַקוראַט ווי פאַרסמטע גראָזן״.

נישט קיין קליינע באַדייטונג פאַר דער אַקציע האָט האַנקאַ, אַנטעקס ווייב. אַ שטילע טויב, אַ מאַרטירערין, וועלכע האָט ליב דעם מאַן, נאָר ער איז צו איר גלייכגילטיק. אַ זייער איידעלע אַרבעטסזאַמע פרוי, איז אויך דויערהאַפטיק און באַשיידן אין איר אומגליק. דער מאַן פאַרלאָזט זי, די שכנים בריען מיט שטעכווערטלעך וועגן אַנטעקס ליבע צו יאַגנאַ. אַ פאַרטריבענע פון שווערס הויז ליידט זי נויט און אויך גייסטיקע יסורים. אַ פּראָסטע און גוטמוטיקע; בעת דער מאַן פאַרקויפט די קו, קאָן זי זיך נישט געפונען קיין אָרט פון ווייטאָק, אַזוי איז זי צוגעבונדן צו דער בהמה. אַ מוסטערהאַפטע פלייסיקע באַלעבאָסטע, וואָס איז זיך מקריב פאַר דעם גוטס פון איר הויזגעזונט, און

דערבײַ אַ גרויסע פֿאַרנעמערין, וואָס שטייט העכער איבער דעם דאָרפֿישן רײלות-וועלטל.

• •
•

דער ציוויליזאַטאָרישער אַנטוויקלונגס-גאַנג פֿון געגנוואַרטיקן לעבן טראָגט אין די פֿאַלדן פֿון זײַן קלייד סם-טראָפּנס פֿאַר דעם אומאינדוסטריעלן. ס'שפּרייטן זיך טעג פֿון אינטעלעקטואַליזאַציע, וואָס געפֿינט איר נעסט אין דעם שווער באַוואָלקנטן און פֿאַררויכערטן כרך. ס'דאַכט זיך, ווי מיר וואָלטן שטיין פֿאַר דער ביסלעכווײַזדיקער, קוים אָנזעבאַרער, גסיסה פֿון דעם אוממיטלבאַר-קאָנקרעטן דאָרפֿישן שטייגער, וואָס לעבט נאָך דערווײַל רעאַל, אײַנגעזעסן אין דער אומראַפֿינירטער זינלעכער קולטור. בעת די יאָרן פֿון פּאָליטישער קנעכטשאַפֿט איז דער ציוויליזאַטאָריש-עקאָנאָמישער איבערגאַנג געווען באַדראָט מיט נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע, בלויז דאָס דאָרף האָט געגאָלטן אַלס די איינציקע פֿעסטונג פֿון זעלבסטשטענדיק-פּוילישן אויסלעבן זיך, און ממילא איז דער פּויערן-שטאַנד באַטראַכט געוואָרן אַלס דער געזונטסטער אבר פֿון פּוילישן אָרגאַניזם. ס'האָט זיך דעריבער געשאַפֿן אַן „אינטעלעגענטישע" פּריזמע פֿון אויבנאויפֿיקער אָבסערוואַציע. דער שטאָט-אינטעליגענט האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן קוקן אויף דעם פּויער ווי אויף דעם פֿון אַמאָל איבערגעבליבענעם, וועלכער טיילט זיך אָפּ אין דעם גרויצן געוועב פֿון דער געגנוואַרט, מיט זײַן באַזונדערקייט און עקזאָטישקייט. דער פּויער, פּויערטע און זייערע קינדער האָבן אָנגעהויבן דינען אַלס מאָטיוו פֿון דעקאָראַציע; זיי זײַנען אַרויסגעפֿירט געוואָרן אויף דער בינע אין סטיליזירטן שמוק, גע-

דיכטפאַרביקער הלבשה מיט גלעקעלעך, קאָלירטע טיכלעך און קאָראַלן, אָדער ספּעציעל גוראַלישע שטיקערייען. ס׳איז געווען אַ מין פּוץ-טענדענץ אײַנגעהילט אין צאַצקעדיקער אידעאַליזאַציע.

דער דאָזיקער פּאַוועדיקער פאַרבן-שפּיל האָט פאַלש אָפּגע-שפּיגלט די ווירקלעכקייט און האָט דאַריבער קינסטלעריש באַנ-קראָטירט. ענדלעך איז געקומען רײמאָנט, דער אמת-דיכטערישער פּויערן-פּירשפּרעכער, וועלכער האָט דאָס פּויערן-לעבן געקאָנט פון אינווייניק, און האָט זייער ליד פּשוט אַרויסגעריסן פון די אייגענע געדערים. אויבן האָבן מיר געזאָגט, אַז צווישן רײמאָנטן און זײַן באַהאַנדלטע טעמע דרוקט זיך אַרײַן אַ גבול, אָבער דאָס איז נאָר געמיינט געוואָרן בנוגע דער אידעאישער אײַנגלידערונג פון איי-גענעם „איך” אין די נשמות פון די העלדן. אמת איז אָבער, אַז רײמאָנט האָט זיך צונויפגעלעבט מיט דער פּויערישער סביבה און בעת ער דיכטעט זייער לעבן, טוט ער דאָס באין אופן נישט ווי אַיין זײַטיקער אינטעליגענט-אָבסערוואַטאָר, נאָר ווי אַ דאָרפישער תּושב, וואָס פּיבערט מיט זייער לעבנסשטייגער און רעדט מיט זייער געזונט-קערנדיקע שפּראַך. זײַנע פּאַרויסגייער האָבן דאָס דאָרף געדיכטעט אײַנזײַטיק אין אַ צו יומטובדיקן בענעמען, רײמאָנט זעט דעם פּויער אין ליכט און אין שאָטן אין זײַן טאָגטעגלעכן און אויך יום-טובדיקן לעבן, אין די שעהן פון פרייד און לייד.

אַנדערע האָבן דעם שורש פאַרפלאַנצט אין דער לופטן, גע-שפּייזט זיך מיט מח און שכל-קונצשטיק, געהוידעט זיך אין דעם שטעטישן טומל און שימל, געשטיקט זיך אין דעם הוהאַ און געוואַלד-געשרייען.

רײמאָנט קומט אין שטילן דאָרף, זאַלבט דעם פּויער אַלס נביא פון דער ערד, וואָס זיפּצט ביים שווערן אַקעראייזן, באַזאַפּט זי מיט דעם אייגענעם שווייס און זינגט ביי דעם שניט פון די פעלד-זאַנגען. אונטערבאַוווסטזיניק איז דער פאַרהאָרעוועטער פּויער צונויפגעוואָקסן מיט דער ערד און רעגלט זײַן לעבן לויט אירע קאַפּריזן. דער טיפער סוד פונם מענטשנס געבורט און טויט, וואָס

האָט זיין באַשייד באַקומען אין דעם פאַרהייליקטן שפּרוך „אדם יסודו מעפר וכופו לעפר" איז מתחתן דעם מענטשנזון מיט די שוואַרצע פעטע זעמדעלעך, פון וועלכער דער לעבעדיקער שעפּט זיין חיונה. די גרויסע און ברייטע צעשפּרייטקייט פון דעם ריזיקן שטויב-קשר גלעט מיט מילדקייט און טוליעט מיט האַרציק-וואַרעמע מאַמעשאַפט, די מאַמע-ערד האָט באַשאַפן דעם זינען פון לעבן. דער פויער איז פאַרקנעכטעט צו דער אַרבעט, אָבער די קנעכטשאַפט בייט זיך באַ אים איבער אין אַ פרייען ערד-טאַנץ. דער פויער זינגט דער שוואַרצער ערד אַ שיר השירים. ער קושט יעדעס בלומל פונקט ווי אַ חתן קושט די ליפּן פון זיין כלה, ער טוליעט זיך צו דער ערדס פרוכט אַקוראַט ווי אַ קינד גראָבט איין דאָס קעפּל אין דער מאַמעס ברוסט.

ס'איז אין דער וועלט נישטאָ קיין קראַפט, וואָס זאָל קענען אָוועקרייסן דעם פויער פון דער ערדס האַרץ, סיידן דער טויט. דעם מאָמענט גיט ריימאָנט געניאַל איבער אין דער אומשטערבלעכער סצענע, בעת דער אַלטער גוססדיקער באָרינאַ לויפט פאַרטאָגס, אין שגעונדיקן דראַנג, און זייעט איבער די ווייטע פרייע פעלדער, אַזוי זייענדיק פאַלט ער טויט. באָרינאַ וואַקסט דאָ אויס אין אַ מיסטישן סימבאָל פון אומאויסלעשבאַרע התדבקות פון מענטשן-זון מיט דער אייביקער שפּייזערין. אַפילו נאָכן טויט שמעלצט ער זיך צונויף מיט איר און זינקט איין שטום אין איר טראַכט.

דאָס ווערק איז לויט דעם כאַראַקטער דורכאויס פּויליש, און פאַרמאָגט דאָך אוניווערסאַלע ווערטן, ווייל אונטער דעם פּוילישן שלייער איז דאָ פאַראַן דאָס ריינע און אַלגעמיין-מענטשלעכע. פונקט ווי היינט האַמסון מיט זיין „ברכה פון דער ערד" האָט נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק ריימאָנט מיט זיינע „כלאָפּי" זיך געמאַכט און דעם וועלטל אומשטערבלעך.

פאַר אונז פּוילישע יידן, האָט דאָס פאַריידשן פון ריימאָנטס עפּאָפּיי אַ גאָר באַזונדערן ווערט. די יידישע געשטאַלטן ווערן דאָ געצייכנט צופעליק און נישט אינגאַנצן סימפּאַטיש, אָבער

דאָס פאַרמינערט לגמרי נישט איר קינסטלערישן ווערט. ס׳בוך עפנט פאַר אונז בריית אַ וועלט, וואָס איז פאַר אונז אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט. דער פויערן-שטאַנד איז תמיד געווען בנוגע יידן דער טאָלעראַנטסטער שיכט פון פוילישן פאָלק. קוים איז ער נאָר נישט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט העצע פון דער שטאָט-אינטעליגענץ, האָט ער זיך מיט יידן צונויפגעלעבט גאַנץ ברודערלעך. באַזונדער וויכטיק איז פאַר אונז צו באַקענען די נשמה פון פוילישן פויער, שוין צוליב דעם, וואָס במשך פון דורות האָבן אונזערע עלטער-עלטער זיידעס מיט אים פאַרקערט און געהאַנדלט. אַ סך פויערישע משלים, גלייכווערטלעך, רעטענישן, ווענדונגען, אויסדרוקן און אַפילו לעבנס-באַגריפן האָבן זיך איינגעוואָקסן אינם לייב פון דער יידישער שפּראַך אין פוילן. ס׳איז אַ נויטווענדיקער און אָנגענעמער חוב פונם יידישן לייענער זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בוך.

לעאָ פינקעלשטיין

וואַרשע, אויגוסט 1925

I

האַרבסט

ה אַ ר ב ס ט

. . . .

. . זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס.

— אויף דורי־דורות, מיין אַגאַטע, און וווהין וואַנדערט איר דאָס, האַ?

— אין דער וועלט אַריין, צו מענטשן, ליבער דאָבראָ־דושעי — אין דער גרויסער וועלט אַריין!... — האָט זי מיטן שטעקעלע אָנגעצייכנט אַ בויגן פון מזרח אויף מערב.

דער גלח האָט סתם אַזוי, אַ בליק געטון אין דער דאָזיקער ווייטקייט אַריין און שנעל צוגעמאַכט די אויגן, ווייל איבערן מערב איז געהאָנגען אַ בלענדנדיקע זון; און דערנאָך האָט ער שנעל אַ פרעג געטון, ווי אָפּגעשראָקן עפּעס...

— די קלענביס האָבן אייך אַרויסגעטריבן, האַ? און אפשר גלאַט אַזוי אַ מחלוקהלע... אפשר...

זי האָט נישט באַלד אָפּגעענטפערט, זי האָט זיך עטוואָס אויס־געגלייכט, שווער אַ פיר געטון מיט די אַלטע אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן איבער די פאַרהאַרבסטיקטע, ליידיקע פעלדער און איבער די דעכער פון דאָרף, וואָס איז איינגעטונקען אין סעדער.

— אי... ז'האָבן נישט אַרויסגעטריבן... וואָרים ווי דען... זיי זענען גוטע מענטשן, קרובים. קיין שם מחלוקהלע ווייטער ס'זאָל זיין, איז אויך נישט געווען. — כ'האָב מיר נאָר אַליין אויס־געמיאַרקירט, אַז כ'באַדאַרף מיך לאָזן אין דער וועלט אַריין. — פון אַ פרעמדן וואָגן — זאָלסטו אפילו אין מיטן ים זיך אָפּטראָגן.

— כ'אָ געמוזט... קאָן אַרבעט האָבן זיי פאַ'מיר שוין נישט

געהאַט... צו ווינטער גייט, איז ווי־זשע — אומזיסט וועלן זיי מיר געבן ס׳ביסל געקעכץ, אָדער צי דאָס ווינקל צו שלאָפן?...

און דאָ האָט זיך גראָד אויך געמאַכט, מ׳האָט ס׳קעלבל צוגענומען פון דער מוטער... און אויך די גענדזלעך, ווייל ס׳ז נען שוין קאַלטע נעכט, דאַרף מען דאָך אַרונטער טרייבן אונטער אַן דאַך, — נו, האָב איך געמאַכט אַן אָרט... ווי דען, אַ ש״ד די בהמ..לעך, ס׳אי דאָך אויך אַ גאָטס באַשעפעניש... און מענטשן זענען זיי גוטע, ווייל זומער נעמען זיי מיך כאָטש אַריין, קאַ ווינקל און דאָס לעפל עסן זשאַלעווען זיי נישט — אַז אַ מענטש וויל זיך פאַר אַ פריצה מאַכן...

און אויף ווינטער אין דער וועלט אַריין, אויפן בעטל.

קאַ סך דאַרף עך נישט האָבן און ביז ווי־אָסנע מיט פאַן יעזוסעס הילף וועל איך דורכזשיפיען, און אויב עס וועט זיך נאָך ווי ס׳איז אָפשטשיביען אַ גראָשן — עט עס זיי פונקט צונוץ קומען אויף אָנהייב שניט... סאַי׳דעך קרוב ם...

און דער זיסענקער יעזוס ווייטער זאָל די אָרימע פאַרלאָזן, עט ער דאָך נישט פאַרלאָזן.

— ר׳וועט נישט פאַ לאָזן, ניין — האָט ער הייס אויסגערופן און שעמעוודיק איר אַריינגעשטופט אין דער האַנט אַריין אַ גולדן.

— דאָבראָדזשעי אונדזער האַרציקער, דאָבראָדזשעי!

זי איז אים צוגעפאַלן צו די קני מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, און די טרערן האָבן זיך איר, ווי אַרבעס אַ שיט געטון איבערן גרויען פנים, וואָס איז געווען צעאַקערט, ווי די האַרבסטיקע פעלדער.

— גייטס געזונטערהייט — גייטס — האָט ער צעמישט געשעפטשעט, אויפהייבנדיק זי פון דער ערד.

זי האָט צונויפגענומען מיט ציטערדיקע הענט די טאָרבע און דאָס שטעקעלע פאַרבייגן אויפן שפיץ, איבערגעצלמט זיך און איז אָוועקגעגאַנגען מיטן ברייטן, גריביקן וועג צו די וועלדער־צו:

אַלעמאָל האָט זי זיך נאָר אומגעדרייט צום דאָרף, צו די פעלדער, אויף וועלכע מען האָט געקאַפּעט קאַרטאָפּעל, און אויף די רויכן פון די פּאַסטוך-פייערלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן נידעריק איבער די אָפּגעשניטענע פעלדער — האָט זי טרויעריק אַ בליק געטון, ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער די קזשאַקעס בײַם וועג.

און דער גלח האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף די רעדלעך פון אַקעראַייזן, געטון אַ שמעק טאַבעק און אויפגעעפנט דאָס תּפילה-ביכל, נאָר די אויגן האָבן זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון די רויטע אותיות און זענען געלאָפן איבער די אומגעהייערע ווייטע שטחים ערד, וואָס זענען געלעגן פאַרזונקען אין האַרבסטיקער פאַרטראַכטקייט, דאָ האָבן זיי איבערן בלאַסן הימל געבלאָנדזשעט, אָדער זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויפן פאַראָבעק, וועלכער איז געווען אײַנגעבויגן איבערן אַקעראַייזן.

— וואַלעק... די בייט איז קרום... דע... — האָט ער אויסגערופן, אונטערהייבנדיק זיך עטוואָס און ער איז שוין נאָכגעגאַנגען מיט די אויגן טריט בײַ טריט נאָך די פּאָר פּעטע שיוואַקעס, וואָס האָבן מיט אַ סקזשיפּען געצויגן דאָס אַקעראַייזן.

ער האָט ווידער, סתּם אַזוי, אָ'געהויבן אַ דורכלויפן די רויטע אותיות פון דעם תּפילה-ביכל און באַוועגן מיט די ליפּן, אָבער וואָס אַמאָל האָט ער אונטערגעיאָגט מיט די אויגן די שיוואַקעס, דאָ אַ סטאַדע קראָען, וואָס האָבן פאַרזיכטיק מיט אויסגעצויגענע שנאָבלען אונטערגעהיפּט אין די טיפע שניטן נאָכן אַקעראַייזן און יעדעס מאָל, נאָך יעדן סווישטש פון דער בייטש, נאָך יעדן פאַרקירעווען פון אַקעראַייזן, האָבן זיי זיך שווער אָפּגעריסן און באַלד צוריקגעפאַלן אויף די פאַראַקערטע בייטן און געשאַרפט די שנאָבלען אָן די האַרטע, אויסגעטריקנטע שטיקער ערד.

— וואַלעק! גיב איר נאָר אַ שמיר דאָרט דער רעכטער איבער די מייטקעס, ווייל זי שטייט אָפּ!

ער האָט אַ שמייכל געטון, ווייל נאָך דער בייטש האָט שוין

די רעכטע גלייך געגומען ציען, און ווען די פערד זענען צוגעקו-
מען צום וועג, האָט ער זיך מוגטער אונטערגעהויבן, ליבלעך
געפּאַטשט זיי איבער די קערגער, אַז זיי האָבן אַזש אויסגע-
צויגן צו אים די גאָז-לעכער און פרייגטלעך אַרומגעשמעקט
דאָס פּנים.

— העעעט—אַאַ! — האָט וואָלעק זינגענדיק אויסגערופן.
ער האָט אַרויסגעצויגן דאָס ווי זילבער גלאַנציקע אַקעראייזן,
לייכט עס אונטערגעהויבן, אַ צי געטון די פערד באַ די לייצן,
אַזוי אַז זיי האָבן געמאַכט אַ קורצן קרייז, אַריינגעשניטן מיט אַ
גלאַנציקן שניט אין קאָרן-פעלד אַריין, אַ שמיר געטון מיט דער
בייטש, די פערד האָבן אַ צי געטון פון אָרט, אַזש די אָרטשיקעס
האָבן אַ סקזשיפּ געטון, — און ער האָט ווייטער געאַקערט אַ
גרויסן שטח ערד, וואָס האָט זיך מיט אַ שאַרפן ווינקל אַראָפּגע-
לאָזט פון וועג איבער דער משופּעדיקייט און פונקט ווי אַ לאַנגע
שנור צוגויגעגראַביעטע שטיקער ערד זיך געצויגן אַזש
ביזן דאָרף אַריין, וואָס איז געלעגן נידעריק און ווי פאַר-
טרונקען אין רויטלעכע און געלבלעכע סעדער.

שטיל איז געווען, וואַרעם און עטוואָס שלעפעריק.

די זון, כאָטש ס'איז שוין געווען סוף תשרי, האָט נאָך
נישקשהדיק צוגעוואַרעמט — זי איז געהאָנגען אינדערמיט וועג
צווישן דרום און מערב, איבער די וועלדער, אַזוי אַז די פעלד-
געוויקסן און די באַרוווקעס, און די באַרנע-ביימער אויפן פעלד,
און אַפילו די אויסגעטרוקנטע האַרטע שטיקער ערד האָבן געלייגט
נאָך זיך נאַכטיקע און קילע שאָטנס.

אַ שטילקייט איז געלעגן אויף די פוסט געוואָרענע פעלדער
און אַ פאַרשיכורנדיקע זיסקייט אין דער לופט, וואָס איז ווי פאַר-
נעפּלט געווען פון זון-שטויב; אויף דעם הויכן, בלייכן הימל זע-
נען אָן אַ סדר געלעגן דאָ און דאָרט צעוואָרפענע אומגעהייערע
ווייסע וואָלקנס, ווי הויפנס שניי, דורך ווינטן אָנגעיאָגטע און אויס-
געשטשערביעטע.

און אונטער זיי זענען, ווי ווייט ס׳איז האָט נאָר געקענט אַרומנעמען, געלעגן גרויע פעלדער, פונקט ווי אַן אומגעהייערע שיסל מיט טונקל־בלויע שטיקער וועלדער פּאַזוימט — אַ שיסל, איבער וועלכער ס׳האָט, ווי אַ זילבערנער פאָדעם אין דער זון צעגלאַנצט, אַ שלענגלדיקער טייך פון הינטער די באָם ברעג שטייענדיקע אָל־כעס און ווערבע־קוסטאַקעס אַפּערגעפינקלט. אין מיטן דאָרף האָט דער טייך זיך צענומען אין אַן אומגעהייערן לענגלעכדיקן סטאַוו און איז אַוועקגעלאָפן אויף צפון, דו־כרייסנדיק זיך צווישן בערג־לעך; אין שויס פון דעם טאָל, אַרום דעם סטאַוו, איז גע־לעגן דאָס דאָרף און זיך געשפּילט אין דער זון מיט האַר סטיקע פאַרבן פון די סעדער — פונקט ווי אַ רויט־געלער לישאַי צונויפגע־וויקלט אויף אַ גרויען בלאַט פון פּאַקזשיוועס. פון דאָרף האָט זיך צו די וועלדער־צו געצויגן אַ לאַנגע, עטוואָס צונויפגעפּלאָנ־טערט געוועב פון בייטן, פלאַכטעס גרויע פעלדער, שנורן פון סטעזשקעס פול מיט באָרוועקעס און דערנער. — נאָר ווו־נישט־ווו האָבן זיך אין דער דאָזיקער זילבערנער גרויקייט צעגאָסן טייכן גאָלד — לובין האָט זיך געגעלט מיט שמעקעדיקע בלומען, דאָ האָבן זיך געווייסט פּאַרהלשטע, זויסגעטרוקנטע געלעגערן פון טייכן, אָדער ס׳זענען געלעגן זאַמדיקע פאַרשלאָפענע וועגן און איבער זיי האָבן זיך שורות מעכטיקע טאָפּאָלן פּאַמעלעך אויף די בערג אויפגעהויבן און צו די וועלדער זיך געניגט.

דער גלח האָט אויפגעוואַכט פון דעם פאַרקוקן זיך, ווייל אַ לאַנגער, טרויעריקער מרוטש האָט זיך צעטראָגן ערגעץ נישט ווייט, אַזש די קראָען האָבן זיך מיט אַ געשריי אויפגעכאַפּט און אין אַ קרומען פלי זיך אויף די צעקאָפּעטע פעלדער צעזאַפּגע־לאָזט — און אַ שוואַרצער פאַרביישוועבנדער שאָטן איז נאָך זיי פון אונטן איבער די קאָרן־פעלדער און איבער דער צע־אַקערטער ערד נאָכגעלאָפן.

ער האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן און געקוקט קעגן דער זון. — מיטן וועג פון די וועלדער איז געגאַנגען עפּעס אַ שיקסל

און געצויגן נאָך זיך אויף אַ שטריק אַ גרויסע, רויטע קו. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי גאָט געלויבט און געוואָלט זיך אַראָפּדרייען, כדי דעם גלח אין דער האַנט אַ קוש צו טון, אָבער די קו האָט זי אַ ריס געטון אָן אַ זייט און ווידער אָנגעהויבן צו ריטשען.

— אויף צו פאַרקויפן פירסטו, האַ?

— נאַ... נאָר צום מילנערס ביק... נו, שטיי איין, נבלה... ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס! — האָט זי פאַרשטיקט אויסגע־רופן, באַמיִענדיק זי איינצוהאַלטן, אָבער די קו האָט זי אַוועק־געשלעפּט אַזוי, אַזביידע האָבן שוין געיאָגט אין גיכן לויף, אַזש אַ שטויב האָט זיי ווי מיט אַ וואָלקן באַדעקט.

און דערנאָך האָט זיך איבערן זאַמדיקן וועג שווער געשלעפּט אַ ייִד, אַ שמאַטשאַרזש, ער האָט געשטופּט פאַר זיך אַ פעסט אָנגע־לאָד.טע טאָטשקע, ווייל ער האָט זיך וואָס אַ מאָל צוגעזעצט און שווער אָפּגעסאַפּעט.

— וואָס הערט זיך עפּעס, מאָשקע?

— וואָס עס הערט זיך?... ווען ס'אי גוט, איז הערט זיך גוט... קאַרטאָפלעס זענען, געלויבט צו גאָט, געראָטן, דאָס קאָרן שיט זיך, קרויט וועט זיין. ווער ס'האָט קאַרטאָפלעס, ווער ס'האָט קאָרן, ווער ס'האָט קרויט — בא דעם הערט זיך גוט.

ער האָט אַ קוש געטון דעם גלח אין אַרבל, פאַרלייגט אויף אַ זייט דעם פּאַס פון דער טאָטשקע און האָט ווייטער גע־שטופּט, שוין גרינגער, ווייל ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ לייכטער באַרג־אָפּ.

און דערנאָך איז אַ בלינדער דזשאַד געגאַנגען אין מיטן וועג, אין שטויב, ווייל ער האָט געשאַרט מיט די פיס, נעפירט פון אַ פעטן הויף־הונט אויף אַ שטריקל.

און דערנאָך איז געלאָפן פון וואַלד אַ שגצל מיט אַ פלאַש, אָבער ווען ער האָט דערזען דעם גלח באַם וועג, האָט ער אים

פינדערווייטנס אויסגעמיטן און אַ דורכהאַקנדיק די פעלדער, איז ער צו דער קרעטשמע געלאָפן.

דאָ איז ווייטער אַ פויער פון אַ שכנותדיק דאָרף געפאָרן אין מיל אַריין, אָדער אַ ייִדענע האָט אַ סטאַדע געקויפטע גענדז געטריבן.

און יעדערער האָט גאָט געלויבט, איבערגעוואָרפן זיך מיט אַ פאָר ווערטער און געגאַנגען זיין וועג, באַגלייט מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ בליק פון גלח, וועלכער איז, ווייל די זון איז כסדר אַלץ שוין נידעריקער געוואָרן, אויפגעשטאַנען און אויסגערופן צו וואַלעקן:

— אַקער צו ביז די בזשאָזעס און אַהיים... די פערד מאַטערן זיך בחנם.

און ער איז פאַמעלעך געגאַנגען מיט די סטעזשקעס, געשעפטשעט שטיל אַ תפילה און מיט אַ העלן בליק, פול מיט ליבע, די פעלדער אַרומגענומען...

...שורות פויערטעס האָבן זיך גערייטלט אויף די קאַרטאָפל-פעלדער... ס'האָט זיך צעטראָגן אַ טעמפ קלאַפן פון די אַריינגעשיטע קאַרטאָפל אין די זעק אַריין... ערטערווייז האָט מען נאָך געאַקערט אויף צו זייען... אַ סטאַדע פילפאַרביקע קי האָט זיך געפאַשעט אויף די ליידיקע פעלדער... לאַנגע אַש-קאָלירנדיקע בייטן האָבן זיך, ווי מיט אַ זשאַווער, מיט יונגע גרעזלעך פון אויפגייענדיקער תבואה באַדעקט... דאָ האָבן זיך גענדז, פונקט ווי שניי-פלאַטן, געווייסט אויף די אויסגעטרעטענע, רויטלעכע לאָנקעס... אַ קו האָט ערגעץ אַ מרוטש געטון... פייערן האָבן געברענט און לאַנגע, בלויע שנורן רויך האָבן זיך געצויגן איבער די בייטן... ס'האָט זיך דערהערט אַ רוישן פון אַ וואָגן, אָדער אַן אַקעראייזן האָט אַ ראַץ געטון אָן אַ שטיין... דאָ האָט אַ שטילקייט ווידער די ערד אויף אַ רגע אַרומגענומען, אַז ס'האָט זיך אַזש געהערט דאָס טעמפע שעפטשען פון טייך און דאָס רוישן פון דער מיל, וואָס ליגט באַ-

האַלטן הינטערן דאָרף צווישן אַ צונויפגעפּרעסטער קופּע פאַרגעלטע ביימער... דאָ האָט זיך אַ לידל אָפּגעריסן, אָדער אַ געשריי, נישט צו וויסן פון וואַנעט ס'איז געקומען, איז געלאָפן נידעריק, אָנגעקלאַפּט זיך אָן די ראָוועס צווישן די בייטן און אָן די גריבער און איז דערטרונקען געוואָרן אָן שום ווידערקלאַנג אין דער האַרבסטיקער גרויקייט, אין די אָפּגעשניטענע פעלדער, פאַרוועבטע מיט זילבערן שפּינוועבס, איבער די ליידיקע פאַרשלאָפענע וועגן, איבער וועלכע ס'האָבן זיך געבויגן יאַזשענבינעס מיט רויטע שווערע קעפּ... דאָ האָט מען געבראָנעוועט די פעלדער, און אַ נעפּל פון אַ גרויען, אַ פאַרהונדערטיעריקן שטויב, האָט זיך אויפגעהויבן נאָך דער בראָנע נאָך, ער האָט זיך צעצויגן אין דער לענג, איז געקראָכן אַזש ביז אויבן בערגל אַרויף און אַראָפּגעפאַלן, און פון הינטער אים אַפער, ווי פון אַ נעפּל, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ באָרוויסער פּויער, אין בלויזן קאָפּ, אַרומגעבונדן מיט אַ פלאַכטע — ר'איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָנגענומען זאָמען אין דער פלאַכטע און געזייעט מיט אַ מאָנאָטאָנער באַוועגונג, פרום, און ווי ער וואָלט די ערד געבענטשט, ער איז צוגעגאַנגען ביזן סוף פון די בייטן, אָנגענומען פון זאַק אַרויס תבואה, אומגעקערט זיך און פּאַמעלעך צוגעגאַנגען ביזן בערגל, אַזוי, אַז פריִער האָט מען אַרויסגעזען אַ צעשויבערטן קאָפּ, דערנאָך די אָרעמס, און צום סוף האָט מען אים שוין אינגאַנצן געזען אויפן פאָן פון דער זון מיט דער זעלבער בענטשנדער באַוועגונג פון זייען; מיט דעם זעלבן הייליקן שיט האָט ער צעוואָרפן די תבואה, וואָס איז ווי אַ גאָלדענער שטויב, ווי אַ ווינט, קיילעכדיק געפאַלן אויף דער ערד.

דער גלח איז געגאַנגען וואָס אַמאָל פּאַמעלעכער, טיילמאָל זיך אָפּגעשטעלט, כּדי צו כאַפּן דעם אָטעם, דאָ האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אויף זיינע שיוואַקעס, דאָ האָט ער זיך צוגעקוקט צו די שגצימלעך, וואָס האָבן באַוואָרפן מיט שטיינער אַן אומגעהייערן באַרן-בוים, ביז זיי זענען אַ גאַנצע מחנה צוגעלאָפן צו אים,

און באַהאַלטנדיק די הענט הינטער זיך, האָבן זיי געקושט דעם אַרבל פֿון דער סוטאַנע.

ער האָט יעדערן אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ און מוס־נדיק אויסגערופֿן:

— ברעכץ נאַר נישט קאַ צווייגן, ווייל באַ'יאַר עט עץ קאַ באַרנעס נישט האָבן.

— מיר אָמער נישט געוואָרפֿן אויף די באַרנעס, נאַר דאָרטן איז דאָ אַ נעסט פֿון גאַפּעס — האָט זיך אָנגערופֿן אַ דרייס־טערער.

דער גלח האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון און באַלד זיך ווידער אָפּגעשטעלט באַ די קאַרטאָפֿל־קאָפּערס.

— אַ גאָט העלף אייך אין דער אַרבעט!

— זאָל אייך גאָט באַצאָלן, מיר דאַנקען! — האָבן זיי אַלע אינאיינעם אָפּגעענטפֿערט, אויסגלייכנדיק זיך, און אַלע האָבן זיך געלאָזט אַ קוש צו טון די האַנט פֿונם ליבן דאָבראָדזשעי.

— גאָט האָט געגעבן הייער אַ געראָטעניש אויף קאַרטאָפֿל, האַ? — האָט ער געזאָגט, אויסשטרעקנדיק דאָס אָפֿענע טאַבעק־שקעטעלע צו די מאַנסלייט — זיי האָבן מיט יראת הכבוד און דרך ארץ גענומען צו שמעק טאַבעק, נישט האָבנדיק די העזה אַ שמעק צו טון אין זיין אָנוועזנהייט.

— אַסט דיר גיטאָפּלעס ווי די קאַצן־קעפּ און אַ סך אונטער די קוזשאַקעס.

— האַ, וועלן חזירים טייער ווערן, ווייל יעדער איינער וועט וועלן פּאַשען.

— זענען שוין אַזוי אויך טייער, זענען היי־יאָר אויסגעפּגרט אויף דער זאַראַזע, און קאַ פּרייסען קויפֿט מען.

— אמת, אמת, און וועמעס קאַרטאָפֿל קאָפּעט עץ

— אַ? — באַרינעס.

— אַז איך זע דעם באַלעבאָס נישט, האָב איך נישט דער־קענט.

— דער טאַטע זענען מיט מיינעם אַוועקגעפאָרן אין וואַלד אַריין.

— אַ, דאָס זענט עץ, אַנאַ, וואָס-זשע מאַכט עץ גוטס? — האָט ער זיך געווענדט צו אַ יונגער, שיינער פויערטע מיט אַ רויט טיכל אויפן קאָפּ, וועלכע האָט, ווייל זי האָט געהאַט אויסגעשמירטע הענט מיט ערד, דורכן פאַרטוך אָנגענומען זיין האַנט און אַ קוש געטון.

— וואָס זשע מאַכט עס דאָרט דער יינג אייערער, וואָס כ'האָבן דאָ שניט-צייט אָפּגעשמדט?

— גאָט צו דאַנקן, דאַבראַדזשעי ר'כאָוועט זיך געזונט און קריכט שוין צו ביסלעך.

— נו, זייטס מיר געזונט.

— גייטס געזונטערהייט.

און דער גלח האָט זיך אָפּגעדרייט אויף רעכטס, צום צמענטאַרזש-צו, וואָס איז געלעגן אין דער זייט דאָרף, באַם וועג, וואָס איז אויסגעזעצט געווען מיט טאָפּאָלן.

לאַנג האָבן זיי אין שטילשווייגן אים נאָכגעקוקט אויף זיין שלאַנקער, עטוואָס איינגעבויגענער פיגור, און ערשט דאַמאָלס, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם שטיינערנעם צוים פון צמענטאַרזש און איז געגאַנגען צווישן די קברים צו דער קאַפּליצע, וואָס איז געשטאַנען צווישן פאַרגעלטע בזשאָזעס און רויטע קלאָנעס, האָבן זיך די צונגען זיי פונאַנדערגעבונדן.

— קאַ בעסערן איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט צו געפינען — האָט אָנגעהויבן עמעץ פון די פויערטעס.

— ט'האָסטו, האָט מען אים אין שטאָט אַריין געוואָלט צונעמען... ווען דער טאַטע וואָלטן מיטן וואָיט נישט געפאָרן בעטן דעם ביסקופּ — וואָלטן מיר אים שוין נישט געהאַט... קאַפּעס נאָר מענטשן, קאַפּעטס, ווייל די נאַכט פאַלט שוין צו און גיטאָפּלעס איז ווייניק-וואָס דאָ — האָט אַנאַ געזאָגט, אויסשיטנדיק

איר קויש אויף א קופע, פול מיט פארטרוקנטע שטראנגען, וואס האבן זיך געגעלט אויף דער צעקאפעטער ערד.

זיי האבן זיך פלינק גענומען צו דער ארבעט און אין דער שטיל, אזוי, אז מ'האט נאר געהערט דאס קלאפן פון די מאטיקעס אן דער הארטער ערד און טיילמאל א טרוקענעם קלאנג פון אייזן אן א שטיין. טיילמאל האט זיך ווער נישט ס'איז אויסגעגלייכט דעם איינגעבויגענעם און אנגעווייטיקטן רוקן, טיף אפגעעטעמט, אומבאוווסטזיניק א קוק געטון אויף דעם, וואס האט פארויס פאר זיי געזייען, און ער האט ווייטער געקאפעט, אויסגעקליבן פון דער גרויער ערד געלע קארטאפל און געווארפן זיי אין קויש אריין, וואס איז פאר אים געשטאנען.

מענטשן איז געווען א צענדלינג. צומייסטנס אלטע פויער־טעס און קאמארניקעס, און הינטער זיי האבן זיך געווייסט צוויי קושילזשאקעס, אויף וועלכע ס'זענען אין פלאכטעס געלעגן קינ־דער, וואס האבן פון צייט צו צייט ארויסגעפלאצט מיט א געוויין.

— נ'אזוי, איז די אלטע האט זיך געלאזט אין דער וועלט אריין — האט יאגוסטינקע אנגעהויבן.

— ווער? — האט אנא א פרעג געטון, זיך אויפהייבנדיק.

— נו, די אלטע אגאטע.

— אויף בעטל...

— אוודאי אויף בעטל! ס'דען! נישט אויף קא פארגעניגן, נאר אויף בעטל. אפגעהארעוועט זיך בא די קרובים, אפגעדינט זיי איבערן זומער — האבן זיי זי שוין געלאזט אויף דער פרייער לופט.

— ז'עט צוריקקומען אויף וויאסנע, עט זי זיי אנברענגען אין טארבעלעך, דא א ביסל צוקער, דא א ביסל טיי, דא עפעס א גראשן, ווי ס'זאל נישט זיין — עלן זיי זי באלד ליב קריגן, הייסן זי שלאפן אין א בעט, אונטער אן איבערבעט, ארבעטן וועלן זיי זי נישט לאזן, כדי זי זאל זיך אויסרוען... און מומעשי וועלן זיי זי רופן, ביז וואנעט זיי וועלן די לעצטע פרוטה פון איר

נישט אַרויסצוּען... און יעשען איז שוין פאַר איר קיין אָרט נישטאָ, נישט אין פאַדערהויז, נישט אין דער חזירים-שטאַל. שטשער־וועס, הונטישע קרובים און נבלות — האָט יאַגוסטינקע אַרויס־געזעצט, און אַזאַ כּעס האָט זי אַרומגענומען, אַז איר אַלט פּנים איז אַזש בּלוי געוואָרן.

— דעם אָרעמען איז שטענדיק, ווי למשל, דער ווינט אין די אויגן — האָט צוגעוואָרפן איינער פון די פּאַראַבּקעס, שוין אַן אַלטער, אַן אויסגעמוטשעטער פּויער, מיט אַן אויסגעקרומט מויל.

— קאַפּעטס נאַר, מענטשן, קאַפּעטס — האָט אַנאַ אונטער־געיאָגט, נישט זייענדיק צופרידן מיט דעם גאַנג פון דעם שמועס.

יאַגוסטינקע, וועלכע האָט לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן נישט צו רעדן, האָט אַ קוק געטון אויף איינעם וואָס איז גע־שטאַנען און אויסגערופן:

— די פּאַטשעשעס, ד ס זענען שוין אַלטע פּויערן, אַז ס'וואַקסט זיי אַזשיק שוין קאַלטענעס אויף די קעפּ...

— אָבער, ווי ס'זאָל נישט זיין, פּאָרט בחורים — האָט אַן אַנדערע פּויערטע אויסגערופן.

— און אַזוי פיל מיידן פאַרזיצן, אָדער גייען גאַר ערגעץ דינען...

— נ'אַוודאי, און זיי האָבן אַ גאַנצן האַלבן וועלוק און נאָך אַ לאַנקעלע הינטער דער מיל.

— ט'האָסטו דיר, און צי וועט זיי דען די מוטער לאָזן חתונה האָבן... צי וועט זי גאַר דאָס דערלאָזן...

— און ווער וואָלט געמעלקט די בהמות, ווער וואָלט וועש געוואַשן, ווער וואָלט זיך אַרום באַלעבאַטישקייט אָדער אַרום די חזירים געפּאָרעט...

— די מוטער פּאָרעט זיך אַפילו אַרום יאַגושען — וואָרים ווי דען, יאַגנע איז דאָך אַ גאַנצע מאַדאַם, פּונקט ווי די פּריצהטע,

נאָר זי פוצט זיך... און נאָר זיך געוואַשן, נאָר אין שפּיגל געקוקט, און די צעפּ געפלאָכטן.

— און קוקט נאָר אָבי וועמענשטשיס אונטערן איבערבעט אַרונטערצונעמען, נאָר עפּעס אַ פּעסטן! — האָט יאַגוסטינקע ווידער צוגעוואָרפן מיט אַ בייז שמייכעלע.

— יוזעק באַנדכווו האָט שוין בראָנפן געשטעלט — אָט זי ביש געוואָלט.

— ט׳האָסטו דיר... אַ פאַרשטינקענע פּריצה.

— און ד׳אַלטע, נאָר זי זיצט אין קלויסטער, שאָקלט זיך איבערן תּפילה־ביכל און גייט אויף אָטפּוסטן.

— אמת, אָבער דאָס איז דיר שוין איינמאָל אַ מכשפה; און וואָוזשינאָווס בהמות, איז ווער אָט די מילעך צוגענומען, האַ? און ווען זי האָט אַ יף יאָכאַנאָוועס יינגל, וואָס האָט איר די פּלוי־מען אין סעדל אָפּגעריסן, אַ שלעכט וואָרט געזאָגט, האָט זיך אים באַלד אַזאַ קאָלטן צונויפגעקלעבט און ס׳האָט אים אַזוי פאַר־דרייט, יעזוס!

— נו קען גאָטס ברכה רוען אויפן פאָלק, אַז אַזעלכע זיצן אין דאָרף...

— שוין נאָך לאַנג, ווען כ׳אָ נאָך געפּאַשעט ב׳טאַטנס בהמות, געדענק איך, אַז אַזעלכע האָט מען פון דאָרף אַרויסגעטריבן — האָט ווידער יאַגוסטינקע צוגעגעבן.

— דער חברה עס קאָן עוולה נישט געשען, ווייל זיי האָבן ווער ס׳זאָל זיי אָפּהיטן... — און אַראָפּנידערנדיק דעם טאָן ביז שעפּטשען, און קוקנדיק פון דער קרום אויף אַנען, וועלכע האָט געקאָפּעט פאַרויס די ערשטע בייט פון עק, האָט יאַגוסטינקע איינ־גערוימט די שכנטעס:

— מ׳שמועסט אַפּנים, אַז דער ערשטער, וואָס שטעלט זיך איין פאַר איר, איז — נו, ער, האַנקעס מאַן... ער טשעקניעט נאָך איר, נאָך דער יאַגנען, ווי יענער הונט דאָרט...

— גאָט דו מיינער... מענטשן מיינע... וואָס פאַר אַ וווּנ־

דערלעכע מעשיות איר דערציילט דאָ... וואָס רעדט עץ! דאָס וואָלט דאָך שוין גלאַט געווען אַ זינד און אַ באַליידיקונג פאַר גאָט... — האָבן זיי געשעפּטשעט צווישן זיך, קאָפּנדיק כסדר און נישט אויפ־הייבנדיק די קעפּ.

— צי מיינט עץ, ער איז איין און איינציק... אַזוי ווי נאָך אַ צוויג יאָגן זיי זיך נאָך איר די יונגען.

— אָבער שיין, איז זי שוין איינמאָל שיין; אויסגעפּאַשעט ווי אַ יאַלעווקע, ווייס אויף דער צורה, און שליפּיעס האָט זי, ווי די ליאָן־בלומען... און אַ געזונטע, אַז נישט איין פויער וועט זיך מיט איר קיין עצה נישט געבן...

— צי טוט דען דאָס עפּעס, נאָר ס׳פּרעסט און פּאָפּט זיך אויס, זאָל זי נישט זיין קאַש־נע...

ז׳האָבן געשוויגן אַ לאַנגע ווײַלע, ווײַל מ׳האָט געדאַרפן אויס־שיטן די קאַרטאָפל אויף אַ קופּע.

און דערנאָך האָבן זיי זיך שוין נאָר איבערגעוואָרפן מיט רייד, דאָ פון דעם, דאָ פון יענעם, ביז זיי זענען אַנטשוויגן גע־וואָרן, ווײַל עמעץ פון זיי האָט דערזען, אַז פון דאָרף לויפט מיטן קאָרן־פעלד יוזקאַ באַריניאַנקע.

זי איז סוף כל סוף אָנגעלאָפן אַ דעריאַכמעטע און פונדער־ווייטנס שוין געשריגן:

— האַנקע, קומטס נאָר אין שטוב אַריין, ווײַל דער קו איז עפּעסטשיס געשען.

— יעזוס מאַריאַ, וועלכער דאָס?...

— ס׳טייטש, דער גראַניאַסטער... ס׳טייטש... — כ׳קען דעם אָטעם נישט כאַפּן...

— גאָט מיינער, ס׳אי מיר אַזש ניש גוט געוואָרן, כאָ גע־מיינט, אַז מיינער... — האָט אַנאַ עטוואָס דערלייכטערט אויס־גערופן.

— וויטעק האָט זי נאָר וואָס איינגעטריבן, ווײַל דער גאַיאָ־ווע האָט זי פון וועלדל אַרויסגעטריבן. די קו האָט זיך אָנגעליאָ-

בעט, ווייל ז'איז אַזוי ס'פּאַשעט... און באַלד פאַר דער שטאָל איז זי אַנידערגעפאַלן... נישט זי וויל טרינקען, נישט זי וויל פרעסן, נאָר זי נאַרעט זיך און ריטשעט, אַז גאָט מיינער!

— דע טאַטע אי נישטאָ?

— נאַ, דער טאַטוליו זעמע נאָך ניש געקומען. אָ יעזוס, מיין יעזוס, זאַ קו, וואָס האָט אויף אַמאָל, אַז ס'אי גוט געגאַנגען אַ גאַנצן טאָפּ מילך געגעבן. נו, קומטס־זשע שנעלער.

— אָט לויף איך שוין, אין דעם אויגנבליק.

זי האָט ווי ס'איז דאָס קינד אַרויסגענומען פון דער פלאַכטע, אַנגעטון עס דאָס העמדל מיט די קוטאַסיקלעך, אַרומגעוויקלט עס מיטן פאַרטוך און איז געלאָפן שנעל, און זי איז געווען אַזוי צערודערט פון דער ידיעה, אַז ז'האָט אַפילו נישט אַראָפּגעמאַכט ס'וואַשענע קלייד: ז'האָט לחלוטין פאַרגעסן, און די פיס, וואָס זענען אָן פגעדעקט געווען אַזש ביז די קני, האָבן זיך געווייסט איבערן פעלד. יוזקאַ איז געלאָפן פאַרויס.

און די קאַפּאַטשעס, יעדער די פיס צעשפּרייט, איינגעבויגן איבער זיין בייט, האָבן זיך פּאַמעלעך פאַרויסגערוקט, קאָפּענדיק פוילער, ווייל קיינער האָט נישט אַכטונג געגעבן און נישט אונטערגעטריבן.

די זון האָט זיך שוין אַריבערגעקאָלערט אויף מערב, און ווי דערהיצט פון דעם געוואַלטיקן לויפן, האָט זי זיך געריי טלט אין אַ גרויס ראָד און אַרונטערגערוקט זיך הינטער די שוואַרצע, הויכע וועלדער. דער בין השמשות איז וואָס אַמאָל געדיכטער געוואָרן און איז שוין געקראָכן איבער די פעלדער, גערוקט זיך צווישן די בייטן, געגנבעט זיך איבער די ראָוועס, געדיכטער געוואָרן אין די וועלדלעך און זיך פּאַמעלעך צעגאָסן איבער דער ערד. ער האָט פאַרשמירט, אַרומגענומען און אויסגעלאָשן די פאַרבן, אַזוי, אַז נאָר די שפּיצןביימער, די טורעמס און די דעכער פון קלויסטער האָבן געברענט אין פלאַמען, און טייל האָבן שוין אַהיימגעצויגן פון די פעלדער אין די שטיבן אַריין.

שטימען פון מענטשן, אַ הירזשן, אַ מרומשען, אַ גערויש פון וועגע־ער האָבן וואָס אַמאָל שאַרפער אָפּגעהילעכט אין דער שטי־לער בין השמשותדיקער לופט.

דער סיגנאַלן־גלאָק אויפן קלויסטער האָט אָנגעהויבן צו קלינ־גען צו דער אָוונט־תּפילה מיט אַ קיפּערנעם געפּלאַפּל, אַזש די מענטשן זענען שטיין געבליבן אין אַ געשעפּטש פון תּפילות, גלייך ווי אַ געמירמל פון פאַלנדיקע בלעטלעך וואָלט זיך געהערט אין בין השמשות.

מיט געזאַנג און מיט פרייליכע אויסגעשרייען האָט מען אַראָפּגעטריבן די בהמות פון דער פּאַשע, וואָס זענען מיט אַ גע־דראַנג געגאַנגען איבער די וועגן אין די וואָלקנס שטויב, אַזוי, אַז נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיך אַ־ויסגערוקט פון אים ריזיקע קעפּ און הערנער, ווי די קזשאַקעס.

שעפּסן האָבן געמעקעט, דאָ און דאָרט האָבן זיך געענדיז אַראָפּגעריסן פון דער פּאַשע און גאַנצע סטאַדעסווייז געלאָפן פּאַר־טרונקען אין דער רויטקייט פון דער אונטערגייענדיקער זון, אַזוי, אַז מען האָט זיי נאָר דערקענט פון דעם געשריי, וואָס האָט די לופט דורכגעדרונגען.

— אָבער אַ שאָד, די דאָזיקע גראַניאַסטע איז אַ קעלביקע קו.

— אי... נישט אויף קאַ קבצן אָנגעטראָפן.

— אוודאי אַ שאָד אויך די בהמה, וואָס עט זיך זמאַר־נעווען.

— אַ׳ די באַלעבאָסטע באַרינאַ איז נישטאָ, איז לויפט אַלץ, ווי דורך אַ זיפּ.

— צי איז דען האַנקע ניש קאַ באַלעבאָסטע.

— פּאַ זיך... גלייך ז׳וואָלטן באַם טאַטן אויף קאָמאָרנע גע־זעסן, איז קוקן זיי דיר נאָר אַבי אויף זייער זייט עפּעס אַוועקצו־רייסן, און דעם טאַטנס לאַ דער הונט דאָרט היטן.

— און יוזקאַ ווייטער, אי דאָך נאָך אַ נאַריש קעלבל, איז ...-זשע קען זי העלפן.

— ג'אוודאי, וואָלט ער דען נישט געקענט באַרינגע די ערד ...טעקן אַוועקגעבן, האַ?

— און אַליין עט ער גיין צו אים אויף קצבה, האַ?... איר זענט דאָך אויף דער עלטער, וואַוושיק, און ביזן גרונט נאָך אַ נאַר — האָט יאַגוסטינקע פריילעך אָנגעהויבן. — האָ, האָ, באַרינגע אי נאָך געזונט, ר'קען נאָך חתונה האָבן, און אַ נאַר וואָלט ער גע-וועו, אַז ער זאָל די קינדער אָפּשרייבן.

— אָבער געזונט איז ער דיר שוין איינמאָל, דאָס איז אמת, אָבער ער האָט שוין אויף זיך אַ זעכציקער.

— אָ'ניש קאָ מורא, וואַוושיק, יעדעס מיידל עט נאָך מיט'ן חתונה האָבן, זאָל ער נאָר אַ פּיפּס טון.

— ר'אָט שוין צווי ווייבער באַגראָבן!

— זאָל ער זיך באַגראָבן נאָך אַ דריטע, זאָל אים גאָט העלפן, און זאָל ער די קינדער, כּל זמן ער לעבט, נישט געבן קיין זשאַרנע ערד, קיין ווערמל נישט, אפילו נישט דאָס, וואָס מען טרעט מיטן טרעפּ צו. — שטשערוועס, זיי וואָלטן אים אויסגעשטעלט, ווי מ״נע מיך, זיי וואָלטן אים געגעבן אַ קעסט, אַז ער וואָלט גע-דאַרפט גיין אויפן פּאַרדינעסט, ר'וואָלט געפגרט פון הונגער אָדער ר'וואָלט געגאַנגען בעטלען — נאָך נדבות וואָלט ער געגאַנגען, גי נאַר ; ווייק וואָס דו האָסט די קינדער — עלן זיי דיר אָפּגעבן, אַ ס'עט דיר פונקט סטאַרטשען אויף אַ שטריקל, אָדער אויף דעם שטיין דאָרט צום האָלדז..

— מענטשן, ס'אי שוין צייט אַהיים, די נאַכט פאַלט צו.

— ס'אי צייט, ס'אי צייט! די זון איז שוין פאַרגאַנגען.

זיי האָבן שנעל צוזאַמענגענומען די באָטיקעס, די קיישלעך, די דוואָיאַקעס פון מיטאָג און זענען געגאַנגען פאַמעלעך, געוואַקלט זיך ווי די געגנדז איבער דער סטעזשקע, רעדנדיק צווישן זיך גלאַט אַזוי, און נאָר די אַלטע יאַגוסטינקע האָט כּסדר בייז געשריגן

אויף אירע אייגענע קינדער און דערנאָך זיך אָן אַלע נוקס גע־וען.

און גלייך מיט זיי האָט עפּעס אַ שיקסל געטריבן אַ חזיר מיט קליינע חזירימלעך און געזונגען מיט אַ דין קולעכל:

אײַ, גיי ניש לעבן וואָגן —
אײַ, ווייל דער פויער דערזעט דיך,
אײַ, גיב אים ניש דאָס פּיסקל,
אײַ, כאַטשביק שיין ער בעט דיך.

— טה, אַ נאַר, קוויטשעט, ווי ס׳וואָלט פון איר עמעצער די הויט געשונדן.

II

אויף באַרינעס פּאַדוואַרזש, וואָס איז אַרומגעשטעלט פֿון דריי זייטן מיט הויפֿישע געביידעס און פֿון דער פֿערטער מיט אַ סאַד, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון וועג, האָט זיך שוין צוזאַמענגעקליבן אַ נישקשהדיקער עולם; עטלעכע פֿויערטעס האָבן כּסדר געעצהט און באַוווּנדערט די אומגעהייערע רויט־ווייסע קו, וואָס איז געלעגן פֿאַר דער שטאַל אויף אַ קופּע מיסט.

אַן אַלטער הונט, אַ ביסל אַ לאָמער און מיט אַן אָפּגעקראָכענער פֿעל אויף די זייטן, האָט אָפּגעיאָגט די גראַניאַסטע, אַרומגעשמעקט ... ער האָט געבילן, איז אַלעמאָל אַרויסגעלאָפֿן פֿון פּאַדוואַרזש און געיאָגט איבערן וועג די קינדער, וואָס האָבן זיך געדראַפּעט אויף די פּלעטער און נייגעריק אַרייַנגעקוקט אין הויף אַריין, אָדער ער איז גאָר צו צו דער מאַטשאָרע, וואָס איז געלעגן הינטער דער כאַלאָפּע, און אַזוי ליגנדיק צעלייגט, שטיל געקרעכצט, ווייל ס׳האָבן געזייגט בײַ איר ווייסע, יונגע חזירימלעך.

האַנקע איז טאַקע גראַד אָנגעלאָפֿן אַ דערישאַכמעטע. זי איז צוגעפֿאַלן צו דער קו און זי אָנגעהויבן צו גלעטן איבער דער מאַרדע און איבערן קאָפּ.

— גראַנולאַ, אָרימענקע נעבעך, גראַנולאַ! — האָט זי מיט

טרערן אויסגערופן און אַ פּלאַץ אַרויס געגעבן מיט אַ געוויין אין האַרציקן יאָמער.

און די פּויערטעס האָבן כּסדר אַלץ געעצהט נייע רפואות פאַר דער חולהער; דאָ האָבן זיי איר צעלאָזט זאַלץ אַריינגעגאָסן אין האַלדז אַריין, דאָ צעלאָזטן וואַקס פון אַ הייליקן גראָמניץ-ליכט מיט מילך; עס האָט עמעצער נאַרייעט זייף מיט סערוועטקע — אָן אַנדערע האָט געהייסן, מ׳זאָל בלוט לאָזן — אָבער דער קו האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער אויסגע־צויגן, טיילמאָל דעם קאָפּ אויפגעהויבן און לאַנג געמרוטשעט, ווי נאָך הילף גערופן, וויטיקלעך, אַזש די שיינע אויגן אירע מיט די ראָזע ווייסלען האָבן זיך מאָנטבע געגעפּלט, און דער שווערער האָרנדיקער קאָפּ איז פון אָנשטרענגונג אַראָפּגעפאַלן, זי האָט נאָר דעם לעקער אַרויסגעשטעקט און האַנקעס הענט אַרום עלעקט.

— און אפשר וואָלט אַמבראָזשי עפּעס געהאָלפן? — האָט עמעץ פאָרגעלייגט.

— אמת, אויף קרענק איז ער אַ מבין — האָבן אַלע פּאַטאַ־קעוועט.

— גי־זשע נאָר אַ לויף, יוזשאַ. צו דער אָוונט-תּפילה האָט מען שוין געקלונגען, איז מוז ער נאָך זיין באַם קלויסטער. גאָט מיינער, אַ׳ דער טאַטע עט אָנקומען, עט זיך דאָ טון, עט זיך — און מיר זעמע דעך אין גאָרניש שולדיק! — האָט זי זיך וויינענ־דיק באַקלאָגט.

און דערנאָך האָט זי זיך אויף דער שוועל פון שטאַל אַני־דערגעזעצט, אַריינגעשטופּט דעם יונג אַ ווייסע פּולע ברוסט אין מויל אַריין, ווייל ער האָט אַלעמאָל אַרויסגעוויינט׳ און מיט אַן אויסערגעווייטלעכער אויפרעגונג אָנגעהויבן קוקן דאָ אויף דער כאָרכלענדיקער קו, דאָ דורכן פלאָם אויפן וועג אַרויס, און זיך איינגעהאָרכט.

אין אַ רגעלע אָדער צוויי אַרום איז יוזשאַ אַריינגעפאַלן מיט אַ געשריי, אַז יאַמבראָזשי גייען שוין.

ער איז עפּעס גראָד באַלד געקומען, אפשר אַ הונדערטיעריקער דזשאַד, גלייך ווי אַ ליכט, כאַטש אויף אַ הילצערנעם פוס און מיט אַ שטעקן. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ טרוקנס, אַ געמאַרשטשעטס, ווי אַ קאַרטאָפלע וויאָסנע-צייט און אויך אַזוי גרוי, אויסגעגאָלט און פון שראַמען צעשניטן, די האָר ווייס ווי מילך, פּאַסמעסווייז זענען זיי אים אויפן שטערן און אויפן קאַרג אַראָפּגעפאַלן, וואָרים ער איז געגאַנגען אין בלויזן קאָפּ.

ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער קו און דאָקומענטאַל איר באַטראַכט.

— אָהאָ, כ׳זע, אַז עץ עט פריש פליייש עסן.

— טאַטש זעטס העלפּטס איר עפּעס, היילטס אויס, די קו אי דעך ווערט אַ דרייהונדערט גילדן — און ערשט נאָך אַ קאַלב, טאַטש העלפּט! אָ, מיין יעזו, מיין יעזו — האָט יוזשאַ אויסגערופן.

אַמבראָזשי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ חלפל, אָפּגעוועטשט עס איבער דער כאָלעווע, איינגעקוקט זיך אונטער דער רויטקייט פון דער זון אויף דער שאַרף און איבערגעשניטן דער גראַנולען די אַרטעריעס אונטערן בויך — אָבער דאָס בלוט האָט נישט קיין שפּריץ געטון, נאָר איז גערונען לאַנגזאַם, שוואַרץ און שוימעדיק.

אַלע אַרום זענען געשטאַנען איינגעבויגן און געקוקט אָן אָטעם.

— צו שפּעט! אָהאָ, ס׳בהמהלע לאָזט שוין ב׳לעצטן דאָך אַרויס — האָט אַמבראָזשי פייערלעך אויסגערופן. — ס׳אי גאָניש, נאָ אַ פּאַסקודניק אָדער עפּעס אַנדערש... געדאַרפט באַלד ווי ז׳אי נאָר חולה געוואָרן... אָבער די באַבעס, די יוכעס, זענען נאָר קלוג צום ווייבען, און אַז מ׳דאַרף זיך אָן עצה האַלטן, איז ווערט אַ געבעטשעריי, ווי די שעפּסן. — ער האָט מיט פאַראַכטונג אויסגעשפּיגן, אַרומגעגאַנגען אַרום דער קו, אַריינגעקוקט איר אין די אויגן, באַטראַכט דעם לעקער, אָפּגעווישט די פאַרבלוטיקטע

הענט אָן איר ווייכער גלאַנציקער פעל און פאַרנומען זיך אָוועקצוגיין.

— אויף דער דאָזיקער לוויה על יעך נישט קלינגען, צ'עט ענק אַליין אין די טעפּ קלינגען.

— דער טאַטע מיט אַנטעקן! — האָט יוזקאַ אַ געשריי געטון און איז אַרויסגעלאָפן אויפן וועג אַקעגן, ווייל אַ טויב, שווער געדויש האָט זיך פון יענער זייט סטאַוו דערהערט, ווו עס האָט זיך אין די צערויטלטע שטראַלן פון דעם זון-אונטערגאַנג אַ לאַנגער פערד-און-וואָגן געשוואַרצט.

— טאַטוליו, אָט אַ... די גראַניאַסטע האַלט שוין באַ פּגרן — האָט זי אויסגערופן, צולויפנדיק צום פאָטער, וועלכער האָט גראָד אויף דער זייט סטאַוו פאַרקירעוועט, אַנטעק איז פון הינטן נאָכגעגאַנגען און אונטערגעהאַלטן, ווייל זיי האָבן געפירט אַ לאַנגע סאָסנע.

— פלוידער נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין — האָט ער אַ מרוק געטון, אַ שמיץ געבנדיק די פערד.

— יאַמבראָזשי האָבן געלאָזט בלוט, און גאָניש... און צעלאָזטן וואַקס האָט מען איר געגאָסן אין גאָרגל אַריין, און גאָניש... און זאַלץ... און גאָניש... זיכער אַ פּאַסקודניק... וויטעק ט'געזאָגט, אַ'דער גאַיאָווע האָט זי אַרויסגעטריבן פון וועלדל אַרויס און אַ'די גראַנולע אָט זיך באַלד אַנידערגעלייגט און געסטענקעט, איז אָט ער זי איינגעטריבן...

— די גראַניאַסטע, די בעסטע קו, אַז ס'זאָל ענק, שטשערוועס, באַ די קישקעס דרייען, אַז צ'היט אַזוי. — ער האָט אַ וואָרף געטון די לייצן דעם זון און האָט מיט דער בייטש אין דער גאָרשטש זיך געלאָזט לויפן פאָרויס.

די באַבעס האָבן אים אָפּגעטרעטן דעם וועג און וויטעק, וועלכער האָט די גאַנצע צייט גאַנץ רויק עפּעס געמייסטרעוועט הינטער דער כאַלופּע, איז אַריין אין גאָרטן און פאַרפאַלן געוואָרן

פאַר שרעק, אפילו האַנקע האָט זיך אונטערגעהויבן פון דער שוועל און איז שטיין געבליבן אומבאַהאָלפן, דערשראָקן.

— ז'האָבן מיר אַ תּל געמאַכט פון דער בהמה!... — האָט ענדלעך דער אַלטער אויסגעשריגן, באַטראַכטנדיק די קו! — דריי הונדערט גילדן, ווי אין דער בלאָטע אַריין! צו דער שיסל זענען זיי דאָ די שטשערוועס אַ גאַנצע קופּע, און אָפּצוהיטן אַי נישטאָ ווער. אַזאַ קו, אַזאַ קו! אַ דע מענטש קען זיך שוין פון שטוב נישט אַרויסרירן, ווייל באַלד איז דאָ שאָדן און היזק...

— טאַטש איך בין דאָך פון סאַמע ביטאָג אָן געווען באַם קאָפּען — האָט זיך האַנקע שטיל פאַרענטפערט.

— דו זעסט דען אַמאָל עפּעס? — האָט ער ווילד אַ געשריי געטון — דו שטייסט דען עפּעס נאָך מיינעם!

— אַזאַ קו, אַזאַ המן, נאָך אַזעלכע עסטו ניש אין יעדן הויף געפינען!

ער האָט זי וואָס אַמאָל אַלץ טרויעריקער באַקלאָגט, איז אַרומגעגאַנגען אַרום איר, געפּרוּווט זי אויפהייבן, געצויגן זי באַם ווידל, אַריינגעקוקט איר אין די ציין, אָבער די קו האָט כראָפּענדיק געאָטעמט און וואָס אַמאָל אַלץ שווערער. דאָס בלוט האָט אויפגעהערט צו רינען, נאָר איז געגליווערט געוואָרן אין שוואַרצע איבער־געבאַקענע שטיקלעך. זי האָט שוין באַשיינפּערלעך געהאַלטן באַ פּגרן.

— עסט גאָניש העלפן, מ'דאַרף זי דערשניידן, וועט מען כאָטש דאָס אָפּראַטעווען! — האָט ער צום סוף אויסגערופן. ער האָט געברענגט אַ קאָסע פון שייער, אָנגעשאַרפט זי עטוואָס אויפן שלייף־שטיין, וואָס איז געשטאַנען אונטערן אָקאָפּ פון דער שטאַל, ער האָט אויסגעטון דעם שפּענצער, פאַרשאַרצט די אַרבל פון העמד און פאַרנומען זיך צום שעכטן...

האַנקע מיט יוזשען האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין, וואָרים די גראַנולע האָט, ווי זי וואָלט דערפילט דעם טויט, מיט מאַטערניש אויפגעהויבן דעם קאָפּ, טעמפּ אַ מרוטש געטון און...

אַנידערגעפאַלן מיט אַ דורכגעשניטענעם האַלדז, שאַרנדיק מיט די פיס. . .

דער הונט האָט אַרומגעלעקט דאָס בלוט, וואָס האָט געגליווערט אויף דער לופט, און דערנאָך אַ שפרונג געטון אויף די קאַרטאָפל־גריבער און געבילן אויף די פערד, וואָס זענען מיטן וואָגן געשטאַנען אין טויער, וואָרים אַנטעק האָט זיי דאָרט שטיין געלאָזט, און אַליין זיך רויק צוגעקוקט צו דער יאַטקע.

— זאַ ניש קאַ נאַר! ב׳טאַטנס קו אי ניש אונדזער היזק! — האָט ער מיט כעס אַ זאָג געטון צום ווייב און זיך גענומען אויסשפאַנען און פונאַנדערנעמען די פערד, וועלכע וויטעק האָט שוין באַ די גזשיוועס געפירט אין שטאַל אַריין.

— אַ סך קאַרטאָפל דאָ אין פעלד? — האָט באָרינע אָנגעהויבן רעדן, וואַשנדיק זיך באַ דער ברונען די הענט.

— וואָס דען, ווייניק איז דאָ, ט׳זיין אַ צוואַנציק זעק.

— מ׳דאַרף היינט אָפפירן.

— ס׳דען, פירטס ענק אַליין אָפ, יעך פיל שוין ניש קאַ פיס, ניש קאַ רוקן. . . און דער אין שפאַן הינקט אויך אויף די פושעדניע.*)

— יוזקאַ, גי נאָר אַ רוף אַוועק קיבען פון קאָפען, לאָז ער איינשפאַנען די זשריביע, און מ׳דאַרף היינט אָפפירן, — וואָרים ס׳קען נאָך אַמאָל זיין אַ רעגן.

נאָר ער האָט געקאָכט פון כעס און עגמת נפש, ווייל אַלע מאָל האָט ער זיך אָפגעשטעלט פאַר דער קו און געשאָלטן מיט טויטע קללות, און דערנאָך איז ער אַרומגעקראָכן איבערן הויף און אַריינגעקוקט דאָ אין שטאַל אַריין, דאָ אין שייער, דאָ אונטער דער שאָפע און ר׳האָט אַליין ניש געוווסט וואָס ער זוכט, עס האָט אים געפרעסן — נו, אַזאַ היזק.

— וויטעק! וויטעק! — האָט ער אָנגעהויבן צו רופן און אַראָפ־

---

*) פעדערשטע פיס.

גענומען דעם ברייטן פּאַסעק פון די רויקעס, אָבער דאָס שגצל האָט זיך נישט געוויזן.

די מענטשן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, וואָרים זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ היזק און אַזאַ עגמת נפש מוז זיך ענדיקן מיט אַ שנייד, וואָרים באָרינע איז געווייטלעך געווען אַ גיכער צו אַזעלכע זאַכן, אָבער דער צאַלטער איז היינט אָפּגעקומען בלויז מיטן שעלטן און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— האַנקע, גי נאָר אַהער עסן! — האָט ער אַריינגעשריגן צו דער שנור אין דעם אָפענעם פענסטער און איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין זייט אַריין.

דאָס הויז איז געווען אַ געוויינטלעכס, אַ פויערישס — איבערגעטיילט דורך און דורך מיט אַ גרויס פּעדערהויז; מיט איין זייטיקער וואַנט איז עס אַרויס אויפן הויף און מיטן פיר-פענסטערדיקן פראָנט אין סאָד אַריין און אויפן וועג אַרויס.

ז׳יין העלפט צום סאָד-צו האָט פאַרנומען באָרינע מיט יוזשען און אין דער צווייטער זענען געזעסן די אַנטעקס. דער פאַרצאַבעק מיטן פּאַסטוך זענען געשלאָפן באַ די פערד.

אין שטוב איז שוין געווען שוואַרצלעך, ווייל דורך די קליינע פענסטערלעך, וואָס זענען פאַרשטעלט געווען מיטן אָקאַפּ און מיט ביימער אַרומגעזעצט, האָט זיך ווייניק-וואָס ליכט דורכגעשפּאַרט, און דער דרויסן האָט זיך שוין אָנגעהויבן טונקלען, אַזוי, אַז ס׳ אָבן נאָר געגלאַנצט די שויבן פון די הייליקע בילדער, וואָס האָבן זיך אין אַ שורה געשוואַרצט אויף די געווייסטע וואַנט; די שטוב איז געווען אַ גרויסע, נאָר צוגעדריקט מיט אַ שוואַרצן פּולאַפּ און מיט גרויסע בעלקעס אונטער אים. און זי איז אַזוי אָנגעשטעלט געווען מיט פאַרשידענע זאַכן, אַז נאָר לעבן דעם גרויסן קוימען מיטן אָקאַפּ, וואָס איז געשטאַנען באַ דער וואַנט פון פּערדהויז, איז געווען עטוואָס אַ פריי אָרט.

באָרינע האָט זיך אויסגעגענעצט און איז אַריינגעגאַנגען אין פינסטערן אַלקערל; פאַרמאַכנדיק נאָך זיך די טיר, ער האָט אָפּגע-

רוקט פון דעם קליינעם שייבל דאָס ברעט, און דאָס מערב־ליכט האָט מיט אַ בלוטיקן בלאַסק פאַרגאָסן דאָס אַלקערל.

דאָס שטיבל איז געווען אָנגעפּילט מיט פאַרשידן אַלטוואַרג און שטוב־כּלים. אויף דרענגלען, אין דער ברייט צעהאָנגענע, זע־נען געהאָנגען פּעלצן, רויטע געפּאַסעוועטע וועלניאַקעס, ווייסע סוק־מאַנעס, דאָ גאַנצע קנוילן פון גרויע פּאַסמעס באַנוול און, אין קנוילן צוזאַמענגעוויקלט, ברודיקע שעפּסן־וואָל און זעק מיט פּע־דערן. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ ווייסע סוקמאַנע און אַ רויטן פּאַס און דערנאָך לאַנג עפּעס געזוכט אין די פּעסער, וואָס זענען גע־ווען אָנגעפּילט מיט תּבֿואה, דאָ אין ווינקל אונטער אַ שטויס פון אַלטע רימענס און אייזנוואַרג, ערשט ווען ר׳האָט האַנקען אין דער ערשטער שטוב דערהערט, האָט ער פאַרוקט דאָס ברעט אויפן פענסטערל אין ווידער עפּעס לאַנג געשאַרט אין דער תּבֿואה.

און אויף דער באַנק אונטערן פענסטער האָט שוין געפּאַרעט דאָס געקעכץ; פון אַ גרויס ריינדל מיט קרויט איז זיך צעגאַנגען אַ ריח פון חזיר־שמאַלץ און אויך פון דעם גייער־געפּרעגלטס, וואָס איז געשטאַנען אין אַ שפּאַר שיסעלע דערלעבן.

— ווו האָט וויטעק די קי געפּאַשעט? — האָט ער אַ פרעג געטון, שניידנדיק אַ מוראדיקן גלין ברויט פון אַ לאַבן, וואָס איז גרויס געווען ווי אַ פּזשעטיק.

— אינם הויפישן וועלדל, און דער גאַיאָווע האָט אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן.

— שטשערוועס, ז׳האָבן מיר אַ תּל געמאַכט פון אַ בהמה.

— נ׳אוודאי, די קי האָט זיך אַזוי אָנגעלאַכעט פון דעם יאָגן, אַזש ס׳האָט זיך אין איר עפּעסטשיס אָנגעצונדן.

— דזשאַדעס אַזעלכע, הינטיש בלוט. די פּאַשעס זענען אונדזער, ווי אַן אָקס שטייט עס אין דער טאַבעלע פאַרשריבן, און זיי האַלטן אין איין אַרויסטרייבן און זאָגן אַ׳ ס׳אי זייער.

— ז'האָבן אַנדערע אויך כסדר אַרויסג טריבן, און וואָל־קאָוס שגצל האָט ער אַזוי צעהרגעט, אַזוי צעהרגיעט...

— אַזוי! אין סאַנד אַריין וואָלט מע געדאַרפן אָדער צום קאָמיסאַרזש. דרייהונדערט גילדן איז זי ווערט, ווי גאָניש.

— אוודאי, אוודאי — האָט זי פּאָטאַקעוועט, זייענדיק אָן אַ שיער צופרידן, וואָס דער טאַטע זענען גוט געוואָרן.

— זאָגטס אַנטעקן, אַז ווי נאָר מ'וועט אָפּפירן די קאַר־טאָפל, זאָלן זיי זיך נעמען צו דער קו, מ'דאַרף זי אָפּשינדן און צוצעפּערטלען. כ'על קימען פון וואַיט, על איך עק צוהעלפן. אין דער תבואה־קאַמער זאָל מען זי אויפהענגען באַם בעליק — עט עס זיין פאַרזיכערט פון הינט אָדער פון אַנדערע מיני ערצם...

ער האָט אויף גיך געענדיקט דאָס עסן און זיך אויפגעהויבן, כדי עפּעס צו נעמען אויף זיך, נאָר ער האָט אין זיך דערפילט אַזאַ שווערקייט, אַזאַ ציעניש אין די ביינער, אַזאַ שלעפעריקייט, אַז ער האָט זיך, ווי ר'איז געגאַנגען און געשטאַנען, אויפן בעט אַ וואָרף געטון, כדי זיך אַ קאַפּעלע איבערצודרעמלען.

האַנקע איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין איר זייט אַריין און גע־פּאָרעט זיך איבער דער שטוב, און אַלעמאָל האָט זי זיך געגעבן אַ בייג אַרויס דורכן פענסטער אַ קוק צו טון אויף אַנטעקן, וואָס האָט זיך אונטערגעלעגט דאָס האַרץ אויפן גאַנעק פאַרן הויז; ער האָט זיך סטאַטעטשנע אַנידערגעזעצט ווייטלעך עטוואָס פון דער שיסל און פּאַמעלעך געצויגן אַ לעפל נאָך אַ לעפל, אָפּקראַצנדיק אים שטאַרק אָן דער ראַנד פון דער שיסל, און פון צייט צו צייט אַ בליק געוואָרפן פאַר זיך אויפן סטאַוו — ווייל די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען, און אויפן וואַסער האָבן זיך געמאַכט גאָלד־פּור־פּורנע רעגנבויגנס אין פלאַמיקע רעדער, איבער וועלכע עס זע־נען, ווי ווייסע וואָלקנדלעך, מיט אַ גאָגאָטשען געגנדז אַדורכגע־שווומען, וואָס האָבן מיט זייערע שנאָבלען שנורן בלוטיקע פּערל צעגאָסן.

ס'דאָרף האָט אָנגעהויבן צוווימלען און יידן מיט באַווע־

גונג; אויפן וועג, פוןביידע זייטן סטאַוו, האָט זיך כסדר אויפגע־הויבן אַ שטויב און אַ געוויש פון וועגענער, און אַ מרוטעשן פון קי, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין סטאַוו ביז איבער די קני, זיי האָבן לאַנגזאַם געטרונקען און אויפגעהויבן די שווערע קעפּ, אַזש דינע שנירעלעך וואַסער, פּונקט ווי ביימשן קרעלן, זענען זיי פון די ברייטע פּיסקעס אַראָפּגערינען.

ערגעץ־ווו, פון צווייטן עק סטאַוו, האָט זיך געהערט אַ גע־קלאַפּעריי פון קיאַנקעס פון באַבעס, וואָס האָבן וועש געוואַשן און אַ טויב, מאָנאָטאָן קלאַפּן פון צעפּעס ערגעץ אין אַ שייער.

— אַנטעק, האָב נאָר אָן אַ פּאָר פּיעניקעס, ווייל כ׳על מיר אַליין ניש קאָן עצה געבן — האָט זי נישט דרייסט און מיט מורא געבעטן, ווייל עס איז באַ אים געווען אַ גאַרנישט זי אָנצושעלטן אָדער אָנצוהרגענען צוליב אַ ליאַדע וואָס.

ער האָט אַפילו נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט גע־הערט, און ווייל זי איז נישט דרייסט געווען נאָכאַמאָל איבערצו־חזרן, איז זי שוין אַליין געגאַנגען אָפּהאַקן אַ ביסל שפּענער פון פּיען — און ער האָט געשוויגן, בייז, מיד פון אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט, און געקוקט אַציגד אויפן סטאַוו, אויף דער צווייטער זייט דאָרט, אויף אַ גרויס הויז, וואָס האָט געלויכטן מיט די ווייסע ווענט און מיט די שויבן פון די פענסטער, ווייל די רויטקייט פון דער אינטערגייענדיקער זון איז געפאַלן דערויף. גאַנצע פענקעס רויטע געאָרגיניעס האָבן זיך אָפּערגעבויגן פון הינטער דעם שטיינערנעם פּלאָט און העל־פּאַרביק געברענט אויפן פּאָן פון די ווענט. און פאַרן הויז, אין סאָד, האָט זיך צווישן די שטאַכעטן אייליק געפּאָרעט עפּעס אַ הויך געשטאַלט — אָבער קיין פּנים האָט מען נישט געקענט דערקענען, ווייל עס איז אַלעמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן דאָ אין פּאָדערהויז אַריין — דאָ הינטער די ביימער.

— זיי שלאָפן זיך וו׳אַ פּריץ, און דו, פּאַראָבעק, אַר־

בעט — האָט ער מיט כעס אַ מרוק געטון, ווייל דעם פּאַטערס כראַפּען האָט זיך צעטראָגן אַזש אויפן גאַנעק אַרויס.

ער איז געגאַנגען אין הויף אַריין און נאָכאַמאָל באַטראַכט די קו.

— אמת, ס'אי דעך נ'טאַטנס קו, אָבער אויך אונדזער היזק, — האָט ער אַ זאָג געטון צום ווייב, וואָס האָט אַוועקגע-וואָרפן דאָס האָלץ האַקן און איז צוגעגאַנגען צום וואָגן, אויף וועלכן קובע האָט די קאַרטאָפל פון פעלד געבראַנגט צו פירן.

— די גריבער זענען נאָך נישט געמאַכט געוואָרן אין אָרד-נונג, איז דאַרף מען אויסשיטן אויף דער קלעפּיסקע*).

— אַז דער טאַטע האָבן דעך גאָר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיט קובען אויף דער קלעפּיסקע די קו אָפּשיידן און זי צורעכט מאַכן.

— ס'עט זיין אַן אָרט פאַר דער קו, און ס'עט זיין אַן אָרט אויך פאר די קאַרטאָפל — האָט קובע געמירמלט, אויפ-פראַלנדיק די טויערן פון שייער.

— יעך בין דע דאָרט ניש קאַ שינדער, וואָס כ'לאָז דער קו די פעל אָפּשינדן — האָט אַנטעק אַ וואָרף געטון.

און מער האָבן זיי שוין נישט גערעדט, מ'האָט נאָר גע-הערט דאָס טעמפּע קלאַפּן פון די אויסגעשיטע קאַרטאָפל אויף דער קלעפּיסקע.

די זון איז פאַרלאָשן געוואָרן, ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, ס'האָט נאָך געלויכטן די רויטקייט פון דעם זון-פאַרגאַנג מיט אַ לאַנגע פון פאַרגליווערט בלוט און אָפּגעקילט גאָלד און באַשאָטן דעם סטאַוו פּונקט ווי מיט אַ קופּערנעם שטויב, און געציטערט האָבן די שטילע וואַסערן מיט זשאַווער-קאָלירנדיקע שיפּן, און מיט אַ פאַרטרויטן געמירמל.

*) אַ פּאָדלאָגע פון ליים, ווי מ'דרעשט די תבואה.

דאָס דאַרף איז פאַרזונקען געוואָרן אין בין השמשות און אין דער טיפער, טויטער שטילקייט פון האַרבסטיקן אָוונט. די הייזלעך זענען קלענער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך צו דער ערד צוגעפּלאַטשט, ווי זיי וואָלטן זיך צו די ביימער צוגעטוליעט, וואָס זענען פאַרטרוימטע, געשטאַנען איינגעבויגן צו די גרויע פּלע-טער.

אַנטעק מיט קובען האָבן אָפּגעפירט די קאַרטאָפל, און האַנ-קע מיט יוזשען האָבן זיך איילִיק געפּאָרעט אַרום דעם באַלעבאַ-טישקייט, וואָרים מ׳האָט געדאַרפן די גענדז אויף באַנאַכט פאַר-טרייבן, דאָ די חזרים אָנצוקאָרמען, ווייל זיי האָבן זיך מיט אַ גע-קוויטש געשטופּט אין פאָדער-הויז אַריין און אַריינגעשטעקט די פּרעסערישע פּיסקעס אין די צעבערס אַריין, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ טרונק פאַר די בהמות.

דאָ האָט מען געדאַרפט די קי אויסמעלקן, ווייל וויטעק האָט גראָד טאָקע די רעשט בהמות פון דער פּאַשע אַריינגעטריבן און זיי דורך דער לייטער צו גאָרשטשעס היי אַריינגעלייגט, זיי זאָלן רויִק שטיין באַם מעלקן.

ענדלעך האָט זיך יוזשאַ גענומען מעלקן די ערשטע פון עק, ווען וויטעק איז אַרויסגעקראָכן פון צווישן די זשלויבן און שטיל אַ פרעג געטון מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

— יוזשאַ, דע באַבאָעס זענען בייז?...

— אָ, יעזו, עלן זיי דיך אָנקאַטעווען, דאַרינקער נעבעך, עלן זיי דיך אָנקאַטעווען... זיי האָבן זיך אַזוי געכעסט — האָט זי געענטפערט, אַ שטעק אַרויס געבנדיק דעם קאָפּ צו דער ליכט-צו און פאַרשטעלנדיק זיך מיט דער האַנט דאָס פּנים, ווייל די קו האָט אַ שמיץ געטון מיטן ווידל, אָפּיאָגנדיק פון זיך די פליגן.

— אוודאי... גלייך יעך וואָלט דאָ שולדיק געווען... אוודאי... דער גאַיאָווע האָט מיך אַרויסגעטריבן און האָט מיך נאָך געוואָלט מיטן שטעקן אָנקיילן, נאָר כ׳בין אַנטלאָפן... אי

די גראַנולע האָט זיך באַלד אָנגעהויבן לייגן, און מרוטשען, זון סטענקען, אַ׳ כ׳אָ געמוזט זי אַהיימטרייבן...

ער איז שטיל געבליבן, נאָר עס האָט זיך געהערט אַ שטיל, ווייטיקלעך כליפּען און אַ סמאַרקן מיט דער נאָז.

— וויטעק... נו זאַ ניש קאַ קאַלב, ס׳אי דען באַ דיר ס׳ערשטע מאָל, אַ׳ דע טאַטע שניידן דיך...

— ג׳אַוודאי ניש ס׳ערשטע מאָל, אָבער פונדעסטוועגן, האָב איך דיר אַזוי מורא... וויל כ׳קען ניש פאַרטראָגן קאַ קלאַפּ...

— ביסט אַ נאַר, אַזאַ גרויס באַשריגעניש פון אַ פאַראָבעק און האָט מורא... יעך על שוין באַם טאַטן פאַרגלעטן...

— עסט פאַרגלעטן, יוזשאַ? — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן — וואָרים דער גאַיאָווע האָט דעך מיך מיט די קי אַרויסגעטריבן, וואָרים...

— כ׳על שוין פאַרגלעטן, וויטעק, אַבי אָ׳ שוין נישט קאַ מורא!...

— אַ׳ ס׳אי יאָ אַזוי... טאָ גאַ־זשע דיר דעם פויגל! — האָט ער מיט פרייד אַ מירמל געטון און אַרויסגענומען פון בוזעם אַ האָלצערנע לאַלקע — גי גאָ אַ קוק, ווי ער רירט זיך אַליין.

ער האָט אים אַנידערגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער שטאַל, אָנגעדרייט, און דער פויגל האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, אויפהייבן די לאַנגע פיס און שפּאַצירן...

— אַ באָטשאַן, יעזו, טאַטש אַ׳ רירט זעך דעך ווי אַ לעבעדיקער! — האָט זי אַ דערשטוינטע אויסגערופן, זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם שקאָפּעק, אַוועקגעזעצט זיך טשיפּקע פאַר דער שוועל און מיט דער גרעסטער פרייד און פאַרוווּנדערונג זיך צוגעקוקט.

— יעזו! אָט אי דע דאָס אַ מעכאַניק און דאָס רירט זעך אַזוי אַליין, האַ?...

— אָט אַליין, יוזשאַ, כ׳דריי אים נאַר אָן מיטן רעדעלע, שפּאַצירט ער זיך שוין ווי אַ פּריץ נאָכמיטאָג, — אָ... —

ער האָט אים אויסגעדרייט, און דער פויגל האָט ערנסט און דערבײַ קאָמיש אויפגעהויבן דעם לאַנגן האַלדז, אויפגעהויבן די פיס און איז געגאַנגען.

זיי האָבן אָנגעהויבן האַרציק צו לאַכן און ווײַלן זיך פון זיינע באַוועגונגען, נאָר יוזשאַ האָט פון צייט צו צייט אויפגעהויבן די אויגן אויפן יינגעל — ס׳איז אין זיי געווען באַווונדערונג און דערשטוינונג.

— יוזשאַ, — האָט זיך דערטראָגן באָריינעס קול פון פאַר דער כאַלופע.

— וואָס?.. — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט אַ געשריי.

— קום נאָ.

— טאַטש, כ׳מעלק דעך די קי.

— זאָלסט דאָ אָפּהיטן, וואָרים כ׳גיי צום וואָיט — האָט ער אַ זאָג געטון, אַרײַנשטעקנדיק דעם קאָפּ אין דער פינסטערער שטאַל אַרײַן, — נישטאָ דאָ דער ממזר דער, האַ?

— וויטעק?... נאַ, ר׳אי געפאָרן מיט אַנטעקן נאָך קאַרטאָפּלעס, וואָרן קובע האָט געדאַרפט אָנשניידן שעצקע פאַר די פערד... — האָט זי גיך געענטפערט און אַ ביסל אומרויק, ווײַל וויטעק האָט זיך טשיפּקע הינטער איר פאַר שרעק באַהאַלטן.

— אַ שטשערווע דער יונג, פאַסן נאָר דאַרף מען פון אים רייסן, פון אַזאַ קו אַ תל צו מאַכן — האָט ער געמרוקעט, אומקערנדיק זיך אין שטוב אַרײַן, וו ער האָט זיך אָנגעטון אין אַ נייער ווייסער קאַפּאָטע, אויסגענייט באַ אַלע נעט מיט שוואַרצע טאַשמעס, אָנגעטון אַ הויכן, שוואַרצן קאַפּעלוש, אַרומגעוויקלט זיך מיט אַ רויטן פאַס און געגאַנגען מיטן וועג באַם סטאַוו צו דער מיל־צו.

— אַרבעט איז נאָך דאָ אַזוי פיל... האָלץ אָנפירן... ס׳פאַרזייען אי ניש פאַרענדיקט... די בלעטער זענען נישט צונויפגעגראַביעט... מ׳וואָלט געדאַרפט אויף די קאַרטאָפּל פאַראַקערן... ס׳וואָלט אַ יושר געווען אויך אויפן האָבער... און דאָ פאַר אויף

סאַנדעס... גאָט מײַנער, אַז דע מענטש עט זיך דיר דאָס קײנמאָל נישט אָפּפּאַרטיקן, עט ער זיך נישט, נאָ כּסדר, ווי דער אָקס אין דער יאַרזשמע... צו אפילו אויסשלאָפן זיך איז נישטאָ קאַ צײַט, נישט אָפּצורוען... — האָט ער זיך אַזוי געטראַכט... און דאָ נאַדיר אַ סאָנד... אַ פּאַק — אַ שטשערווע — נע, יעך בין מיט איר געשלאָפן... אַ׳ די צונג לאָ דיר אָפּגעדאַרט ווערן... אַזאַ פּליאַק... אַ צויג... — ער האָט מיט כּעס אַ שפּײַ געטון, אָנגעשטאָפּט דאָס לולקעלע מיט מאַכאָרקע און לאַנג געריבן די פּײַכטע זאַפּאַלקעס אָן די הויזן, ביז ר׳האָט אָנגעצונדן.

ער האָט פון צײַט צו צײַט אַ פּיפּקע געטון און געשלעפּט זיך פּאַמעלעך; די בײנער האָבן אים ווײ געטון, און דאָס עגמת נפש פון דער קו האָט אים אומעטיק געמאַכט און צעבראָכן.

און דאָ האָט ער נישט צו ווען דעם כּעס אויסצולאָזן, נישט פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצורעדן, גאָרנישט.. אַלײן ווי דער קאָלעך; פון אַלעם טראַכט אַלײן, אַלײן קאַ ביניר מיטן קאָפּ, אַרום אַלעם לויף אַלײן אַרום, ווי דער הונט... און צו קײנעם איז נישטאָ קאַ וואָרט אויסצורעדן, קאַ שום עצה פון ערגעץ, ניש קאַ הילף — און נאָר שאָדנס און היזקות... און אַלע זענען, ווי די וועלף נאָכן שעפּס נאָך... נאָ מ׳ציפּט, און קוקן נאָר אויס, ווען ז׳על אים צערײַסן אויף שטיקער...,

עס איז שוין געווען פינסטערלעך אין דאָרף, דורך די אָפּגעלענטע טירן און פענסטער, ווײַל ס׳איז געווען אַ וואַרעמער אָוונט, האָבן אַרויסגעזעצט שנורן פײערן און אַ ריח פון געקאָכטע קאַרטאָפּלעס און פון גריץ מיט גריוון; ווו-נישט-ווו האָט מען געגעסן אין די פעדערהײזער אָדער גאָר אינגאַנצן פאַר די שטיבן, אַזוי, אַז מ׳האָט נאָר געהערט דאָס קראַצן פון די לעפל, און אַ געדעדערײ.

באָרינע איז געגאַנגען וואָס אַמאָל אַלץ פּאַמעלעכער, ווײַל די אויפרעגונג האָט אים שווער געמאַכט, און דערנאָך די דעריבע-

רונג אָן דער פאַרשטאָרבענער, וואָס ער האָט נאָך וויאָסנע־צייט באַגראָבן, האָט אים אין האַלדז געשטיקט.

— האָ, האָ!... באַן איר, עליה השלום, קעגן נאַכט גערדאַכט, וואָלט אַזאַ מעשה נישט געטראָפן מיט דער גראַנולען... אַ באַלעבאָסטע אי דאָס געווען, אַ באַלעבאָסטע!... אמת, זי פלעגט אַפילו וואָרטשן און שעלטן אויך, קאַ גוט וואָרט האָט זי קיינעם נישט געגעבן און כסדר זיך מיט די באַבעס באַ די קעפ אַרומגעריסן... אָבער דאָך פאָרט אַ ווייב און אַ באַלעבאָסטע! דאָ האָט ער פרום נאָך איר אַ זיפץ געטון און נאָך אַ גרעסערע ווייטיק האָט אים אין האַלדז געשטיקט, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ס'פלעגט זיך אַמאָל פירן...

ער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, אַן אָפגעמאַטערטער — האָט זי אים פעט עסן געגעבן און אָפטמאָל אַ שפּאָר שטיק קעלבאַס בשתיקה פאַר די קינדערשטשיסקעס אונטערגערוקט... און ווי אַלץ איז געווען בשפע!... אי קעלבלעך, אי גענדזלעך, אי חזירימלעך... אַז וואָס אַ יאַריד איז געווען מיט וואָס אין שטאָט אַריין צו פאָרן, און אַ גראָשן, איז געווען אַ באַר סער, אויף אַוועקצולייגן איז פון בלויזן אונטערכאָווען געווען... און אַצינד ערשט וואָס פאַר אַ קרויט מיט אַרבעס, קאַן אַדענרע וואָלט דאָס שוין אינגאַנצן נישט באַוויזן...

און אַצינד וואָס?...

אַנטעק ציט נאָר אויף זיין זייט, דער קאָוואַל קוקט אויך נאָר אויס, אַבי עפעס צו כאַפן, און יוזקע? אַ נאַריש קעלבל, וועלכער עס חלומען זיך נאָך פלעוועס אין קאָפ, וואָס ס'איז קאַ וווּנדער ניש אַ ילו, וואָרים דאָס מיידלטשינע איז ערשט קוים ס'צענטע יאָר אַלט... האַנקע ווידער קריכט אַרום ווי אַ שאָטן, נאָר זי קרענקט, און ז'עט אַזוי פיל אויפטון, ווי דער הונט דאָרט, וואָס ער וואָיעט...

און דעריבער ווערט אַ תל פון אַלץ... די גראַנולע האָט מען געדאַרפט דערשעכטן... שניט־צייט איז אַ חזיר נעפגרט...

די קראָען האָבן די גענדזלעך אַזוי אויסגעקליבן, אַז ס׳אי קוים די העלפט געבליבן!... אַזוי פיל אַ תל געמאַכט, אַזוי פיל היזקות!... ווי דורך אַ זיפּ לויפט אַלץ, ווי דורך אַ זיפּ...

נאָר כ׳על נישט דערלאָזן! — האָט ער כמעט הויך אויסגעשריגן — כּל זמן כ׳ריר נאָך מיט אַ פוס, על איך קאַן איין מאָרגע ניש אָפּשרייבן, און צו ענק אויף קאַ קצבה על איך ניש קומען...

לאָ נאָר גזשעלאַ אַהיימקומען פון די זעלנער, איז מעג זיך אַנטעק אומקערן אויפן ווייבס ווירטשאַפט... כ׳על נישט דערלאָזן...

— זאָל זיין געלויבט — האָט עפּעס אַ שטימע אַ ברום געטון.

— אויף דורי דורות — האָט ער מעכאַניש צוגעוואָרפן און זיך אַראָפּגעדרייט פון וועג אויף אַ ברייטער סטעזשקע אַרויף ווייל דעם וואָיט׳ס נחלה איז געלעגן אַביסל טיפער אַריין.

אין די פענסטער האָט זיך געלויכטן, און די הינטלעך האָבן אָנגעהויבן צו בילן.

ער איז גלייך אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב אַריין.

— דער וואָיט איז אינדערהיים? — האָט ער זיך אַ פרעג געטון בײַ אַ פעטער פויערטע, וואָס האָט, קניענדיק בײַ אַ וויגל, אַ קינד געוויגט.

— ז׳עבן באַלד צוריקקומען. ר׳אי געפאָרן נאָך די קאַרטאָפל. זעצטץ ענק, מאַטשעי, טאַטש זיי וואַרטן דאַך אויף אים, — האָט זי מיט אַ באַוועגונג פון דער גאָמבע אָנגעוויזן אויף דעם דזשאַד, וועלכער איז געזעסן בײַם קוימען; דאָס איז געווען דער אַלטער בלינדער, וועלכן דער הונט האָט געפירט; אַ רויטלעך ליכט פון די שטשאַפּעס האָט שאַרף פאַרגאָסן זיין גרויס אויסגעגאָלט פּנים, דעם גאָלן שאַרבן און די ברייט צעעפנטע אויגן, וואָס זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ בעלמע, וואָס האָט אומבאַוועגלעך געשטעקט אונטער די גרויע, קושאַקעדיקע ברעמען...

— פונוואַנען קומט דאָס אַ מענטש? — האָט באַרינע אַ פרעג געטון, אַנידערזעצנדיק זיך אויף דער אַנדערער זייט פון פייער.

— פון דער וועלט, פונוואַנען-זשע דען, באַלעבאָס-לעבן — האָט ער לאַנגזאַם מיט אַ צעקראַכענער, וויינענדיקער און שטאַרק בעטנדיקער שטימע געענטפערט, אויפמערקזאַם די אויערן אויפגעשטעלט און דאָס טאַבאַק-שקעטעלע אויסגעצויגן.

— נעמטס אַ שמעק טאַבאַק, באַלעבאָס-לעבן.

— מאַטשעי האָט אַן אָרנטלעכן שמעק געטון און האָט דריי מאָל, איין מאָל נאָכן אַנדערן, אָפּגענאָסן, אַזש טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן געשטעלט.

— פעסטער טאַבאַק, יוכע! — און ער האָט זיך מיטן אַרבל די פאַרטערטע אויגן אויסגעווישט.

— זאָל אייך זיין צו געזונט. פעטערבורקע, ס׳ווערט ליכטיק אין די אויגן.

— טרעטס מאָרגן אָפּ באַ מיר, כ׳אַ דערשאַכטן אַ קו, עט זיך שוין געפינען דאָרט פאַר אייך אַ חלקל.

— זאָל ענק גאָט באַצאָלן... באַרינע, דאַכט זיך מיר, האַ?...

— נ׳זעטס נאָר, און צ׳האָט אַזוי דערקענט?... נע, נע.

— בלויז נאָכן קול נאָך, בלויז נאָכן רעדן.

— וואָס-זשע הערט זיך דאָרט אויף דער וועלט? צ׳וואַנדערט אַזוי כסדר.

— מיין האַרציקער, און וואָס לאָז זיך הערן? אָט אי שלעכט, און אָט אי גאָר גוט, און אָט אי גאָר פאַרשידן, ווי אין דער וועלט. און אַלעטשקע פּישטשען און באַקלאָגן זיך, אַ׳ ס׳קומט זיי אויס אַ דזשאַד עפּעס צו גען, אָדער אַן אַנדערן, אָבער אויפן ביטערן טראָפּן האָבן זיי.

— צ׳האָט אמתדיק געזאָגט, וואָרים אַזוי אי דעך טאַ-

— האָ, האָ! אַזוי פיל יאָרן אַ מענטש שלעפּט זיך איבער דער דאָזיקער הייליקער ערד, איז ווייסט מען טאַקע פאַר-שידנס.

— און ווו האָט עך אַהינגעטון דעם ממזר דעם, וואָס [illegible] ענק פאַריאָרן אַרומגעפירט — האָט די וואַיטאָווע אַ פרעג גע-טון.

— ר׳איז אַוועק די שטשערווע, אַוועק, האָט מיר גוט אויס-געליידיקט ס׳טאָרבעלע. כ׳האָב עפּעס געהאַט אַ פּאָר גראָשן פון מענטשן געשענקט, וואָס כ׳אָ זיי געטראָגן אַ נדר דער טשע סטאָ-כאָווער פּאַניעגקע, האָט ער זיי מיר, דער כלב, צוגענומען און אַוועק אין דער וועלט אַריין! שטילער בורעק, ווייל ס׳אי זיכער דער וואָיט! — ער האָט אַ צי געטון באַם שטריקל, און דער הונט האָט אויפגעהערט צו וואָרטשען.

ער האָט געטראָפן, וואָרים דער וואָיט איז טאַקע אַ ייִנגגע-קומען, ער האָט די בייטש אַ וואָרף געטון אין ווינקל אַריין און פון דער שוועל שוין אויסגערופן.

— ווייב, צ׳עסן, וואָרים כ׳בין הונגעריק, ווי׳אַ וואָלף — וואָס מאַכט עך עפּעס, מאַטשעי, און עך דזשאַד, וואָס האָט גע-וואָלט?

— יעך בין געקומען צון ענק וועגן דער ספּראַווע מיינער וואָס דאַרף מאָרגן זיין.

— יעך וויטער על מיר צוואַרטן, פּאַניע וואָיט. צ׳עט הייסן אין פעדערהויז — עט דאָרט אויך גוט זיין, אַ׳ צ׳עט מיך לאָזן באַם פייער, ווייל כ׳בין דעך אַן אַלטער, על איך בלייבן, און אַ׳ צ׳עט געגן דאָס שיסעלע קאַרטאָפליעס אָדער אַ פיצל ברויט — על יעך פאַר ענק תּפילה טון איין מאָל אָדער צוויי... ווען צ׳וואָלט געגען אַ גרייטן גראָשן אָדער גאָר אַ צענערל...

— זעצטס ענק, צ׳עט קריגן אַ וועטשערע, און אַז צ׳ווילט קענט עץ נעכטיקן...

און דער וואָיט האָט זיך אַנידערגעזעצט צו דער שיסל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ פּאָרע פון פרייש צעריבענע קאַרטאָפל און באַגאָסן שפּאָר מיט גריוון, אין דער צווייטער דיניצע איז גע-שטאַנען זויערמילך.

— זעצטס ענק, מאַ־שעי, מיט אונדז, עט עץ עסן, וואָס ס׳אי דאָ — האָט די וואָיטאָווע צוגעבעטן, אַנידערלייגנדיק אַ דריטן לעפל.

— לאָ גאָט באַצאָלן. כ׳בין געקומען צו פאָרן פון וואַלד איז האָב איך מיך שוין ני־שקשהדיק אונטערגעלעגט...

— נו, נעמץ ענק צום לעפל, ס׳עט ענק גאָרנישט פאַרשאַטן. אַצינד זענען די נעכט שוין לאַנגע...

— אַ לאַנגע תפילה און אַ גרויס־ע שיסל, ס׳אי נאָך איבער דעם ק־ינער נישט געשטאָרבן — האָט דער דזשאַד אַריינ-געוואָרפן.

באָרינע האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, אָבער ער האָט זיך סוף־כל־סוף, ווייל דאָס חזיר־שמאַלץ האָט אים זייער אין די נאָ לעכער געקיצלט, צוגעזעצט צו דער באַנק און פאַמעלעך אָנגעהויבן צו עסן, איידל, ווי ס׳פאָדערט דער דרך־ארץ.

און די וואָיטאָווע האָט זיך אַלעמאָל אויפגעהויבן און קאַר-טאָפל צוג־לייגט, דאָ צוגעגאָסן זויערמילך.

דעם דזשאַדס הונט האָט זיך געדרייט און געסקאָמלעט אַ דזשעבלע עסן.

— שטילער, בורעק, די באַלעבאַטים עסן דעך... און דו עסט אויך קריגן, אָ׳ ניש קאָ מורא... — האָט אים דער דזשאַד איינגעשטילט און מיט די גאָזלעכער אַריינגעצויגן דעם געשמאַקן ריח און זיך צוגעוואַרעמט די הענט באַם פייער.

— דאָס האָט ענק יעווקאַ אַ פּנים איינגעקלאָגט — האָט

דער וואָיט אָנגעהויבן, ווען ר'האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל אונ־טערגעלענט.

— אַט זי, זעט עך! ווייל כ'האָב איר מ'שטיינס געזאָגט ס'געהאַלט נישט אויסגעצאָלט! כ'האָב איר באַצאָלט, ווי גאָט איז אין הימל, און כ'אָ נאָך אַריבערגעכאַפּט, מיטן גאַנצן האַרץ דעם גלח אַ זאַק האָבער געגעבן פאַרן שמ[illegible]ן...

— זי זאָגט, אַ' דאָס קינד איז...

— אין נאָמען פון פאָטער און זון, ז'אי משוגע געוואָרן, צי וואָס?

— האָ, האָ! עך זענט שוין אויף דער עלטער, אָבער נאָך אַ בעל מלאכה! — דער וואָיט מיטן ווייב האָבן זיך צעלאַכט.

— אַן אַלטן עט זיך דיר גיכער טרעפן, ווייל ר'אי דיר שוין אַ פּראַקטיקאַנט און אַ קענער! — האָט דער דזשאַד גע־שעפּטשעט.

— זי זאָגט ליגנט, ווי דער הונט, כ'אָ זי אפילו ניש אַ טשעפּע געטון. און נאָך אַזאַ פּאַק דערצו... היינטערן פּלאָט אי דעך אַזעלכע געפּגרט און געסקאַמלעט*), אַ' כ'לאָז זי פאַרן בלויזן געקעכץ און אַ ווינקל צו שלאָפן אַריינגעמען, ווייל ס'אי צו ווינ־טער געגאַנגען. יעך אָ' נישט געוואָלט, נאָר זי, די פאַרשטאָרבע־נע, זאָגט — מ'עט זי אַריינגעמען, ז'עט צונויף קומען אין שטוב, וואָס טויג אונדז אַלעמאָל צו דינגען... ז'עט זיין אַן אייגענע האַנט... יעך אָ'ניש געוואָלט, ווייל ווינטער אי נישטאָ קאַ שום אַרבעט און מיט איין מויל צו דער שיסל מער — אָבער זי, די פאַרשטאָרבענע, זאָגט: אָ'ניש קאַ צרות, זי קען אַ פּנים וועבן וועלניאַקעס און לייוונט, כ'על זי אַרונטערזעצן, און לאָז זי זיך שטשיביען, עפּעס עט זי דאָך סוף כל סוף אָנשטשיביען, — נו, איז זי געבליבן, ז'האָט זיך נאָר אונטערגעפּאַשעט, נו, האָט זי

*) געבעטן.

זיך באַלד איינגעשאַפּט אַ קליינס אויף כאָוואַניע. . . און ווער ס׳שטעקט דאָ אין דעם שותּפות, האָט מען שוין פאַרשידנס גע־רעדט. . .

— זי פאַרקלאָגס זיך אויף ענק.

— כ׳על זי דערדורסן די שטשערווע, דעם צ׳גיינערישן הונט!

— אָבער אין סאָנד אַריין דאַרפט עץ גיין.

— כ׳על גיין. לאָז ענק גאָט באַצאָלן דערפאַר, וואָס צ׳האָט מיר געזאָגט, ווייל יעך אָ׳ נאָר געוווּסט, אַז וועגן געהאַלט — אָבער יעך האָב באַצאָלט, כ׳האָב עדות! אַזאַ פּיסק, אַ פאַרשטינקע־נער, אַזאַ דזשאַ־עכע. גאָט מיינער, אַזוי פיל עגמת נפש, אַז כ׳על עס פשוט ניש אויסהאַלטן, על איך עס ניש — און אָט אי מיר אַ קו געפאַלן, וואָס כ׳אָ געמוזט דערשעכטן, די אַרבעט איז ניש פאַרענדיקט, און דאָ אי דיר דער מענטש אַליין, ווי אָט דער פינגער.

— באַ אַן אָמן, אַז גאָט העלף, איז וו׳אַ שעפּס צווישן וועלף — האָט דער דזשאַד ווידער געזאָגט.

— וועגן דער קו האָב איך געהערט, מ׳האָט מיר שוין דערי פון אויפן פעלד געזאָגט.

— ס, איז אַ הויפּישע ספּראַווע, ווייל דער גאַיאָווע האָט אַפּנים פון וועלדל אַרויסגעטריבן די בעסטע קו, ז׳אי ווערט גע־ווען אַ גילדן, האָט זיך איבערגעיאָגט, ווייל זי איז שווער געווען, האָט זיך באַן איר די לעבער אָנגעצונדן, אַ׳ כ׳אָ געמוזט זי דערשניידן... נאָר דעם הויף על איך דאָס נישט שענ־קען... כ׳על איינגען אין סאָנד אַריין.

אָבער דער וואָיט האָט אים אָנגעהויבן איינרעדן און אויס־לייגן, אַז ער זאָל נאָך צוּוואַרטן, אַז אין ערשטן כעס עצהט מען זיך שטענדיק שלעכט, ווייל ער האָט געהאַלטן פאַרן הויף, און צום סוף, כּדי אָפּצווּוענדן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש, האָט ער אַ ווונק געטון צום ווייב און געזאָגט׳

— צ׳וואָלט ענק, מאַטשעי, בעסער חתונה געהאַט, געווען ווער ס׳זאָל אָפּהיטן ס׳באַלעבאַטישקייט.

— צ׳מאַכט חוזק, צי וואָס?... טאַטש אויף זשעלבע בין איך דאָך שוין אַכט און פופציק יאָר אַלט געוואָרן. וואָס ענק פאַלט דאָרט איין, יע ע האָט זיך נאָך גוט ניש אָפּגעקילט...

— נעמץ ענק אַ ווייב צו ענקערע יאָרן, עט זיך ענק באַלד אַלץ אויסהיילן — האָט די וואַיטאָווע צוגעגעבן און אָנגעהויבן אַראָפּרוימען פון טיש.

— אַ ווייב — אַ פאַרשוין, איז פאַרן מאַנס קאָפּ אַ קרוין — האָט דער דזשאַד צוגעוואָרפן, אַרומטאַפנדיק די שיסל, וואָס די וואַיטאָווע האָט פאַר אים אַנידערגעשטעלט.

באַרינע האָט זיך אָפּגעשאָקלט, נאָר באַלד זיך טיף איבערגעלייגט, פאַרוואָס דאָס איז אים אַליין אויפן געדאַנק נישט געקומען. וואָרים וואָס פאַר אַ ווייב ס׳זאָל זיך אים נישט טרעפן, איז דאָך, סוף כל סוף, אַלץ בעסער מיט איר, ווי אַליין צו ליידן...

— וועלכע ס׳איז אַ נאַר און נישט קאַ רירעוודיקע, וועלכע ס׳איז ווייטער אַ מחלוקהניצע, וועלכע ס׳קריכט דעם מאַן אין די קאָלטענעס אַריין, וועלכע ס׳איז אַ לופטנשפּריגגערין און אַן אַרומפּליערקע איבער די מוזיקעס פון קרעטשמעס — און דאָך איז פאַר אַ מאַנספּערשוין אַלץ בעסער מיט איר, און ס׳איז אַ וויגאָדע*) — האָט דער דזשאַד, עסנדיק אַלץ, כּסדר פאָרטגעזעצט.

— מ׳וואָלט זיך דאָס אין דאָרף אָפּגעוואונדערט — האָט באַרינע געזאָגט.

— נ׳אוודאי — מענטשן עלן ענק אומקערן די קו אָדער ז׳עלן ענק עפּעס אַן עצה געבן, אָדער אַרום באַלעבאַטישקייט עלן זיי אַרומגיין, ז׳עלן זיך דען אפילו דערבאַרמען אויף ענק — האָט די וואַיטאָווע הייס אָנגעהויבן צו רעדן.

---

*) א באקוועמלעכקייט.

— אָדער צי עלן זיי ענק אַ הייס איבערבעט צוגרייטן — האָט דער וואָיט זיך צעלאַכט — און אין דאָרף זענען דאָ אַזוי פיל שיקסעס, אַז ווען מ׳גייט אַדורך צווישן די כאַלופּעס, זעצט עס אַזש ווי פון אַן אויוון...

— אַהאַ, קוקטס אים נאָר אָן, דעם בעל עבירהניק... וואָס אים פאַרגלוסט זיך.

— און זאָשקע גזשעגאָזשאָווא, למשל, אַ רירעוודיקע, אַ שיינע און אַ נישקשהדיקער נדן.

— און וואָס, מאַטשעי דאַרף עס האָבן דעם נדן, ער איז דען ניש דער ערשטער באַלעבאָס אין דאָרף.

— ווער באַנוגנט זיך דאָס מיט ערד און מיט גוטס — האָט דער דזשאַד אָפּגעווענדט.

— נאַ, גזשעגאָזשאָווא אי ניש פאַ זיי — האָט דער וואָיט זיך אָנגערופן — ז׳אי צו שוואַך און ס׳אי נאָך אַ יונגעטשקעס.

— און יענדרקאָווא קאַשיאַ — האָט די וואָיטאָווע ווייטער אויסגערעכנט.

— פאַרנומען. נעכטן האָט ראָכוו אַדאַם מיט בראָנפן געשיקט.

— סטאַכאָווא ווערענקאַ אי דיר נאָך פאַרהאַן.

— אַ פּלוידערזאַק, אַן אַרומפּליערקע, און איין זייט האָט זי אַ גרעבערע.

— און די אלמנה נאָך טאָמעקען, ווי דאַכט זיך דיר... קען נאָך טויגן אויף חתונה צו האָבן...

— דריי קינדער, פיר מאָרגעס, צוויי קי־ווייזלען און אַן אַלטער פעלץ נאָכן פאַרשטאָרבענעם.

— און אולישיאַ, אימס, וואָיטעקס, וואָס זיצט הינטערן קלויסטער?...

— אי... דאָס אי פאַר אַ בחור... מיט אַ יאַטל, אַ יונג, ר׳וואָלט שוין געקענט טויגן צום פּאַשען, אָבער מאַטשעי דאַרף דאָך דאָס נישט, ר׳האָט דאָך שוין זיין אייגענעם פּאַסטוך.

— ס'אי דיר נאָך דאָ, ס'פעלט ניש אויס די מיידל-סחורה, נאָר יעך קלויב דיר אויס אַזעלכע, וואָס זאָל פּאַסן פּאַ מאַטשע-יען.

— אָסט פאַרגעסן וועגן איינער, וואָס זאָלט געווען פּאַ זיי אַקוראַט.

— וועלכע אי דאָס?...

— נו, יאַגנאַ דאָמיניקוונאַ!

— אמת, כ'האָב גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן איר.

— אַ פעסטע שיקסע, און אַ געוויקסיקע, אַז ז'עט דורכן פּלאָט ניש אַדורך, ווייל די לייסטן וואָלטן געפּלאַצט אונטער איר... און אַ שיינע, וויס אויף דער צורה, און אַ געראָטענע ווי אַ יאַלעווקע.

— יאַגנע — האָט באַרינע איבערגעחזרט, אויסהערנדיק שווייגנדיקערהייט דאָס אויסרעכענען — און מ'זאָגט דעך אויף איר, אַז ז'איז אַ לאַסוך*) אויף יונגען.

— ב'אוודאי, ס'איז עמעצער דאָרט געווען דערבײַ, אָן ער ווייסט! די רכילותניקעס פּלוידערן נאָר, כּדי צו פּלוידערן, און אַלץ אי נאָר צוליב קנאה — האָט די וואָיטאָווע שטאַרק זי פאַר-טיידיקט.

— יעך וויטער זאָג עס נישט פון מיר אַליין — נאָ מענטשן רעדן אַזוי. — אָבער כ'מוז גיין. — ער האָט צורעכט געמאַכט דעם פּאַסעק, אַריינגעלייגט אַ קוילעכל אין דער לולקע און עטלעכע מאָל אַ פּיפּקע געטון.

— אויף וויפיל אַ זייגער דאָס אין סאָנד? — האָט ער רוּק א פרעג געטון.

— אויף ביינען, איז אָגעשריבן אין דער פּאָוויעסטקע, עך מוזט ענק פאַרטאָג אויפהייבן, אויב צופוס.

*) נאשערין.

— אַי... מיט דער זשריביע על איך מיר פֿאַרן פֿאַמעלעך. זייטס מיר געזונט, כ׳דאַנק ענק פֿאַרן האַרץ-אונטערלעגען און פֿאַר דער גוטער עצה.

— גייטס געזונטערהייט, און גיטס אַ טראַכט וועגן דעם, וואָס מ׳אָמיר ענק נאַראַיעט... צ׳עט הייסן, על איך גיין מיט בראָנפּ צו דער כּלהס מוטער און נאָך פֿאַר די ימים-טובים עלן מיר פּראַווען אַ חתונה...

באָרינע האָט גאָרנישט געענטפֿערט, ער האָט נאָר אַ גלאָץ געטון מיט די אויגן און איז אַרויסגעגאַנגען.

— אַז אַן אַלטער נעמט אַ יונג מיידל, פּרייט זיך דער טייוול, ווייל ער עט האָבן ריווח דערפֿון — האָט דער דזשאַד ערנסט אויסגערופֿן, קראַצנדיק הויך אין דער דנאָ פֿון דער שיסל.

באָרינע האָט זיך פּאַמעלעך צוריקגעקערט און האָט זיך שטילערהייט צעקייט ד ס, וואָס מ׳האָט אים נאַראַיעט. ער האָט נישט געגעבן אויף זיך צו דערקענען דאָרט באַם וואָיט, אַז דער געדאַנק איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן, וואָרים, ווי דען, ר׳איז דאָך אַ באַלעבאָס, נישט עפּעס קאַ יינגל, וואָס ר׳האָט נאָך די מילך אונטער דער נאָז, וואָס אַז מ׳דערמאַנט אים וועגן חתונה האָבן, איז פּישטשעט ער און טרעט איבער פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן.

די נאַכט האָט שוין די ערד אַרומגענומען, די שטערן האָבן מיט אַ זילבערנעם טוי פֿון די פֿינסטערע טויבע טיפֿעניש געגלאַנצט, שטיל איז געווען אין דאָרף, די הינט האָבן נאָר פֿון צייט צו צייט אַ ביל געטון, און דאָ און דאָרט האָבן פֿון הינטער דיביימער אַפּער שוואַכע פֿייערלעך געבלישטשעט... טיילמאָל האָט אַ פֿייכט ווינטעלע אַ בלאָז געטון פֿון די לאָנקעס, און די ביימער האָבן זיך אָנגעהויבן לייכט צו באַוועגן און אין דער שטיל מיט די בלעטלעך אונטערגעמירמלט.

באָרינבע האָט זיך נישט אומגעקערט מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ער איז געקומען, נאָר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַריין, איז אַריבערגעגאַנגען די בריק, אונטער וועלכער דאָס וואַסער האָט מיט אַ מירמלען זיך איבערגעגאָסן אין טייך אַריין און געוואָרפן זיך אויף דער מיל, און ער האָט זיך אַוועקגעדרייט אויף דער צווייטער זייט פון סטאַוו. — שטיל זענען געלעגן די וואַסערן און שוואַרצלעך געגלאַנצט, די ביימער באַם ברעג האָבן געוואָרפן שוואַרצע שאָטנס אויף דער אויבערפלאַך און ווי מיט אַ ראַם די ברעגעס אַרומגענומען, און אינדערמיט סטאַוו, וווּ ס׳איז עטוואָס העלער געווען, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די שטערן, ווי איז אַ שטאָלערנעם שפּיגל.

מאַטשעי האָט אַליין נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער איז נישט גלייך אַהיימגעגאַנגען, נאָר אויסגעקליבן אַ לענגערן וועג, אפשר, כּדי פאַרבייצוגיין לעבן יאַגנעס שטוב? און אפשר, כּדי זיך אַ ביסל די געדאַנקען צוזאַמענצונעמען און זיך איבערלייגן.

— באמת, ס׳וואָלט געווען נישט שלעכט! באמת טאַקע! אײ וואָס מ׳רעדט דאָרט אויס אויף איר, איז דאָס דאָרט אמת, — ער האָט אַ שפּײ געטון. — אַ געזויגט שטיק! — אַ ציטער האָט אים אויפגעטרייסלט, וואָרים אַ פייכטע קעלט האָט פון סטאַוו געצויגן, און באַם וואָיט איז אַ שטאַרקע היץ געווען.

— און אָן אַ ווייב מ׳ז מען אונטערגיין, אָדער די קינדער ס׳פאַרמעגן אָפּשרייבן — האָט ער געטראַכט — אַ שטיק פאַרשוין, די יוכע, און ווי אַן אָפּגעמאַלעוועטע. — און די בעסטע קו איז געפאַלן, און ווער ווייס צי דעם מאָרגן?... און אפשר דאַרף מען זיך טאַקע אָפּזוכן אַ ווייב? אַזוי פיל אָנטון נאָך דער פאַרשטאָרבענער אי דאָ — ס׳וואָלט צונוץ געקומען. אָבער די אַלטע דאָמיניקאָווע איז אַ הונט... און וואָסי — ז׳האָבן אַ כאַלופּע און ערד, וואָלט זי געבליבן אויף אירס. דריי זענען זיי, און זיי האָבן פּופּצען מאָר.עס, קומט דאָך אייגנטלעך אויס אויף יאַגנען פינף,

און דאָס אַרויסצאָלעכץ פאַר דער כאַלופּע און פאַרן ליוועגטאַרזש*)! פינף מאָרגעס, דאָס זענען אַקוראַט די פעלדער נאָך מיין קאַר־טאָפליסקע**), קאָרן, ווי ס'זעט מיר אויס, האָבן זיי הייער גע־זייעט, יאָ.. פינף מאָרגעס צו מיינע צו, זענען... פינף און דריי־סיק אַן ערך! אַ היפּש שטיק פעלד!...

ער האָט אַ רייב געטון די הענט און פאַראַכטן דעם פּאַ־סעק, — נאָר איין מילנער, וואָס ר'האָט מער... אַ גנב, פון מענטש־לעכע עוולות און פון פּריצענט, און פון אָפּניירעריי האָט ער אַזוי פיל אָנגעקליבן און אויף באַ יאָר, וואָלט איך צוגעפירט מיסט, וואָלט עס מיר פאַראַקערט און וואָלט מיר פאַרזייעט ווייץ אויפן גאַנצן שטיק. אַ פערד וואָלט מען געדאַרפט צו קויפן, און נאָך דער גראַנולע עפּעס אַ קו טשיגע... אַ קו וואָלט זי אפילו גע־קריגן.

אָט אַזוי האָט ער זיך גאָכגעטראַכט, גערעכנט, געפאַנטאַזירט ווי אַ באַלעבאָס, ביז ער איז טיילמאָל שטיין געבליבן פון צו שטאַרקן איבערלייגן זיך. און ווייל ער איז געווען אַ קלוגער פּויער, האָט ער דעריבער אַלץ מיטאַנאַנד אין זיך צונויפגענומען און טיף אין געדאַנק זיך אויסמיאַרקירט, ער זאָל עפּעס נישט פאַרזען און נישט פאַרגעסן.

— אוי וואָלטן זיי געלאַרעמט. די יוכעס, געלאַרעמט! — האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן די קינדער, אָבער באַלד האָט אַ כוואַליע פון שטאַרקייט און זיכערקייט אים דאָס האַרץ פאַרזאָסן און זיין דערווייל נאָך טעמפּן, און וואַקלענדיקן באַשלוס נאָך פעס־טער געמאַכט.

—דער גרונט אי דעך מיין, אַ זאשע עמעצן אַנדערש צו, אים. און אַ' צ'ווילט ניש, אי... — ער האָט נישט געענ־

---

*) אינ־ויענטאַר.

**) קאַרטאָפל־פעלד.

דיקט, וואָרים ער איז שטיין געבליבן פאַר יאַגנעס כאַלו־
פּע.

ס׳האָט זיך נאָך געלויכטן באַ זיי. און דורך דעם אָפענעם פענסטער איז אַ ברייטער פּאַס ליכט געפאַלן, וואָס האָט זיך ווייט איבערן קזשאַק געאָרגיניעס און איבער די נידעריקע פלוימען־ביימער, ביז אויפן פּלאָט און אויפן וועג אַרויס אַוועקגעצויגן.

באַ יינע איז שטיין געבליבן אין שאָטן און האָט פאַרזונקען דעם בליק אין שטוב אַריין.

אַ לעמפּל האָט געטליעט איבערן אָקאָפּ, אָבער אין קוימען האָט געמוזט ביזוועזן אַ שטאַרק פייער, ווייל ס׳האָט זיך געהערט דער קנאַק פון טשוויערקעס*) און אַ רויטלעך ליכט האָט אָנגעפילט די אומגעהייערע שטוב, וואָס האָט זיך געטונקלט אין די ווינקלען. די אַלטע איז געשטאַנען איינגעקוליעט פאַרן קוימען און הויך געוויינט, און יאַגנע איז קעגנאיבער איר מיטן פנים צום פענסטער געזעסן; זי איז געווען אָנגעטון נאָר אין העמד און מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל ביזן אָרעם — זי האָט אונטע־געפליקט אַ גאַנדז.

— אַ שיינע, די יוכע, איז זי שוין איינמאָל אַ שיינע — האָט ער אַ טראַכט געטון.

זי האָט טיילמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צוגעהערט זיך צו דער מוטער, זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, דאָ האָט זי זיך ווידער גענומען פליקן די פעדערן, ביז די גאַנדז האָט פון ווייטיק אַ גאָגאָטשע געטון און אָנגעהויבן זיך רייסן מיט אַ געשריי פון אירע הענט אַרויס, און צו קלאַפּן מיט די פליגל, אַזש דער פוך האָט זיך אין אַ ווייסן נעפּל איבער דער שטוב צעווייעט. זי האָט זי שנעל איינגעשטילט און פעסט זי מיט די קני צונויפגעדריקט אַזוי,

---

*) אזא האָלץ

אַז די גאַנדז האָט נאָר שטיל און מיט ווייטיק געגאָגאָטשעט און אַנדערע האָבן פון פעדערהויז ערגעץ, צי פון פאָדוואַרזש אָפּגע־ענטפערט.

— אַ שיינע פויערטע — האָט ער אַ טראַכט געטון און איז אייליק אַוועקגעגאַנגען, וואָרים עס האָט אים אין קאָפּ אַריין אַ זעץ געטון, אַז ער האָט זיך אַזש אַ דראַפּע געטון, ער האָט זיך פאַרקנעפּלט די פּעטליעס און איינגעצויגן דעם פּאַסעק.

ער איז שוין געווען בײַ זיך אין טויער און איז אַריינגע־גאַנגען אין הויף, ווען ער האָט זיך אימגעקוקט אויף איר הויז, ווייל ס׳איז אַקוראַט געשטאַנען אַקעגנאיבער, דאָס איינע נאָר, וואָס עס איז אויף יענער זייט וואַסער. עמעצער איז גראָד אַרויסגע־גאַנגען, ווייל דורך דער אָפּגעלענטער טיר האָט זיך אַ גאָס גע־טון אַ שטראָם ליכט, און ווי אַ בליץ האָט עס אַ בלענד געטון און געפאַלן אַזש אויפן סטאַוו, דערנאָך האָבן עמעצנס פּעסטע מריט זיך צעפּויקט, און עס האָט זיך צעטראָגן אַ פּליעסק פון אָנגעשעפּטן וואַסער, און צום סוף, האָט זיך פון דער פינסטערניש און פון געפל, וואָס האָט זיך פון די לאָנקעס אָנגעטראָגן אַ שטילעטשקע ליד אָפּגערופן:

איך נאָך וואַסער, דו דערלעבן,
ווי־זשע דיר דאָס פּיסקל געבן?...
אויף אַ בלעטל בײַ דער זשיטשקע*),
נאַ דיר ס׳פּיסקל, טייערינשקער.

ער האָט זיך לאַנג איינגעהערט, נאָר די שטימע איז שנעל פאַרפאַלן געוואָרן און דאָס ליכט איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן. אויפן הימל האָט זיך פון הינטער די וועלדער אַפּער

*) א טייכל.

אַרויפגעקאָלערט אַ פולע לבנה און באַזילבערט דיביימער-שפּיצן, און דורך די צווייגן געגאָסן ליכט אויפן סטאַוו און פאַרקוקט זיך אין די פענסטער פון די כאַטעס, וואָס זענען געשטאַנען קענגאי-בער. די הינט זענען אפילו שטיל געוואָרן, אַ טיפע אומגעהייערע שטילקייט האָט דאָס דאָרף און יעדעס באַשעפעניש אַרומגענומען.

באַרינע איז זיך אַדורכגעגאַנגען איבערן הויף, אַריינגעקוקט צו די פערד, זיי האָבן געפאָרסקעט און געפרעסן דעם אָבריק; ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין שטאַל, ווייל די טיר איז צו-ליב דער היץ געשטאַנען אָפן. די בהמות זענען געלעגן און גע-מעלהגרהט, און צוגעסטענקעט, ווי געוויינטלעך בהמהלעך — ער האָט צוגעלענט דאָס טויער פון שייער.

ער האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש, אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין און מיט אַ שטיל קול פאַטשערזש געזאָגט.

און ווייל אַלע זענען שוין געשלאָפן, האָט ער זיך אויך שטיל אויסגעטון און באַלד שלאָפן געלייגט.

אָבער ער האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן, דאָ האָט אים ס'איבערבעט געבריט, אַז ער האָט אַזש די פיס אָפּגעגע-שטעקט, דאָ האָבן זיך אים פאַרשידענע עסקים אין קאָפּ געפּלאָנ-טערט, אי זאָרגן, אי געדאַנקען... דאָ האָט אים דער בויך עפּעס געוואַלטיק געשווערט, אַז ער האָט אַזש געקרעכצט און געמרוקעט.

— שטענדיק זאָג איך זיי, אַז זויערמילך צעזעצט נאָר דעם בויך, און מ'זאָל מיר דאָס אויף באַנאַכט נישט געבן...

און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן יאַגנען; ווי גוט דאָס וואָלט געווען, וואָרים ז'איז אַ שיינע און אַ באַלעבאָסטע און אַ ווי פיל פעלד... דאָ האָט ער זיך ווידער דערמאַנט אָן די קינ-דער, דאָ אָן די רעדערייען אויף יאַגנען, אַז ס'האָבן זיך אים כלערליי מעשיות אין קאָפּ געפּלאָנטערט. און ער האָט אַזש נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן און, ווי ר'איז געווינט געווען שטענדיק צו טון, האָט זיך אים געוואָלט אין צווייטן בעט אַריין אַ רוף טון און זיך אָן עצה האַלטן.

— מאַריש! זאָל איך חתונה האָבן, צי זאָל איך נישט חתונה האָבן מיט יאַגנען?...

אָבער ער האָט זיך באַצייטנס דערמאַנט, אַז מאַריש ליגט שוין פון וויאַסנע אָן אויפן צמענטאַרזש, און דאָרט שלאָפט גאָר יוזקאַ און כראַפּעט, און ער איז אַ יתום, וועלכער האָט זיך נישט מיט וועמען קיין עצה צו האַלטן, האָט ער אַ שווער, זיפץ געטון, איבערגעצלמט זיך און אָנגעהויבן אָפּריכטן אַ תפילה פאַר דער פאַרשטאָרבענער און פאַר אַלע נשמות, וואָס זענען אָן אַ תקון געבליבן.

III

דער כאַרטאַג האָט שוין געהאַט אָפּגעווייסט די דעכער, און מיט אַ דיקער גרויער פּלאַכטע צוגעדעקט די נאַכט און די בלאַסע שטערן, ווען אויף באַרינעס הויף האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן.

קובאַ האָט זיך אַראָפּגעשלעפּט פון זיין טאַפּטשאַן און אַרויסגעבליקט פאַר דער שטאַל — אַ ווייסער פראָסט איז געלעגן אויף דער ערד און עס האָט ערשט געגרויט, אָבער דער זון־אויפגאַנג האָט זיך שוין צעברענט אויף מזרח־זייט און פאַררייטלט די ווייס־פאַרפראָסטיקטע ביימער־שפּיצן, — ער האָט זיך פאַר תענוג אויסגעצויגן, עטלעכע מאָל זיך אויסגעגענעצט און אַריינגעגאַנגען אין דער בהמה־שטאַל, כדי אויפוועקן אַ געשריי צו טון, אַז ס׳איז שוין צייט אויפצושטיין, אָבער דאָס שגצל האָט עטוואָס דעם פאַרשלאָפענעם קאָפּ אונטערגעהויבן און אַרויסגעשעפּטשעט:

— באַלד, קובאַ, באַלד! — און האָט זיך צוגעטוליעט צום נעלעגער.

— שלאָף דיר נאָך אַ דזשעבלע, אַר מענקער נעבעך, שלאָף דיר! — ער האָט אים אַרומגעדעקט מיטן פעלץ און אַוועקגעהינקט,

ווייל ער האָט זיך געהאַט אַמאָל די קני דורכגעשאָסן, האָט ער שטאַרק צו געלאָמט און דעם פוס נאָכגעשלעפּט; ער האָט זיך אָנגעוואָשן בײַ דער ברונעם, צוגעגלעט זיך מיט דער האַנט די שי־טערע פלאַקסענע האָר, וואָס האָבן זיך אים געהאַט פאַרוויקלט אין קאָלטענעס און אַנידערגעקניט אויף דער שוועל פון דער שטאָל, כדי דעם פּאַטשערזש אָפּצוזאָגן.

דער באַלעבאָס זענען נאָך געשלאָפן, אין די פענסטער פון דער כאַלופּע האָבן זיך אָנגעצונדן בלוטיקע שטראַלן פון דעם זון־אויפגאַנג, און געדיכטע, ווײַסע נעפּלען האָבן זיך פּאַמעלעך געצויגן פון די סטאַוון, זיך שווער געוויגט, און אינדערהייך און צעריסענע שטיקער זיך אויפגעהויבן.

קובאַ האָט גערוקט צווישן די פינגער דאָס תפילה־ביכל און לאַנג מתפלל געווען, און געלאָפן מיט די אויגן אַ בערן פּאַד־ווארזש*), איבער די פענסטער פון דער כאַלופּע, איבערן סאַד, וואָס האָט זיך נאָך הינטן געטונקלט, איבער די עפּל־ביימער, וואָס זענען באַהאַנגען געווען מיט עפּל, ווי די פויסטן; ער האָט מיט עפּעס טשיס אַ וואָרף געטון אין דער בודע אַריין, וואָס איז גע־שטאַנען בײַ דער טיר, אין לאַפּעס ווייסן קאָפּ אַריין, אַזש דער הונט האָט אַ וואָרטשע געטון, אײַנגעקאָרטשעט זיך און ווײַ־טער געשלאָפן.

— ס׳דען, ביזן סאַמע זון־אויפגיין עסטו פאָפן, דו יוכע! — און ער האָט אים אַ וואָרף געטון איין מאָל, צוויי מאָל, ביז דער הונט איז אַרויסגעקראָכן, אויסגעצויגן זיך, אויסגעגענעצט, אַ מאַך געטון מיטן וויידל, אַנידערגעזעצט זיך אויף די הינטערשטע לאַ־פּעס און אָנגעהויבן זיך דראַפּן און מיט די ציין אין די געדיכטע קודלעס זיך אָרדענונג צו מאַכן.

... און כ׳ברענג אַ קרבן די דאָזיקע תפילה דיר און אַלע

*) הויף.

הייליקע, אָמן! — ער האָט זיך לאַנג געקלאַפּט אין דער ברוסט אַריין, און אויפשטייענדיק, האָט ער צו לאַפּע אויסגערופן:

— קוקטס אים נאָר אָן! אַן אַלגאַנט, די יוכע, קלויבט זיך די פליי אויס, ווי אַ באָבע אויף אַ חתונה.

און ווייל ער איז געווען אַן אַרבעטזאַמער, האָט ער זיך אַ נעם געטון אַלץ אין אָרדנונג צוברענגען — ער האָט אַרויסגע־שלעפּט דעם וואָגן פון שייער און די רעדער אָנגעשמירט, אָנגע־פּאָיעט די פערד און זיי היי צוגעלייגט, אַז זיי האָבן אַזש אָנגע־הויבן צו פּאָרסקען און קלאַפּן מיט די פּאָדקאָוועס, און דערנאָך האָט ער געברענגט פון תבואה־קאַמער אַ ביסל פּלעווע, גוט עס אַדורכגעשמאַלצן מיט האָבער און אַריינגעשאָטן דער קלאַטשע אין זשלויב אַריין, ווייל זי איז געשטאַנען אָפּגעצוימט, באַזונדער.

— פרעס, אַלטע, פרעס; עסט האָבן אַ זשרעבאָק, דאַרפסטו האָבן כּוח, פרעס! — ער האָט איר אַ גלעט געטון איבער די נאָ־לעכער, אַז די קלאַטשע האָט אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיין אָרעם און ליבלעך אים אָנגעכאַפּט מיט די ליפּן בײַ די קאָל־טענעס.

— ... די גיטאָפּליס ע׳מיר ביז מיטאָג אָפּפירן און אַרום פאַרנאַכט־צו אין וואַלד אַריין, נאָך בלעטער — אַ׳ ניש קאַ מורא, די בלעטער זענען לייכט, כ׳על דעך ניש צו פיל יאָגן...

— און דו שלעפער, מיט דער בייטש עסטו קריגן, קוקטס אים נאָר אָן, האָבער שמעקט אים אָן דעם ליידיקגייער — האָט ער אַ זאָג געטון צום וואַלאַך, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן און דעם קאָפּ צווישן די ברעטער פון דער פאַרצוימונג אין דער קלאַ־טשעס זשלויב אַריינגעשטעקט. ער האָט אים אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין זאַד אַריין, אַז דאָס פערד איז אַזש אין אַ זייט אָפּגעשפּרונגען און אַ הירזשע געטון,

— ס׳דען, דו יידישער פאַראָבעק! פרעסן, וואָלסטו אפילו כאָטש ריינעם האָבער געפרעסן און צו דער אַרבעט ביסטו נישטאָ, אָן קאַ בייטש, דו יוכע, עסטו דעך ניש רירן פון אָרט, האַ?

ער האָט אים געלאָזט שטיין און אַריינגעכאַפּט אַ בליק צו דער זשריביע, וואָס איז געשטאַנען בּאַ דער סאַמער וואַנט און שוין פונדערווייטנס צון אים אויסגעצויגן דעם קאַשטאַנאָוואַטן קאָפּ מיטן ווייסן פלעק אויפן שטערן און שטיל געהירזשעט.

— שטילער, קליינטשיקער שטילער, קיי נאָר עפּעס איבער, ווּרים עסט פאָרן מיטן באַבאָעס אין שטאָט אַריין! — ער האָט אָפּגעפלאָכטן אַ וויעכעטש פון היי און אָפּגערייניקט איר די זייט, וואָס איז איינגערעכט געווען — שוין אַ גרויסע קלאַטשע, שוין צייט צום אָגער — און ביסט אַ חזיר. ביסט שטענדיק איינגעשמירט, ווי אַ מאַטשאָרע — האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין רעדן און איז געגאַנגען אין כליוו אַריין אַרויסלאָזן די חזירים, ווייל זיי האָבן געקוויטשעט, און לאַפּע איז אים נאָכגעגאַנגען און כסדר געקוקט אים אין די אויגן אַריין.

— און דו וואָלסט אויך עפּעס געגעסן, האַ? טאָ נאַ-זשע דיר אַ שטיקל ברויט, נאַדיר! — ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בוזעם אַ שטיקל און עס אים געוואָרפן. דער הונט האָט עס אַ כאַפּ געטון און זיך באַהאַלטן אין דער בודע, וואָרים די חזירים זענען אים נאָכגעלאָפן עס אים אַרויסרייסן.

— קוקטס, די חזירים, ס'אי פונקט, ווי וועלכער מענטש טיילמאָל, אַבי נאָר אויסצוכאַפּן עפּעס פרעמדס און אַריינצוזשלאָקען...

ער האָט אַריינגעבליקט אין שייער אַריין און לאַנג געקוקט אויף דער קו, וואָס איז געהאָנגען בּאַם בעליק.

— ס'אי דעך נאָ אַ נאַרישע בהמה, און אויך אויף דעם איגעקוּ ען אַ סוף. זעט אויס אַ' מאָרגן עט מע פליישׂ קאָכן... דאָס איז אַלץ, וואָס ס'אי דאָ פון דיר, אָרימענקע נעבעך, וואָס דער מענטש עט זיך זונטיק ס'האַרץ דערכאַפּן.

ער האָט אָפּגעזיפצט, דערמאַנענדיק זיך אָן דעם דאָזיקן עסן און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אויפוועקן וויטעקן.

— די זון איז אַט, אַט — ז'עט זיך באַלד באַווייזן...
מ'דאַרף די בהמות אויסטרייבן.

וויטעק האָט עפּעס אַ מירמל געטון, אַקעגנגעשטעלט זיך, צוגעדריקט זיך צום פּעלץ, אָבער סוף כּל סוף איז ער נעבעך דאָך אויפגעשטאַנען און אַרומגעקראָכן איבערן הויף שווער און פאַרשלאָפן.

דער באַלעבאָס זענען היינט פאַרשלאָפן, וואָרים די זון איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען און צערייצלט דעם ווייסן פראָסט און אָנגעצונדן לאָנעס אין די וואַסערן און אין די פענסטער, און פון דער כאַלופּע האָט זיך קיינער נישט געוויזן...

וויטעק איז געזעסן אויף דער שוועל פון דער שטאַל און עקשנותדיק זיך געדראַפּעט און געגענעצט, און ווייל די שפּאַצן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפליען פון די דעכער צו דער ברונעם און קלאַפּן מיט די פליגל אין דער קאָריטע, האָט ער צוגעבריגט אַ לייטערל און איז אַרויפגעקראָכן אונטערן אָקאַפּ, צו געבן אַ קוק צו די שוואַלבן־נעסטן, וואָרים ס'איז עפּעס דאָרט שטיל געווען.

— צי זענען זיי אויסגעפרוירן געוואָרן, צי וואָס?

און ער האָט אָנגעהויבן פאָרזיכטיק אַרויסצוציען די פאַרפרוירענע פייגעלעך און זיי אַריינלייגן אין בוזעם.

— קובאַ, עך ווייסט, זיי לעבן ניש, אָ! — ער איז צוגעלאָפן צום פאַראָבעק און געוויזן אים די שטייפע, אויסגעלאָשענע שוואַלבן.

אָבער קובאַ האָט זיי גאָר אַ נעם געטון אין דער האַנט אַריין, צוגעלייגט צום אויער, אַ בלאָז געטון אין די אויגן אַריין און אויסגערופן:

— פאַרשטאַרט געוואָרן, וואָרים ס'איז אַ גאַלאַנט פרעסטל. נאָר נאַרישע פייגעלעך, וואָס זיי זענען נאָך נישט אַוועקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער, נע, נע... — און ער איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט.

און וויטעק האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער דער זייטיקער

וואַנט פון דער כאַלופּע, וואָרים די זון איז שוין דאָרט געהאַט צוגעקומען און אָפּגעגאָסן די געווייסטע ווענט, איבער וועלכע ס'האָבן שוין פליגן אָנגעהויבן אַרומקריכן; ער האָט אַפּערגענומען פון אונטערן העמד די שוואַלבן, וועלכע האָבן שוין, דערוואַרעמט אַ ביסל פון זיין קערפּער, אָנגעהויבן צו שאַרן מיט די פיסלעך, ער האָט אויף זיי אַרויפגעהויכט, אויסגעעפנט זיי די שנאָבעלעך, אָנגעפּאָיעט זיי פון זיין אייגן מויל — ביז זיי האָבן אויפגעלעבט, אויפגעעפנט די אייגעלעך און אָנגעהויבן זיך רייסן צום אַנטלויפן, דאַמאָלס האָט ער מיט דער רעכטער האַנט זיך געצאַיעט איבער דער וואַנט און וואָס אַמאָל אַ כאַפּ געטון אַ פליג, אָנגעקאָרמעט מיט איר דאָס פייגעלע און עס אָפּגעלאָזט.

— פליטס ענק צו דער מוטער, פליטס ענק — האָט ער געשעפּטשעט, קוקנדיק, ווי די שוואַלבן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די מיט ליים באַשמירטע ווענט פון דער שטאַל, האָבן זיך געקעמט מיט די שנאָבעלעך און געפּישטשעט, ווי זיי וואָלטן געדאַנקט.

און לאַפּע איז פאַר אים אויפן אונטן געזעסן און שפּילנדיק זיך געסקאַמלעט, און יעדעס מאָל, וואָס אַ פייגעלע איז אַרויסגעפלויגן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון דערנאָך, אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט און זיך ווידער אומגעקערט אויף דער וואַך...

— יאָ, כאַפּ ב'ווינט אין פעלד — האָט וויטעק אַ מרוק געטון, און האָט זיך אַזוי פאַרטון אין דעם דערוואַרעמען די שוואַלבן, אַז ער האָט אפילו נישט געזען, ווען באַרינע איז אַרויסגעקומען פון הינטערן ווינקל אַפּער און געבליבן שטיין פאַר אים.

— מיט פייגעלעך, שטשערווע, שפּילסטו דיך, האַ?

ער האָט זיך אַ ריס געטון צו אַנטלויפן, אָבער דער באַלעבאָס האָט אים פלינק אַ כאַפּ געטון באַם קאַרג און מיט דער צווייטער האַנט זיך שנעל אָפּגעפּאַסעוועט דעם ברייטן, האַרטן רימען.

— און טאַטש שלאָגטס ניש, און טאַטש — האָט ער נאָר באַוויזן אַ געשריי צו טון.

— אַזאַ פאַסטוך ביסטו דאָס, האַ? אַזוי היטסטו, האַ? די בעסטע קו אַ תל געמאַכט, האַ.. דו ממזר, דו וואַרשעווער פאַקראַקע! דו! — און ער האָט ווילד געשלאָגן, ווי ער האָט נאָר געטראָפן, אַזש דער רימען האָט געסווישטשעט, און דאָס יינגל האָט זיך איינגעדרייט ווי אַ פיסקאַרזש*) און יעמערלעך געשריגן.

— שלאָגטס ניש! אום גאָטעס ווילן! ר'עט מיך דערהרגענען! באַבאָעס-לעבן!... אָ יעזו, ראַטעוועטס...

אַזש האַנקע האָט אַ קוק אַרויס געטון פון דער כאַלופע צו זען, וואָס עס טוט זיך, און קובאַ האָט אַ שפיי געטון און באַהאַלטן זיך אין שטאַל אַריין.

און באָרינע האָט אים אָרנטלעך אָנגעקיילט, ער האָט זיך אויסגעשלאָגן דעם היזק אויף זיין לייב אַזוי ווילד, אַז וויטעקן איז אַזש ס'פּנים בלוי געוואָרן און פון דער נאָז האָט זיך אים דאָס בלוט געלאָזט, ער האָט געמאַכט הימל-שרייענדיקע קולות, עפעס ווי דורך אַ וואונדער זיך אויסגעריסן, אָנגעכאַפּט זיך מיט ביידע הענט פון הינטן באַ די הויזן און אַ לאָז געטון זיך פון הויף אַרויס.

— יעזו, ז'האָבן מיך דערהרגעט, ז'האָבן מיך דערהרגעט! — האָט ער געריטשעט און אַזוי געלאָפן, אַזש די רעשט שוואַלבן זענען אים אַרויסגעפלויגן פון אונטערן בוזעם און האָבן זיך איבערן וועג אַ צעשיט געטון.

באָרינע האָט אים נאָך נאָכגעגראָזשעט, אַרומגעפּאַסעוועט זיך, זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין און אַ בליק געטון אין אַנטעקס זייט אַריין.

— די זון אי שוין צוויי פויערן די הייך און דו ליגסט דיך נאָך אויס! — האָט ער אַ געשריי געטון אויפן זון.

---

*) אזא ים-פיש.

— כ׳האָב מיך נעכטן איבערגעהויבן ווי אַן אָקס איז מוז איך מיך אויסרוען.

— יעך פאַר אין סאַנד אַריין... פיר אָפּ די קאַרטאָפּלעס.

אין אַ׳ די מענטשן עלן ענדיק דאָס קאָפּן, איז זאָל מע זיי אַוועקטרייבן בלעטער אַנגראַביען, און דו וואָלסט געמעגט אַרייַנקלײַבן קאָלקעס — די כאַלופּע אויפן ווינטער אַרומצוהילן.

— הילטס ענק אַליין אַרום די כאַלופּע, אונדז בלאָזט דאָ ניש אַריין.

— אָסט שוין געזאָגט... על איך מיר מיין זייט אַליינאַ רומהילן, און דו ווער געפּרוירן, אַ׳ דו ביסט אַ פּוילאַק.

ער האָט אַ קנאַק געטון מיט דער טיר און איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין זייט אַריין.

יוזקאַ האָט שוין געהאַט צעברענט אַ פייער און איז געגאַנגען מעלקן די בהמות.

— ניכער גי מיר עסן, וואָרים כ׳מוז פאָרן...

— כ׳על דעך מיך ניש צערייסן, צוויי מלאכות אין אַ מאָל — כ׳על דעך מיר ניש קאָן עצה געבן — און זי איז אַוועקגעגאַנגען.

— קאַ רויִקע מינוט אי נישטאָ, נאָר יאַדע דיך אַרום מיט יעדן אייניציקן! — האָט ער אַ טראַכט געטון און גענומען זיך איבערטון, אָבער ר׳איז בייז געווען און אַ כעס האָט אים געפרעסן. — ווי דען, די שטענדיקע מלחמה מיטן זון, קאַ וואָרט קען מען נישט אַרויסזאָגן, ווייל באַלד שפּרינגט ער דיר מיט די גראַבטשעס אין די אויגן אַריין, אָדער ר׳עט דיר גאָר אַ זאָג טון עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳עט דיר אַזש די לעבער אָנרירן. אויף קיינעם איז זיך נישטאָ צו פאַרלאָזן, נאָר האָרעווע און האָרעווע!

דער כעס האָט זיך אין אים וואָס אַמאָל מער געשטאַרקט, אַזש ער האָט שטילערהייט געשאָלטן און מיט די שמאַטעס און מיט די שטיוול איבער דער שטוב געוואָרפן.

— זיי דאַרפן זיך האָרכן און זיי האָרכן זיך נישט! פאַרוואָס אי דאָס? — האָט ער געטראַכט.

— ווי ס׳זעט זיך אויס, איז אָן אַ שטעקן, אָן אַ האַרטן מיט זיי אַרורכצוקומען, עסטו נישט! זיי זענען שוין לאַנג דאָס ווערט געווען, באַלד נאָכן טויט פון דער פאַרשטאָרבענער, ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן איבערן רונט אַרומצוקריגן, נאָר ער האָט זיך נאָך געוואָגעוועט*), כדי קיין קריגערייען אין דאָרף נישט אַריינצוברענגען. אַ באַלעבאָס איז ער דאָך געווען נישט קאַ ליאַדע וואָסערער, אויף דרייסיק מאָרגעס, און פון דער אָפּשטאַמונג נישט קאַ ליאַדע ווער — באָרינע — אַ באַוווסטער נאָמען. נאָר מיט גוטן עסטו מיט זיי קאַ סוף ניש מאַכן, ניין.

דאָ איז אים געקומען אויפן געדאַנק דער איידעם, דעו קאָוואַל, וועלכער האָט שטילערהייט אַלעמען אונטערגעהעצט, און איז אַליין אויך כסדר צוגעשטאַנען, מ׳זאָל אים זעקס מאָרגעס אָפּשרייבן, און אַ מאָרגע וואַלד — און אויף דעם איבעריקן האָט ער שוין געוואָלט צוװאַרטן...

— דאָס מיינט ער אוודאי אַ׳ כ׳על שטאַרבן! וואַרט דו כלב, וואַרט — האָט ער מיט כעס געטראַכט. — כל זמן כ׳זשיפּיע נאָך, עסטו פון קאַ ב״ט קאַ שמעק ניש קריגן! צ׳קוקט אים אָן, דעם חכם!

די קאַרטאָפּליעס האָבן זיך שוין שטאַרק געקלעקטשעט אין קוימען, ווען יוזקאַ איז געקומען פון דער מעלק און האָט אויף גיך דאָס אָנבייסן צוגעגרייט.

— יוזקאַ, ס׳פּלייש לאָזטו אַליין פאַרקויפן. מאָרגן אי זונטיק, מענטשן זענען שוין געוויר געוואָרן, עלן זיי זיך דאָ אָנלויפן; נאָ בגרג ניש קיינעמען. ס׳היטערשטע חלק לאָז איבער פאַר אונדז; מ׳עט אַהער רופן יאַמבראָזשען, עט ער איינזאַלצן און צורעכטמאַבן...

— טאַטש דער קאָוואַל קענען דעך אויך...

*) געוואַקלט מים דער דעה.

— אָבער ער וואָלט זיך איינגעטיילט, ווי דער וואָלף מיטן שעפּס.

— מאַגדע עט האָבן עגמת נפש דערפון, ס'איז אונדזער קו, און ז'עט זי אפילו נישט אָנקוקן.

— טאָ שנייד-זשע אויס פאַר מאַגדען עפּעס אַ חלקל און טראָג איר אַהין, נאָר דעם קאַוואַל זאָלסטו ניש רוּבן.

— צ'זענט אַ גוטער, טאַטוליו, צ'זענט אַ גוטער.

— נ'אוודאי, טעכטערל, נ'אוודאי. היט דאָ אָפּ, על איך דיר שוין ברענגען אַ זעמעלע אָדער עפּעס אַנדערש.

ער האָט זיך נישקשהדיק אונטערגעלענט, אַרומגעפּאַסעוועט זיך מיטן פּאַסעק, צוגעגלעט זיך מיט דער באַשפּיגענער האַנט די צעפּלאָשעטע און שיטערע האָר, האָט גענומען די בייטש און זיך נאָך איבער דער שטוב אומגעקוקט...

— כ'זאָל נאָ עפּעס ניש פאַרגעסן. — ס'האָט זיך אים גע-גלוסט אַ בליק אַריינצוואַרפן אין דער קאַמער, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן, ווייל יוזקאַ האָט געקוקט, האָט ער זיך איבער-געצלמט, און גערירט אין וועג אַריין.

און שוין צוזאַמענגעמענדיק פון פּאָלקאָשעק די גראָב-לייוונ-טענע לייצן אין דער גאָרשטש אַריין, האָט ער צו יוזקאַן אויפן גאַנעק אַרויסגעשריגן:

— ז'עלן ענדיקן די קאַרטאָפליעס, זאָל מע באַלד גיין צו-זאַמענגראַביען די בלעטער, דאָס קוויטל ליגט הינטערן בילד. און זאָלן זיי אויך אונטערשניידן עפּעס אַ גראַבינע ביימל אָדער אַ כאַינקע — ס'עט צונוץ קומען.

דער וואָגן האָט אַ ריר געטון און ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט הויף, האָט וויטעק אַ שימער געטון פאַר די אויגן פון אונטער די עפּל-ביימער אַפער.

— כ'אָ פאַרגעסן... טפּררר... וויטעק! טפּררר... וויטעק לאָז אַרויס די קי אויף דער לאָנקע, נאָ היט אָפּ, ווייל כ'על דיך, יוכע, קאַטעווען, אַ' ד'עסט האָבן צו געדענקען!

— ס'דינג קושט מיר אין דאָס... — האָט ער האַרט אָפּגעענטפערט, און איז הנטערן שייער פאַרשווינדן.

— 'עסט דאָ נאָך פּיסקעווען, אַ' כ'על אַראָפּקריכן, עסטו שוין זען...

ער האָט פאַרקירעוועט פון הויף אַוועק לינקס, אויפן וועג אַרויף, וואָס פירט צום קלויסטער; ער האָט אַ שמיר געטון מיט דער בייטש דער זשריביע, אַז ז'האָט אַזש אונטערגעטאַנצט פאַר מורא און אָנגעהויבן לויפן איבערן אויסגעפּאַרעצעם מיט שטיינער פאַרשיטן וועג.

די זון איז שוין געווען הויך כּמעט איבער די כאַלופּעס און האָט געלויכטן וואָס אַ מאָל וואַרעמער, וואָרים פון די ווייס-באַפּראָסטיקטע דעכער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּאַרע און וואַסער האָט אָנגעהויבן פון זיי רינען, נאָר אין די שאָטנס — אונטער די פּלעטער, אין די סטדער, אין די ראָוועס, איז נאָך אַ גרויער פּראָסט געלעגן: איבערן סטאַוו האָבן זיך נאָך געצויגן די לעצטע שוין שי ערע נעפּלען, און דאָס וואַסער האָט שוין אָנגעהויבן, ווי פון אונטער אַ הייטל אַפּער מיט שטראַלן צו זידן און אָפּצושפּיגלען די זון.

אין דאָרף האָט זיך שוין אָנגעהויבן די געוויינטלעכע באַוועגונג: דער פרימאָרגן איז געווען אַ קלאָרער און אַ קילער, און ווייל דאָס פּראָסטל טאַקע האָט אויפגעפרישט די לופט, האָט מען זיך מונטערער און רוישיקער גערירט; גאַנצע חברות-ווייז זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אויף די פעלדער, טייל זענען געגאַנגען מיט די מאָטיקעס, די קיישלעך אויף די הענט, צועסנדיק דעם לעצטן ביסן פון אָנבייסן, טייל האָבן די אַקעראייזנס געצויגן אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער אַרויף, טייל האָבן בראָנעס אויף די וועגענער געפירט און זעק פול מיט זאָמען צום זייען; טייל האָבן זיך ווידער גאָר פאַרקירעוועט אין די וועלדער אַריין מיט די גראַבי ס אויף די אַקסלען, בלעטער צוזאַמען צושאַרן — אַזוי, אַז ס'האָט נאָר געפּויקט אויף ביידע זייטן סטאַוו און די געוואַלטן זע-

נען אַלע מאָל שטאַרקער געוואָרן, ווייל די וועגן זענען געווען פאַרפאַקט מיט בהמות, וואָס האָבן געצויגן אויף דער פאַשע, אַ געבילעריי פון הינט, אויסגעשרייען, וואָס האָבן אַלעמאָל אַרויסגעזעצט פון דעם נידעריקן שווערן שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון די באַטויעטע וועגן.

באָרינע האָט פאָרזיכטיק אויסגעמיטן די סטאַדעס, טיילמאָל אַ שמיר געטון איבער די וואָל פון אַ נאַרישער שעפעלע, אָדער קאַלב, וואָס האָט זיך נישט אָפּגערוקט פאַר דער זשריביע, ביז ער האָט אַלע אויסגעמיטן, און איז לעבן קלויסטער, וואָס יז פאַרשטעלט געווען מיט אַ ריזיקן וואַל פון פאַרגעלטע ליפעס און קלאָנעס, אַרויפגעפאָרן אויף אַ ברייטן גרויסן שליאַך, וואָס איז אויסגעזעצט געווען פוןביידע זייטן מיט טאָפּאָלן!

און ווייל אין קלויסטער האָט מען גראָד אַ הייליקע תפילה אָפּגעריכט, וואָרים דאָס סיגנאַלן-גלעקל האָט לכבוד דעם געקלונגען, און ס'האָבן געברומט מיט אַן איינגעשטילטער שטימע די אָרגלען, האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּעלוש און פרום אַ זיפץ געטון.

דער וועג איז געווען לער און אַזוי געדיכט אויסגעשפּרייט מיט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, אַז די אויסגעפאָרענע ערטער און די טיף איינגעשניטענע רעדער-צייכנס, האָבן זיך פאַרדעקט מיט אַ זשאַווער-גאָלדענעם טעפּיך, איבערגעהאַקט מיט געדיכטע שטרייפן פון שאָטנס, וואָס די טאָפּאָל-ביימער האָבן פון זיך געוואָרפן, וואָרים די זון האָט פון דער זייט געלויכטן.

— וויאָ, קליינטשיקע, וויאָ! — ער האָט אַ סווישטש געטון מיט דער בייטש און די זשריביע האָט אַ שטיקל וועגס אָנגעהויבן מונטערער צו לויפן, אָבער דערנאָך איז זי אָפּגעשטאַנען און אָנגעהויבן צו גיין פאַמעלעך, ווייל דער וועג, כאָטש נישט אַזוי קענטיק, האָט אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַרויף, דאָרט, וווּ עס האָבן זיך וועלדער געשוואַרצט.

באָרינע, וועלכן די שטילקייט האָט ווי איינגעשלעפערט, האָט

אַ בליק געוואָרפן דאָ דורך דער שורה טאָפּאָלן אויף די פעלדער, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין אַ ראָזן פרימאָרגן-ליכט, אָדער ער האָט זיך גאָר באַמיט צו טראַכטן וועגן דער ספּראַווע מיט יעווקען, דאָ וועגן דער גראַבלען — אָבער ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, אַזוי האָט אים דער שלאָף געפייניקט...

פייגעלעך האָבן געצוויטשערט צווישן די צווייגן, דאָ האָט אַ ווינט אַ שאָר געטון מיט די לייכטענקע פינגערלעך איבער די ביימער-שפּיצן, אַזוי, אַז ערגעץ האָט זיך אַ בלעטעלע, ווי אַ גאָלדן זומער-פייגעלע אָפּגעריסן פון דער מוטער, און קיילעכדיק אַראָפּגעפאַלן אויפן וועג אָדער אויף דעם פאַרשטויבטן שטעכעכץ, וואָס האָט מיט די פייערדיקע אויגן פון זיינע בלומען שטרענג אין דער זון אַריין געקוקט — פון די טאָפּאָלן האָבן אַ רעד געטון, אַ פליסטער געטון שטיל מיט די צווייגלעך, און ווידער שטיל געבליבן — ווי די קומעס, וואָס הייבן בשעת דער תפילה די אויגן אויף, צעשפּרייטן די הענט און זיפצן אַזוי תפילהדיק, און דערפילן זיך אַזוי נישטיק ווי שטויב אַנטקעגן דער מאַיעסטעטישקייט, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם גאָלדענעם הייליקן בילד, וואָס הענגט איבער דער הייליקער ערד, איבער דער מאַמע ערד...

הינטערן וואַלד ערשט האָט ער אויף אַן אמת אויפגעוואַכט און איינגעהאַלטן דאָס פערד.

— ס׳גייט אויף נישקשהדיק — האָט ער אַ שעפּטשע געטון, צוקוקנדיק זיך אונטער דער ליכט, צו די גרויע בייטן, וואָס האָבן זיך מיט אַ נידעריקער באַרשט פון אויפגייענדיקן קאָרן געזשאַווערט.

— אַ שפּאָר שטיק פעלד, און ס׳ליגט האַרט לעבן מיינעם, גלייך ווי עמעצער וואָלט עס אומישנע אַזוי צוגעטראַכט. דאָס קאָרן, זעט מיר אויס, האָבן זיי נעכטן פאַרזייעט, ער האָט מיט אַ ליידנשאַפטלעכן בליק אַרומגענומען די פאַרבראָגנעוועטע בייטן, אָפּגעזיפצט און אַריינגעפאָרן אין וואַלד אַריין.

ער האָט כסדר אונטערגעטריבן דאָס פערד, וואָרים דער

וועג איז געגאַנגען גלייך און האַרטערער, נאָר געדיכט פאַרוואַקסן מ׳ט ביימער־וואָרצלען, אויף וועלכע דער וואָגן איז אַלעמאָל אונ־טערגעשפּרונגען און אַ רעש אָנגעמאַכט.

אָבער ער האָט שוין נישט געדרעמלט, זייענדיק אַרומגענו־מען מיט אַ רויען קילן אָטעם פון וואַלד.

דער וואַלד איז געווען אַן אומגעהייער גרויסער, אַן אַל־טער — ער איז געשטאַנען אין אַ צוזאַמענגעשלאָגענער געדיכט־קייט אין דער מאַיעסטעטישקייט פון עלטער און שטאַרקייט, אַ בוים בײַ אַ בוים, כמעט בלויז סאָסנעס, און אָפּטמאָל אַ צעשפּאָל־טענער דעמב און אַ גרויער פון אַלטקייט, און טיילמאָל בוש־זעס אין די ווייסע העמדער מיט צעפלאָכטענע געלע צעפּ, וואָרים ס׳איז דאָך שוין געווען האַרבסט. די נידעריקערע קזשאַקעס, ווי נוסן־ביימלעך, דאָ גראַבינע־ביימלעך, ווי די קאַרליקעס, דאָ ציטערדיקע אָשינע־ביימלעך — האָבן זיך צוגעטוליעט צו די רויטע, ריזיקע שטאַמען, וואָס זענען אַזוי געדיכט פאַרפלאָנטערט מיט די קרוינען און מיט די צווייגן צוזאַמענגעוואַקסן, אַז נאָר ווו־נישט־ווו האָט זיך די זון דורכגעריסן און פונקט ווי גאָלדענע שפּינען זענען די שטראַלן איבערן מעך און איבער די גרינע פאַרייטלטע פאַפּראָטן געקראָכן.

— ווי ס׳זאָל נישט זיין, זענען דאָך דאָ מיינע פאַרהאַן — פיר מאָרגעס! — האָט ער געטראַכט, מיט די אויגן געפרעסן דעם וואַלד און אויפן אויג זיך שוין ס׳בעסטע אויסגעקליבן. — דער פּאַן יעזוס עט דאָך נישט לאָזן אונדז באַעוולהן — אָדער מ׳עט זיך גאָר אַליין ניש לאָזן, ניין... דער הויף זעט אויס צו האָבן אַ סך, און אונדז ווייניק. וואַרט נאָ... מיינס איז דאָ בײַ אַ פיר און יאַגושעס בײַ אַ מאָרגע... פיר און איינס... וויאָ! בהמה, פאַר סראָקעס עסטו מורא האָבן! — ער האָט איר אַ שמיר געטון מיט דער בייטש, וואָרים אויף אַן אָפּגעדאַרט דרענגל, וואָס האָט אויף זיך גאַטס פיין געטראָגן, האָבן זיך סראָקעס אַזוי עקשנותדיק געקריגט, אַזש

די זשריביע האָט אויפגעשטעלט די אויערן און איז שטיין גע-בליבן.

— אַ חתונה פון סראָקעס אויף די וועגן — איז אַ סימן אויף גרויסן רעגן. — ער האָט דער זשריביע אַ פּאָר בייטשן צוגעקלעבט און שנעל אַ פּאָר געטון.

ס'איז שוין געווען אַ שטיק נאָך אַכט, וואָרים די מענטשן אויף די פעלדער האָבן זיך שוין געזעצט צו די דוואָיאַקעס עסן אָנבייסן, ווען ער איז אַריינגעפאָרן קיין טימאָוו, אין די ליידיקע געסלעך, וואָס זענען אַרומגעשטעלט געווען מיט האַלב איינגעפאַלע-נע געביידעס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַלטע מאַרק-ווייבער וואָלטן זיך טשיפּקע אַנידערגעזעצט איבער די רינשטאָקן פול מיט מיסט, הינער, אָפּגעריסענע יידישע קינדער און חזירים

באַלד בשעת דעם אַריינפאָרן האָבן אים אַרומגערינגלט יידן מיט יידענעס און אָנגעהויבן אַריינקוקן אין פּולקאָש-ק, טאַפּן אַ בי-טער די גראָכאָווינעס, אונטערן געזעס — צי פירט ער נישט עפּעס צו פאַרקויפן.

— אָוועק, פאַרכּעס! — האָט ער אַ מרוק געטון, אַרויפ-פאָרנדיק אויפן מאַרק, אונטערן שאָטן פון אַלטע אַרומגעשיילטע קאַשטן-ביימער, וואָס האָבן געגוססט אינדערמיט פּלאַץ, ווו ס'זענען שוין געשטאַנען באַ אַ צענדלינג וועגענער מיט אויסגעשפּאַנטע פערד.

אויף זיין וועגעלע האָט ער דאָרט אַוועקגעשטעלט, די זשרי-ביע האָט ער אויסגעשפּאַנט, מיטן קאָפּ צום פּולקאָשיק זי אַוועק-געשטעלט, אַריינגעשיט איר אין קעסטל אַריין אָברעק, די בייטש האָט ער באַהאַלטן אין וואָגן — אונטערן געזעס, ער האָט זיך אָפּגעקלאַפּט פון שטרוי און גלייך זיך אַוועקגעלאָזט צו מאָרדקען, דאָרט ווו ס'האָבן געגלאַנצט דריי מעשענע טעלערס, כדי זיך אַ ביסל אַרומצוגאָלן — אין קורצן איז ער אַרויס ריין אָפּגעשאָבן, נאָר מיט איין שניט אויף דער גאָמבע, וואָס איז מיט אַ שטיקל פּאַפּיר פאַרקלעפּט געווען, דורך וועלכן ס'האָט בלוט געקאַפּעט.

די סאָנדעס האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן.

אָבער פאַר דער סאָנד-געביידע, וואָס איז געשטאַנען אין מאַרק, אַקעגנאיבער דעם אומגעהייער-גרויסן קלויסטער, האָט שוין געוואַרט אַ שפּאָרער עולם. זיי זענען געזעסן אויף די אויסגעטרע-טענע שטיגן, זיך געפּאַקט הינטער די פענסטער און פון צייט צו צייט אַ קוק אַריין געטון אינעווייניק. די פּויערטעס ווידער האָבן זיך טשיפּקע אַנידערגעזעצט הינטער די אָפּגעווייסטע ווענט, אַראָפּ-געלאָזט די רויטע טיכער פון די קעפּ אויף די אָרעמס און גע-פּלוידערט.

באָרינע, וועלכער האָט דערזען יעווקען מיטן קינד אויף דער האַנט, שטייענדיק אין דער חברותה פון די עדות אירע, האָט זיך באַלד צעכּסט, ווייל ער איז געווען אַ גיכער צום בייז ווערן. ער האָט אַ שפּיי געטון און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן פּעדער-הויז אַריין, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס דעם סאָנד-געביי.

אויף דער לינקער זייט איז געווען דער סאָנד, אויף רעכטס האָט געוווינט דער סעקרעטאַר, וואָרים גראַד האָט יאַצעק טאַקע אַרויסגעטראָגן אַ סאַמאָוואַר פאַר דער סאַמער שוועל, און האָט אים אַזוי עקשנותדיק צעבלאָזן מיט דער כאָלעווע, אַז ער האָט אַזש געגרויכט, ווי אַ פאַבריק-קוימען, און יעדע ווײַלע האָט אַ צאָרנדיקע שטימע פון דער טיף פון פאַרויכטן פּעדערהויז אַרויסגעשריגן.

— יאַצעק! די שיך דער פּאַניענקעס!

— באַלד, באַלד!

דער סאַמאָוואַר האָט שוין געגרוישט, פּונקט ווי אַ ווולקאַן, און געזעצט מיט פלאַמען.

— יאַצעק! וואַסער דעם הער צו וואַשן זיך.

— טאַטש באַלד, ס'עט זיך אַלץ טון, עט זיך! — און ער האָט אַ פאַרשוויצטער, אָן אַ קאָפּ, געיאָגט איבערן פּעדערהויז, אַז ס'האָט אַזש געפּויקט, ער האָט זיך אומגעקערט, אָנגעהויבן צו-בלאָזן און איז באַלד צוריקגעלאָפן, ווייל די פּריצה האָט אים גערופן:

— יאַצעק! דו פּוילאַק איינער, ווי זענ[?]ן מיינע זאַקן!...

— ס'דען! אַ שטשערוועאיידאַס, נישט קיין סאַמאַוואַר!

דאָס אַלץ האָט אַזוי געדויערט אַ שפּאַר שטיקל צייט, מ'האָט געקענט האָבן צוויי מאָל פּאַטשערזש אָפּגעזאָגט, ביז ענדלעך די טירן פֿון סאַנד האָבן זיך אויפגעעפנט און דער עולם האָט אָנגעהויבן אָנפילן די גרויסע, אויסגעווייסטע שטוב.

יאַצעק, אַצינד שוין אַלס וואַזשנע*), אַ באָרוויסער, אין בלויע הויזן און אויף אַ רעקל פון דעם זעלבן קאָליר מיט מעשענע קנעפּ, און אַ רויט פּאַרשוויצט פּנים, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין אָפּווישן מיטן אַרבל, האָט זיך איילִיק געפּאַרעט הינטער די שוואַרצע קראַטן, וואָס האָבן צעטיילט די שטוב אויף צוויי העלפטן, און האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ, ווי אַ פערד, ווען אַ בייזע פליג גיט עס אַ ביס, וואָרים די געלבלעכע האָר זענען אים אין אַ גזשיווע איבער די אויגן אַראָפּגעפאַלן, דאָ האָט ער פּאַרזיכטיק אַריינגעכאַפּט אַ בליק אין שכנותדיקן צימערל אַריין און דערנאָך זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ רגעלע אונטערן גרינעם אויוון.

און אַן עולם האָט זיך אָנגעפּאַקט, אַז מ'האָט קיין פינגער נישט געקענט אַריינשטעקן. זיי האָבן זיך געשפּאַרט וואָס אַמאָל שטאַרקער אויף די קראַטן אַרויף, אַז די קראַטן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו קנאַקן. אַ גערעדעריי האָט זיך אויפגעהויבן, אין אָנהייב שטיל, פליסטערנדיק — האָט עס זיך געטראָגן איבער דער שטוב, טיילמאָל אָנגעהויבן רוישן, טיילמאָל איבערגעגאַנגען אין אַ קריג, ווייל אַלע מאָל איז אַ שאַרף וואָרט געפאַלן.

די ייִדן האָבן רעשיק געפּילדערט הינטער די פענסטער, און עפּעס באַבעס האָבן אויפן קול אויסדערציילט זייערע עוולות און נאָך העכער געוויינט, אָבער מ'האָט נישט געקענט דערקענען

*) אַ געריכטס־דינער.

וער און ווו, ווייל ס׳איז געווען אַן ענגשאַפט — קעפּ אויף קעפּ, ווי אַ בייט פול מיט רויטן מאַן און קאָרן-זאַנגען, וואָס דער ווינט גיט אַ לייג אום, און זי גיז זיך אַ וואַקל און ברומט און רוישט, און דערנאָך בלייבט זי ווידער שטיין גלייך זאַנג בא זאַנג. דאָ האָט ווידער יעווקע דערזען באַרינען, ווי ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף די קראַטן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן אויסצורעדן און אויסשרייען אויף אים, ביז ער האָט אַ טיף באַליידיקטער שאַרף אָפּגעענטפערט:

— ווער פאַרשטומט, צויג, וואָרן כ׳על דיר די ביינער צעברעקלען, אַ׳ די אייגענע מאַמע עט דיך נישט דערקענען.

דערויף האָט יעווקע אַ דערצערנטע די נעגל אויסגעשטרעקט און געריסן זיך דורך דער ענגשאַפט צון אים, אַזש ס׳טיכל איז איר פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן און דאָס קינד האָט זיך צעשריגן, און מ׳ווייסט נישט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געווען געענדיקט, ווי מיט אַמאָל איז יאַצעק אויפגעשפּרונגען, אויפגעעפנט די טיר און אַ געשריי געטון:

— שטילערטס, שטשערוועס, וואָרן דער סאָנד גייט דעך!...

דער סאָנד איז סוף כל סוף אַריינגעקומען; צום ערשטן, אַ דיקער, אַ הויכער גוטבאַזיצער פון ראַטשיבאָראָוויץ, און נאָך אים צוויי לאַוויקעס און דער סעקרעטאַר, וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם זייטיקן טישל אונטערן פענסטער און צעלייגט די פּאַפּירן, און געקוקט אויף די ריכטער, ווי זיי זענען געבליבן שטיין בא דעם גרויסן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט רויטן טוך און האָבן אָנגעטון די גאָלדענע קייטן אויף די גראָבע קערגער...

ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט אַזש געהערט די, וואָס האָבן אויף דער גאַס הינטער די פענסטער געפילדערט.

דער גוט-באַזיצער האָט צעלייגט די פּאַפּירן, האָט אָפּגעהוסט, אַ קוק געטון אויפן סעקרעטאַר און מיט אַ גראָבע, קלינגענדיק קול געגעבן צו וויסן, אַז די סאָנדעס הייבן זיך אָן.

דערנאָך האָט דער סעקרעטאַר איבערגעלייענט די ספּראַוועס

אויפן הייגטיקן טאָג, ער האָט עפּעס איינגערוימט דעם ערשטן לאָווניק, דער האָט עס איבערגעגעבן דעם ריכטער, וועלכער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

די סאַנדעס האָבן זיך אָנגעהויבן.

צום ערשטן איז געגאַנגען אַ ספּראַווע — אַן אָנקלאַגע פון אַ סטראַזשניק אויף עפּעס אַ ליק*) וועגן אומרייניקייט אויפן הויף.

אונטער די אויגן פאַרמשפּט געוואָרן.

דערנאָך וועגן אָנהרגענען אַ יינגל פּאַר פּאַשען די פערד אויף פרעמדער קאָניטשינע.

זיי האָבן זיך פאַרגלייכט — די מוטער האָט געקריגן פינף רובל און דאָס יינגל ביי׳ע הויזן און אַ רעקל.

אַ ספּראַווע וועגן אַריינאַקערן אין אַ פרעמדן פעלד.

אָפּגעלייגט, ווייל ס׳האָבן געפעלט באַווייזן.

אַ ספּראַווע וועגן אַ וואַלד-גנבה אין ריכטערס וועלדל; עס איז געשטאַנען דער פאַרוואַלטער — באַשולדיקט זענען די פויערן פון ראַקיטשין.

זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ געלט-שטראָף אָדער אָפּ-זיצן אין תפיסה צו צוויי וואָכן.

זיי האָבן דעם משפט נישט אָנגענומען, ז׳על אָנגעבן אַן אַפּעלאַציע.

און זיי האָבן אַזוי הויך אָנגעהויבן צו שרייען וועגן דער אומגערעכטיקייט, וואָרים דער וואַלד איז געווען אַ בשותפותדיקער, אַ סערוויטוטן-וואַלד, ביז דער ריכטער האָט אַ ווונק געטאָן צו יאַ-צעקן, און ער האָט געגעבן אַ דונער אַרויס.

— שטילערטס, שטילערטס, וואָרים דאָ איז אַ סאָנד, ניש קאַ קרעטשמע.

און אַזוי איז געגאַנגען אַ ספּראַווע נאָך ספּראַווע, ווי אַ בייט

---

*) אַ שטעקעלע

נאָך אַ בייט, גלייך און גאַנץ רויִק, טיילמאָל נאָר האָט זיך אויפּ־געהויבן אַן אָנקלאַגע, אָדער אַ כליפּען, אָדער אַ קללה, אָבער די דאָזיקע האָט יאַצעק באַלד איינגעשטילט.

פון דער שטוב איז אָפּגעקומען אַ ביסל מענטשן, אָבער אויף זייער אָרט זענען צוגעקומען אַזוי פיל פרישע, אַז זיי זענען אַזש געשטאַנען צוזאַמענגעשלאָגן ווי אַ סנאָפּ, אַז קיינער האָט זיך נישט געקענט קיין ריר טון, און ס'איז געוואָרן אַזאַ היץ, אַז מ'האָט נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּן, ביז דער ריכטער האָט באַפוילן אויפצועפענען די פענסטער.

אַצינד איז געגאַנגען די ספּראַווע פון באַרטעק קאָזשלען פון ליפּצעס וועגן אַ גנבה פון אַ חזיר בײַ מאַרציאַנע אַנטאָנוּוונע פאַ־פּאַטשעזש. עדות: די זעלבע מאַרציאַנע, איר זון שימאָן, באַרבאַראַ פּיעסעק א. א. וו.

— צי די עדות זענען דאָ? — האָט דער לאַווניק אַ פרעג געטון.

— מ'זע מע דאָ! — האָבן זיי אַלע אין אַ כאָר אויס־גערופן.

באָרינע, וועלכער איז ביז אַהער געשטאַנען בײַ די קראַטן, האָט זיך עטוואָס צוגערוקט צו דער פּאַטשעשאָווע, כדי זי צו באַ־גריסן, וואָרן דאָס איז געווען די דאָמיניקאָווע, יאַגנעס מוטער.

— באַשולדיקטער באַרטעק קאָזשיאָל, נעענטער אַהער פון דער זייט קראַטע.

אַ ני־ערי קער פויער האָט זיך אַזוי געוואַלטיק געשטופּט פון דער מיט אַרויס, אַז מען האָט אַזש אָנגעהויבן צו שעלטן, אַז ער טרעט אויף די פיס און רייסט דאָס אָנטון אָפּ.

— שטילערטס, שטשערוועס, וואָרן דער הויכווירדיקער סאָנד רעדט! — האָט יאַצעק אַ געשריי געטון, אַריינלאָזנדיק אים.

— איר זענט באַרטלאָמעי קאָזשיאָל?

דער פויער האָט מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע זיך געדראַפּעט

איבער די גערדיכטע, גלייך צעפגעהאקטע האר; א נארישער מייכל האט אים אויסגעקרומט דאס טרוקענע, אויסגעגאלטע פנים, און די קליינע רויטלעכע אייגעלעך זענען כיטרע געשפרונגען איבער די ריכטער, פונקט ווי וויעוויארקעס.

— איר זייט דאס בארטלאמעי קאזשיאל? — האט דער ריכטער נאכאמאל א פרעג געטון, ווארים דער פויער האט געשוויגן.

— טאטש אזוי אי דאס, ער אי דיר דאס בארטלאמעי קאזשיאל, בעט איך איבער זיין כבוד דעם געשטען סאנד! — האט ארויסגעפישטשעט אן אומגעהייערע גרויסע פויערטע, ארייגשטופנדיק זיך מיט כוח פון דער אנדערער זייט קראטע.

— און איר וואס פארלאנגט?

— כ׳בעט איבער זיין כבוד, און טאטש יעך בין דעך עס דאס ווייב פון דעם דארענקען נעבעך, דעם בארטעק קאזשיאלס, און זי האט זיך א בוק געטון מיט דער האנט צו דער ערד, אז זי האט אזש מיט איר טשיפעק, ווי א רער, זיך אן ריכטער-טיש פארטשעפעט.

— צ׳זאגט עדות?

— פאר אן עדות הייסט עס? נא, נא, כ׳בעט איבער זיין...

— וואזשנע, ווארף זי ארויס פון יענער זייט קראטע.

— גייטס ארויס פרוי, ווייל ניש דא איז ענקער ארט — ער האט זי אנגעכאפט באם ארעם און הינטערווייעלעכץ ארויסגעשטופט.

— כ׳בעט איבער זיין כבוד דעם הויכגעשעצטן סאנד, ווארן מיינער, למשל, דערהערט ניש... — האט זי געשריגן.

— גייטס ארויס, כל-זמן מיט גוטן — און ז׳האט אזש א קרעכץ געטון, אזוי האט ער זי א שיט געטון אויף דער קראטע ארויף, ווייל מיט גוטן האט זי קיין טריט נישט געוואלט מאכן.

— גייט אַרויס, מיר וועלן רעדן הויך, איז כאַטש ער אין אַ קאָזשיאָל, דאָך וועט ער הערן!

ענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויספאָרשן.

— ווי אַזוי הייסט איר?

— האַ?... ווי כ'הייס?... מ'האָט דעך מיך גערופן, אַי דעך ווייסן, הייסט עס, ווייסן זיי...

— ביסט אַ נאַר, ווי אַזוי הייסט איר? — האָט אומבארחמנות־דיק דער ריכטער אויסגעפרעגט.

— באַרטעק קאָזשיאָל, הויכגעשעצטער סאָנד — האָט דאָס ווייב צוגעוואָרפן.

— ווי אַלט?

— האַ?... אַלט?.,. כ'געדענק דען גאָר! מאַמע, ווי אַלט בין איך דאָס?...

— צוויי און פופציק, זעט זיך מיר אויס, עט זיין אויף וויאָסנע.

— אַ באַלעבאָס?...

— אַי.. דריי מאָרגעס זאַמדטשינע און דער איינער קוי־ווײדל.. אַ וואַזשנער באַלעבאָס.

— שוין באַשטראָפט געווען אַמאָל?

— האַ?.., באַשטראָפט?...

— צי זענט איר געזעסן אין קאָזע?

— דאָס הייסט אין קרימינאַל?... באַשטראָפט?... מאַמע, צי בין איך דאָס געווען אין קרימינאַל, האַ?...

— יאָ, ביסט געווען באַרטעק, ביסט געווען, דאָס האָבן דיך די הויפישע שטשערוועס וועגן דעם געפגרטן שעפּסל...

— יאָ, טאַקיש, יאָ... אויף דער פּאַשע האָב איך געפונען אַ געפגרט שעפּסל... אָב איך עס גענומען, וואָס האָבן עס הונט געדאַרפט צו צעשלעפּן... אָבן זיי מיך איינגעגען, אָבן געשווירן, אַ׳ כ'אָב עס געגנבעט, דער סאָנד האָט צוגעפּסקנט... ז'האָבן מיך אַריינגעפּאַקט, און כ'בין געזעסן... בלויז אומגערעכטיקייט אי

נאָר פאַ־היאַ, בלויז אומגערעכטיקייט... — האָט ער טעמפּ אַרויסגערעדט און האָט קוים עטוואָס זיך אומגעגלאָצט אויפן ווייב.

— איר ווערט באַשולדיקט אין גנבענען אַ מאַטשאַרע באַ מאַרצזאַנאַ פּאַטשעש! איר האָט זי אַראָפּגענומען פון פעלד, פאַרטריבן אַהיים, געקיילט און אויפגעגעסן! וואָס האָט איר צו זאָגן פאַר אייער פאַרטיידיקונג?...

— האַ? כ'האָב אויפגעגעסן! כ'לאָז אַזוי גאָט בשעתן גוססן נישט אָנקוקן, ווי כ'אָ ניש אויפגעגעסן... מענטשן מיינע, כ'האָב אויפגעגעסן!... אָ וועלט, מיין וועלט, יעך האָב אויפגעגעסן — האָט ער יאָמערדיק אויסגערופן.

— וואָס־זשע האָט איר צו זאָגן פאַר אייער פאַרטיידיקונג?

— פאַרטיידיקונג?... כ'אָ דאָ געהאַט עפּעס צו זאָגן, מאַמע?... יאָ, טאַקיש, כ'געדענק; כ'בין ניש שולדיק, דאָס חזיר האָב איך נישט אויפגעגעסן, און מאַרצזאַנע דאָמיניקאָווא, למשל, זאָגט גלאַט אין דער וועלט אַריין ליגנט ווי'אַ אַ הונט, אַ' מ'דאַרף זי נאָ אַ כאַפּ טון באַם פּאַסקודנעם פּיסק און אָנפּלאַסקען... און...

— אָ מענטשן, מענטשן!... — האָט די דאָמיניקאָווא אַ זיפץ געטון.

— דאָס וועט איר שוין נאָכדעם טון, און אַצינד זאָגט, אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט פּאַטשעשאָוועס חזיר זיך דערנומען צושן אייך?...

— פּאַטשעשאָוועס חזיר... באַ מיר?... מאַמע, וואָס האָבן דער הויכווירדיקער פּריץ געזאָגט?...

— אַ טאַטש באַרטעק, דאָס מיינען זיי וועגן דעם חזיר, וואָס אי' דיר דאָמאָלס נאָכגעקראָכן אין שטוב אַריין...

— כ'געדענק, יאָ, טאַקיש, כ'געדענק, ווייל אַ מאַטשאַרע אי דאָס געווען, ניש קאַ שום חזיר; כ'בעט איבער זיין כבוד דעם הויכגעשעצטן סאָנד, לאָזן זיי הערן, וואָס כ'אָ דאָ נאָר וואָס גע-

זאָגט און כ'על איבערחזרן; אַ מאַטשאַרע אי דאָס געווען ניש קאַ חזיר; אַ ווייסנטשקע מאַטשאַרע און לעביטשקען ווײדל אָדער אַ דזשעבלעלע נידעריקער, איז זי געווען שוואַרץ געלאַטעט.

— גוט, אָבער פונוואַנען האָט זי זיך דערנומען צון אייך?

— ס'הייסט, באַ מיר, אייגנטלעך?... כ'על באַלד אַלץ דאָקומענטנע דאַציילן פון וואָס ס'ווערט זיך אַ־ויסווייזן פאַ דעם הויכגעשעצטן סאָנד און פאַ דעם פאַרזאַמלטן עולם — אַ' כ'בין נישט שולדיק, און די דאָמיניקאָוואַ איז אַ ציגאַן, אַ באַבע, אַ רכילותניצע און אַ נבלהשע צונג!

— יעך זאָג ליגנט! אַ', טאַטש כ'על אויסבעטן באַ דער אַלערהייליקסטער פאַניענקע, אַז ס'זאָל ענק אַ דונער אָן דער הייליקער ווידו דערהרגענען! — האָט די דאָמיגיקאָוואַ אויסגערופן מיט אַ שווערן זיפץ צום בילד פון גאָטס מוטער, וואָס איז אין, ווינקל שטוב געהאָנגען, און דערנאָך, אַז ז'האָט שוין נישט געקענט אויסהאַלטן, האָט זי אויסגעצויגן צון אים די צעניפגעפרעסטע דאַרע פויסט און אָרויסגעשיפעט;

— דו חזירים־גנב, דו מערדער!... — און זי האָט אויסגעשפיצט די פינגער, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אָנכאַפן.

אָבער די באַרטקאָווע האָט זיך אַ וואָרף געטון צון איר מיט אַ געשריי.

— וואָס, וואָלסט אים געשלאָגן, דו צויג איינע, וואָלסט אים געשלאָגן, מכשפה, טייוולאָנשע טאָכטער, דו!

— שטילער זאָל ווערן — האָט אויסגערופן דער ריכטער.

— מאַכט'ס ענק צו די פיסקעס, אַ' דער סאָנד רעדט, וואָרן כ'שיט ענק אַרויס יעדן איינציקווייז! — האָט יאַצעק אונטערגעהאָלפן, צוצי׳ענדיק אויף זיך דעם לייוועגטענעם פאַס, וואָרים ס'האָט זיך אים געהאַט אָפּגעריסן אַ שעלקע.

ס'איז תיכף שטיל געוואָרן, און די באַבעס, וואָס ס'האָט שוין געהאַלטן, אַז זיי זאָלן זיך באַ די קעפּ כאַפּן, זענען שוין

געשטאַנען שטיל, און האָבן זיך נאָר מיט די אויגן געגעסן און צעפּיצפּיצט פון כעס...

— זאָגטס, באַרטלאָמעי; זאָגטס אַלדינג, נאָר דעם אמת.

— דעם אמת?... דעם סאָמע, ווי גלאָז ריינסטן אמת, על איך זאָגן, כ׳על ערלעך זאָגן, ווי באַם מתוודה זיין זיך, ווי אַ באַלעבאָס צו באַלעבאַטים, ווי אַן אייגענער צו אייגענע, וואָרן כ׳בין אַ באַלעבאָס פון דור־דורות, און ניש קאַ קאַמאַרניק, ניש עפּעס דאָרט קאַ באַ׳מלאכה אָדער עפּעס אַן אַנדערער שטאָטישער הויט שניידער.

— אַזוי אי דאָס געווען.

— האַלט נאָר גוט קאָפּ, זאָלסט עפּעסטשיש נישט פאַר־געסן — האָט זי אים געעצהט.

— כ׳על ניש פאַרגעסן, מאַגדוש, ניין. אַזוי אי דאָס געווען: כ׳בין מיר געגאַנגען... און כ׳געדענק, אַ׳ דאָס איז געווען אַקוראַט אין וויאַסנע... און נאָך דעם וואָלפן־גרוב, לעבן באַרינעס קאָני־טשינע... גיי איך מיר און זאָג פּאַטשערזש, וואָרן מ׳האָט, למשל, געקלונגען צו דער אָוונט־תפילה... דאָס נעבכל איז אויך צוגע־פאַלן... ניי איך מיר... אַזש כ׳דערהער; — יאָ, אַ קול, ניש קאַ קול?... גאָט מיינער טראַכט איך מיר: עפּעס מרוטשעט יאָ, עפּעס מרוטשעט נישט?... כ׳אָ מיך אומגעקוקט אַהינטער — מ׳זעט גאָרנישט, אינגאַנצן שטיל..

צי אַ נישט גוטס רייצט זיך מיט מיר, צי וואָס?... כ׳גיי מיר ווייטער און ווייל ס׳אי מיר אַ דזשעבעלע פון מורא ווי מאַרעווקעס, אַדורך איבערן לייב, האָב איך מיר געזאָגט עפּעס אַ תפילה, ס׳גיט ווייטער אַ מרוטש! טה... טראַכט איך מיר, ניש אַנדערש, נאָר אַ חזיר אי דאָס, אָדער גאָר אַ פּראָשאַקל*), בין איך אַראָפּגעקראָכן אַ דזשעבלע אָן אַ זייט, אין דער קאָניטשינע אַריין און כ׳אָ מיך

*) אַ יונג חזירל

אומגעקוקט... טאַקיש יאָ, עפּעסטשיס קריכט מיר נאָך, בין יעדן שטיין געבליבן, און אַ ווייסיטשקעס אי דאָס געווען, אַ נידעריקס און אַ לאַנגס... און די שליפּיעס האָבן זיך געלויכטן, ווי בײַ אַ ווילדער קאַץ אָדער ווי בײַ אַ נישט גוטס... כ'אָ מיך איבערגעצלמט, און ווײַל ס'לייב אי מיר פּאַר שרעק געריגצלט געוואָרן, האָב איך מיך אַ לאָז געטון מיט גיכערע שפּרייזן — וואָרן, ווי דען, מ'ווייסט דען וואָס עס שלעפּט זיך דאָרט אַרום אין די נעכט?... און אַלע אין ליפּצע ווייסן, אַז אויף די וואָלפן-גרובער סטראַשעט*).

— אוודאישטשע איז אמת, ווײַל פּאַריאָרן, ווען שיקערא איז דאָרט פּאַרבײַגעגאַנגען בײַנאַכט, אָט עס אים אָנגעכאַפּט בײַם האַלדז און אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, און ס'האָט אים אַזוי צעהרגעט, אַז דער פויער האָט געקרענקט צוויי וואָכן — האָט ס'ווייב דערקלערט.

— שטילער, מאַגדוש, שטילער! גיי איך מיר אַזוי, גיי מיר, גיי מיר..., און דאָס קריכט פּאָרט מיר נאָך און מרוטשעט!

און ווײַל די לבנה איז זיך אַקוראַט אַרויסגעקראָכן אויפן הימל, גיב איך אַ קוק, אַ' סאַי גאָר אַ ניש קאַ שלעכט חזיר, אָב איך מיך צעבייזערט, וואָרן וואָס מיינט ער מיט זיך דער נאַר, — סטראַשען, אָב איך אים אַ וואָרף געטון אַ שטעקעלע און גיי מיר אַהיים. כ'בין געגאַנגען מיט דער מיעדזע**), צווישן מיכאַלאָוועס בוראַקעס און באַרינעס ווייץ, און דערנאָך צווישן טאָמעקס זומער-תבואה און יאַשעקס האָבער, וואָס מ'האָטן פּאַראַיאָרן צו די זעלנער צוגענומען, און וועמענס ווייב ס'אי פּונקט נעכטן געלעגן געוואָרן... און דאָס חזיר — לויפט מיר נאָך, ווי אַ הונט, דאָ גייט עס לעבן מיר, דאָ איז עס אַרײַנגעקראָכן אין דאָמיניקאָוועס קאַרטאָפל אַרײַן, און דאָ גיט עס דיר אַ קוויטשע און דאָרט

---

*) שרעקט.

**) סטעזשקע

גיט עס דיר אַ קוויטש, און ס׳מרוטשעט און ס׳קוויטשעט און ס׳שטעלט זיך נישט אָפּ, נאָר כסדר נאָך מיר...

האָב איך מיך אַראָפּגעדרייט אויף אַ סטעטזשקע, וואָס האָט דאָס פעלד אַדורך — ס׳חזיר נאָך מיר. ס׳אי מיר געוואָרן הייס, וואָרן, גאָט מיינער, אַזאַ חזיר, וואָס, ס׳איז אפשר ניש קיין חזיר! כ׳האָב מיך אָפּגעדרייט אויפן וועג לעבן דער הייליקער פיגור, ס׳חזיר נאָך מיר... כ׳אָ געזען, אַ וויסעטשקעס איז עס געווען, און לעבן ווידל, אַ דשזשבלעלע נידעריקער, שוואַרץ געלאַטעט! יעך איבערן ראָוו — ס׳חזיר נאָך מיר; יעך אויף די קברימלעך, וואָס געפינען זיך הינטער דער פיגור — ס׳חזיר נאָך מיר, יעך אויף די באָרוווקעס, און דאָס חזיר, ווי ס׳גיט זיך מיר נישט אַ וואָרף אונטער די פוס — כ׳אָ מיך געגען אַ צי אויס, ווי גרויס כ׳בין. משוגע, צי וואָס?... קוים כ׳אָ באַוויזן מיך צוזאַמענצונעמען, און דאָס חזיר, ווי ס׳גיט נישט אַ פאַרייס דעם ווידל און זיך אַ לאָז געטון פאַר מיר! לויף דיר, נבלה, האָב איך מיר אַ טראַכט געטון. אָבער ס׳אי נישט אַנטלאָפן, נאָר כסדר פאַר מיר, ביז דער סאַמער שטוב — אַזש ביז דער סאַמער שטוב, חויכגעשעצטער סאַנד, אַזש אין דער פאַרצוימונג איז עס אַריין, אַזש אין פעדערהויז איז עס אַריין, און ווייל די טיר פון דער שטוב איז אָפן געווען, איז עס אין שטוב אויך אַריין... אַזוי לאָ מיר גאָט העלפן, אמן!

— און דערנאָך האָט איר עס געקיילט און אויפגעגעסן, אמת? — האָט דער ריכטער פריילעך אויסגערופן.

— האַ! געקיילט און אויפגעגעסן?... און וואָס אָ׳מיר געוואָלט טון? ס׳אַדורך אַטאָג — ס׳חזיר גייט נישט אַוועק; ס׳גייט אַדורך אַ וואָך — ס׳איז דאָ, נישט אַרויסצוטרייבן עס, ווייל עס קומט צוריק מיט אַ געקוויטש!... מיינע האָט עס אונטערגערוקט וואָס ז׳האָט נאָר געקענט, וואָרים ס׳דען, מיט הונגער עט זי עס פאַרפייניקן, ס׳אי דעך אויך אַ גאָטס באַשעפעניש... דער הויכגעשעצטער סאַנד אי דעך קלוג, עט ער זיך גערעכטיק אויסמיאַר-

קירן, אַז וואָס האָב יעך, אָרימער יתום נעבעך, געזאָלט טון? קיי־
נער קומט ניש דערנאָך, און אין שטוב איז אַן אָרימקייט און גע־
פרעסן האָט עס אַ׳ קאַן אַנדערע צוויי עלן דאָס ניש אויסשלאָ־
קען... נאָך אַ חודש, וואָלט עס אונדז אויפגעפרעסן מיט די בע־
בעכעס... וואָס־זשע אָ׳ כ׳געהאַט פאַר אַן עצה? האָט ס׳חזיר
אונדז געזאָלט אויפעסן, האָבן מיר דאָס חזיר אויפגעגעסן, און
דאָס — ערשט ניש אינגאַנצן, וואָרן אויפן דאָרף איז מען געוויר
געוואָרן, און די דאָמיניקאָוואַ האָט מיך אָנגעקלאָגט, ז׳אי געקומען
מיטן סאָלטיס און אַלץ צוגענומען...

— אַלץ?... און דער זאָדיק ווו איז אַהינגעקומען?... —
האָט די דאָמיניקאָוואַ מיט שנאה אַ שיפּע געטון.

— ווו? פרעגטס ענק קרוטשעקן און די אַנדערע הינטלעך.
מ׳אָ מיר אַרויסגעטראָגן אויף איבער נאַכט אין שייער אַריין, די
הינט, ווייל זיי האָבן דיר אַזעלכע הינטישע שמעקערס, און דאָס
טויער אי געווען לעכערדיק — האָבן זיי אַרויסגעצויגן און גע־
מאַכט זיך אַ באַל מיט מיין בלוט, אַז זיי זענען זיך אַרויסגעגאַנגען
אָנגעפרעסענע, ווי די פּיצים.

— ס׳דען, ס׳חזיר איז אים אַליין נאָכגעגאַנגען, אַ נאַר עט
דיר גלייבן, אָבער ניש דע סאָנד. אַ גנב, די יוכע, און דעם
שעפּס באַם מילנער, און די גענדז באַם דאָבראָדזשעי — איז ווער
האָט צוגענבעט, הא?...

— אָסט געזען, הא? אָסט געזען! — האָט די קאָזלאָווע גע־
לאַרעמט, צושפּרינגענדיק מיט די נעגל.

— און די קאַרטאָפליעס פון אָרגאַניסטערס גרוב, איז
ווער?... און כסדר, אַז עס ווערט עפּעסטשיס אין דאָרף פאַר־
פאַלן, דאָ אַ גענדזל, דאָ אַ הון, דאָ עפּעס אַ כלי — האָט זי אומ־
באַרחמנותדיק ווייטער גערעדט.

— דו שטשערווע! וואָס האָסטו געטון אין דער יוגנט, און
וואָס אַרבעט היינט יאַגנע אַרום מיט די פאַראָבקעס, איז קיינער
דערמאָנט דיר דאָס נישט און דו, ווי דער הונט דאָרט...

— אַ זאַשע דיר צו יאַגנען! אַ זאַשע, וואָרן כ'על דיר ס'פּיסק אַזוי אויספּלאַסקען, אַזש... אַ זאַשע!... — האָט זי אַ ריטש געטון מיט אַ הויך קול, געטראָכן ווי אין לעבעדיקן פלייש אַריין.

— שטילערטס פּיסקעס, וואָרים כ'שיט ענק אַרויס פאַר דער טיר! — האָט יאַצעק איינגעשטילט, צוציענדיק אויף זיך דעם פּאַסעק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסהערן פון די עדות.

צו אַלעם ערשט האָט עדות געזאָגט די געליטענע דאָמיניקאָווע — און זי האָט איבערעגעבן מיט אַ שטילער, פרומער שטימע, און יעדע ווילע געשווירן פאַר דער טשענסטעכאָווער, אַז דאָס חזיר איז אירס, און ז'האָט זיך געצלמט און געקלאַפּט אין דער ברוסט — אַז ס'א'ז אמת, אַז קאָזשאָל האָט עס אַראָפּגעגנבעט פון דער פּאַשע, און זי האָט נישט געפאָדערט פון סאָנד קאַ שטראָף פאַר אים, זאָל אים שוין דאָרט יעזוס, דער ליבער, קאַ תּיקון נישט געבן — אָבער זי האָט מיט אַ הויך קול געפאָדערט אַ סאָנד און אַ שטראָף פאַר דעם, וואָס ער האָט זי מיט יאַגנען אין דער אָנוועזנהייט פון גאַנצן עולם אַזוי פאַרשענדט.

דערנאָך האָט עדות געזאָגט שימעק, דער דאָמיניקאָוואס זון; דאָס היטל האָט ער אויפגעהאָנגען אויף די פאַרלייגטע הענט, ווי צום פּאַטשערזש, די אויגן האָט ער פון דעם ריכטער נישט אַראָפּגעלאָזט, און מיט אַ שטאַמלענדיקער, צעמישטער שטימע האָט ער איבערגעגעבן, אַז דאָס חזיר איז געווען דער מוטערס, אַז עס איז אינגאַנצן געווען אַ ווייסעטשקעס, און נאָר לעבן ווידל האָט עס געהאַט אַ שוואַרצע לאַטע, און אַ צעריסן אויער, וויל באַרינעס לאַפּאַ האָט עס געהאַט אָנגעכאַפּט נאָך וויאָסנע-צייט, און ס'האָט אַזוי געקוויטשעט, אַז כאָטש ער איז געווען אין שייער — דאָך האָט ער דערהערט...

דערנאָך האָט מען אַריינגערופן מאַרציאַנע פּיעסעק און אַנדערע.

זיי האָבן כּסדר איינער נאָכן אַנדערן עדות געזאָגט און געשוווירן, און שימעק איז אַלץ נאָך כּסדר געשטאַנען מיטן היטל אויף די הענט פאַרקוקט פרום אויף דעם ריכטער און די קאָזלאָווע האָט זיך געריסן הינטער די קראַטן אַרונטער מיט אַ געשריי פון אָפּלייקענען און פיינטלעכע אויסרופן, און די דאָמיניקאָוואַ האָט נאָר אַרויפגעזיפצט צום הייליקן בילד און געקוקט אויף קאָזשלען, וועלכער איז געשפרונגען מיט די אייגעלעך, איינגעהערט זיך און אַלע מאָל זיך אומגעגלאָצט אויף זיין מאַגדושען.

דער עולם האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, און פון צייט צו צייט האָט זיך אַ ג״מירמל, אַ פיינטלעכע באַמערקונג אָדער אַ געלעכטער טויב אויפגעהויבן אונטער די בעלקעס פון סופיט, אַזש יאַצעק האָט זיי דראָענדיק געמוזט איינשטילן.

דער פּראָצעס האָט זיך לאַנג געצויגן, אַזש ביז דער הפסקה, בשעת וועלכער דער סאַנד איז אַריינגעגאַנגען אין שכנותדיקן צי־מער זיך באַראַטן. — און דער עולם האָט זיך אַרויסגעשיט אין פעדערהויז אַריין, פאַר דער סאַנד־געביידע אַביסל אָפּצוטעטעמען; ווער אַ דזשעבלע ס׳האַרץ זיך צו דערכאַפּן, ווער זיך מיט זיינע עדות צונויפצורעדן, ווער זיינע עוולות אויסצודערציילן, און ווידער צו באַקלאָגן זיך אויף דער אומגערעכטיקייט און כעסן זיך, ווי עס פירט זיך געוויינטלעך בשעת עס קומען פאַר די סאַנדעס.

נאָך דער הפסקה און אָפּלייענען דעם וויראָק*), איז אַרויפ־גענומען געוואָרן אויפן טיש ב״רינעס ספּראַווע.

יעווקאַ איז געשטאַנען פאַרן סאָנד און הושטענדיק דאָס קינד, איינגעוויקלט אין פאַרטוך, האָט זי וויינענדיק אָנגעהויבן אַרויסברענגען אירע עוולות און אָנק אַגעס: ווי זי האָט געדינט בא באָרינען, און ווי זי האָט געאַרבעט, אַזש די פיס זענען איר צעגעשטאַנען, און קיינמאָל האָט זי קאַ גוט וואָרט נישט געהערט.

---

*) פּסק־דין.

ז׳האָט קאַ ווינקל אויף צו שלאָפן נישט געהאַט און נישט קיין עסן געגוג, אַז זי האָט זיך געמוזט אַזש באַ די שכנים דאָס האַרץ דער־כאַפּן, און דערנאָך האָט ער פאַרן אָפּדינען איר נישט באַצאָלט און מיט זיין אייגן קינד זי אַרויסגעטריבן אויף דער גאַנצער וועלט... צום סוף האָט זי אַרויסגעזעצט מיט אַ שרעקלעך געוויין און מיט אַ געשריי זיך אויף די קני פאַר די ריכטער געוואָרפן.

— די עוולות זענען מיינע, די עוולות! אָבער ס׳קינד איז זיין, הויכגעשעצטער סאָנד!

— זי זאָגט ליגנט, ווי דער הונט — האָט באַרינע אַ מרוק געטון מיט צאָרן.

— יעך זאָג ליגנט ?! און טאַטש אַלע, און טאַטש גאַנץ ליפּצע ווייסט דעך, אַז...

— אַז דו ביסט אַ צויג און אַן אַרומפל׳ערקע...

— געשעצטער סאָנד, און פר׳ער האָבן זיי מיך נאָר גע־רופן: יעווקאַ, יעוווש, און נאָך זיסער; דאָ האָט ער מיר פּאַטשער־קעס געבערענגט צו פירן, און דאָ האָט ער מיר אָפּט אָן אַ שיעור זעמל נעבערענגט פון שטאָט און פלעגן זאָגן: נאַדיר יעוווש, נאַדיר, וואָרן דו ביסט מיר די ליבסטע... און אַצינד... אָ, מיין יעזוס, מיין יעזוס!.,. — האָט זי אָנגעהויבן צו ריטשען.

— אַ ציגיינערין, די יוכע, און אפשר האָב איך דיך נאָך מיטן איבערבעט אַרומגעדעקט און געזאָגט: שלאָף דיר, יעוווש, שלאָף!...

די גאַנצע שטוב האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— און אפשר ניש, האַ? צ׳האָט אפשר ניש געזאָגט קאַ ליגגט, ווי דער הונט הינטער דער טיר, צ׳האָט אפשר ווייניק צו־געזאָגט, האַ?

— אום גאָטעס ווילן, מענטשן, אַז אַ דונער דערשלאָגט נישט קאַ זאַ פּאָקראַקע! — האָט ער אויסגעשריגן, אַ פאַרוונדערטער.

— געשעצטער סאָנד, די גאַנצע וועלט ט׳געזען, ווי דאָס אי געוועז, גאַנץ ליפּצע קען עדות זאָגן, אַ׳ כ׳זאָג אמת. כ׳אָ גע־

דינט באַ זיי, האָט ער מיר כסדר קאַרו ניש געגעבן. אָ, וואָס פאַר אַן אָרעמע יתומה נעבעך יעך בין, אַן אָרעמע... אָ מיין גורל, מיין אומגליקלעכער... און צי אָב איך מיר דען געקענט אַן עצה געבן מיט אַזאַ פויער? ... כ׳אָ געשריגן, איז אָט ער מיך אָנגעקאַטעוועט און געטון וואָס ר׳האָט געוואָלט... און ווי־זשע על איך מיך אַהינטון מיט דעם דאָזיקן קינדטשינע. ווו? די עדות עמע זאָגן און ז׳עלן צוגעבן אַ׳ ס׳איז אמת, — האָט זי וויינענדיק און שרייענדיק אויסגערופן.

אָבער די עדות האָבן אין אמתן גאָרנישט דערציילט, אַ חוץ פלאָטקעס און השערות, דעריבער האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו באַווייזן און איבערצוציגן, ביז זי האָט ענדלעך, אַלס דעם לעצטן באַוויז, פונאַנדערגעוויקלט דאָס קינד און אַנידערגעלייגט עס פאַר די ריכטער; דאָס קינד האָט געוואָרפן מיט די נאַקעטע פיסעלעך און צעלאָזט זיך אין אַ הימל־געשריי.

— לאָז דער געשעצטער סאָנד אַליין אָנקוקן וועמעס דאָס איז; אָט אי דיר די זעלבע נאָז, ווי אַ קאַרטאָפליע, די זעלבע גרויע און פאַראָפּיעטע שליפּיעס... אַ טראָפּן אין אַ טראָפּן, ניש קאַן אַנדערער, ווי נאָר באָרינע!... — האָט זי אויסגערופן...

אָבער דער סאָנד האָט זיך שוין אַפילו נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער, און דער עולם האָט אַזש געשטורעמט פון פריילעכקייט, מ׳האָט זיך צוגעקוקט דאָ צום קינד, דאָ צו באָרינען און וואָס אַמאָל האָט עמעצער אַרויסגעזאָגט:

— דאָס אי דיר אַ פריילין, ווי דער הונט פון דער פעל אָפּגעשינדן.

— באָרינע אי דעך אַן אלמן, ער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט, און דער יונג וואָלט צונויץ געקומען צו דער פאַשע...

— ז[illegible]פּגעלאָזט אי זי דיר, ווי אַ קו אויף וויאָסנע.

— און אַ שיינע אי זי! נאָר מיט גראָכאָווינעס זי צו צושיטן און אין דער פראָסע אַריינצושטעלן — עלן אַלע גאַפּעס אַנטלויפן...

— אַזוי אַנטלויפן שוין אויף די הונט, אַ׳ יעוווּש גייט דורך איבערן דאָרף!...

— און אַ פּנימל האָט זי, ווי מיט פּאָמיעס אָפּגעמאַ־לעוועט.

— וואָרן ז׳איז אַ באַלעבאָטע, זי וואַשט זיך איין מאָל אין יאָר, זי זאָל אויף קאַ זייף נישט אויסגעבן.

— זי הייצט באַ יידן די אויוונס, אָט זי קאַ צייט ניש, אי קאַ ווונדער ניש!...

מ׳האָט אויסגעטראַכט וואָס אַמאָל ערגערס און אכזריותדי־קערס, און זי איז שטיל געבליבן און מיט צעמישטע אויגן פון אַן אַרויסגעיאָגטן הונט, האָט זי אויף די מענטשן געקוקט און עפּעס געוואַגעוועט אין זיך...

— שטילערטס! ס׳אַ זינד אַזוי אָפּצולאַכן פון אַן אָרימען! — האָט די דאָמיניקאָוואַ אויסגעשריגן אַזוי שטאַרק, אַז ס׳איז אַזש שטיל געוואָרן און ווער־נישט־ווער האָט זיך אין קאָפּ געדראַפּעט פאַר בושה.

די ספּראַווע האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

באָרינע האָט דערפילט אַן אומגעהייערע דערלייכטערונג, ווייל כאָטש ער איז נישט געווען שולדיק, אָבער דאָך האָט ער מורא געהאַט פאַר מענטשלעכע מיילער, נו, אַ׳ן טאַקע אויף דער־פאַר, וואָס מ׳קען אים צופּסקענען, ער זאָל באַצאָלן — וואָרים אַ געזעץ, אי דיר, פאַרשטייסטו, אַזעלכעס, אַ׳ קיינמאָל עסטו ניש וויסן, ווען ס׳עט באַם קאָפּ אָנכאַפּן — צי דעם שולדיקן, צי דעם גערעכטיקן. ס׳אי שוין געשען אַזוי ניש איינמאָל, ניש צוויי־מאָל, ניש צען מאָל... אי געשען.

ער איז באַלד אַרויסגעגאַנגען פון סאָנד, און וואַרטנדיק אויף דער דאָמיניקאָוואַ, אָנגעהויבן אין זיך איבערלייגן און קלאָר מאַכן דעם דאָזיקן גאַנצן ענין. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין צו־ליב וואָס און נאָך וואָס זי האָט אים איינגעקלאָגט?

— נאַ, דאָס שטאַמט ניש פון איר שכל און ניש פון איר

קאַפּ, דאָס איז אַן אַנדערער, עמעץ אַנדערש שטרעקט דורך איר זיין האַנט אויס, נאָר ווער?

ר׳איז געגאַנגען מיט דער דאָמיניקאַוואַן און מיט שימעקן אין אַ קרעטשמע אַריין עפּעס אויסטרינקען און עפּעס איבערקייען, וואָרים ס׳איז שוין געווען אַ שפּאָר שטיק נאָך מיטאָג, און כאָטש די דאָמיניקאַוואַ האָט אים לייכט אָנגעמערקט, אַז דער דאָזיקער גאַנצער ענין יעווקאַס, מוז זיין דעם איידעם זיינעמס, דעם קאָוואַלס, אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער דאָך בשום אופן נישט געקענט גלייבן.

— וואָס זאָלט אים דערפון אַרויסגעקומען?

— נאָר אויף אַזוי פיל, כדי ענק צו דערצערנען און אַרויסשטעלן אויף לייטישן געלעכטער און עגמת נפש. ס׳אי דיר פאַרהאַן אַזאַ מענטש, וואָס ער וואָלט דיר פאַר זיין אייגן פאַרגעניגן וועגן פון אַ צווייטן פאַסעס געריסן.

— ס׳וווּנדערט מיך נאָר יעווקעס פאַרעקשנטקייט! וואָרן כ׳האָב איר אין גאָרנישט קאָן עוולה געטון, און כ׳אָ נאָך פאַרן שמדן פון דעם דאָזיקן ממזר אירן אַ זאַק האָבער דעם דאָבראָדזשעי געגעבן...;

— זי דינט באַם מילנער, און דער חברט זיך מיטן קאָוואַל אין איין קאָמפּאַניע... נעמט עס ענק אין זינען...

— כ׳נעם עס מיר אין זינען, נאָר ווייסן, ווייס איך דערפון נאָך גאָרנישט! לאָמיר נאָך איינמאָל אויסטרינקען!

— לאָ גאָט באַצאָלן, טרינקט עץ פריער, מאַטשעי!

זיי האָבן אויסגעטרונקען איין מאָל און ס׳אַנדערע מאָל, ז׳האָבן אויפגעגעסן אַ צווייט פונט קעלבאַסע מיט אַ האַלב ברייטל, דער אַלטער האָט געקויפט אַ שורה זעמל פאַר יוזשען און ז׳האָבן זיך פאַרנומען אַהיימצופאָרן.

— זעצטס ענק אויף, דאָמיניקאָוואַ, מיט מיר, ס׳איז אומעטיק אַליין, עלן מיר שמועסן...

— נ׳גיט, כ׳על נאָר אַ לויף טון אין קלויסטער אַריין פאַ-טשערזש אָפּזאָגן.

זי איז געגאַנגען, אָבער אין אַ קורצע ווײַלע אַרום איז זי שוין צוריק געווען, און זיי זענען באַלד אַוועקגעפאָרן.

שימעק האָט זיך פאַמעלעך זיי נאָכגעשלעפּט, וואָרים ער איז געפאָרן אויף איין שקאַפּע, און ס׳זענען געווען שרעקלעכע זאַמדן, נאָר ס׳האָט אים אַ ביסל צענומען, ווײַל ער איז נישט געוווינט גע-ווען צו טרינקען און ער איז אויך באַרוישט געווען פונם סאַנד, האָט ער זיך נאָר שלעפעריק צוגעשאָקלט אין די פּולקאַשקעס און יעדעס מאָל אויפכאַפּנדיק זיך, אַ ריס אַראָפּ געטון ס׳היטל פון קאָפּ, פרום זיך איבערגעצלמט, און אײַנקוקנדיק זיך צעמישט אין דער שקאַפּעס ווײַדל, פונקט ווי אין פריצס פּנים אין סאַנד, האָט ער געמירמלט:

... ס׳חזיר אי דער מאַמעס, אינגאַנצן אַ וויסיטשקעס, און נאָר לעבן ווײַדל האָט עס געהאַט אַ שוואַרצע לאַטע...

די זון האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעקאָלערט צו מערב-צו, ווען זיי זענען אין וואַלד אַרײַנגעפאָרן.

זיי האָבן ווייניק גערעדט צווישן זיך, כאָטש זיי זענען גע-זעסן איינער לעבן אַנדערן אויפן פאָדערשטן געזעס.

טײַלמאָל האָט עמעץ פון זיי אַ רעד געטון עפּעס אַ וואָרט, ווײַל ס׳אי ניש דער סדר אַזוי צו זיצן, ווי די מרוקעס, אָבער דאָס רעדן אי נאָר געווען אויף אַזוי פיל, אַז דער שלאָף זאָל נישט מאַטערן, אָדער די צונג זאָל נישט פאַרדאַרט ווערן...

באַרינע האָט אונטערגעיאָגט די זשריביע, ווײַל זי האָט זיך איינ-געהאַלטן, זי האָט זיך שוין ביז אין די האַלבע זײַט אַרײַן געהאַט דער-שוויצט פון פאַרמאַטערטקייט און היץ, טײַלמאָל האָט ער צוגעפּייפט און געשוויגן, און עפּעס געקייט, עפּעס האָט ער אין זיך איבערגעלייגט, עפּעס גערעכנט, און אָפט, זי זאָל נישט באַמערקן, אַ בליק געטון אויף דער אַלטער, אויף איר מאָגער, ווי וואַקס אויסגעבלייכט פּנים, וואָס איז אינגאַנצן אין לענגלעכע קנייטשן פאַרשטאַרט געווען,

זי האָט באַוועגט מיטן אָנצייניקן מויל, ווי זי וואָלט אין דער שטיל מתפלל געווען. טיילמאָל האָט זי טיפער אַראָפּגעצויגן דאָס רויטע טיכל איבערן שטערן, וואָרים די זון האָט געלויכטן גלייך אין די אויגן אַריין, און איז געזעסן אומבאַוועגלעך, נאָר די גרויע אויגן אירע האָבן געברענט.

— צ׳האָט שוין עפּעס אויסגעקאָפּעט, האַ? — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט.

— נ׳אוודאי, ס׳איז הייער נישקשהדיק געראָטן.

— ס׳עט ענק גרינגער זיין אונטערצוכאָווען.

— כ׳אָ טאַקע אַרייַנגעזעצט אַ חזירל אין קאָרמיק אַריין, וואָרן ס׳קען נאָך אַמאָל צונוץ קומען פאַר פּאָסט...

— אוודאי, אַוודאי... — מ׳האָט געזאָגט, אַז וואַלעק ראַפּאַלווו האָט מיט בראָנפן געשיקט?...

— ער איז ניש איינער, ניין... אָבער אומזיסט מאַכן זיי נאָר קאַליע די פּאָר גראָשן... ניש פאַר זיי איז מיין יאַגוש, ניין.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט די שפּאַרבער־אויגן זיך אין אים איינגעזויגן, אָבער באַרינע איז געווען אַ מענטש אין די יאָרן, נישט קיין לאַדע וויגט, האָט ער מכלומרשט געוויזן אַ קאַלט פּנים און אַ רויקס, נישט צום דערקענען. זיי האָבן לאַנג קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, ווי זיי וואָלטן זיך מיט דער דאָזיקער שטומעניש געאַמפּערט צווישן זיך.

באַרינען איז עפּעס נישט געווען צו דער האַנט אָנצוהייבן דער ערשטער, וואָרים ווי אַזוי, ר׳איז דאָך שוין געווען אין די יאָרן, און דער ערשטער באַלעבאָס אויף גאַנץ ליפּצע, נו, האָט ער זשע געקענט אַזוי גלייך זיך אַ זאָג טון, אַז יאַגוש איז אים געפעלן געוואָרן?... זיין האָנער האָט ער דעך געהאַט און זיין שכל אויך, אָבער, ווייל ער איז ג.ווען פון געבוירנשאַפט אַ הייס־בלוטיקער, האָט אים נאָר אַ כעס געגריזשעט, וואָס ער מוז זיך אַזוי האַלטן, אַזוי שווייגן, און אויסמיידן צו רעדן וועגן דעם.

די דאָמיניקאָווא האָט אים מיט אַ בליק אַדורכגענומען און באַלד זיך געמיאַרקירט, וואָס עס מאַכט אים אַזוי אומעטיק און ס'צענעמט אים, אָבער ז'האָט אים מיט קיין וואָרט נישט אַרויס־געהאָלפן, נאָר פון צייט צו צייט אַ קוק געטון דאָ אויף אים, דאָ אין דער וועלט אַריין און אין די הימלישע ווייטקייטן, ביז זי האָט נישט ווילנדיק אויסגערופן:

— אַזאַ היץ אי דיר דאָס, פונקט ווי אין שניט־צייט.

— יאָ.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען, ווייל דעם וועג האָבן אַרום־געריגגלט ריזיקע ווענט פון וואַלד, אַזוי, אַז קיין שום ווינט און קיין שום לופטעלע האָט זיך נישט דורכגעריסן פין די פעלדער, און די זון איז געהאָנגען גלייך איבער די קעפ און אַזוי געבריט, אַז די דערהיצטעביימער זענען געשטאַנען אָן באַוועגונג און די פאַרחלשטע ביימער־שפיצן האָבן זיך צום וועג געבייגט און נאָר פון צייט צו צייט אַ בורשטינענע נאָדל, וואָס איז דרייענדיק זיך אין דער לופט אויפן וועג אַראָפגעפאַלן. אַ ריח פון שוואָמען און דעמבענע בלעטער האָט אַזש געדרייט אין די נאָז־לעכער.

— עץ ווייסט, ס'איז מיר און אויך אַנדערע אַ וווּנדער, וואָס אַזאַ באַלעבאָס, וואָס אַ געדאַנק האָט ער ניש קאָ ליאַדע עפּעס, און תּאָט אַזוי פיל גרוגט, און אַ דעה באַם עולם, אָט ווי עטץ, למשל, און צו קאַן אַמט אָט עץ נישט קאָ שום אַמביציע...

— צ'האָט געטראָפן, אַ' כ'אָ ניש קאָ שום אַמביציע, צוואָס טויג עס מיר? אַ דריי יאָר בין איך סאָלטיס געווען — האָב איך צו־געצאָלט מיטן גרייטן גראָשן. און וויפיל אָב איך אַ תּל געמאַכט פון מיר און פון מיינע פערד! וואָס יעך האָב מיך אָנגעיאַדעט און אָנגעלאָפן — אַז אפילו דער הונט אין פעלד לויפט זיך ניש מער אָן... און אַ תּל איז געוואָרן פון באַלעבאַטישקייט, און וויפיל היזקות, אַזוי, אַז מיינע אָט מיר קאָ גוט וואָרט ניש געגעבן...

— זי האָט זיך אויך געהאַט איר שכל. אָבער צו זיין אַ

רעגירונגס-מענטש אי דעך סוף כל סוף אי אַ האָנער, אי ס׳אי דאָ פראָפּיט.

— אַ שיינעם דאַנק ענק. פּאַר דעם סטראָזשניק נייג דיך, דעם שרייבער כאַפּ אַרום באַ די פּיס און אַ ליאַדע פּאַטשקער, וואָס דינט נאָר אין דער רעגירונג, אויך... אַ וואַזשנער האָנער מיר! צאָלט ווער ניש קאַ פּאָדאַטקעס, צי די בריק ווערט קאַליע, ווערט אַ הונט משוגע, ס׳כאַפּט ווער מיט אַ קלאָניצע אין קאָפּ אריין — ווער אי עולדיק?... דע סאָלטיס אי שולדיק, דעם סאָלטיס באַשטראָפט מען! אוודאי אי דאָ פּראָפּיט! כ׳אָ געגוג הי־נער אָנגעטראָגן דעם שרייבער און אין פּאָוויאַט אַריין, און אייער, און וועלכעס געגדזל...

— עץ זאָגט אמת, אָבער פּיעטרעקן פונדעסטוועגן קריכט נישט דאָס וואָיטשאָפט צוריק פון האַלדז אַרויס, ניין; גרונט האָט ער שוין צוגעקויפט — און אַ סטאָדאָלקעלע האָט ער זיך צוגע־שטעלט, און פערד האָט ער, ווי די האַמאָנעס!...

— אוודאי, נאָ מ׳קען ניש וויסן, וואָס עס עטן איבערבלייבן פון דעם, אַ׳ דער אָמט עט זיך ענדיקן...

— אַזוי מיינט עץ...

— כ׳אָ מיר מיינע אויגן און כ׳מיאַרקיר מיר נאָך אויך אַ דזשעבלע...

— ער האַלט זיך דיר דאָס פון זיך, און מיטן דאָבראָדזשעי־רייסט ער זיך אַרום, ווי אַ קאָץ.

— און אַז ס׳גייט אים — איז עס נאָ אַ דאַנק ב׳וויב; ער וואָיטעוועט זיך, און זי האַלט אַלץ אין דער גאָרשטש.

זיי האָבן ווידער אַ גוטע ווײַלע שטיל געשוויגן.

— און איר עט דאָס גאָרנישט שיקן מיט קאַ בראָנפן צו וועמען?... — האָט זי פּאַרזיכטיק אַ פרעג געטון.

— אי... ס׳נעמט מיך שוין נישט צו קאַ ווייבער, כ׳בין שוין צו אַלט...

— רעדטס ניש קאַ נאַרישקייטן! דער דאָזיקער אי דיר נאָר

אָן אַלטער, וואָס ר׳קען זיך שוין ניש רירן, ר׳קען שוין אַליין דעם לעפל צום מויל ניש צוטראָגן און קריכט שוין אויפן פיעקעליק אַרויף... כ׳אָ געזען, ווי צ׳האָט אַ זאַק קאָרן געטראָגן.

— אמת טאַקע, כ׳בין נאָך פעסט אין מיר, אָבער וועלכע וואָלט מיך דאָס גענומען?...

— ווער ס׳פרווט ניש — וואָס ווייסט ער? צ׳עט שוין זען!

כ׳בין שוין אויף דער עלטער, קינדער וואַקסן אונטער... און די ערשטע בעסטע על איך ניש נעמען...

— ווילסט נאָר אָפּשרייבן, עלן אפילו די סאַמע בעסטע ענק זיך נישט אַנטקעגנשטעלן...

— צוליבן אָפּשרייבן! ווי די חזרים, פאַ דער מאָרגע, עט דיר דאָס רייִנסטע יונגע מיידל אפילו אַ דזשאַד פון הינטערן קלויס-טער נעמען...

— און די מאַנספערשוינען קוקן דיר נישט אויף קאַ נדן, האַ?

ער האָט שוין גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַ פּאָר שמיר גע-טון די זשריביע, אַז ז׳האָט אין גאַלאָפּ זיך אַ נעם געטון פון אָרט.

זיי האָבן לאַנג געשוויגן.

ערשט דאַמאָלס, ווען זיי זענען פון וואַלד אויפן פעלד אַרויסגעפאָרן, צווישן די טאָפּאָלן באַם וועג — האָט באָריבע, וואָס האָט די גאַנצע צייט אין זיך געשטורעמט און געפרעסן זיך, אַרויס-געשאָסן:

— פאַ די הינט איז אַזאַ אָרדנונג אויף דער וועלט! פאָר אַלץ צאָל, אפילו פאָר דעם גוטן וואָרט! ס׳אי שלעכט, אַז ס׳אי קיינמאָל גאָר ערגער ניש געווען. אפילו די קינדער קריכן שוין אויף די עלטערן אַרום. האָרכן, האָרכט מען זיך גאָרנישט, און אַלע רייסן זיך אַרום צווישן זיך, ווי די הינט.

— וואָרן זיי זענען נאַראָנים, זיי ווייסן נישט, אַז אַלע עט די הייליקע ערד גלייך צודעקן.

— אַ ליאַדע ווער, עס אי נאָך פון דער ערד נישט אויפ־געוואַקסן, עפּנט עס שוין אַ פּיסק אויפן טאַטן אויף, אַ מ׳זאָל אים זיין חלק געבן. פון די עלטערע — לאַכן זיי דיר נאָר אָפּ! שטשער־וועס, אין דאָרף איז זיי ענג, די אַלטע אָרדנונג איז זיי שלעכט, טייל שעמען זיך שוין אפילו מיטן אָנטון!

— דאָס איז אַלץ איבער דעם, וואָס ז׳האָבן פאַר גאָט ניש קאַ מורא...

— צי פאַר דעם, צי ניש פאַר דעם, און שלעכט איז.

— ס׳גייט גאָרנישט צום בעסערן, ניין.

— ס׳לאָ יאָ גיין? ווער נייט זיי דען דאָס?

— גאָטס שטראָף! וואָרן ס׳עט קומען די שעה פון פאַן יעזוסעס משפּט, ס׳עט קומען.

— אָבער פון וויפיל מענטשן ס׳עט פריער אַ תל ווערן, דאָס עט קיינער נישט אָפּנעמען.

— צייטן אַזעלכע, אַז ס׳אי שוין בעסער אַ מגפה לאָ קומען.

— צייטן! ב׳אוודאי, אָבער אויך די מענטשן זענען שולדיק. און דע קאָוואַל אי וואָס? און דע וואָיט? רייסן זיך אַרום מיטן דאָבראָדזשעי, בונטעווען די מענטשן, פאַרפירן זיי, און די נאַראָ־נים גלייבן.

— דער קאָוואַל, דאָס אי מיין סם, כאָטש ר׳אי מיין איידעם אפילו...

און אַזוי האָבן זיי זיך שוין באַזאַמען באַקלאָגט אויף דער וועלט, קוקנדיק אויפן דאָרף, וואָס האָט זיך שוין אַלע מאָל נעב־טער דורך די טאָפּאָלן באַוויזן.

הינטערן צמענטאַר׳ש האָט זיך שוין גערייטלט פונדערווייטנס אַ שורה פּיערטעס, איינגעבויגענע און פאַרהילטע מיט אַ לייכטן נעפּל פון רויך, און באַלד האָט זיך אויך אָנגעהויבן דערטראָגן פון

צייט צו צייט אַ טעמפּ, מאָנאָטאָן קלאַפּן פֿון פֿלאַקס מיטן בלאָז פֿון ווינט, וואָס האָט זיך פֿון די נידעריקע לאָנקעס אויפֿגעהויבן.

— אַ גוטע צייט אויף פֿלאַקס קלאַפּן, כ'על לעבן זיי אַראָפּקריכן, ווייל מיין יאַגוש איז אויך דאָרטן דאָ.

— קאַ וועג על איך סיי ווי ניש אָנלייגן, על איך ענק צופירן...

— צ'זענט אַ גוטעו, מאַטשעי, אַ' ס'אי מיר אַזש אַ וווּנדער. זי האָט כיטרע אַ שמייכל געטון.

ער האָט אַראָפּגעקירעוועט פֿון צווישן די טאָפּאָלן אויף אַ שמאָלן פֿעלד-וועג, וואָס איז געלאָפֿן צום צמענטאַרזש-טויער, און די צוגעפֿירט ביזן צמענטאַרזש. ווו אונטערן שטיינערנעם גרויען פֿלאָט, אין שאָטן פֿון בזשאָזעס, קלאָנעס און צלמים, וואָס האָבן זיך פֿון די קברימלעך צו די פֿעלדער צוגעצויגן, האָבן באַ אַ צענדלינג פֿויערטעס עקשנותדיק טרוקענעם פֿלאַקס אויסגעקלאַפּט, אַזש אַ נעפּל פֿון שטויב איז געהאָנגען איבער זיי און לאַנגע פֿעדעם האָבן זיך אָן די געלע בלעטלעך פֿון די בזשאָזעס אָנגעטשעפּעט און זענען אויף די שוואַרצע אָרעמס פֿון די צלמים געהאָנגען. לעבן זיי זענען ליאַסעס איבער גריבער אויסגעשפּרייט געווען, אין די גריבער האָט פֿייער געברענט, און דערנאָך האָט זיך פֿייכטער פֿלאַקס אויף די לאַסעס געטריקנט.

די פֿלאַקס-העלצער האָבן הויך געקלאַפּט, אַזש די גאַנצע שורה פֿויערטעס האָט זיך כסדר מיט אָפּגעהאַקטע אָבער גיכע באַוועגונגען געבויגן, און נאָר טיילמאָל האָט זיך וועלכע פֿון זיי אויסגעגלייכט, צעפּלאָשעט אַ גאָרשטש פֿלאַקס שוין פֿון די לעצטע געוויקסן, אין אַ לענגלעכן פֿלעכט אָדער קנויל איינגעוויקלט און אויף דער אויסגעשפּרייטער פֿלאַכטע פֿאַר זיך אַ וואָרף געטון.

— די זון, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַרויפֿגעקאָלערט איבער די וועלדער, האָט זיי געלויכטן גלייך אין די פּנימער אַריין; אָבער דאָס איז גאָרנישט — די אַרבעט, די געלעכטערן, די פריי-

לעכע ווערטלעך האָבן נישט אויפגעהערט אויף קיין איין אויגנ־בליק.

— אַ גאָט העלף אין דער אַרבעט! — האָט באָרינע אויס־געררופן צו יאַגנען, וועלכע האָט באַלד אין עק פלאַקס אויסגעקלאַפּט, זי איז געווען אָנגעטון אין אַ בלויז העמד, אין אַ רויטן וועלניאַק און אין אַ טיכל אויפן קאָפּ פאַרן שטויב.

— לאָז ענק גאָט באַצאָלן! — האָט זי פריילעך צוגעוואָרפן און אויף אים אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן אויפגעהויבן און אַ שמייכל איז איבער איר שיין אָפּ׳עברענט פּנים אַדורכגעלאָפן.

— ר׳אי טרוקן, טעכטערל, האַ? אַז ר׳ברעכט זיך אַזש...

זי האָט ווידער אַ קוק געטון אויפן אַלטן, אַזש אַ ציטער האָט אים אַדורכגענומען, האָט ער אַ סווישטש געטון מיט דער בייטש און אַוועקגעפאָרן, אָבער כסדר וואָס אַמאָל זיך אומגעקוקט צו איר, כאָטש מ׳האָט זי שוין נישט געזען, וואָרן זי איז אים געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקדע פאַר די אויגן...

— אַ שיקסע, ווי אַ הערש... ווי אָפּגעמאָסטן — האָט ער געטראַכט.

ש

ס׳איז געווען זונטיק — אַ שטילער, מיט שפּינוועבס-באַזיל־בערטער און מיט זון פאַרגאַסענער תשרי־טאָג.

אויף דעם אָפּגעשניטענעם תבואה-פעלד, האַרט הינטער דעם שייער, האָט זיך היינט געפּאַשעט באָרינעס גאַנצער אינווענטאַר, און אונטער אַ הויכער אָנגעשטאָפּטער סטערדע, וואָס איז אַרום־גערינגלט געווען מיט אַ גרינער באַרשט קאָרן און אויסגעטרעטן אַרום נאָך פון אָפּלייגן, איז געלעגן קובאַ. ער האָט אַכטונג גע־געבן אויף דעם אינווענטאַר און וויטעקן דעם פּאַטשערזש געלערנט. ער האָט אָפּט אַ געשריי געטון אויף אים אָדער אַ שטאָרג ג טון אים מיט דער בייטש, וואָרים ס׳שגצל האָט זיך כסדר טועה געווען און געלאָפן מיט די אויגן איבער די סעדער.

— גיב אַכטונג, וואָס כ׳זאָג דיר, וואָרן דאָס איז פּאַ־טשערזש — האָט ער אים מיט אַן ערנסטער מינע דערמאַנט.

— טאַטש, כ׳גי דעך אַכטונג, קובאַ, כ׳גי דעך אַכטונג.

— טאָ וואָס-זשע שליפּיעסטו איבער די סעדער.

— ס׳זעט מיר אויס, אַ׳ ס׳אי נאָך דאָ עפּל באַ די קלענ־ביס...

— וואָלסט געגעסן! און דו האָסט זיי געזעצט, האַ? חזר איבער — „כ׳גלייב״.

— עץ האָט אויך נישט איבערגעזעצט קאַ קוראָפּאַטוועס און צ׳האָט גענומען אַ גאַנצע טשאַטע.

— ביסט אַ נאַר! די עפּל זענען קלענביס און די פייגעלעך זענען פאַן יעזוסעס, פאַרשטייסט!

— אָבער צ׳האָט זיי גענומען פון פּ יצס פעלד...

— און ס׳פעלד איז פאַן יעזוסעס. אָסט געזען, ס׳אַ חכם, חזר איבער — „כ׳גלייב״.

ער האָט גיך איבערגעחזרט, וואָרים די פיס האָבן אים שוין ווייט געטון פון קניִען, אָבער ער האָט נישט אויסגעהאַלטן...

— ס׳זעט מיר אויס, אַז די זשדיביצע גייט אַריין אין דער מכאַלאָוועס קאָניטשיגע — האָט ער אַ געשריי געטון, גרייט צום לויפן.

— אָ ניש קאַ מורא פאַ דער זשריביע, נאַר קוק אין דער תּפילה...

ער האָט ענדלעך געענדיקט. אָבער שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף די פיענטעס, גע-דרייט זיך אויף אַלע זייטן, און דערבליקנדיק אַ באַנדע שפּאַצן אויף די פלוימען-ביימלעך, האָט ער אַ שיב געטון אויף זיי אַ גרוד-קעלע ערד און אין איילעניש געקלאַפּט זיך אין דער ברוסט אַריין.

און די תּפילה „אויפאָפּערונג״ האָסטו ווי אַ יענגעלקע אויפ-געפרעסן, האַ?

ער האָט אָפּגעזאָגט די תּפילה „אויפאָפּערונג„ און מיט אַ גרויס דערלייכטקייט זיך צ.ם שלאָפנדיקן לאָפּאַ גענומען און אָנ-געהויבן שטיפן מיט אים.

— זעטס נאַר, שטענדיק עט ער דיר אַרומווילדעווען׳ ווי דאָס גאַרישע קאַלב.

— צ׳עט אַוועקטראָגן דעם דאָבראָרזשעי די פייגעלעך?

— כ'על אַוועקטראָגן...

— מ'וואָלט זיי ליבער אָפּגעבראָטן אין פעלד.

— בראָט דיר גיטאָפּליעס. וואָס אים פאַרגלוסט זיך!

— מ'גייט שוין אין קלויסטער אַריין — האָט וויטעק אויס-געדופן, דערזעענדיק דורך די פלעטער און ביימער, ווי ס'שימערן רויטע טיכלעך איבערן וועג.

די זון האָט נישקשהדיק צוגעוואַרעמט, אַזוי, אַז אַלע פענס-טער און טירן פון די כאַלופּעס זענען אויפגעפּראַלט געווען, ער-גענץ-ווו אונטער די פריזבעס האָט מען זיך נאָך געוואַשן, ערגעץ-ווו זיך די קעפּ געקעמט און די צעפּ פאַרפלאָכטן, ערגעץ-ווו די יומטובדיקע מלבושים אויסגעקלאַפּט, וואָס זענען צעקנייטשט גע-ווען פון אַ גאַנצער וואָך ליגן אין די קאַסטנס, ערגעץ-ווו איז מען שוין אויפן וועג אַרויסגעגאַנגען, אַזוי, אַז אַלעמאָל האָט עס פּונקט, ווי רויטער מאָן אַ שימער געטון, ווי געלע גע‌אָרגיניעס, וואָס האָבן זיך אונטער די ווענט צעבליט, אָדער נאַגעטקעס און נאַסטיר-ציעס — עס זענען געגאַנגען אויסגעפּוצטע פויערטעס, ס'זענען געגאַנגען שיקסלעך, ס'זענען געגאַנגען די פּאַראָבקעס, ס'זענען גע-גאַנגען קינדער, ס'זענען געגאַנגען די באַלעבאַטים אין די ווייסע קאַפּאָטעס ענלעך צו גרויסע סנאָפּעס קאָרן, און אַלע האָבן פּאַ-מעלעך געצויגן אין קלויסטער אַריין, מיט די וועגן באַם סטאַוו, וואָס האָט ווי אַ גאָלדענע שיסל די זון אין זיך אָפּגעשלאָגן, אַזש ס'האָט אין די אויגן געבלענדט.

און די גלאָקן האָבן כסדר געקלונגען מיט אַ פריילעכער זונטיקדיקער שטימע, פון אָפּרו, פון תּפילה.

קובאַ האָט געוואַרט ביז וואַנען מ'וועט אָפּקלינגען, נאָר ווייל ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן, האָט ער באַהאַלטן דאָס בנטל פייגעלעך אונטער דער קאַפּאָטע און אויסגערופן:

— וויטעק, אַז מ'וועט ענדיקן קלינגען, טרייב איין די בהמות אין די שטאַלן און קום צו גיין אין קלויסטער אַריין.

— ער האָט זיך אַ לאָז געטון, ווי שנעל ער האָט נאָר גע־קענט, ווייל ער האָט שרעקלעך געלאָמט. ער האָט געאיילט מיט דעם וועגל, וואָס איז געלאָפן הינטער די גערטנער און וואָס איז אַזוי פּאַרדעקט געווען מיט די געלע בלעטער פון די טאָפּאָלן, אַז ער איז געגאַנגען, ווי איבער אַ טעפּיך פון זאַפערן.

די פּלעבאַניע איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער דעם קלויס־טער, אָפּגעטיילט נאָר פון אים מיטן וועג, אין דער טיף פון גרויסן גאָרטן, וואָס איז נאָך מיט גרינע בארנעס און רויטע עפּל פול געווען...

פּאַרן גאַנעק, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט דורכגערויטלטע וויינטרויבן, האָט זיך קובאַ הילפלאָז פּאַרהאַלטן, אַריינבליקנדיק נישט דרייסט אין די פענסטער און אין פעדערהויז, וואָס איז ברייט צעעפנט געווען; און ווייל ער איז נישט דרייסט געווען אַריינצוגיין, האָט ער זיך צוריקגערוקט הינטער אַ גרויסן קלאָמב אַהינטער, וואָס איז פול געווען מיט רויזן, לעווקאָניעס און אַסטרעס — פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן אַ זיסער, פאַרשיכורנדיקער ריח; אַ טשאַטע ווייסע טויבן האָבן אַרומגעהיפּט אויפן פאַרשימלטן דאַך און זענען אַראָפּגעפלויגן אויפן גאַנעק.

דער גלח איז געגאַנגען איבערן גאָרטן מיטן תפילה־בוך אין דער האַנט, אָבער ער האָט אַלעמאָל אַ שאָקל געטון דאָ אַ באַרן־ביימל, דאָ אַן עפּל־בוים, אַזוי, אַז מ'האָט נאָר געהערט דאָס שווע־רע פאַלן פון די עפּל אויף דער ערד, ער האָט זיי צוזאַמענגע־קליבן אין דער פאַלע פון דער סוטאַנע און אַהיימגעטראָגן.

קובאַ האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט און הכנעהדיק זיינע קני אַרומגענומען.

— וואָס עט עך זאָגן גוטס? אַהאַ... קובאַ באַרינעס.

— טאַקיש... טאַטש כ'אָ' געברענגט דעם דאָבראָדזשעי אַ פּאָר קוראָפּאַטוועס.

— זאָל דיר גאָט באַצאָלן. קום מיט מיר מיט.

קובאַ איז נאָר אַריינגעגאַנגען אין פעדערהויז און איבער־

געבליבן בּאַ דער שוועל, ווייל ער איז בשום אופֿן נישט דדייסט געווען אַרייַנצוגיין אין די צימערן, ער האָט נאָר בלויז אַרייַנגעקוקט דורך דער אָפּענער טיר אויף די בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט און זיך פרום איבערגעצלמט און אָפּגעזיפצט. ער האָט זיך אַזוי געפילט פאַרכאַפּט פון די הערלעכקייטן, אַז ער האָט אַזש טרערן אין די אויגן געהאַט און ס׳האָט זיך אים דורכויס געוואָלט נאָר פאַטשערזש אָפּזאָגן, נאָר ער האָט מורא געהאַט צו קנ:ען אויף דער בלענדנדיקער, גליטשיקער פּאָסאַדזקע, ער זאָל זי נישט איינרעכטן.

נאָר דער גלח איז באַלד אַרויסגעקומען פון די צימערן, ער האָט אים געגעגעבן אַ גילדן און געזאָגט:

— זאָל דיר גאָט באַצאָלן, קובאַ, ביסט אַ גוטער מענטש און אַ פרומער, ווייל דו גייסט אַלע זונטיק אין קלויסטער אַריין.

קובאַ האָט אים זייַנע פיס אַרומגענומען, אָבער ער איז אַזוי באַרוישט געווען פון דער פרייד, אַז ער האָט אפילו נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער האָט זיך אויפן וועג געפונען...

— טה, פאַ די פאָר פייגעלעך, און אַזוי פיל געלד! ליבער דאָבראָדזשעי! — האָט ער געשעפּטשעט, באַטראַכטנדיק דאָס געלד. נישט איינמאָל האָט ער דיר געטראָגן צום דאָבראָדזשעי פאַרשידענע פייגעלעך, דאָ אַ העזל, דאָ שוואָמען, אָבער נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי פיל נישט געקריגן; אויב שוין גאָר אַ סך, איז געווען אַ צענערל אָדער אַ גוט וואָרט נאָר... און היינט!... מיין ליבער יעזו! אַ גאַנצן גילדן, און אין די צימערן אַרייַנגערופן, און אַזוי פיל גוטע רייד אים געזאָגט... יעזוס! אַזש באַם האַלדז האָט עס אים אָנגעכאַפּט און די טרערן זענען אים אַליין פון די אויגן געפלאָסן, און אין האַרץ האָט ער דערפילט אַזאַ ברי, ווי עמעצער וואָלט אים הייסע קוילן אונטערן בוזעם אַרונטערגערוקט...

— נאָר איין גלח, וואָס ער שאַנעוועט דיר אַ מענטש, נאָר ער איינער!... לאָ דיר גאָט געזונט און אויף די טשענסטאָ-

כאָווער פּאַ יענקע... ביסט אַ גוטער פֿאָן, ביסט אַ גוטער!... ווערן ס׳גאַנצע דאָרף, אי די פּאַראָבקעס, אי די באַלעבאַטים, און אַלע, האָבן אים נאָר קוליאַס געגרופן, און טויגעניִשט, און אַז ער פּרעסט בחנם, און קיינער האָט אים קיינמאָל קאַ גוט וואָרט נישט געגעבן, קיינער האָט אים נישט באַדויערט — אַכיבע נאָר די פּערד אָדער די הינטלעך... און ר׳אי דעך געווען אַ געבוירענער פֿון דאַנען... אַ באַלעבאַטישער זון... ניש קאַ שום ממזר... ניש קאַ לופֿטנשפּרינגער... נאָר אַ רעכטפֿאַרטיקער קריסט, אַ קאַ-טאָליק...

ער האָט וואָס אַמאָל העכער און וואָס אַמאָל מער דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט זיך וויפֿיל ער האָט נאָר געקענט, און פֿון דער הייך אַראָפּ, כמעט אַרויסרופֿנדיק, אויף דער וועלט גע-קוקט, אויף די מענטשן, וואָס זענען אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן צמענ-טאַרזש, און אויף די פּערד, וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער מויער באַ די וועגענער; ער האָט אָנגעטון דעם הוט אויף דעם קאָלטענעוואַטן קאָפּ און פֿאַמעלעך, ווירדיק זיך געלאָזט אין קלויסטער אַריין, ווי עפּעס אַ באַלעבאַס, פֿאַרשטעקנדיק די הענט אין פֿאַס אַריין און אַזוי פֿאַרקערנדיק מיטן קרומען פֿוס, אַז אַ שטויב האָט זיך אַזש נאָך אים אויפגעהויבן.

ניין, ער איז נישט שטיין געבליבן היינט אין פֿעדערהויז פֿון קלויסטער ווי שטענדיק, ווי עס האָט געפּאַסט פֿאַר אים, נאָר זיך אָנגעהויבן אַדורכפּאַקן דורך דעם ענגשאַפֿט און געשטופּט זיך גלייך אַהין דאָרט אַזש פֿאַרן גרויסן אָלטאַרזש — אַזש דאָרט, ווו ס׳זענען געשטאַנען בלויז באַלעבאַטים; ווו ס׳אי געשטאַנען באַרי-נע און דער וואָיט אַליין; ווו ס׳זענען געשטאַנען די, וואָס האָבן געטראָגן דעם באַלדאַכין איבערן דאַבראָדזשעי אָדער די, וואָס האָבן מיט די ליכט, ווי די קלאָניצעס, געהאַלטן וואַך באַם אַל-טאַרזש אין דער צייט פֿון אָנהייבן די תּפֿילה.

מ׳האָט געקוקט מיט פֿאַרוווּנדערונג אויף אים און מיט כּעס, און ער האָט טיילמאָל אַ שלעכט וואָרט דערהערט, און דערפֿילט אַזאַ

בליק אויף זיך — ווי דער הונט, וואָס פּאַקט זיך דאָרט, ווו מען רופט אים נישט. צבער קובאַ האָט זיך פון דעם אַלעם היינט גאָרנישט געמאַכט; ער האָט צונויפגעפּרעסט דאָס געלט אין דער גאָרשטש און זיין נשמה איז איבערפולט געווען מיט זיסקייט און גוטסקייט, ווי נאָכן מתוודה זיין האָט ער זיך געפילט אָדער נאָך אפשר בעסער.

די תפילה האָט זיך אָנגעהויבן.

ער האָט אַנידערגעקניט באַ דער סאַמער קראַטע און געזונגען גלייך מיט אַנדערע, איינגעקוקט פרום אין דעם אָלטאַרזש. אין דער הויך איז גאָט דער פאָטער געווען, אַ גרויער פּאַן, און אַ שטרענגער, אַקוראַט ענלעך צום פּריץ פון דרזשאַזגאָווע וואָליע און פון דערמיט האָט די טשענסטאָכאָווער אַליין אין גאָלד אָנגעטון געקוקט אויף אים... און אומעטום האָט געבלאַנקט דאָס גאָלד, האָבן געהעלט די ליכט און ס'זענען געשטאַנען בוקעטן פּאַפּירענע רויטע בלומען. און פון די ווענט און פון די קאָלירטע פענסטער אַראָפּ האָבן זיך גאָלדענע ראַמען אויסגעבויגן און הייליקע, שטרענגע פּנימער, און פּאַסן גאָלד, פּורפּור און פיאָלעט, פּונקט ווי רעגנבויגנס, זענען געפאַלן אויף זיין פּנים, אויפן קאָפּ, אויף אים אינגאַנצן, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַר זון-אונטערגאַנג, ווען די זון שלאָגט זיך אָפּ אין וואַסער, אין סטאַוו אונטערגעטיקט.

ווי אין הימל האָט ער זיך געפילט אין די דאָזיקע הערלעכקייטן, אַז ער האָט אַזש נישט געוואַגט זיך קיין ריר צו טון, נאָר אַלץ געקניט, פאַרקוקט אין דעם שוואַרצלעכן, זיסן מוטער-פּנים פון דער טשענסטאָכאָווער, ער האָט נאָר געזאָגט איין תפילה נאָך דער אַנדערער מיט די פאַרטרוקנטע ליפּן, און דערנאָך געזונגען אַזוי הייס, מיטן גאַנצן כוח פון זיין גלייבנדיקער נשמה, מיטן גאַנצן האַרץ, פול מיט עקסטאַז — אַז זיין פאַרטרוקנטע, סקזשיפּענדיקע שטימע האָט זיך פון אַלע שטימען אַרויסגעהערט.

— צ'בעטשעט, קובאַ, ווי אַ יידישע קאָזע! — האָט אים עמעצער אַ מורמל געטון פון דער זייט.

— פֿאַ דעם פֿאָן יעזוס און פֿאַר דער פֿאַניענקע. . . — האָט ער אַ מרוק געטון, איבערייסנדיק, ווייל דאָס גאַנצע קלויסטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער גלח איז אַרויפֿגעקומען אויף דער אַמבאָנע, און אַלע האָבן די קעפּ פֿאַריסן און איינגעקוקט זיך אין דאַבּראָדזשעי, וועלכער האָט אין ווייסן גלחים־העמדל זיך איבערגעבויגן איבערן עולם און געלייענט די עוואַנגעליע — און די ליכט און די פֿאַרבן פֿון די פֿענסטער האָבן אויף אים געשלאָגן אַזוי, אַז ער האָט אָלעמען אויסגעזען ווי אַ מלאך, וואָס שוועבט אויף רעגנבויגנס. . . דער גלח האָט גערעדט לאַנג און אַזוי שטאַרק, אַז דאָ און דאָרט האָט עמעצער אַ זיפֿץ געטון מיט אַ צעבראָכן האַרץ, נישט איינעם זענען טרערן פֿון די אויגן גערונען, און ווער ס'האָט די אויגן מיט טיפֿער הרטה אַראָפּגעלאָזט — און צוגעזאָגט תשובה צו טון. . . און קובאַ האָט זיך איינגעקוקט אין גלח, ווי אין אַ הייליקן בילד, און ס'איז אים אַזש אַ וווּנדער געווען, אַז דאָס איז דער זעלבער גוטער פֿאָן, וואָס האָט גערעדט צו אים און געגעבן אים אַ גילדן — וואָרים אַצינד האָט ער אויסגעזען ווי אַ מלאך פֿון גאָט אויף אַ פֿייערדיקן וואָגן פֿון שטראַלן, ס'פּנים איז אים בלאַס געווען, די אויגן האָבן געוואָרפֿן בליצן, ווען ער האָט העכער אָנגעהויבן אויפֿצוהייבן די שטימע און אויסרעכענען דעם פֿאָלק אַלע חטאים, אי דאָס קאַרגשאַפֿט, אי דאָס שיכּרות, אי דאָס צעלאָזנקייט, אי דאָס מאַכן יענעם שאָדנס, דאָס נישט ערלעך האַלטן די עלטערע, דאָס נישט פֿרומקייט! און ער האָט גערופֿן מיט אַ הויך קול, אַז מען זאָל זיך דערמאַנען, ער האָט געבעטן, באַשווירן, נאָכאַמאָל געבעטן — אַז ער, קובאַ, האָט נישט אויסגעהאַלטן און ס'האָט אים אָנגעהויבן אינעווייניק צו טרייסלען פֿון חרטה פֿאַר דער שולד פֿון די אַלע עבֿירות, פֿון די אַלע עוולות, און ער האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ הויך געוויין, און נאָך אים דער גאַנצער עולם; די ווייבער, די באַלעבאַטים אַפֿילו, — אַזוי, אַז ס'האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געוויין אין קלויסטער, אַ כליפּען, אַ געווישעריי פֿון די נעז, און ווען דער גלח האָט זיך מיט אַ תּפֿילה

פון תשובה אומגעדרייט צום אַלטאַרזש און געפאַלן אויף די קני — איז אַ יאָמער אַדורכגעלאָפן איבערן קלויסטער און דאָס פאָלק איז ווי אַ וואַלד, פון שטורם-ווינט געבויגן, אַ פאַל געטון מיט די פנימער צו דער פאַדלאָגע, אַזש אַ שטויב האָט זיך אויפגעהויבן און ווי מיט אַ וואָלקן באַדעקט די דאָזיקע צעבראָכענע הערצער, וואָס האָבן מיט טרערן, מיט אַ געזיפצעריי, מיט אַ געשריי, נאָך דערבאַרמונג צו גאָט געווען.

און דערנאָך האָט אַ שטילקייט אַלעמען באַהערשט, אַ שטילקייט פון תפילה און האַרציקן דורכשמועסן זיך מיטן רבונו של עולם, וואָרים ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָפריכטן די סוממאַ*) — די אָרגלען האָבן געבוזמט מיט אַ טויבער, הכנעהדיקער און טיפער שטימע — אַזש קובאַס נשמה איז אָפּגעשטאָרבן פון ליבע און אומבאַשרייבלעכן גליק.

און דער אָך האָט זיך דעם גלחס שטימע פלוצלינג פון אַלטאַרזש אַראָפּ אויפגעהויבן און געפלאָסן איבער די איינגעבויגענע קעפּ מיט אַ שטראָם פון אַ דורכדרינגלעכן און הייליקן ברומען; דאָ האָבן די גלעקלעך מיט אַ קורצער סאַלווע אָנגעהויבן קלינגען, דאָ האָבן די רויכן פון דעם ווייראיך אויפגעשלאָגן מיט שמעקעדיקע זיילן און ווי מיט אַ וואָלקן באַדעקט די קניענדיקע און צעפּלהטע — און קובאַ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַזאַ תענוג, אַז ער האָט נאָר אָפּגעזיפצט, צעשפּרייט די הענט, געקלאַפּט זיך אין דער ברוסט אַריין און אָפּגעשטאָרבן פון דער זיסער אָפּגעשוואַכטקייט און די געגליסטערן פון די תפילות, די זיפצן, די פלצלימדיקע אויסגעשרייען, און די יאָמערן פון דאָ און דאָרט, דער הייסער אָטעם, דאָס ליכט, די רויכן, די קלאַנגען פון די אָרגלען — האָבן אים, ווי אין אַ הייליקן טרוים, ווי אין פאַרגעסנהייט פאַרזונקען.

---

*) אזא תפילה.

— יעזוס! יעזוס מיין ליבער! — האָט ער אַ פּאַרבלעודעטער ווי אין אומבאַוווסטזיין געשעפּטשעט, און דעם גילדן פּעסט אין דער גאַרשטש געהאַלטן. ווייל באַלד, ווי די תפילה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט יאַמבראָזשי אָנגעהויבן אַרומצוגיין מיט אַ טעצל און צוגעזאָגט, אַז מען זאָל הערן, אַז ער נעמט צוזאַמען אויף באַלייכטונג. קובאַ איז אויפגעשטאַנען, ער האָט אַ שטאַרקן וואָרף געטון דאָס געלט און לאַנג, ווייל די באַלעבאַטים האָבן אויך אַזוי געטון, זיך אַרויסגעקליבן אַ רעשט זעקס און צוואָנציק גראָשן.

— לאָ גאָט באַצאָלן — האָט ער אַ ליבלעכע שטימע דערהערט.

און ווען מען האָט די ליכט אַרומגעטראָגן, ווייל די תפילה איז געווען מיט אַן אויסשטעלונג און מיט אַ פּראָצעסיע, האָט קובאַ דרייסט אויסגעצויגן די האַנט, און כאָטש ס׳האָט זיך אים שרעקלעך אַ גאַנץ ליכט געוואָלט נעמען, האָט ער דאָך געגעבן מען דאָס קלענסטע, כמעט אַ שטיקל, ווייל ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דעם שטרענגן פאַרוואָרף-בליק פון דער דאָמיניקאָווע, וואָס איז געשטאַנען מיט יאַגושען לעבן אים, — ער האָט עס פלינק אָנגעצונדן, ווייל דער גלח האָט שוין גענומען דעם הייליקן ארון מיטן בילד פון דער הייליקער מוטער, אויסגעדרייט זיך מיט אים צום עולם, וועלכער איז געפאַלן אויף די פּנימער. ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד און איז פּאַמעלעך אַראָפּגעגאַנגען איבער די שטיגן פון אַלטאַרזש אין מיטן פון די צעזינגענע קעפּ, פון די ברענענדיקע ליכט, העלע פּאַרבן און יאָמערנדיקע שטימען; די פּראָצעסיע האָט גערירט, די אָרגלען האָבן געוואָלטיק אַ זעץ אַרויס געטון, די גלעקלעך האָבן אָנגעהויבן ריטמיש צו קלינגען, דער עולם האָט אונטערגעהאָלפן און געזונגען מיט אַן אומגעהייער הויכע שטימע פון גלויבן; און פאָרויס דעם געדראַנג, אין דעם אויסבייג פון די צעווייטע ליכט, האָט אַלעמאָל אַ בלענד געטון דער זילבערנער צלם. ס׳האָבן זיך געוויגט די חופּות איינגאַנצן איינגעהילט אין טול, אין בלומען און אין קרוינען מיט גאָלד-זילבערנע

פליטערלעך, און שוין אין דער גרויסער טיר, דורך וועלכער די זון האָט אין די וויירויך־וואָלקנס אַריינגעשיינט, האָבן זיך שפּרייט אויס געטון אויפן ווינט די איינגעבויגענע פענער און פונקט, ווי פורפורנע און גרינע פייגל, האָבן זיי מיט די פליגל גערוישט.

די פּראָצעסיע איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם קלויסטער.

קובאַ האָט זיך מיט דער האַנט פאַרשטעלט דאָס ליכט, און עקשנותדיק זיך געהאַלטן נאָנט פון גלח, איבער וועלכן באָרינע, און דער קאָוואַל, און דער וואָיט, און טאָמעק קלאָנב האָבן גע־טראָגן אַ רויטן באַלדאַכין, און דער גאָלדענער אָרון מיטן בילד פון דער הייליקער מוטער האָט זיך פון אונטער אים אָפּגערעזען, און ער איז אַזוי אין די פייערן פון דער זון פאַרטרונקען געווען, אַז די בלייכע, דורכזיכטיקע הייליקע האָסטיע האָט פון דער מיטן פון הינטערן גלאָז אַרויסגעשטראַלט.

ער איז אַזוי צעמישט געווען, אַז ער האָט זיך כסדר אַלע מאָל אָנגעשטויסן און אַרויפגעטרעטן אַן אַנדערן אויף די פיס.

— גיב אַכטונג, שלים מזל!

— פּאָקראַקע, קולאַס איינער! — האָט מען אים צוגעוואָרפן און ער האָט געקריגן נישט זעלטן אַ שטורך.

ער האָט דאָס גאָרנישט געפילט; דעם עולמס געזאַנג האָט געקלונגען מיט אַ ריזיקער שטימע, זיך אויפגעהויבן ווי אַ זייל, און ווי אַ כוואַליע, דאַכט זיך, געשווומען און דערהויבן זיך צו דער בלאָסער זון; די גלאָקן האָבן אומאויפהערלעך געברומט מיט די מעשענע מיילער, אַזש די ליפּעס און די קלאָנעס האָבן זיך גע־טרייסלט, און אַלעמאָל האָט זיך ערגעץ אַ רויט בלאַט אָפּגעריסן און ווי אַ דערשראָקענער פויגל אויף די קעפּ אַראָפּגעפאַלן, און הויך, הויך איבער דער פּראָצעסיע, איבער די איינגעבויגענע ביי־מער־שפּיצן, איבער דעם טורעם פון קלויסטער האָט אַ טשאַטע דערשראָקענע טויבן אין אַ קרייז זיך אַרומגעטראָגן.

. . . .

און נאָך דער תּפֿילה האָט זיך דער עולם אַרויסגעשיט אויפֿן צמענטאַרזש, וואָס איז געווען לעבן קלויסטער; צווישן אַנדערע איז אויך קובאַ אַרויסגעגאַנגען, אָבער ער האָט זיך נישט געאײַלט אַהיים, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ס'וועט זײַן אויף מיטאָג פֿלייש פֿון דער דערשאָכטענער קו — ניין, ער איז איבערגעבליבן, איבערגעשמועסט זיך מיט די באַקאַנטע און צוגערוקט זיך צו זײַנע באַלעבאַטים, וואָרים אויך אַנטעק מיטן ווײַב און אויך אַנדערע זענען געשטאַנען אין דער חברותא, און געפּלוידערט, ווי דער שטייגער איז זונטיק נאָך די תּפֿילות.

אין אַ צווייטער גרופּע, וואָס האָט זיך שוין געהאַט צונויפֿגעזאַמלט נאָך דעם קלויסטער-טויער אויפֿן וועג, האָט אָנגעפֿירט מיטן רעדל דער קאָוואַל, אַ גרויסער פֿויער, אָנגעטון שוין פּונקט ווי אַ שטאָט-מאַן, וואָרים ער איז געגאַנגען אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, וואָס איז פֿאַרטריפֿט געווען מיט וואַקס אויף די פּלייצעס, און אין אַ גראַנאַטענעם קאַשקעט, די הויזן אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיוול, און מיט אַ זילבערנער דעווינסקע אויפֿן קאַמעזויל; אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ רויטס, מיט רויטע וואָנסעס און בעקעגדזשערטע האָר; ער האָט הויך גערעדט און אַלעמאָל אַזוי זיך צעלאַכט, אַז ער האָט זיך אַזש געשיט, וואָרים אַ לץ איז דאָס דיר געווען אויפֿן גאַנצן דאָרף איינער, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן אין זײַן מויל אַרײַן צופֿאַלן. באָרינע האָט נאָר אָנגעשטרענגט דעם בליק צו אים, און אונטערגעהערט זיך, וואָרים ער האָט מורא געהאַט פֿאַר זײַן צונג, וואָרים אַפֿילו קיין אייגענעם האָט דער קאָוואַל נישט אַדורכגעלאָזט, און אַציגנד ערשט דעם שווער, מיט וועלכן ער איז אין קריג געווען צוליבן ווייבס נדן — אָבער ער האָט גאָרנישט אויפֿגעכאַפּט, ווייל ס'זענען אים אונטערגעקומען אונטער די אויגן די דאָמיניקאָוואַ מיט יאַגנען, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון קלויסטער; — זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, וואָרים ס'איז געווען אַ געדיכטער עולם אויפֿן צמענטאַרזש, און ווייל זיי האָבן זיך באַגריסט דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם, דאָ וועלכעס וואָרט אַרויסגערעדט,

ווייל כאָטש אַלע זענען צווישן זיך באַקאַנט געווען, און קומעס געווען, און זיך מתחתן געווען צווישן זיך און פון איין ד"רף, און זענען טיילמאָל נאָר מיט אַ פּלאָט אָדער מיט אַ סטעזשקע אָפּגעטיילט געווען פון זיך — פונדעסטוועגן איז אַ ביסל פלוידערן פאַרן קלויסטער גאַנץ אָנגענעם און גוימווענדיק געווען... די דאָמיניקאַנקע האָט זיך צערעדט מיט אַ שטילער, כּרומער שטימע וועגן דאָבראַדזשעי און יאַגנע האָט באַטראַכט די מענטשן, וואָרים אין ווערק האָט זי זיך מיטן גרעסטן פייער געקענט אויסגלייכן און אויסגעפּוצט איז זי היינט געווען, אַז זי האָט אַזש באַ די פּאַראָבקעס, וואָס האָבן זיך אין קופּעסווייז צונויפגעקליבן, די אויגן אויפגעריסן. זיי האָבן זיך געדרייט פאַרן טויער, זיי האָבן געררייכערט פּאַפּיראָסן און געשטשערעט די ציין צו איר. וואָ"ן זי איז געווען אַ שיינע, און אויסגעפּוצט אין אַזאַ שטאַט, אַז קיין פּריצה האָט זיך צון איר נישט געקענט גלייכן.

שיקסעס און אויך פּויערטעס שוין חתונה געהאַטע, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן מיט קנאה געקוקט אויף איר אָדער גאָר זיך אײַנגעגאַנצן אָפּגעשטעלט לעבן איר, אַבי די אויגן אָנצוזעטיקן מיט איר געפּאַסטן הערלעך-וואָלן קלייד, וואָס האָט ווי אַ מאַזורער רעגנבויגן די קאָלירן געטוישט, דאָ אויף אירע שוואַרצע הויכע שיך, פּאַרשנורעוועטע אַזש ביזן ווייסן זאָק אַרויף מיט רויטע שיך-בענדלעך, דאָ אויפן גאָרסעט פון גרינעם סאַ.עט אַזוי אויסגענייט מיט גאָלד, אַז ס'האָט אַזש אין די אויגן געבלענדט, דאָ אויף די שנירן בורשטין און קרעלן, וואָס האָבן אַרומגענומען איר ווייסן פולן האַלדז — אַ בונט פון פאַרשידנפאַרבקע בענדער איז אַראָפּגעהאָנגען פון זיי איבער די פּלייצעס, און ווען זי איז געגאַנגען האָט זיך איר, ווי אַ רעגנבויגן נאָכגעשלענגלט.

אָבער יאַגנע האָט נישט געזען די קנאהדיקע בליקן, זי האָט געבלאָנדזשעט מיט די בלויע אויגן איבער די קעפּ און צונויפּטרעפנדיק יך מיט אַנטעקס אויגן, וואָס האָבן זיך ווי אײַנגעזויגן אין איר, האָט זי זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט, אין אַ ציטערנדיק

די מוטער באַם אַרבל, האָט זי זיך געלאָזט פּאָרויס, נישט וואַרטנדיק.

— יאַגנע, וואַרט צו — האָט די מוטער איר נאָכגעשריגן, באַגריסנדיק זיך מיט באַרינען.

זי האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן וועג, וואָרים די פאַראָבקעס האָבן זי אַ גאַנצע חברה אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן באַגריסן זיך מיט איר און חוזק מאַכן פון קובאַן, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען, פאַרקוקט, ווי אין אַ הייליקן בילד.

ער האָט נאָר אַ שפּיי געטון און אַוועק עשלעפּט זיך אַהיים, וואָרים אויך די באַלעבאַטים זענען שוין אַהיימגעגאַנגען און מען האָט געדאַרפט צו די פערד אַ קוק טון.

— פּונקט ווי אויף יענעם בילד! — האָט ער אומבאַוואוסטזיניק אויסגערופן, זיצנדיק שוין אויפן גאַנעק.

— ווער, קובאַ? — האָט יוזשאַ, וואָס האָט דאָס מיטאָג צוגעגרייט אַ פרעג געטון.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, וואָרים ס'איז אים געווען אַ בושה, און ער האָט מורא געהאַט, אַז מ'זאָל נישט דערקענען אויף אים.

נאָר ווייל עס איז געווען אַ זאַט און לאַנג מיטאָג, האָט ער שוין גיך אָן אַלעם פאַרגעסן; וואָרן ס'איז געווען פלייש, ס'איז געווען אויך קרויט מיט אַרבעס, ס'איז געווען אויך אַ יויך מיט קאַרטאָפליעס, און צום סוף האָט מען נאָך אָנידערגעשטעלט אַ נישקשהדיק שיסעלע מיט גערשטענע קאַשע, געפּרעגלט מיט חזיר-שמאַלץ.

זיי האָבן געגעסן פּאַמעלעך, ערנסט און שטיל שווייגנדיק, ערשט דאַמאָלס ווען זיי האָבן דעם ערשטן הונגער געשטילט, האָבן זיי אָנגעהויבן ערשט צו רעדן און צו פּאַסמאַקעווען דאָס עסן...

און ווייל יוזשאַ איז היינט געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע, האָט זי זיך נאָר צוגעזעצט פון צייט צו צייט אין עק באַנק, און

אַ כאַפּ געטון אַ לעפל עסן און אויפמערקזאַם אַכטונג געגעבן, צי ס׳געפֿעכץ לאָזט זיך נישט אויס, כּדי צוצוברענגען פֿון דער שטוב די טעפּ און צוצולייגן, מען זאָל נישט זאָגן, אַז עס טאָגט אין דער שיסל.

און בײַטאָג האָבן זיי געגעסן אויפֿן גאַנעק, וואָרים ס׳איז געווען אַ שטיל און וואַרעם וועטער.

לאַפּאַ האָט זיך געדרייט און געסקאַמליעט, דאָ זיך געריבן אָן די פּיס פֿון די עסערס, אַ כאַפּ געטון אַ קוק אין די שיסלען, ביז עמעצער האָט אים פֿון צײַט צו צײַט אַ וואָרף געטון עפּעס אַ ביינדל, מיט וועלכן ער איז אַוועק אונטער דער פּריזבע — אָדער גאָר דערפֿרייט מיט דער אָנוועזנהייט פֿון זײַנע באַלעבאַטים און וואָס מען האָט אַלעמאָל זײַן נאָמען דערמאַנט, האָט ער פֿריילעך געבילן און געיאָגט זיך נאָך די שפּאַצן, וואָס האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף די פֿלעטער און געוואַרט אויף די קרישקעלעך.

אין מיטן וועג איז אָפּט ווער אַדורכגעגאַנגען און באַגריסט די עסערס, און זיי האָבן אין איין קול אַלע אָפּגעענטפֿערט.

— האָסט אַפּנים פֿייגעלעך געטראָגן צום דאָבראָדזשעי? — האָט באָרינע אָנגעהויבן צו רעדן.

— כ׳אָ געטראָגן, כ׳אָ געטראָגן — ער האָט פּלוצלינג אַ לייג אַוועק געטון דעם לעפל און אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי אַזוי דער גלח האָט אים דאָס אַרײַנגערופֿן אין די צימערן, ווי שיין דאָרט איז, און אַזוי פֿיל ביכער איז דאָרט דאָ.

— ווען עט ער דאָס אַלדינג אַדורכלייענען? — האָט זיך יוזשאַ געפֿרעגט.

— ווען? אין די אָוונטן! ער גייט זיך איבער די צימערן, טרינקט זיך די טיי און לייענט אַזוי פּסדר.

— מוז זײַן... הייליקע ביכער אַלעטשקע — האָט זיך קוּבאַ אַרײַנגעמישט.

— אוודאַישטשע ניש קאַ לעמענטאַרן (עלעמענטאַרן).

— און גאַזעטן איז אַלע טאָג ברענגט ער, דער סטראַזשניק — האָט האַנקע צוגעוואָרפן.

— וואָרן אין די גאַזעטן שרייבט מע, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט — האָט זיך אַנטעק אָנגערופן.

— דער קאָוואַל מיטן מילנער האַלטן אויך אַ גאַזעט.

— אי... דאָס אי דיר אַזאַ קאָוואַלישער גאַזעט! — האָט באַרינע גיפּטיק אַ זאָג געטון.

— פּונקט די עלבעטשקע ווי דעם גלחס — האָט אַנטעק שאַרף אָפּגעענטפערט.

— אָסט געליינט? ווייסט?

— כ'אָ געליינט און כ'ווייס, איין מאָל נאָר!

— און ביסט גאָניש קליגער געוואָרן פון דעם וואָ דו לאָזט דיך אַריין מיטן קאָוואַל.

— פאַ דעם טאַטן אי נאָ דער קלוג, וואָס האָט כאָטש אַ האַלב וולוקעלע, אָדער אַ מענדל*) קו-ווײדלען.

— פאַ'מאַך ס'פּיסק, פל זמן כ'בין גוט! און דאָס עט דיר נאָ זוכן אַ געלעגנהייט, אַבי זיך אַרומצוויאַדען! דאָס ברויט, זע איך, קריכט דיר שוין אַרויס... מיין ברויט...

— ווי אַ ביין אין האַלדז שטייט עס מיר שוין, אַ ביין...

— זוך דיר בעסערס, אויף האַנקעס דריי מאָרגעס עסטו דיר עסן זעמל.

— קאַרטאָפליעס על איך פרעסן, אָבער ס'עט זיי מיר קיינער ניש אויסרעדן.

— און יעך רעד עס דיר אויך ניש אויס...

— נאָ עמעץ אַנדערש?... האָרווע, ווי דער אָקס, על זיי דיר נאָך קאַ גוט וואָרט ניש געבן...

אין דער וועלט אי דאָ גרינגערס, מ'דאַרף ניש אַרבעטן און מ'גיט אַלצדינג...

---

*) אַ פערטל שאָק

— אוודאי אי בעסער.
— טאַ גיי־זשע דיר און פאַרזוך.
— מיט קאַ לײדיקע הענט על איך ניש גײן.
— אַ שטעקעלע על איך דיר מיטגען, לאָזט דיך האָבן מיט וואָס פון די הינטלעך אָפּצוטרײבן.
— טאַטע! — האָט אַנטעק אַ ריטש געטון, אַ ריס טועגדיק זיך פון דער באַנק, אָבער ער איז באַלד צוריקגעפאַלן, וואָרים האַנקע האָט אים אין דער העלפט אָנגענומען, און דער אַלטער האָט צאָרנדיק אַ קוק געטון, איבערגעצלמט זיך, ווייל ס'איז שוין געווען נאָכן מיטאָג, און ער האָט, אַרײנגײענדיק אין שטוב אַרײַן, אויסגערופן:
— אויף קאַ קצבה צו דיר על איך ניש גײן, ניין!
זיי זענען זיך באַלד צעגאַנגען, נאָר אַנטעק איז געבליבן אויפן גאַנעק און איבערגעלייגט זיך; און קובאַ האָט אַרויסגעפירט די פערד אויף דער קאָניטשינע הינטער די שײערס, האָט זיך אַנידערגעוואַליעט אונטער דער סטעדרע, כדי זיך איבערצושלאָפן אַ ביסל. אָבער ער האָט נישט געקענט שלאָפן, ס'האָט אים געשווערט אין בויך דאָס עסן און אויך דער געדאַנק, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַ ביקס, וואָלט ער געקענט אַזוי פיל פייגעלעך שיסן, אָדער עפעס אַ העזל דאָרט, און ער וואָלט זיי אַלע זונטיק צום דאָבראָדזשעי אָוועקגעטראָגן.
דער קאָוואַל וואָלט געמאַכט אַ ביקס, אַזעלכע ווי ער האָט דאָ דעם גאַיאָווע אויסגעמײסטרעוועט, אַז ווען ער גיט אַ שאָס אין וואַלד, צעטראָגט זיך אַזש אַ קנאַל איבערן גאַנצן דאָרף.
— אַ מעכאַניק, די יוכע! אָבער פינף רובל דאַרף מען אים באַצאָלן פאַר אַזאַ כלי! — האָט ער זיך געטראַכט — אָבער ווו נעמט מען דאָס?... צו ווינטער גײט, אַ פעלץ דאַרף מען קויפן, די שטיוול עלן אויך לענגער, ווי ביז די ימים־טובים נישט אויסהאַלטן... אמת איז, זיי זענען מיר שולדיק נאָך צען רובל און צוויי לאַכעס, אַ פּאָר הויזן און אַ העמד... דער פעלץ

דאַרף אָנטרעפן כאַטש אַ פינף... עס ער זיין קורץ... שטיוול באַ אַ דריי... און אַ היטל וואָלט זיך אויך פאַרגאַנגען... און אַ רובל דאַרף מען אָוועקטראָגן דעם דאָבראָדזשעי אויף אַ נדר פאַרן טאַטן... שטשערוועַ... אַ ס׳עט דיר גאָרנישט בלייבן!... — ער האָט אַ שפּיי געטון און אָנגעהויבן אַרויסצוקלויבן פון די קנשענעס פון רעקל איבערבלייבעכצן פון טיטין, און אָנגעטראָפן אויפן געלט, אָן וועלכן ער האָט גאָר בשעתן מיטאָג געהאַט פאַרגעסן.

— אָט אי דיר דאָ אַ באַרעסער גראָשן, אי דאָ! — ער האָט פּלוצלינג אָנגעוווירן דעם חשק צו שלאָפן; פון דער קרעטשמע האָט זיך דערטראָגן אַ ווייטע שטימע פון מוזיק און ווי אַ ווידערקול פון אויסגעשרייען.

— טאַנצן זיך, די יוכעס, און טרינקען אָקעוויט, און רויכערן פּאַפּיראָסן! — האָט ער אָפּגעזיפצט און זיך ווייטער געלייגט אויפן בויך, און געקוקט אויף די געפּענטעטע פערד, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין אַ קופּע און געגריזשעט זיך אין די קערגער. ער האָט געטראַכט, אַז אין אָוונט מוז ער אויך אַריינגיין אין קרעטשמע און קויפן זיך טיטין, און כאָטש אַ קוק טון אויף די, וואָס באַלעווען.

ער האָט אַלע מאָל באַקוקט דאָס געלט, און אַ קוק געטון אויף דער זון, זי איז נאָך געשטאַנען הויך, אויך זי איז געגאַנגען היינט אַזוי פּאַמעלעך צו מערב-צו, ווי זי וואָלט זיך אויך אַ ביסל אָפּגערוט אין זונטיק... און ס׳האָט אים אַזוי געצויגן צו דער קרעטשמע, אַז ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן, ער האָט זיך נאָר איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און געקרעכצט פון בענקשאַפט, אָבער ער איז נישט באַלד געגאַנגען, ווייל פונקט איז אַנטעק מיט האַנקען פון הינטערן שייער אַפער אַרויסגעגאַנגען און זענען מיט דער סטעזשקע אויף די פעלדער אַוועק.

אַנטעק איז געגאַנגען פאָרויס און האַנקע מיטן שגצל אויף דער האַנט נאָך אים. זיי האָבן טיילמאָל עפּעס אַ רעד געטון און

זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, און וואָס אַמאָל האָט זיך אַנטעקט איינ־געבויגן איבערן פעלד און צוגערירט זיך מיט דער האַנט צו די אויפגייענדיקע גרעזעלעך.

— ס׳גייט אויף... געדיכט ווי אַ באַרשט... — האָט ער אַ מרוק געטון און האָט אַרומגענומען מיט די אויגן די מאַרגעס, וואָס ער האָט פאַרזייעט פאַרן פאָטערס וועגן, וואָס ער האָט אָפּגעאַרבעט.

— ס׳אי געדיכט, אָבער ב׳טאַטנס אי בעסער, ס׳גייט אויף ווי׳אַ וואַלד! — האָט האַנקע געזאָגט, קוקנדיק אויף די שכנותדי־קע בייטן.

— וואָרן די ערד איז בעסער געמיסטיקט.

— צו האָבן אַ דריי קי — זאָלט זיך די ערד אויך דער־כאַפּט.

— און אַן אייגן פערד.

— און אונטערצוכאָווען עפּעס אויף צו פאַרקויפן. און אַזוי וואָס? יעדער פלעווע, יעדער פּיצל רעכענען זיי, דער טאַטע, און האַלטן עס פאַר אַ גרויסער זאַך.

— און אַלץ רעדט ער דיר אויס!...

זיי זענען פלוצלינג שטיל געבליבן, ווייל דאָס געפיל פון דער עוולה האָט זיי די הערצער פאַרגאָסן מיט ווייטיק, כעס און מיט אַ טעמפּן, אויפבראַוזנדיקן בונט.

— אַכט מאָרגעס וואָטן נאָר אויסגעקומען — האָט ער אויס־געשריגן נישט ווילנדיק אַליין וואָס ער רעדט.

— אַוודאיִשטשע אַ בישט מערער. וואָרן ס׳אי דאָך דאָ יוזקאַ, און די קאָוואַלאָווע, און גזשעלאַ, און אונדז — האָט זי אויסגע־רעכנט.

— דעם קאָוואַלס וואָט מע אויסגעצאָלט, און מ׳וואָלט גע־בליבן באַ דער כאַלופּע און באַ אַ האַלב וולוקעלע...

— און צי אָסטו ניט וואָס?... — האָט זי אַ זיפץ געטון און דאָס געפיל פון אָנמעכטיקייט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַזש

טרערן האָבן איר איבערן פּנים אָנגעהויבן צו רינען, ווען זי האָט מיט די אויגן אַרומגענומען דעם פאָטערס פעלדער, די ערד, וואָס איז אַזוי ווי גאָלד ריין, ווו — אי ווייץ, אי קאָרן, אי גערשטן, אי בוראַקעס האָט מען געקענט פון בייט צו בייט זייען... אַזוי פיל גוטס, און דאָס איז אַלץ פרעמדס... נישט זייערס...

— זאַ ניש קאַ נאַר, אַלץ אי דעך אַכט מאָרגעס פון דעם אונדזערס...

— וואָלט מע כאָטש געהאַט אַ העלפט פון דעם מיט דער כאַלופּע און מיט דעם קרויט-פעלד! — האָט זי אָנגעוויזן אויף לינקס, און די לאָנקעס, ווו ס'האָבן זיך געבלויט לאַנגע בייטן מיט קרויט; זיי האָבן זיך דאָרט אַהין פאַרקירעוועט.

זיי זענען געגאַנגען אין עק פון די לאָנקעס הינטער די קושאַקעס, האַנקע האָט אָנגעקאָרמעט ס'קינד, וואָרן ס'האָט צוגע־הויבן וויינען, און אַנטעק האָט פאַרדרייט אַ פאַפּיראָס, אָנגעצונדן און מיט אַ פינסטערן בליק געקוקט פאַר זיך...

ער האָט נישט געזאָגט דעם ווייב, וואָס עס האָט אים גע־פּרעסן אין דער לעבער, נישט דאָס, וואָס ס'איז אים געלעגן אויפן האַרץ ווי אַ צעגליטע קויל — וואָרים ער וואָלט נישט געקענט בשום אופן דאָס אַרויסזאָגן, זי האָט אים כלומרשט גוט פאַר־שטאַנען...

געווויינטלעך, ווי אַ נקבה, וואָס האָט ניש, ניש קאַ געדאַנק אין קאָפּ, ניש ז'עט זיך דיר גאָרנישט אַליין אויסמיאַרקירן, נאָ ס'לעבט זיך אַזוי ווי אָט דער שאָטן, וואָס פאַלט אַוועק פון מענטש...

— נאָר ס'באַלעבאַטישקייט, און די קינדער, און די קומעס — און דאָס איז די גאַנצע וועלט פאַ איר. יעדע נקבה איז אַזוי, עדע... — האָט ער ביטער געטראַכט, און ס'האָט אים אַזש באַם האַרץ פאַרדריקט... — דער פויגל, וואָס פליט דאָרט איבער די וומפּן, אָט זיך טיילמאָל בעסער ווי וועלכער־ס'איז מענטש... וואָס האָט ער פאַר אַ זאָרגן! ער פליט זיך, און זינגט זיך צו, און

דער כּאַן יעזוס פּאַרזייעט פּאַ אים די פּעלדער, אַ׳ ר׳דאַרף גאָר גיין און צוזאַמענקלויבן און שפּייאַ זיך...

— און קאַ באַרעס געלט האָבן, הייסט עס, אָט ער דען ניש, דער טאַטע? — האָט האַנקע אָנגעהויבן.

— ב׳אוודאי!...

— און יוזקען האָט ער געקויפט אַזעלכע קרעלן — אַז ר׳וואָלט געקענט אַ קו קויפן פאַר דעם, און גזשעלען שיקט ער דיר כסדר געלט דורכן וואַיט.

— שיקן, שיקט ער... — האָט ער אָפּגעענטפערט, טראַכטדיק וועגן עפּעס אַנדערש.

— וואָרים אַלע ווערן דעך דאָ באַעוולהט!

— און די שמאַטעס נאָך דער מאַמען — איז דישעט ער זיי דיר אין קאַסטן און ווייזט זיי אפילו אויף די אויגן נישט אַרויס... און אַזעלכע וועלניאַקעס, און טיכער, און טשיפּיקעס, און פּאַטששערקעס... — האָט זי לאַנג אָנגעהויבן אויסצורעכענען דאָס גאַנצע גוטס און די עוולות, און די וויטיקן, און די האָפנונגען, און אַנימעק האָט עקשנותדיק געשוויגן, אַזש זי האָט אים אַן אומגעדולדיקע אַ שטורך געטון אין אָרעם.

— שלאָפסט גאָר?...

— כ׳הער, רעד, רעד, עט דיר גרינגער ווערן! און אַ׳ ד׳עסט ענדיקן, זאָסטו מיר זאָגן...

האַנקע, וואָס איז געווען אַ ווײַנערין און וואָס עס האָט זיך באַן איר שוין אַ סך געהאַט אָנגעזאַמלט אויף דער נשמה, האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין און אָנגעהויבן אים פּאָרוואַרפן, אַז ער רעדט צו איר, ווי צו עפּעס אַ שיקסע, אַז ער זאָרגט גאָרנישט פאַר איר, נישט פאַר די קינדער.

ביז אַנטעק איז אויפגעשפרונגען און גיפטיק אויסגערופן:

— נו, שריי דיך אויס, די גאַפּעס עלן דיך דערהערן, עלן זיי זיך איבער דיר דערבאַרמען! — האָט ער מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף די פאַרבייפליענדיקע קראָען איבער די לאָנקעס.

ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל און מיט גרויסע שפּרייזן זיך צום דאָרף אַוועקגעלאָזט...

— אַנטעק! אַנטעק! — האָט זי אים יאָמערנדיק נאָכגעשריגן, אָבער ער האָט זיך אפילו נישט אומגעדרייט.

זי האָט אַרומגעוויקלט דאָס שגצל און וויינענדיק געגאַנגען מיט די סטעזשקעס צוריק אַהיים; ס׳איז איר געווען אויפן האַרץ — נישט קאַ וואָרט אויסצורעדן, נישטאָ פאַר וועמען זיך אויסצוקלאָגן אויף איר ביטער מזל. און אַזוי לעבט עס אַ מענטש כסדר פאַרהאָרעוועט, אַז אפילו צו די שכנים גיין, עט זי ניש גיין און אפילו זיך פון האַרץ אָפּרעדן, אי ניש דאָ פאַר וועמען. אַנטעק וואָלט איר געגעבן אַ קומע! גאָניש, נאָר זיץ אין דער כאַלופּע און האָרעווע, און לויף אַרום אַלץ, עסטו נאָך אפילו קאַ גוט וואָרט ניש הערן! אַנדערע גייען אין די קרעטשמעס אַריין און אויף חתונות... און דער אַנטעק... צי קען מען דאָס אים דאָגאָדזשען*) ?... טיילמאָל איז ער אַזעלכער, אַז כאָטש לייג אים צו אַ ראַנע צו... דאָ ווידער איז גאַנצע וואָכן עט ער דיר קוים עפּעס אַ וואָרט אַרויסברענגען און ר׳עט אפילו קיין קוק אויף דיר נישט טון... גאָניש — נאָר ר׳עט דיר אַרומגיין און אַריינקלער און אַריינקלערן... אמת אפילו, אַז ר׳האָט וועגן וואָס וואָרן דער טאַטע וואָלט דען שוין ניש געמעגט זיי דעם גרונט אָפּשר ייב ניש צייט שוין דעם אַלטן צו גיין אויף קעסט... אַ טאַטש כ׳וואָלט דעך אים אַזוי דאָגאָדזשעט, אַז אפילו קאַן אייגענעם וואָלט ניש באַן איר בעסער געווען...

זי האָט זיך געוואָלט צוזעצן צו קובאַן, אָבער ער האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו דער סטערדע און געמאַכט זיך, ווי ער שלאָפט, כאָטש די זון האָט אים געלויכטן גלייך אין די אויגן אַריין. ערשט דאַמאָלס, ווען זי איז פאַרשווונדן הינטערן ווינקל

---

*) צופרידן שטעלן.

פון שייער, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָפּגעקלאַפּט זיך פון שטרוי און פאַמעלעך זיך גענומען דורך די סעדער צו דער קרעטשמע צוכאַפּן... ס'האָט גערעגנט — נו, דער גילדן...

און די קרעטשמע איז געשטאַנען אויפן עק דאָרף, נאָך דער פּלעבאַניע, ווו ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָפּאָלן-וועג.

מענטשן איז געווען ווייניק; די מוזיק האָט פון צייט צו צייט אַ צימבל געטון, אָבער קיינער האָט נאָך נישט געטאַנצט, ס'איז צו פרי געווען, און דאָס יונגוואַרג האָט בעסער געוואָלט אַרומשטיפן אין סאַד אָדער אַרויסשטעלן זיך אין טויער, און הינטער די ווענט, ווו ס'זענען אויף פרישע נאָך געלע בעלקעס אַ שפּאַר ביסל שיקסעס און פויערטעס געזעסן. און אין דער גרויסער שטוב מיטן שוואַרצן פאַרקאָפּטשעטן פּולאַפּ איז געווען כמעט ליידיק. די קליינע איבערגעבראָכענע שייבעלעך האָבן אזוי שוואַך דורכגעזיגן דאָס רויטע ליכט פון פאַר דעם זון-אונטערגאַנג, אַז נאָר איין פאַס האָט זיך געצויגן איבער דער אויסגעטרעטענער פאַדלאָגע, און אין די ווינקלען איז געלעגן אַ פינסטערניש. עס זענען געזעסן עפּעס מענטשן הינטער די טישן בײַ דער וואַנט, אָבער דערקענען זיי האָט ער נישט געקענט, ווער דאָס איז?

איין יאַמבראָזשי איז מיטן קלויסטער דינער, וואָס צינדט די ליכט אָן געשטאַנען אונטערן פענסטער מיט אַ פלעשל אין דער גאָרשטש — זיי האָבן אָן אַ שיעור געטרונקען צו זיך און גערעדט...

— זיי טאַנצן, ווי די פליגן אין דער סמאָלע! — יעווקאַ, נו, גיי דיך שוין אַ ריר. ז'האָט זיך אַרומגעיאָגט ערגעצשטשיס באַנאַכט און אַצינד שלאָפט זי בײַם טאַנצן! טאַמעק! נו, גיכער! אַ, דאָס שווערט דיר אויפן האַרץ דאָס פערטעלע, וואָס האָסט יאַנקעלן פאַרקויפט, האַ? אָ ניש קאַ מורא, דע טאַטע וויסן נאָך ניש! מאַרישאַ! לאָ דיך אַריין מיט די רעקרוטן, לאָ דיך אַריין, נו, בעט מיך באַלד אויפן אָרט פאַר אַ קוואַטער...

און אַזוי האָט אויך יאַגוסטינקע כסדר צוגעוואַרטשעט צו די טאַנצנדיקע; זי איז פון קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן און איז אויף אַלע בייז געווען, ווייל די קינדער האָבן זי באַוווּלהט, און זי האָט אויף דער עלטער געמוזט גיין אויפן פאַרדינסט. נאָר אַזוי ווי קיינער האָט איר נישט געענטפערט, האָט זי זיך אויסגעשריגן און איז אַוועקגעגאַנגען אין אַלקער אַריין, וווּ ס'זענען געזעסן דער קאָוואַל מיט אַנטעקן און עטלעכע יונגערע באַלעבאַטים.

דער לאָמפּ איז געהאָנגען באַם שוואַרצן פּולאַפּ און מיט אַ שוואַכער געלבלעכער ליכט באַגאָסן די העלע, באַרוישטע קעפּ — זיי זענען געזעסן אַרום טיש, פעסט אָנגעשפּאַרט זיך אויף די הענט און די אויגן אָנגעשטרענגט אויפן קאָוואַל, וועלכער איז געזעסן איינגעבויגן איבערן טיש, אַ רויטער, און ברייט צעלייגט די הענט, ער האָט טיילמאָל אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט און גערעדט אין דער שטיל.

די בעסער האָבן געברומט ווי אַ באָנק*), וואָס רייסט זיך אַריין פון דרויסן אין שטוב און רוישט פליענדיק... און טיילמאָל האָט אַ פידעלע פלוצלינג שווער אַ פּישטשע געטון, פּינקט ווי אַ פאַרפירנדיק פייגעלע, אָדער אַ פייקל האָט זיך אַ צעשיט געטון און צוגעצימבלט... אָבער ס'איז גיך צוריק שטיל געוואָרן.

קובאַ איז גלייך צוגעגאַנגען צום בופעט, הינטער וועלכן יאַנקעל איז געזעסן אין אַ יאַרמולקע אין בלויזן העמד נאָר, וואָרן ס'אי געווען וואַרעם. ער האָט זיך געגלעט די גרויע באָרד, געשאָקלט זיך און אַרויסגעלערנט פון אַ ספר, צולייגנדיק די אויגן כמעט ביז די סאַמע בלעטער.

קובאַ האָט זיך באַטראַכט, איבערגעטרעטן פון איין פוס אויפן צווייטן, איבערגעציילט דאָס געלט, אַ דראַפּע געטון זיך אין די קאָלטענעס און אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז יאַנקעל האָט אויך אים

---

*) אזא פלי...

אַ גלאָץ געטון, און נישט אויפהערנדיק זיך צו שאָקלען און תפילה טון, האָט ער אַ קליגג געטון מיט די גלעזלעך איין מאָל און אַ צווייט מאָל...

— אַ האַלב קוואַרטירל, נאָר דעם שטאַרקן! — האָט ער זיך ענדלעך געהייסן געז.

יאַנקעל האָט שטילשווייגנדיק אָנגעגאָסן און די לינקע האַנט נאָכן געלט אויסגעצויגן...

— אין אַ גלאָז? — האָט ער אַ פרעג געטון, אַריינשאַרנדיק אין טישלעדל די פּאָר פאַרזשאַווערטע קופּער־שטיקלעך.

— אַוודאי אַ׳ ניש אין שטיוול!...

ער האָט זיך אָפּגערוקט ביזן סאַמע עק פון בופעט, האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל, אויסגעשפּיגן און אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן איבער דער קרעטשמע; — ער האָט אויסגעטרונקען ס׳צווייטע, צוגעקוקט זיך צום פלעשל אונטער דער ליכט און פעסט דערמיט אַ זעץ געטון.

— גיטס נאָר אַ צווייטס און אַ פּעקל מאַכאָרקע! — האָט ער דרייסטער אויסגערופן, וואַרים אַ לייטזעליקע וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען נאָכן אָקעווויט און אַ ווונדערלעכע קראַפט האָט זיך אים צעגאָסן איבער די ביינער.

— די פּענסיע האָט קובאַ היינט אַ׳גענומען?

— ווו דאָרט... ס׳איז עפּעס נאָווראָק*)?...

— אפשר צוגיסן אַ ביסל אַראַק?

— לאָט... ס׳עט נישט סטאַרטשען... — ער האָט איבער־געציילט דאָס געלט און מיט ווייטיק אַ קוק געטון אויפן פלעשל אַראַק.

— כ׳על צובאַרגן, צי קען איך דאָס ניש קובען!

— מ׳דאַרף ניש... ווער ס׳באַרגט — איז מ׳זאָלן אַראָפּציִען די שטיוול פאַרזאָרגט... — האָט ער שאַרף אַ זאָג געטון.

---

*) גיי=יאַר.

נישט קוקנדיק דערויף, האָט יאַנקעל אַנידערגעשטעלט פאַר אים אַ פלעשל אַראַק.

ער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, האָט זיך שוין אפילו געגומען צום אַרויסגיין, אָבער דער אַראַק צו אַלדע רוחות האָט זיך אַזוי אַ צעשמעק געטון, אַז ס׳האָט אַזש אין דער נאָז אַ דריי געטון, דעריבער האָט ער זיך שוין נישט געאַמפּערט מער, נאָר אויסגעטרונקען, נישט קלערנדיק קאַ סך.

— צ׳האָט פאַרדינט אין וואַלד?... — האָט יאַנקעל געפרעגט מיט געדולד.

— ניש אין וואַלד... — פייגעלעך, וואָס כ׳אָ געכאַפּט אין אַ פאַסטקע, אָב איך זעקס דעם דאָבראָדזשעי אַוועקגעטראָגן, און ז׳אָבן מיר געגען אַ גילדן...

— אַ גילדן פאַ זעקס! יעך וואָלט קובען פאַ יעדן איינציקן בעגען אַ צענערל.

— ווי אַזוי, קוראָפאַטוועס זענען דען כשר? — ער האָט זיך פאַרוווּנדערט.

— לאָ קובען וועגן דעם דער קאָפּ ניש ווי טון... לאָז ער נאָ ברענגען אַ סך, און פאַר יעדן איינציקן עט ער באַלד קריגן צו צענערל אין דער האַנט אַריין. כ׳על שטעלן עסענציע אויף אַ זגאָדע*), נו?...

— און צו אַ גאַנץ צענערל עט יאַנקעל באַצאָלן?...

— מיין וואָרט אי נישט דער ווינט דאָרט — און פאַר די זעקס... וואָלט קובאַ געהאַט ניש קאַ צוויי האַלבע קוואַרטירלעך ריינעם... נאָר פיר מיט אַראַק, און אַ הערינג, און אַ זעמל, און אַ פעקל מאַכאָרקע... קובאַ פאַרשטייט?...

— אַוודאי... פיר האַלבע קוואַרטירלעך מיט אַראַק, און אַ הערינג... און... אַוודאי, כ׳בין דעך ניש קאַ בהמה, כ׳מיאַרקיר

---

*) השוואה.

דעך... אַקוראַטניע אמת! פיר האַלבע קוואַרטירלעך מיט האַראַק... און מאַכאָרקע, און זעמל... און אַ גאַנציטשקן העריגג... — דער בראָנפן האָט אים שוין באַרוישט און אַביסל דורכגעגעסן.

— קובאַ עט ברענגען?...

— פיר האַלבע קוואַרטירלעך... און אַ הערינג... און... כ׳על ברענגען... טה, ווען כ׳זאָלט ג׳האַט אַ ביקס... — האָט ער זיך אָפגערופן, קומענדיק אַ ביסל צו זיך, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן אויסצורעכענען — אַ פעלץ, למשל, באַ אַ פינף רובעל... שטיוול וואָלטן צוגץ געקומען... אַ דריי רובעל... נאַ, ס׳עט ניש סטאַרטשען... און דע קאָוואַל וואָטן געוואָלט באַ אַ פינף רובעל פאַר אַ ביקס... אַזוי פיל, ווי פון ראַפּאַלן... נאַ... — האָט ער הויך געטראַכט.

— יאַנקעל האָט געמאַכט אַ פלינקן חשבון מיט קרייד און שטיל אים איינגערוימט אין אויער.

— קובאַ וואָלטן דעשאָסן אַ סאַרנע?...

— אַוודאי, מיט דער פויסט עט ער ניש דערשיסן און פון אַ ביקס וואָלט איך זי, די יוכע, דערשאָסן...

— קובאַ קען שיסן?...

— יאַנקעל איז אַ ייִד, איז ווייסט ער נישט, און אין דאָרף ווייסן אַלע, אַז כ׳בין געגאַנגען מיט די פּריצים אין וואַלד אַריין, אַז ז׳האָבן מיר דעם פוס דורכגעשאָסן... איז קען איך שוין...

— יעך על געגן אַ ביקס, כ׳על געגן פראָך, כ׳על געגן, וואָס מ׳דאַרף... און קובאַ, וואָס ר׳עט אָנשיסן, עט ער ברענגען צו מיר! פאַר אַ סאַרנע על איך געבן אַ גאַנצן רובל... ר׳הערט?... אַ גאַנצן רובל! פאַרן פראָך עט קובאַ באַצאָלן פופצן קאָפּעקעס פון שטיק, כ׳על אָפּשלאָגן... און פאַ דעם וואָ די ביקס עט זעך אָפּנוצן, עט קובאַ ברענגען אַ פערטעלע האָבער...

— אַ רובל פאַר אַ סאַרנע... און יעך פאַרן פראָך, למשל, פופצן... אַ גאַנצן רובל!... אייגנטלעך, ווי אַזוי אי דאָס!...

יאַנקל האָט אים נאָכאַמאָל אויסגעחשבונט מיט אַלע איינצל־הייטן...

— האָבער?... כ'על דעך באַ די פערד פון די פיסקעס ניש אַראָפּנעמען... דאָס איינע האָט ער פאַרשטאַנען.

— צוואָס נעמען באַ די פערד! באַ באַרינען איז פאַרהאַן נאָך ערגעץ אַנדערש...

— דאָס הייסט... — ער האָט אַרויסגעזיפצט אַ פּאָר אויגן און קאַלקולירט.

— אַלע טוען אַזוי! און קובאַ האָט נאָך געקלערט, פוגוואַ־נען די פאַראָבקעס האָבן געלט?... יעדער דאַרף מאַכאָרקע, און אַ גלעזל בראָנפן, און אַ טאַנץ צו טון אין זונטיק?... איז פונ־וואַנען זאָל מען נעמען?...

— וואָס הייסט... אַ גנב בין איך, דו פאַרך איינער, צי וואָס?.. — האָט ער פלוצלינג אַ דונער אַרויס געטון, קלאַפּנדיק מיט דער פויסט אָן טיש, אַז די גלעזלעך זענען אונטערגע־שפּרונגען.

— וואָס וואַרפסט זיך קובאַ! זאָל קובאַ צאָלן און גיין זיך צ'אַלדע טייוול!...

אָבער קובאַ האָט נישט באַצאָלט און איז נישט געגאַנגען. ר'האָט שוין נישט געהאַט קיין געלט, און דעם ייד איז ער שול־דיק געווען... האָט ער זיך באַר שווער אָנגעשפּאַרט אָן בופעט און אָנגעהויבן פאַרשלאָפענערהייט צו באַרעכענען, און יאַנקל איז צוריק גוט געוואָרן און האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן; אָבער שוין ריינעם אַראַק... און האָט גאָרנישט געזאָגט...

דערווייל זענען אין דער קרעטשמע אָנגעקומען וואָס אַמאָל מער מענטשן, וואָרים די פינסטערניש איז שוין וואָס אַמאָל גע־דיכטער געוואָרן. מ'האָט אָנגעצונדן פייער, די מוזיק האָט זיך לע־בעדיקער אָנגערופן, און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערעדעריי; — דער עולם האָט זיך געפּאַקט אַרום בופעט, אַרום די ווענט אָדער גאָר אינגאַנצן אין דער מיט שטוב, געאַמפּערט זיך, גערעדט, באַ־

קלאָגט זיך, ווער ס'האָט אויסגעטרונקען צו וועמען, אָבער זעלטן, וואָרים נישט צי שיכּורן זענען זיי געקומען, נאָר גלאַט אַזוי זיך, אַ ביסל צו שטיין מיט אַ שכן, רעדן, די פידלען צו הערן אָדער די בעסער; עפּעס נייעס הערן — ס'אי דעך זונטיק — איז אָפּרוען זיך און דער נייגעריקייט אַ ביסל די פריי געבן או[ן] אויך נישט קאַ זינד, און אפילו וו[ע]לכעס גלעזל אויסטרונקען מיט די קומעס... אַבי נאָר אָרנטלעך באַגיין זיך און נישט גאָט צו באַליידיקן, דאָס האָט דער דאָבראָדזשעי אַליין נישט פאַרווערט. וואָרים ווי דען, אפילו אַ בהמה, למשל, נאָך דער אַרבעט איז אויך צופרידן זיך אָפּצורוען און זי מוז עס. און ווייל באַם טיש האָבן זיך שוין געהאָט אָוועקגעזעצט די עלטערע באַלעבאַטים און טייל פויערטעס, אָנגעטון אין רויטע וועלניאַקעס מיט טיכער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די צעבליטע מ[ע]לוועס, און ווייל זיי האָבן אַלע אייניגעם גערעדט, האָט זיך נאָר אַ גערויש געטראָגן איבער דער קרעטשמע, ווי אין אַ וואַלד, און אַ געטופּעריי פון די פיס, פונקט ווי אַ געקלאַפּעריי פון צעפּעס אויף די קלעפּיסקעס, און דאָס קול פון די פידלען, וואָס האָבן כּסדר שטיפעריש צוגעשפּילט.

— „און ווער וועט דאָס מיך נאָכיאָגן... מיך נאָכיאָגן..."

— „אָטאָ יעך דאָ... אָטאָ יעך דאָ... אָטאָ יעך דאָ..." — האָבן אָפּגעברומט די קרעכצנדיקע בעסער, און דער פויעקר האָט זיך נאָר געטרייסלט, און געכאָכאָטשעט און געוו[י]לדעוועט און אָנגעמאַכט אַ רעש מיט די טאַצן.

נישט קיין סך מענטשן האָבן געטאַנצט, אָבער זיי האָבן אַזוי שטאַרק צוגעטופּעט, אַז די ברעטער פון דער פּאָדל[ו]גע האָבן געסקזשיפּעט און דער טיש האָט געציטערט, אַז די פלעשער האָבן אַלע מאָל אַ קלונג געטון און די גלעזלעך האָבן זיך אומגעדרייט.

אָבער קיין גרויס חשק אי ניש געווען, וואָרים אויך די געלעגנהייט, וואָס מאַכט זיך אויף חתונות אָדער תּנאים — אי ניש געווען. זיי האָבן געטאַנצט אָט אַזוי זיך, צו פאַרשפּילן זיך, אָדער

נאָר די פיס און די ר׳קנס אויסצוגלייכן — נאָר ד׳ שגצים, וואָס האָבן געזאָלט שפעט אין האַרבסט צו די זעלנער שטיין, זיי האָבן זיך שטאַרקער פאַרוויילט און געטרונקען די זאָרג צו פאַרטרייבן. וואָרן ס׳איז קאַ ווונדער נישט, וואָרן זיי האָבן געזאָלט אין דער גרויסער וועלט אַריין פאַרטריבן ווערן, צו פרעמדע.

און דעם וואָיטס ברודער האָט צום העכסטן געשריגן, און נאָך אים מאַרטשין ב׳אַלעק, טאָמעק שיקאָראַ און פאַוועל באָרינע, אַנטעקס אַ קוזין, וועלכער איז אַליין אויך געקומען אין דער קרעטש-מע אַריין אַזוי ווי ס׳אי נאָר נאַכט געוואָרן, אָבער ער האָט היינט נישט געטאַנצט, נאָר ר׳אי געזעסן אין אַלקערזש מיטן קאָוואַל און מיט אַנדערע, און פראַנעק מלינאַרטשיק, אַ נידעריקער, אַ פּ ס-טער, און אַ געקענדזשערטער, ער אי דיר געווען דער גרעסטער פלוידערזאַק, און אַ געמיינער יונג, און אַן אַפּלאַכער, און אויף שיקסעס אַזאַ לאַסוף, אַז ער האָט זייער אָפט אַ צעהרגעטן און אַ צעדראַפּעטן פּיסק געהאַט. אָבער אַזוי ווי היינט האָט ער זיך באַלד אויפן אָרט אַנגעזויפן, ווי יענץ אָרימע באַשעפעניש, איז ער נאָר גע-שטאַנען באַם בופעט מיט דער גראָבער מאַגדע פון אָרגאַניסטער, וועלכע איז שוין געווען אין זעקסטן חודש.

דער דאָבראַדזשעי, האָט דאָס שוין אפילו אויף דער אָמבאָנע פאַרגעהאַלטן און אים צוגעטריבן, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט איר, אָבער פראַנעק האָט נישט געוואָלט אפילו הערן, וואָרן ר׳האָט אין האַרבסט געדאַרפט צו די זעלנער שטיין, איז וואָס טויג אים דאָרט אַ באַבע...

מאַגדוש האָט אים טאָקע געצויגן אין ווינקל אַריין צו דער אויוון-באַנק און האָט אים עפּעסטשיס געזאָגט מיט אַ וויינענדיקער שטימע, און ער האָט דערויף כּס ר געענטפערט:

— ביסט אַ נאַר, כ׳בין דיר ניש נאָכגעלאָפן... פאַרן שמדן על איך באַצאָלן און אַ רובעל דאָרט, על איך אויך אַר׳יסוואָרפן, ווי ס׳עט מיר געפעלן!... — ר׳איז שוין ניש געווען באַם פולן זינען, האָט ער זי אַ שטופּ געטון, אַזש זי איז געבליבן זיצן אויף

דער באַנק באַם קוימען, לעבן קויבען, וועלכער אי שוין געשלאָפן אין אַש און מיט די פיס אין דער שטוב אַריין. — זי האָט שטיל געכליפעט, און פראַנעק איז ווידער געגאַנגען טרינקען און גענומען אַ שיקסל צום טאַנצן — קאַ באַלעבאַטישע האָבן נישט געוואָלט, וואָרן אַ מילנער־יונג, וואָס איז? אַ פאַראָבעק כמעט. און די פּראָסטע מיידלעך אויך ניש, וואָרן ר׳אי געווען שיכור און האָט זיי באַטאַנצן געטשעפעט, האָט ער נאָר אַ שפּיי אויס געטון און גענומען זיך קושן מיט יאַמב־אָזשין און מיט די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געהאַט ליגן תבואה אין דער מיל, און האָבן דערפאַר אויך זייער טרינק־בראָנפן געשטעלט.

— טרינקטס פּראַעק, און מאָלטס גיכער אָפּ, וואָרן די באַבע האַקט מיר שוין אין קאָפּ אַריין, אַז ז׳האָט אויף קאַ קליסקעס קאַ דזשעבלע מעל נישט.

— און מיינע באַמבלט מיר כסדר וועגן דער קאַשע...

— אַז אָסיפּקע*) דאַרף זי דאָרט פאַרן קאַרמיק... — האָט געזאָגט אַ דריטער.

פראַנעק האָט געטרונקען און יעדן צוגעזאָגט, און הויך באַרימט זיך, אַז אין דער מיל גייט אַלץ לויט זיין קאָפּ, אַ׳דער מילנער מוז אים האָרכן, וואָרן אַ׳ניש... איז ווייסט ער דיר אַזעלכע קינצן, אַז ווערים עלן זיך אָנפלאָשן אין די קאַסטנס... ס׳וואַסער עט אויסטרוקענען... די פיש עלן אויספגרן, ווי באַלד ר׳עט נאָר אַ הויך טון אויפן סטאַוו... ס׳מעל עט זיך אַזוי אָפּקאָכן, אַ׳ קאַ פלאַציק עט מע ניש קענען דערפון אָפּבאַקן...

— כ׳וואָלט דיר דעם שפּסענעם קאָפּ אָפּגעצופט, לאָזט מיר אַזוי מאַכן! — האָט אויסגעשריגן יאַגוסטינקע, וועלכע פלעגט שטענדיק זיין דאָרט, ווי אַלע זענען געווען, וואָרן ז׳האָט ניש געטרונקען, ווייל זי האָט וויניק ווען דעם באַרעסן גראָשן געהאַט —

---

*) קלייען.

דאָך האָט זיך געקענט מאַכן, אַז אַ קום זאָל שטעלן אַ האַלב קוואַרטירל דאָרט, אָדער עפּעס אַ קרוב אַמאָל — וואָרן זיי האָבן מורא געהאַט פאַר איר שאַרף צינגל. דעריבער האָט אויך פראַנעק, כאָטש ר׳איז געווען שיכור, פונדעסטוועגן זיך דערשראָקן און אַנט־שוויגן געוואָרן, וואָרן זי האָט געוווסט וועגן אים פאַרשידענע מעשיות, ווי אַזוי ער באַלעבאַטעוועט דאָס אין דער מיל, און ווייל זי האָט שוין געהאַט עפּעס אויסגעטרונקען, האָט זי זיך אָנגענומען באַ די באָקעס, צ געטופּעט צום טאַקט און גענומען אויס־שרייען.

— כ׳זאָג דעם אמת, וואָרן אַזוי שטייט אַרויס געשריבן אין גאַזעט וויראַזשנע ווי אַן אָקס... נישט אַזוי לעבן מענטשן אויף דער וועלט, ווי באַ אונדז, ביין. — וואָס איז? דער פּריץ רעגירט דיר, דער גלח רעגירט דיר, דער אורזשענדניק*) רעגירט דיר — און דו נאָר אַרבעט און פּגר פון הונגער, און פאַר יעדערן נידע־ריק בייג זיך, אַ זאַלסט ניש כאַפּן איבערן קאָפּ...

— און גרונט אי דאָ ווייניק, אַז ניש לאַנג עט שוין אויס־קומען נישט מער, ווי אַ בייט אויף אַ מענטש!

— און דער פּריץ אַליין האָט מער ווי צוויי דערפער צוזאַ־מען...

— מ׳האָט נעכטן געשמועסט אין די סאָנדעס, אַ׳ מ׳עט בייעם גרונטן געּן.

— אַ וואָסערן?

— אַ וואָסערער זאָל ער זיין — הויפּישער!

— אוודאי! עך האָט געגען די פּריצים, עט עך שוין אָפּנעמען! אוודאי! מיט פרעמדס באַלעבאַטעווען זיי שוין — האָט יאַגוסטינ־קע אויסגעשריגן, צובייגנדיק זיך צו זיי מיט אַ געלעכטער.

— ...און זיי באַלעבאַטעווען זיך אַליין — האָט ווייטער

---

*) באַאַמטער.

דער קאָוואַל געצויגן און לחלוטין קיין אַכט נישט געלייגט אויף דער באַבעס רייד — און אַלע לערנען זיך אין די שקאָלעס, וווי־נען אין די הייף און זענען זיך פריצים...

— ווו אי דאָס אַזוי? — האָט זי אַנטעקן אַ פרעג געטון, ווייל ער איז אין עק געזעסן.

— אין די וואַרעמע לענדער! — האָט ער צוגעוואָרפן.

—אַ׳ ס׳אי יאָ אַזוי גוט, אי פאַוואָס אי ניש דע קאָוואַל דאָרט אַהינגעפאָרן, האַ?... אַ סמאָלון יוכע, זאָגט ליגנט ווי אַ הונט און פאַרפירט, און עך נאַראָנים גלייבט! — האָט זי ליידנ־שאַפטלעך אויסגערופן.

— כ׳זאָג עך מיט גוטן: גייטס עק, יאַגאָסטינקע, פונוואַ־נעט צ׳זענט געקומען...

— און כ׳על ניש גיין! די קרעטשמע אי פאַ אַלע, און יעך בין מיר דאָ אַזוי גוט פאַ מיינע דריי גראָשן, ווי דו! אוודאי, אַ לערער מיינע׳, דינט באַ די יידן, האַלט מיט די אורזשענדניקעס, נעמט אַ מייל פונדערווייטנס ס׳היטל אַראָפּ פאַרן פריץ, און די חברה גלייבן אים!.. דו פיסקאַטש איינער... יעך ווייס... —

אָבער זי האָט שוין נישט פאַרענדיקט, וואָרן דער קאָוואַל האָט זי פעסט אונטער די זשעבערעס אָנגענומען, מיטן פוס די טיר אויפ־געעפנט און אַרויסגעוואָרפן זי אין דער גרויסער שטוב אַריין, אַז זי איז אַזש אַ פאַל געטון, ווי גרויס זי איז געווען אין סאַמע מיטן אַריין.

זי האָט זיך שוין אילו נישט נוקם געווען, נאָר אויפשטיי־ענדיק, פרייילעך אויסגערופן:

— געזונט יוכע איז ער וו׳אַ פערד — ס׳וואָלט מיר צונוץ געקומען אַזעלכער פאַר אַ מאַן...

דער עולם האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער, און זי איז באַלד אַרויסגעגאַנגען, שעלטנדיק שטילערהייט.

אָבער אויך די קרעטשמע האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויסצו־ליידיקן, די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן. די מענטשן זענען זיך

צעגאַנגען אין די שטובן אַריין, דאָ האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט קובקעסווייז פאַר דער קרעטשמע, וואָרים ס'איז געווען אַ וואַרעמער און אַ העלער אָוונט, די לבנה האָט געלויכטן, נאָר די רעקרוטן זענען נאָך איבערגעבליבן און געטרונקען אויף הומאָר און געמאַכט פאַרשידענע אויסגעשרייען, און יאַמבראַזשי איז, אָנגעטרונקען ווי אַ בהמה, אַרויסגעקראָכן אויפן מיטן וועג אַרויס און זיך צעזונגען, וואַקלענדיק זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער.

אויך די פון אַלקערזש, מיטן קאָוואַל בראַש זענען אַרויסגעגאַנגען.

דערנאָך, ווען יאַנקעל האָט שוין אָנגעהויבן אויסלעשן די לאָמפּן, האָבן זיך די רעקרוטן אַרויסגעוואַקלט, זיי האָבן זיך פעסט אָנגענומען אונטער די הענט און דעם גאַנצן וועג געגאַנגען און געזונגען אויפן גאַנצן קול, אַזש די הינט האָבן זיך צעבילן — און פון ערגעץ-ווו אַ כאַלופּע האָט עמעצער אַ קוק אַרויס געטון...

נאָר קובאַ איז אַלץ כסדר געשלאָפן אין אַש אַזוי פעסט, אַזש יאַנקעל האָט אים געמוזט וועקן, אָבער דער פאַראָבעק האָט נישט געוואָלט אויפשטיין, ער האָט געקאָפּעט און געשלאָגן אין דער לופט אַריין און געמרוטשעט:

— עסט אָוועקגיין ייד! אַ' כ'וויל על איך שלאָפן... יעך בין אַ באַלעבאָס, אָב איך מיין ווילן, און דו ביסט אַ געלער און אַ פאַרך!...

אַ וויאַדרע וואַסער האָט געהאָלפן, אַז ער איז אויפגעשטאַנען און אַ ביסל זיך אויסגעניכטערט, נאָר מיט שרעק און פאַרוווּנדערונג געהערט, אַז ער האָט פאַרטרונקען אַ גאַנצן רובעל — וועלכן ער איז שולדיק...

— ווי אַזוי?... צוויי האַלבע קוואַרטירלעך מיט האַראַק... אַ גאַנצן הערינג... מאַכאָרקע... און נאָך צוויי האַלבע קוואַרטירלעך... אי שוין אַ גאַנצער רובעל?... ווי אַזוי?... צוויי... — האָט זיך אים געפּלעטשעט.

יאַנקעל האָט אים ענדלעך איבערצייגט און זיי האָבן זיך פאַרשטענדיקט מכּוח דער ביקס, וואָס דער ייִד האָט אים געזאָלט ברענגען פון יריד, און אויף אַ זגאָדע האָט ער געשטעלט עסעני-ציע מיט שפּערטוס. . .

נאָר האָבער האָט קובאַ אויף זיכער נישט צוגעזאָגט צו ברענגען.

— קובעס טאַטע אי קאַ גנב ניש געווען — אי זיין זון אויך נישט קאַ גנב.

— גייטס ענק שוין, צייט צו גיין שלאָפן. . . און יעך אָ' נאָך פּאַטשערזש אָפּצוזאָגן. . .

— טה !. . . סאַרע שפּעקולאַנט ! צו גנבה רעדט ער אָן און פּאַטשערזש עט ע' זאָגן. . . — האָט ער געמרוקעט, גייענדיק אַהיים, און האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאַנען און קאַלקולירן, וואָרן ס'האָט אים בשום אופן נישט געקע ט אין קאָפּ אַריין, אַז ער האָט פאַרטרונקען אַ גאַנצן רובעל. . . און ווייל ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעניכטערט און די לופט האָט אים צע-נומען, האָט ער זיך אַ ביסל געוואַקלט און וואָס אַמאָל אַרויפגע-קראָכן דאָ אויף אַ פּלאָט, דאָ אויף אַ קלאָץ, וואָס איז וו-נישט-וו געלעגן פאַר די כאַלופּעס, און האָט געשאָלטן. . .

— אַ' ס'זאָל ענק, יוכעס, באַ די געדערים דרייען. . . ליי-דאַקעס. . . מ'זאָל אַזוי פאַרשטעלן דעם וועג !. . . ניש אַנדערש, נאָר זיי האָבן זיך אָנגעזויפן די געמיינע יונגען. . . און דער דאָב-ראָדזשעי רופט אומזיסט אויס. . . און דער דאָבראָדזשעי. . . דאָ האָט ער לאַנג זיך פאַרטראַכט און געמיאַרקירט, ביז דער געדאַנק האָט זיך אים אַ ביסל אויסגעלייטערט און עס האָט אים אַרומ.ע-נומען אַזאַ געפיל פון חרטה, אַז ער איז אַזש שטיין געבליבן, אומגעקוקט זיך אַרום און אַרום און זיך אַראָפּגעבויגן, זוכנדיק עפּעס אַ האַרטע זאַך אין דער האַנט אַריין. אָבער ער האָט גיך פאַרגעסן און אָנגעכאַפּט זיך באַ די קודלעס, און אָנגעהויבן זיך פּלאַסקען איבערן פּיסק מיט דער פויסט און אויסשרייען:

— ביסט אַ שיכּור און אַ נבֿלהש חיר! כ'על דיך צום דאָבראָדזשעי אַוועקשלעפּן, זאָל ער דיר פּאָרוואַרפן פאַרן גאַנצן עולם, אַ ביסט אַ הונט און אַ שיכּור... אַ דו האָסט צוויי מאָל צו צוויי האַלבע קוואַרטירלעך... אַ דו האָסט אַ גאַנצן רובל פאַרטרונקען... אַ' דו ביסט, ווי אַ בהמה אָדער נאָך ערגער!... אַז..

און ס'האָט אים פּלוצלינג אַ רחמנות אויף זיך אַרומגענומען, און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן וועג און מיט אַ געוויין אַרויסגעזעצט.

אַ העלע, גרויסע לבֿנה איז געשוווּמען אין פינסטערן רוים, און ווו בישט-ווו האָבן שטערן, ווי זילבערנע שטיפּטן געפינקלט; געפלען האָבן זיך מיט אַ גרויען פאַרשווינדענדן שפּינוועבס געפלאָנטערט איבערן דאָרף און ווי מיט אַ שלייער די וואַסערן איינגעהילט. אַן אומגעהײַערע שטילקייט פון אַ האַרבסט-נאַכט האָט די וועלט אַרומגענומען, נאָר ווו-בישט-ווו האָבן זיך אַרויסגעריסן געזאַנגען פון די, וואָס האָבן צוריקגעקערט פון דער קרעטשמע, אָדער אַ בילן פון הינט.

און אויף וועג פאַר דער קרעטשמע, האָט זיך יאַמבראָזשי געוואַקלט פון איין זייט אויף דער צווייטער און כּסדר געזונגען, גאָרנישט אויפגעהערט ביז ער האָט זיך אויסגעניכטערט.

אָ, מאַריש, דו מיין מאַריש!
קאָכסט ביר און מאַכסט דיך נאַריש!
קאָכסט ביר און מאַכסט דיך נאַריש!
פאַר וועמען זאָג, אָ מאַריש!

ז

דער האַרבסט איז געגאַנגען וואָס אַמאָל טיפער.

בלאַסע טעג האָבן זיך געשלעפּט איבער די ליידיקע, פּאַרטויבטע פעלדער און זענען אָפּגעשטאָרבן אין די וועלדער, וואָס זענען וואָס אַמאָל שטילער געוואָרן, וואָס אַמאָל בלאַסער — פּונקט ווי די הייליקע האָסטיעס אין די זיך לעשנדיקע שטראַלן פון די גראַמניצ-ליכט.

און וואָס אַ פאַרטאָג — איז דער טאָג אויפגעשטאַנען אַלץ פוילער, פאַרגליווערטער פון דער קעלט און איינגאַנצן מיט ווייסן פראָסט און אין אַ וווייטיקלעכער שטילקייט פון דער אָפּשטאַרבנדיקער ערד פאַרזונקען. אַ בלאַסע און אַ שווערע זון האָט אַרויסגעבליט פון די טיפענישן, אַרומגענומען מיט קראַנצן קראָען און קאַווקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון ערגעץ איבער דער רויטקייט פון דער זון-אויפגאַנג. זיי זענען געפלויגן נידעריק איבער די פעלדער און געקראַקעט טויב, לאַנג און בענגלעך... און אַ שאַרפער, קאַלטער ווינט האָט זיי נאָכגעצויגן, — ער האָט געמאַנטשעט די געדיכטע וואַסערן, צעריבן דאָס לעצטע גרינס און אָפּגעריסן די לעצטע בלעטער פון די טאָפּאָלן, וואָס שטייען איינגעבויגן איבער די וועגן — אַזוי, אַז זיי זענען שטיל פּונקט

טרערן געפאַלן — בלוטיקע טרערן פון דעם אָפּגעשטאָרבענעם זומער און זענען שווער אויף דער ערד געבליבן ליגן.

און וואָס אַ פאַרטאָג — האָבן די דערפער שפּעטער אויפגעוואַכט; די בהמות זענען פוילער אויף דער פּאַשע געגאַנגען, די טויערן האָבן שטילער געסקזשיפּעט, און שטילער האָבן געקלונגען די שטימען, וואָס זענען צוגעפרעסט געוואָרן מיט דער טויטקייט און ליידיקייט פון די פעלדער, און שטילער, ציטערדיקער האָט גערוישט דאָס לעבן אַליין — און טיילמאָל האָט מען פאַר די כאַלופּעס אָדער אין די פעלדער געקענט זען מענטשן, ווי זיי זענען פּלוצלינג שטיין געבליבן און לאַנג געקוקט אין דער טונקעלער, בלויער ווייטקייט... און אפילו די האָרנדיקע, ריזיקע קעפּ האָבן זיך פון די פאַרגעלטע גראָזן אויפגעהויבן און פאַמעלעך מעלה גרהנדיק די שליפּעס אין ווייטן, ווייטן רוים פאַרזונקען... און פון צייט צו צייט האָט אַ טויבער, בענגלעכער ריטש געטראָגן זיך איבער די ליידיקע פעלדער,

און וואָס אַ פאַרטאָג — איז געווען פינסטערער און קעלטער, און נידעריקער האָבן זיך די רויכן געצויגן איבער די נאַקעטע סעדער, און אַלץ מער פייגל זענען אָנגעפלויגן אין דאָרף אַריין און געזוכט אַ באַהעלטעניש אין די שייערן און סטערדעס, און די קראָען האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די מיט ליים אויסגעשמירטע שטרויענע דעכער, דאָ אויף די נאַקעטע ביימער, זיך אָנגעהאָנגען אָדער געפלויגן אין אַ קרייז איבער דער ערד, קראַקענדיק טויב — ווי זיי וואָלטן אַ טרויעריק ווינטער-ליד געזונגען.

די מיטאָגן זענען געווען זוניקע, אָבער אַזעלכע טויטע און שטומע, אַז דאָס רוישן פון די וועלדער האָט זיך דערטראָגן ווי אַ טויב פליסטערן און דאָס מירמלען פון טייך האָט גערוישט, ווי אַ ווייטיקלעך שלוכצן, און די איבערבלייבעכצן פון זומער-שפּינוועבס האָבן זיך געריסן נישט וויסנדיק פונוואַנען און זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין די שאַרפע קאַלטע שאָטנס פון די כאַלופּעס.

און אַ טרויער פון גסיסה, האָט זיך געפילט אין די דאָזיקע

שטילע מיטאָגן, אויף די ליידיקע וועגן איז געלעגן אַ שטילשווייגן, און אין די נאַקעטע סעדער האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ מעלאַנכאָליע פון בענגלעכקייט און שרעק צוזאַמען.

און אָפט, וואָס אַמאָל אָפטער האָט זיך דער מל באַצויגן מיט גרויע וואָלקנס, אַזוי, אַז מען האָט שוין אין נאָך פרי׳ען לינדן פאַרנאַכט געמוזט פון די פעלדער אַראָפגיין, וואָרים אַ פינסטערניש האָט די וועלט אַרומגענומען.

מ׳האָט צוגעאַקערט די שוין פון פרי׳ער אויפגעאַקערטע שטי־קער פעלד. טייל האָבן פאַרענדיקט די לעצטע שיכט שוין אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, און אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט מען נאָכאַמאָל הינטער זיך זיך אומגעקוקט אויפן פעלד און זי אָפגע־זעגנט מיט אַ זיפץ ביזן פרילינג.

און אין די פאַרנאַכטן זענען אָפט רעגנס אַראָפגעפאַלן, זיי זענען נאָך געווען קורצע, אָבער קאַלטע און האָבן זיך האָס אַמאָל אַלץ אָפטער פאַרציגן אין בין השמשות אַריין — אין דעם לאַנגן האַרבסטיקן בין השמשות אַריין, אין וועלכן ס׳האָבן, ווי גאָלדענע בלומען געפלאַקערט די פענסטער פון די כאַטעס און ס׳האָבן זיך געגלאָזט מיט קאַלוזשעס די ליידיקע וועגן — און אַ פייכטע קאַל־טע נאַכט האָט אָן די ווענט געקלאַפט און אין די סעדער געוואָיעט.

אפילו דער באָטשאַן מיט דעם אונטערגעהאַקטן פליגל, וואָס איז איבערגעבליבן, און וועלכן מ׳האָט כסדר געזען איינזאַם זיך אַרומבלאָנדזשען איבער די לאָנקעס, אפילו ער האָט אויך אָנגע־הויבן צוצוקומען צו באַרינעס סטערדע, אָדער גאָר אין סאַמע פאָד־וואַרזש אַריין, ווי וויטעק האָט אים פסדר עסן צוגעוואָרפן, כדי אים אַריינצונאַרן.

און אויך פאַרשידענע דזשאַדעס האָבן אַלץ אָפטער דאָס דאָרף באַזוכט; אי די געוויינטלעכע בעטלער, וואָס זענען מיט טיפע טאָרבעס און מיט אַ לאַנגער תפילה פון טיר צו טיר גע־

גאַנגען, באַגלייט מיט אַ געבילעריי פֿון די הינטלעך — און אויך אַנדערע, אַזעלכע, וואָס האָבן פֿון די הייליקע ערטער געצויגן — און האָבן געקענט די „אַסטראַ בראַמאַ", טשענסטאָכאָוו און קאַל-וואַריע, און זיי האָבן מיט צופֿרידנהייט דערציילט אין די לאַנגע נעכט, וואָס ערגעץ-ווו אין דער וועלט עס הערט זיך, און וואָס פּאַר אַ נסים ס'זענען ערגעץ-ווו געשען, און ס'האָט זיך טיילמאָל געמאַכט אויך אַזעלכער, וואָס האָט שטילערהייט זיך אויסגעגעבן, אַז ער איז אַזש פֿון דער הייליקער ערד געקומען און האָט אַזעל-כע וווּנדערלעכע זאַכן דערציילט, האָט אַזעלכע לענדער נעהאַט געזען, איבער אַזעלכע גרויסע ימים געפֿאָרן, אַזוי פֿיל פּאָרפּאַלן אויסגעשטאַנען, אַז אַ באַוווּנדערונג האָט אַזש אַרומגענומען די אַלע, וואָס האָבן אים פֿרום אויסגעהערט, און נישט איינעם איז אפֿילו שווער געווען צו גלייבן אין דעם אַלעם... אָבער ער האָט בייגעריק אויסגעהערט, וואָרן יעדער איז צופֿרידן געווען, וואָס מ'האָט עפּעס נייעס זיך דערוווּסט, און ווייל די נעכט זענען שוין געווען לאַנגע און ביז פֿאַרטאָג קען מען זיך נאָך גענוג אויס-שלאָפֿן, כאָטש אפֿילו אויף ביידע זייטן.

העי׳ האַרבסט איז דאָס געווען, שוין שפּעטער האַרבסט.

און שוין נישט די לידעלעך, נישט די פֿריילעכע אויסגע-שרייען, נישט דאָס פּיוקען פֿון די פֿייגעלעך, נישט די אויסרופֿן האָט מען שוין אין דאָרף נישט געהערט — גאָרגישט, נאָר דעם ווינט, וואָס האָט אין די שטרויענע דעכער געוואָיעט. נאָר די רעגנס, וואָס האָבן זיך, ווי שטיקלעך גלאָז אויף די שויבן געשיט, און דאָס טויבע און אַלע טאָג זיך מערנדיקע קלאַפּן פֿון די צע-פּעס אין די שייערן.

ליפּצע איז אָפּגעשטאָרבן, פּונקט ווי די אַרומיקע פֿעלדער, וואָס זענען אויסגעמאַטערט, גרויע, אָפּגעריסענע — אין אָפּרוען און אין שטילקייט פֿון פֿאַרשטייפֿט ווערן געלעגן; ווי די נאַקעטע ביימלעך, איינגעבראָכענע, טרויעריקע — וואָס זענען לאַ גזאַם פֿאַרשטאַרט געוואָרן אויפֿן לאַנגן, לאַנגן ווינטער.

האַרבסט איז דאָס געווען, די לייבלעכע מאַמע פונעם ווינ-טער.

מ׳האָט זיך נאָר געטרייסט מיט דעם, וואָס עס זענען נאָך קיין בלאָטעס נישטאָ, וואָס די וועגן זענען נאָך נישט אַזוי ווייך געוואָרן, און אפשר וועט דאָס וועטער נאָך אויסהאַלטן ביזן יאַריד, אויף וועלכן גאַנץ ליפצע האָט זיך געגרייט, ווי אויף עפּעס אַן אָטפּוסט.

וואָרים דער יאַריד האָט געזאָלט פאָרקומען אין דער הײ-ליקער קאָרדולע, — דער גרעסטער און לעצטער שוין פאַר די ימים־טובים, דעריבער האָבן זיך אויף אים אַלע ווי ס׳דאַרף צו זיין געגרייט.

שוין אויף אַ פּאָר טאָג פריער האָט מען זיך אָנגעהויבן באַ-ראַטן אין דאָרף, וואָס ס׳וואָלט גלייכער געווען צו פאַרקויפן, צי פון אינווענטאַר, צי פון דער תּבואה, אָדער גאָר פון דעם דרויב, וואָס מען האָט אונטערגעכאָוועט. און ווייל עס איז צו ווינטער גע-גאַנגען, האָט מען אויך געדאָרפן צו קויפן נישט ווייניק, אי אָנטון, אי אַ ביסל כּלים, אי פאַרשידענע באַלעבאַטישע זאַכן, צוליב וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען פאַרשידענע אַמפּערייען, זידלעריי-ען און קריגערייען אין די כאַלופּעס, וואָרן ס׳אי דאָך אַ באַוווסטע זאַך, אַז עס גייט באַ קיינעם נישט איבער, און דער באַרעסער גראָשן ווערט אויך וואָס אַ מאָל שווערער.

און דאָ איז גראָד אָנגעקומען אויך די צייט פון שטייערן צאָלן, דאָ גמינע-אָפּצאָל, און פאַרשידענע אָפּצאָלן צווישן זיך, און אָפּט, חובות נאָך פון שניט-צייט, און נישט איינער אויך פּענסיע פאַר דער דינערשאַפט — צוזאַמען אַזוי פיל, אַז אפילו די, וואָס האָבן צו האַלבע וולוק, האָבן אויך שווער אונטערגעזיפצט און גע-קאַלקולירט, און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן, אויב נישט אַרויסצו-פירן אַ פערד אויפן יאַריד אָדער אַ בהמה, מילא וועגן אָרימערע איז דאָך אַוודאי שוין נישטאָ, וואָס צו רעדן.

האָט טאַקע דעריבער נישט אייגער אַרויסגעפירט אַ קועלע פֿאַר דער שטאַל, אָפּגעווישט די מיט מיסט אויסגעשמירטע זייטן מיט אַ ווישעכטש, און אויף באַנאַכט צוגעוואָרפֿן קאָניטשינע, אָדער אָפּגעקאָכטן גערשטן מיט קאַרטאָפֿליעס, אַבי זי זאָל באַר אַ דזשעבלע אָנגעבלאָזן ווערן; ווער ווידער ס׳האָט צוגעפּאַרטיקט אַן אַלטע בלינדע שקאַפּע, זי זאָל כאָטש פֿיל ווייניק צו אַ פֿערד ענלעך זיין.

אַנדערע ווידער האָבן עקשנותדיק געדראָשן גאַנצע טעג, כּדי צו דאָנזשען אויפֿן יאַריד.

און אויך באַ די באַרינעס האָט מען זיך מונטער צוגעגרייט, דער אַלטער מיט קובען האָבן געדראָשן דעם ווייץ, און יוזקאַ מיט האַנקען הקבן די גאַנצע פֿרייע צייט, וואָס איז זיי געבליבן, נאָר אונטערגעפּאַשעט די מאַטשאָרע און די געגדזעלעך, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן פֿון די איבערגעלאָזטע צום האָדעווען, אַנטעק מיט וויטעקן ווידער, ווייל מ׳האָט זיך אַ לאַדע טאָג געריכט אויף רעגנס, זענען געפֿאָרן אין וואַלד אַריין נאָך דאַרע צווייגן צום ברענען און נאָך בלעטער צום אונטערשפּרייטן, פֿון וועלכע אַ טייל איז געגאַנגען אין שטאַל אַריין און די איבעריקע זענען אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן הינטער דער כאַלופּע — די ווענט אויפֿן ווינטער אַרומצוהילן.

און אַזוי האָט די צוגעאיילטע אַרבעט געדויערט אַוש ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, די לעצטע נאַכט פֿאַרן יאַריד; ערשט דאַמאָלס, ווען דער ווייץ איז שוין געלעגן אין די זעק אויפֿן וואָגן, ווען מען הבט דעם וואָגן שוין געהאַט אַרייַנגעשטופּט אין שייער אַריין און אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט אויף מאָרגן, — האָבן זיך אַלע איינגעם אַנידערגעזעצט צו דער וועטשערע אין באַרינעס שטוב.

אויפֿן קוימען האָט געביזעוועט אַ פֿריילעך פֿייער פֿון טשווערקעס, וואָס האָט כּסדר געהאַלטן אין איין קנאַקן, און זיי האָבן געגעסן פּאַמעלעך און שטיל־שווייגנדיק, וואָרים נאָכן אָנהאָרעווען

זיך האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט אַ וואָרט אַרויסצוברענגען, ביז ערשט דאַמאָלס, ווען זיי האָבן געענדיקט, און ווען די ווייבער האָבן אָפּגערוימט די שיסלען מיט די טעפּ פון דער באַנק, האָט באָרינע אויסגערופן, אַ ביסל צורוקנדיק זיך צום קוימען:

— מ׳דאַרף רירן נאָך איידער ס׳איז אָנהייבן צו טאָגן.

— אוודאַישטשע, אַ׳ ניש שפּעטער — האָט אַנטעק זיך אָפּגערופן און האָט זיך גענומען שמירן דאָס געשפּאַן, קובאַ האָט געשניצט אַ שלעגל צו די צעפּעס, און וויטעק האָט געשיילט קאַרטאָפל אויף אינדערפרי און אַלע מאָל אונטערגעשטורכעט לאַפּגן, וועלכער איז געלעגן דערלעבן און האָט זיך אַרויסגעקליבן די פליי מיט די ציין.

— אַ שטילקייט האָט אַריינגעטרעטן, אַזוי, אַז נאָר דאָס פייער האָט געקנאַקט און די גרילן אונטערן קוימען האָבן פון צייט צו צייט צוגעסקוזשיפּעט, און פון דער צווייטער זייט הויז האָט זיך דערטראָגן אַ פּלעסקען פון וואַסער און אַ געקלאַנג פון אויסגעוואַשענע טעפּ.

— קובאַ, בלייבסט ווייטער דינען, האַ?

קובאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שאָב-הובעל, מיט וועלכן ער האָט געשניצט, און האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרקוקט אין פייער, ביז באָרינע האָט אים דערמאַנט.

— אָס? געהערט, וואָס כ׳אָ דיר געזאָגט?

— הערן, אָב איך געהערט, נאָ כ׳פאַרקריך מיר אַזוי אין געדאַנק, אַז אינדערמיטן אָב עך פון ענק קאַ שום עוולה ניש געהאַט. אוודאַי, אָבער נאָ!... — ער האָט צעמישט אָפּ עהאַקט.

— יוזשאַ, גי נאָ אָקעוויט און עפּעס איבערצוגריזשען, וואָס אָ׳ מיר דאָ אויף טרוקן איינצוזעהן, ווי ייִדן עפּעס — האָט דער אַלטער באַפוילן און צוגערוקט צום קוימען די באַנק, אויף וועלכע יוזשיאַ האָט גיך אַנידערגעשטעלט אַ פלעשל און אַ אַוועקגעלייגט אַ לענג קעלבאַסי מיט ברויט.

— טרינק אויס, קובאַ, און זאָג דיין וואָרט.

— לאָ גאָט באַצאָלן, באַבאָעס... איבערבלייבן, לאָט איך איבערגעבליבן, נאָ... נאָ....

— כ'ע דיר באַטרעטן עפּעסטשיס...

— צונויף קומען, וואָלט עס צונויף געקומען, וואָרן דער פּעלץ אייגנטלעך פאַלט שוין פון מיר אַראָפּ און די שטיוול אויך, און עפּעס אַ קאַפּאָטע דאָרט וואָט איך מיר געדאַרפט קויפן... כ'בין שוין ווי דע דזשאַד דאָרט פונקט, אַז אַפילו אין קלויסטער אַריין גיין, איז נאָר אין פּעדערהויז אַריין... וואָרן ווי אַזוי גייט מע דאָס צו אין אַזאַ הולך צום אָלטאַרזש...

— און זונטיק אָסטו ביש געקוקט דערויף, נאָ אָסט דיך געשטופּט דאָרט. ווו די גרעסטע... — האָט באָרינע שטרענג אויסגערופן.

— אוודאי... ס'דען... אמת... — האָט ער אַרויסגעבאָמקעט און אַ טונקעלע רויטקייט האָט אים ס'פּנים פאַרגאָסן.

— און דאָס לערנט אפילו דער דאָבראָדזשעי, אַ' מ'זאָל דרך ארץ האָבן פאַר עלטערע. טרינק נאָ אויס, קובאַ, אויף אַ זגאָדע און האָרך, וואָס כ'ע דיר זאָגן, און עס'ט אַליין דיך מיאַרקירן, אַז וואָס אַ פּראָבעק אי ניש קאַ באַלעבאָס... יעדער אָט זיך זיין אָרט און פאַ יעדן איינעם אָט פאַן יעזוס עפּעס אַנדערש אָ געצייכנט. אָט דיר פאַן יעזוס אָנגעצייכנט דיינס, איז היט עס אָפּ, און טרעט ניש אַריבער, אויפן ערשטן אָרט זאָסטו דיך ניש פּאַקן, און הייב דיך ניש אויף העכער פון קאַן אַנדערן — וואַרן עסט אַ שווערע ב'עבירה טון. און דע דאָבראָדזשעי אַליין עט דיר דאָס אייגענע איבערחזרן, אַז אַזוי מוז זיין — אום כדי אַן אָרדנונג אויף דער וועלט זאָל זיין. דו מיאַרקירסט דיר דאָס אויס, קובאַ?

— כ'בין דעך ניש קאַ בהמה, און מיין געדאַנק אָב איך מיר.

— אי געדענק-זשע, אַ' זאָסט דיך נישט דערהייבן איבער אַנדערע.

— אי... כ׳אָ נאָר געוואָלט זיין נענטער לעבן אָלטאַרזש...

— דער פּאַן יעזוס הערט פֿון אַלע ווינקלען, אָ ניש קאָ מורא. אי צו וואָ-זשע זיך פּאַקן צווישן די ערשטע, אַז אַלע ווייסן ווער דו ביסט.

— אוודאי, אוודאי... כ׳וואָט געווען אַ באַבאָעס, איז דעם באַלדאַך טראָגן, וואָט איך געטראָגן, און אפילו דעם דאָבראָדזשעי אונטערן אָרעם וואָט איך געפירט, און אויף די בעגק וואָט איך געזעסן, און פון ביכל אַרויס וואָט איך הויך געזונגען... און אַזוי ווי כ׳בין נאָ אַ פּאַראָבעק, כאָטש א באַבאַטישער זון, איז דאַרף איך שטיין אין פּעדערהויז פון קלויסטער, אָדער פּאַר דער טיר, ווי די הינטלעך... — האָט ער טרויעריק געזאָגט.

— אַזאַן אָרדנונג אי שוין אויף דע וועלט, און נישט׳ דיין קאָפּ עט עס איבערמאַכן.

— זיכער, אַ׳ ניש מיינער, זיכער.

— טרינק אויס נאָכאַמאָל, קובאַ, און זאָג, וואָס דאַרף איך דיר צו געך פּאַרן דינען.

קובאַ האָט אויסגעטרונקען, און ווייל ס׳האָט אום שוין אַ ביסל פּאַרטויבט דער אָקע׳ויט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זיצט אין דער ק־עטשמע מיט מיכאַלן פון אָרגאַניסטער אָדער מיט אַן אַנדערן קאַמראַט, און טענהן זיך איין גאַנץ פריי, פריילעך, ווי מיט זיינס גלייכן. ער האָט זיך פּאַרשאַרצט אַ דזשעבלע די קאַפּאָ-טע, אויסגעצויגן די פיס, אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין דער באַנק און אויסגעשריגן;

— פיר פּאַפּירלעך און אַ רובל האַנטגעלט עט ער דערלייגן, על איך בלייבן.

— זעט מיר אויס, אַ׳ דו ביסט שיכור, אָדער ס׳אי דיר עפּעס אין מוח קאַליע געוואָרן — האָט באָרינע אויסגערופן, אָבער קו-באַ איז זיך שוין גע-אַנגען נאָך זיין געדאַנק נאָך געפירט, פון זיין אייגענער פּאַנטאַזיע, און איבעריקנס, האָט ער אפילו דעם באַלע-

באַס רייד נישט געהערט, האָט ער דעריבער אויסגעגלייכט זיין איינגעקנייטשטע גשמה, געוואַקסן אין דער אַמביטנעקייט, און מיט אַזאַ זיכערקייט אין זיך, ווי ער וואָלט זיך פאַרן באַלעבאָס אַליין דערפילט.

— פיר פּאַפּירלעך און נאָך אַ רובעל האַנטגעלט — על איך באַן אים בלייבן, אַ׳ ניש, איז אין זיין היגטישער מאַמען אַריין, גיי איך אויפן יאַריד און כ׳על מיר אַן אָרט שוין געפינען, כאָטש פאַר אַ פורמאַן צום צוגאָווע פערד אין הויף... מ׳קען מיך׳ אַ׳ כ׳בין אַן אַרבעטס־יונג, און אויף אַלץ וואָס אין פעלד, צי לעבן דער שטוב — קען איך מיך, אַ׳ ניש איין באַלעבאָס מעג גיין צו מיר בהמות פּאַשן און זיך באַ מיר לערנען... אַ׳ ניש, על איך שיסן פייגל און טראָגן צום דאַבראָדזשעי אָדער צו יאַנקלען... אַ׳ ניש...

— טה... קאַטערפּוס איינער, זע נאַר, ווי ער בריקעט. קובאַ! — האָט דער אַלטער בייז אַ געשריי געטון.

קובאַ איז שטיל געבליבן, ער איז אַ ביסל ניכטערער געוואָרן, אָבער ער האָט דאָך זיין האַרטנעקיקייט נישט אָנגעווירן, ווייל ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיינעם, ביז באַרינע האָט ווילנדיק, נישט ווילנדיק אים כסדר דערלייגט צו האַלבע רובלעס, צו גילדן, און ס׳איז געבליבן, אַז ער האָט אים צוגעזאָגט אויפן קומענדיקן יאָר צו דערלייגן דריי רובעל און צוויי העמדער אויפן אָרט פון האַנט־געלט.

— האַ, האַ, ביסט אַ פויגל — האָט דער אַלטער אויסגערופן, טרינקענדיק צון אים לכבוד דעם אַדורכקומען, כאָטש ער איז בייז געווען, וואָס ער מוז אַרויסוואַרפן אַזוי פיל געלט, אָבער ס׳איז נישט געווען זיך וואָס איבערצולייגן, וואָרן קובאַ איז ווערט געווען אפילו מער אויך, אַ פאַראַבעק, אַן אַרבעטס־יונג, האָרעוועט פאַר צוויי, פון באַלעבאַטישקייט רירט ער נישט, און פאַרן אינווענטאַר זאָרגט ער מער ווי פאַר זיך, כאָטש ער איז אפילו אַ לאַמער און איז נישט אַזוי שטאַרק, אָבער אויפן באַלעבאַטישקייט קען ער זיך — מען קען זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף אים, אַ׳

ר׳עט אַלץ, ווי ס׳געהער צו זיין מאַכן און עט גאָך אויף דעם צוגעדונגענעם אַכטונג געבן.

זיי האָבן נאָך איינגעטענהט וועגן דעם און וועגן יענעם, און ווען זיי זענען זיך צעגאַנגען, האָט קובאַ, שוין פון דער טיר, זיך נישט גאַנץ דרייסט אָנגערופן:

— כ׳באַשטיי אויף דריי רובל און צוויי העמדער, נאָ... נאָ... פאַרקויפטס ניש די זשריבּיע... פאַר מיין זיין דאָ איז זי געבוירן געוואָרן... מיט מיין פעלץ האָב איך זי צוגעדעקט, זי זאָל ניש געפרוירן ווערן... וואָט איך נישט געקענט דערליידן, אַז עפּעס אַ ייִד דאָרט זאָל זי שלאָגן אָדער אַ לאַכמאַן דאָרט פון שטאָט... פאַ ויפטס ניש... ס׳איז אַ גאָלד, ניש קאַ זשריבּיע... ווי אַ געהאָרכזאַם קינד... אַזאַ פערד, אַז ס׳איז דאָ אַ מענטש, וואָס איז אַ הונט קעגן איר — פאַקויפטס ניש...

— ס׳אי מיר אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען.

— וואָרן אין קרעטשמע ט׳מען געזאָגט און כ׳אָ... מורא געהאָט...

— אפּטרופּסים, היגטישע בלוטן, שטענדיק ווייסן זיי דיר בעסער!

קובאַ וואָלט אים פאַר פרייד באַ די פיס אַרומגעכאַפּט, נאָר ער האָט נישט געוואַגט דאָס צו טון, האָט ער אָנגעטון דאָס היטל און איז גיך אַוועקגעגאַנגען, וואָרים ס׳איז שוין צייט געווען צו גיין שלאָפן, האָבנדיק אין זין דעם מאָרגנדיקן יאַריד.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

צומאָרגנס, נאָך איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, כמעט באַלד נאָכן צווייטן קרייען, האָבן שוין מיט אַלע וועגן און סטעזשקעס קיין טימאָוו געצויגן מענטשן.

ווער ס׳האָט נאָר געלעבט, האָט פון דער גאַנצער אומגעגנט זיך געלאָזט אויפן יאַריד.

באַלד אינדערפרי איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטאַרקער רעגן, נאָר

נאָך דעם זונען-אויפגאַנג איז אַ ביסעלע שענער געוואָרן, דאָך איז דער הימל געבליבן באַדעקט מיט גרויע וואָלקנס, איבער די פלאַכע ווייט, זענען גרויע נעפּלען ווי די גראָבע לייוונטן ביזן גרונט אַדורכגעווייקטע, געהאָנגען איבער די וועגן האָבן זיך קאַלוזשעס געלאָזט, און די בלאָטע האָט ווו-נישט-ווו אין די גריבלעך אונטער די פיס ג שפּריצט.

און אויך פון ליפּצע האָט מען זיך גלייך מיטן פרימאָרגן אַוועקגעלאָזט.

אויף דעם טאָפּאָלן-וועג נאָכן קלויסטער און העט, אַזש ביז די וועלדער, האָט זיך געזען די קייט פון די וועגענער, וואָס האָבן זיך פאַמעלעך געשלעפּט, טריט בײַ טריט, אַזאַ ענגשאַפט איז געווען, און לענגאויס דעם וועג, פון ביידע זייטן, האָט נאָר נעבלענדט פון די רויטע וועלניאַקעס און ווייסע פויערישע קאַפּאָטעס

אַזוי פיל מענטשן זענען געגאַנגען, פונקט ווי אַ גאַנץ דאָרף וואָלט זיך אַרויסגעלאָזט.

עס זענען געגאַנגען די אָרימ רע באַלעבאַטים, ס׳זענען געגאַנגען פויערטעס, ס׳זענען געגאַנגען פאַראָבקעס און שיקסעס, און קאָמאָרניקעס זענען אויך געגאַנגען און די אָרימסטע, די טאָג-אַרבעטער זענען דעסגלייכן געגאַנגען, ווייל דאָס איז געווען אַזאַ יאַריד, אויף וועלכן מען האָט זיך געשטעלט אויף אַרבעט און מען האָט געטוישט די דינערשאַפט.

ווער עפּעס קויפן, ווער פאַרקויפן, און טייל גלאַט אַ ביסל אויפן יאַריד.

ווער ס׳האָט געפירט אַ קוטשינע אויף אַ שטריקל, אָדער אַ קאַלב, ווער ווידער ס׳האָט געטריבן אַ מאַטשאָרע מיט יונגע חזירימלעך, וואָס האָבן נאָר אונטערגעקוויטשעט און האָבן זיך אַזוי געריסן, אַז מען האָט זיי כסדר געדאַרפט אָפּיאָגן און היטן זיי, זיי זאָלן אונטער אַ וואָגן נישט אַרונטערפאַלן; ווער ס׳האָט אויף אַ

שקאַפּע זיך געצלאַפּעט; ווער ס׳האָט אַ סטאַדע אָפּגעשוירענע שעפּסן אונטערגעטריבן, ווי־נישט־ווו ווידער האָט זיך געוויסט אַ סטאַדעלע געגדז מיט אונטערגעבינדענע פליגל, דאָ האָבן הענער מיט קאַמען אָפּערגעקוקט פון די פויערטעס פאַטשיילעס... און אַיך די ווע־ גענער זענען נישקשהדיק אָנגעלאַדעוועט געווען. אַלע מאָל האָט פון אַן אַנדערן פולקאָשיק פון אונטערן שטרוי אַפער, אַ לאַנגער פּיסק פון אַ געפּאַקט חזיר זיך אַרויסגעשטעקט און געקוויטשעט, אַוש די געגדז האָבן איבערגעטראָקענע געגאָגאָטשעט און די הינט, וואָס זענען גלייך מיט די מענטשן מיטגעלאָפן האָבן אָנגעהויבן צו צו־ בילן לעבן די וועגענער. און אַזוי איז מען געגאַנגען מיטן גאַנצן וועג, וואָס כאָטש ער איז ברייט געווען, האָבן דאָך זיך אַלע נישט גע־ קענט אויף אים קיין אָרט געפונען, און נישט איינער האָט געמוזט אויפן פעלד אַראָפּגיין און מיט די אַקער־גראָבנס גיין.

ווען ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג און דער הימל האָט זיך געהאַט אויסגעלייטערט אַזוי, אַז די זון האָט זיך קוים גע־ וויזן, האָט זיך אויך באַרינע אַרויסגערירט פון דער כאַלופּע; פריִער, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן שוין האַנקאַ און יוזשאַ אַוועקגעטריבן די מאַטשאָרע און אַן אונטערגעפּאַשעט חזיר, און אַנטעק האָט אַוועקגעפירט צען זעק ווייץ און אַ האַלב קערצל רויטע קאָניטשינע. אינדערהיים זענען נאָר איבערגעבליבן קובאַ מיט וויטעקן און יאַגוסטינקע, וועלכע איז אַהערגערופן געוואָרן, זי זאָל דאָס עסן אָפּקאָכן און אויף די בהמות אַכטונג געבן.

וויטעק האָט געבעטשעט הינטער דער שטאַל אויפן הויכן קול, ווייל ס׳האָט זיך אים זייער פאַרגלוסט אויפן יאַריד מיט־ צוגיין.

— וואָס אַ נאַר פאַרגלוסט זיך — האָט באָרינע אַ מרוק געטון. ער האָט זיך איבערגעצלמט און איז אַוועקגעגאַנגען צופיס, וואָרן ער האָט גערעכנט, אַז אויפן וועג עט ער זיך אויפכאַפּן מיט עמעצן, און וואָס עס איז באַלד טאַקע אַזוי געשען, ווייל האַרט הינטער דער קרעטשמע האָט אים אָנגעיאָגט דער אָרגאַניס־

טער, וועלכער איז געפאָרן מיט אַ ברישקע אויף אַ פּאָר פּעכטע פערד.

— וואָס, צופּיס, מאַטשעי?

— ס׳איז געזונטער... זאָל זיין געלויבט.

— אויף דורות, זעצעס ענק אויף מיט אונדז, מ׳ע׳מער האָבן אַן אָרט! — האָט די אָרגאַניסטעכע פאַרגעלייגט.

— לאָ גאָט באַצאָלן. כ׳וואָט צוגעגאַנגען, אָבער ווי זאָגט מען דאָס: „די נשמה איז געוויס נישט צעפירט — אויב אַ וואָגן זי פירט“ — האָט ער אָפּגעענטפערט, אַוועקזעצנדיק זיך אויפן פאָדערשטן געזעס, מיט די פּלייצעס צו די פערד.

זיי האָבן זיך פריינטלעך דערלאַנגט די הענט מיטן אָרגאַניסטער און מיטן ווייב, און די פערד האָבן געריהרט.

— און פונוואַנען האָט זיך דער פאַן יאַש דערנומען, ר׳איז שוין ניש אין די קלאַסן? — האָט ער אַ פרעג געטון דאָס שגצל, וואָס איז געזעסן מיטן פאַראָבעק און מיטן אָנטרייבער.

— כ׳בין נאָר גע׳קומען אויפן יאַריד! — האָט פרייליך דעם אָרגאַניסטערס זון אויסגערופן.

— נעמטס אַ שמעק טאַבעק, פּראַנצושקע... — האָט דער אָרגאַניסטער מכבד געווען, אַ שנעל טוענדיק אין טאַבאַק־שקעטעלע אַריין.

זיי האָבן ביידע אַ שמעק געטון און געזונט אָפּגענאָסן.

— וואָס הערט זיך עפּעס בײַ ענק? צ׳פאַרקויפט עפּעס היינט?

— קאָ סך דאַרט ניש, זיי האָבן פאַרטאָג אַוועקגעפירט ווייץ, און די ווייבער האָבן אַוועקגעטריבן אַ חזיר.

— אַזש אַזוי פיל! — האָט די אָרגאַניסטעכע אויסגעשריגן. — יאַשעק, נעם ב׳שאַליק, וואָרן ס׳אי קאַלט — האָט זי צום זון אויסגערופן.

— ס׳אי מיר וואַרעם, ס׳אי מיר גאַנץ וואַרעם, — האָט ער

פאַרזיכערט, אָבער נישט קוקנדיק דערויף, האָט זי אים דאָך אַרומ-געוויקלט דעם האַלדז מיט אַ רויטער שאַל.

— קליינע רצאותן*) אי דען דאָ? מ'ווייסט שוין נישט פון-וואַנען אויף אַלעם צו נעמען...

— באַקלאָגטס ענק ניש מאַטשעי, לויבטס גאָט דערפאַר, צ'האָט געגנוג..

— כ'על דעך פון דער ערד ניש אָפּגריזשן, און קאַ באַרע-סער גראָשן ס'זאָל ליגן — אי נישטאָ...

אָבער באַרינע, וואָס איז ניש צופרידן געווען פון דעם גאַנצן שמועס אין דער אָנוועזנהייט פון פּאַראַבוק, האָט זיך גיך אַ בייג אָוועק געטון און שטיל געפרעגט:

— און דער פּאַן יאַש, צי עט נאָך לאַנג זיין אין די קלאַסן?

— ביז די יום טובים נאָר.

— ר'עט זיך אומקערן אַהיים, צי ר'עט אפשר אויף אַן אַמט גיין?

— מיין ליבער, און וואָס וואָלט ער דען געטון אינדערהיים אויף כּופּצען מאָרגעס, און כ'אַ נאָך ווייניק דראָבנערע!... און ס'איז שווערע צייטן, שווערע, ווי שטיין... — האָט זי אָפּגע-זיכצט.

— אמת, שמדן זענען אפילו נאָך דאָ אַ סך, אבער וואָס פאַר אַ פּראָפיט איז דאָ פון דעם!

— קאָ באַגרעבענישן פּעלן דעך ניש — האָט באַרינע אי-ראָניש צוגעוואָרפן.

— אי... וואָס פאַר אַ באַגרעבענישן, בלויז קבצנים שטאַרבן און קוים עטלעכע מאָל אין יאָר טרעפט זיך עפּעס אַ באַלעבאַטי-שע לוויה, פון וועלכער ס'קאַפּעט אַר..פּ עפּעס.

---

*) הוצאות.

— און נדרים איז אַלע מאָל ווינציקער דאָ און אויך דינ-גען זיי זיך ווי די ייִדן! — האָט זי צוגעוואָרפֿן.

— פֿון אָרעמקייט קומט דאָס אַלץ און פֿון די שלעכטע צייטן — האָט באָרינע פֿאַרענטפֿערט.

— אָבער אויך פֿון דעם, וואָס די מענטשן זאָרגן נישט, נישט פֿאַר זייער נשמה און נישט פֿאַר די, וואָס זענען אָן אַ תּיקון געבליבן. דער גלח האָט עס שוין ניש איינמאָל צו מיינעם גע-זאָגט.

— און הייף ווערן וואָס אַמאָל ווינציקער. אַמאָל, ווען מ'אי געפֿאָרן נאָך סנאָפּעס, צי מיט אָפּלאַטקעס, צי מיט דער קאָל. נדע, צי אויפֿצונעמען אַ צעטל — איז ווי מיטן רויך אין הויף אַריין — זיי האָבן נישט געקאַרגט, נישט קאַ תּבֿואה, נישט קאַ געלט, נישט קאַ פּרוכטן, און אַצינד, גאָט דערבאַרמדיקער, יעדער באַלעבאָס קאָרטשעט זיך און אַז ער גיט דיר דאָס סנאָפּקעלע קאָרן, איז עס זיכער פֿון די מייז צעפּרעס, און אַז דו קריגסט דאָס פּערטע-לע האָבער, איז זיכער דאָ מער פּלעווע דערין, ווי קערנער, לאָז ס'ווייב זאָגן, וואָס פֿאַר אַן אייער מ'האָט מיר הייעריקן זומער גע-געבן פֿאַרן פּסחדיקן צעטל אויפֿצייכענען — מער ווי די העלפֿט זענען געווען פֿאַרשטינקענע. ווען דער מענטש זאָל נישט האָבן דאָס ביסל גרונט, וואָלט ער ווי אַ ד.שאַד געמוזט גיין בעטלען — האָט ער פֿאַרענדיקט, אונטערוקנדיק באָרינען דאָס טאַבאַק-שקע-טעלע.

— אַוודאי, אַוודאי... — האָט באָרינע פּאָטאַקעוועט, אָבער נישט אים עסטו די אויגן פֿאַרשמירן, ער האָט דיר גוט געוווּסט, אַז דער אָרגאַניסטער האָט געלט, און אויף פּראָצענט, אָדער ער באָרגט די קאָמאָרניקעס, זיי זאָלן שפּעטער אָפּאַרבעטן, האָט ע נאָר אַ שמייכל געטון אויף דעם באַקאָגן זיך און ווידער אַ פֿרעג געטון וועגן יאַשיען...

— אי וואָס, עט ער גיין אויף אַן אַמט?..

— וואָס? מיין יאַש אויף אַן אַמט, פֿאַר אַ שרייבערלטשינע?

נישט דערויף האָב איך מיר פון מויל אוועקגענומען, אַז ער זאָל ענדיקן די שקאָלע, נײַן. אין סעמינאַר אַרײַן עט ער גײן, אויף אַ גלח...

— אויף אַ גלח?

— ס׳עט אים דען שלעכט זײַן? צי האָט דען וועלכער גלח זיך שלעכט?...

— זיכער... זיכער... און ס׳איז אויך אַ כּבֿוד, ווי זאָגט מען דאָס: ווער ס׳האָט אַ גלח אין דער משפּחה, דער האָט פּרנסה לרווחה... — האָט ער פּאַמעלעך געזאָגט און מיט דרך ארץ אַ קוק געטון איבערן אָרעם אַריבער אויפן ייִנגל, וואָס האָט צוגעפּײפט צו די פערד, וואָס זענען אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן פאַר זייער געבריוו...

— מ׳האָט געזאָגט, אַז דעם מילנערס סטאַך האָט אויך געזאָלט זײַן אַ גלח, און אַצינד איז ער אַפּנים אין די גרויסע שקאָלעס און פּראַקטיקירט אויף אַ דאָקטער...

— אוודאי, אַ גלח צו זײַן פאַר אַזאַ לײדאַק, מײַן מאַגדע אי דעך שוין אין זעקסטן חודש, און דאָס איז דעך פון אים...

— מ׳האָט געשמועסט, אַ׳ דאָס אי פון מילנער־יונג.

— אוודאי, ס׳אי אַמאָל געווען אמת, די מילנערן רעדט נאָר אַזוי, כּדי אירן צו פאַרדעקן. אַ צעלאָזטער אי דאָס, אַ׳ לאָ גאָר אַפּהיטן, ס׳פּאַסט אים צו גײן פאַר אַ דאָקטער.

— אַוודאי איז אַ גלח צו זײַן בעסער, וואָרן אי פאַרן פאַן יעזוס איז עס אַ ליבע, אי פאַר מענטשן אַ פרייד — האָט איר באָרינע כיטרע אַ גלעט געטון, וואָרן וואָס האָט ער זיך געזאָלט גײן שפּאַרן מיט אַ נקבֿה, און ער האָט גאַנץ אויפמער זאַם אויסגעהערט אַלע אירע מעשׂיות, און דער אָרגאַניסטער האָט זיך אײַנגעזעם געהאַלטן אין אײַן אַראָפּנעמען דאָס היטל און מיט אַ הויכן: „אויף דורות!“ אָפּגעענטפערט אויף די באַגריסונגען פון די מענטשן, וועלכע ער האָט אויסגעמײַעט. זיי זענען געפאָרן שנעל, און יאַש האָט כוואַטסקע אויסגעמיטן דאָ פורן, דאָ מענטשן, דאָ אַ

אינוועטאַר, וואָז מ׳האָט געפירט, ביז ער איז אַריין אין וואַלד, ווו ס׳איז שוין געווען לויזער און דער וועג ברייטער.

באַלד אין עק האָבן זיי דעריאָגט די דאָמיניקאָווא, זי איז געפאָרן מיט יאַגנען און מיט שימעקן, און אַ קו, אָנגעבינדן באַ די הערנער, איז נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעקוקט ווייסע העלדזער פון גאָנערס, וואָס האָבן כסדר גע-סיקעט ווי די זשמיעס.

זיי האָבן געלויבט גאָט, און באַרינע האָט זיך אַזש אויסגע-בויגן באַם אויסמייען און אויסגערופן:

— צ׳עט ענק פאַרשפעטיקן!

— ע׳מיר דאָנזשען אין דער צייט! — האָט יאַגנע הויך מיט אַ געלעכטער אָפגענטפערט.

זיי זענען דורכגעפאָרן, אָבער דעם אָרגאַניסטערס זון האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעדרייט צון איר, ביז ר׳האָט ענדלעך אַ פרעג געטון:

— דאָס איז יאַגושיאַ דאָמיניקאָוואַ?

— דאָס אי דיר די אייגענע, זי — האָט באַרינע געזאָגט, קוקנדיק פון דערווייטנס אויף איר.

— כ׳האָב נישט דערקענט, וואָרן כ׳האָב זי שוין גוטע צוויי יאָר נישט געזען.

— ז׳אי נאָך אַ יונגעטשקע, און דאַמאָלס האָט זי די בהמות געפאַשעט. ז׳האָט זיך נאָר געפאַקט אַזוי, ווי אַ יאַלעוועקע אויף אויף דער קאָניטשינע — און ער האָט זיך אַזש אויסגעבויגן, כדי נאָך אַ קוק צו טון אויף איר.

— זייער אַ שיינע — האָט דאָס יינגעל אַ וואָרף גע-טון.

— ווי אַלע שיקסעס — האָט די אָרגאַניסטעכע מיט פאַראַכ-טונג אַ זאָג געטון.

— אַוודאי איז זי אַ שיינע. זי איז געראָטן דאָס שיקסל,

אַי טאַקע נישטאָ די וואָך, ס'זאָל ווער נישט שיקן צון איר מיט קיין בראָנפן.

— אַן איבערקלויבערין! די אַלטע מיינט, אַז צום ווייניקסטנס, עט כאָטש עפּעס אַ זשאָנדצע צון איר אַראָפּפאָרן, און זי פאַרטרייבט די פאַראָבקעס... — האָט זי בייז געמירמלט.

— וואָרן ס'וואָלט זי געקענט נעמען אַפילו אַזעלכער, וואָס זיצט אַפילו אויף אַ וולוק... זי אי דאָס ווערט...

— איז נאָר-זשע עך, מאַטשעי, דאַרפט שיקן אַ שדכן, אַז עך ליבט זי אַזוי! — האָט זי אָנגעהויבן צו לאַכן, און באָרינע האָט זיך שוין מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן.

— אוודאי, אַזאַ שטאָטישער לאַכמאַן דאָרט, אַ וואַזשנער מענטש מיר, וואָס קוקט נאָר די באַלעבאַטישע הינער אונטער די ווידלען, צי זיי לייגן ניש פאַר איר קיין אייער, צי מענטשן אין דער גאָרשטש אַריין, עט זיך דאָס גאָר חוזק מאַכן פון געבוירענע באַלעבאַטים! אַ זאַשע דיר צו יאַגושען! — האָט ער געטראַכט, שטאַרק אויפגערעגט און נאָר געקוקט פאַר זיך, אויף דער דאָמיניקאָוועס וואָגן, וואָס האָט זיך פון די פאַרטוכער גערייטלט און איז וואָס אַמאָל ווייטער געבליבן הינטערשטעליק, וואָרן יאַש האָט פעסט געפלאַמט די פערד, אַז זיי האָבן געריסן פון די קאָפּיטעס, אַזש ס'האָט זיך אַ בלאָטע געמאַכט.

אומזיסט האָט די אָרגאַניסטעכע גערעדט פון דעם און פון יענעם, ער האָט נאָר גישאָקלט מיטן קאָפּ, עפּעסטשיס געמירמלט אונטער דער נאָז און אַזוי זיך פאַרעקשנט, אַז ער האָט זיך נישט געוואָלט אפילו מיט קיין איין וואָרט אָנרופן.

און ווי נאָר זיי זענען אַרויפגעקומען אויף דעם אויסגעפּאָרענעם ברוקיר פון שטעטל, איז ער באַלד אַראָפּ פון דער ברישקע און אָנגעהויבן צו דאַנקען פאַרן אונטערפירן.

— אַרום פאַרנאַכט-צו קערן מיר זיך אום, צ'ווילט, איז עט עך אויפזיצן מיט אונדז — האָט זי פראָפּאָנירט.

— לאָ גאָט באַצאָלן, כ'אָ דעך מיינע פערד, מ'וואָלט גע-

זאָגט, אַז כ׳שטעל מיך פאַר אַן אָרגל־בלאָזער, אַ געהילף צום אָר־גאַניסטער... און יעך על דאָרט קאַ שום נאָט נישט אַרויסציען און אויף ליכט אויסצוזלעשן בין עך אויך נישט געלערנט.

זיי זענען אַריינגעפאָרן אין אַ זייטיק געסל, און האָבן זיך פּאַמעלעך דורכגעשטופּט דורך דער הויפּט־גאַס, צום מאַרק־צו, וואָרן ס׳איז געווען אַ פעסטער יאַריד, און כאָטש ס׳איז נאָך געווען פרי געווען, דאָך איז שוין נישקשהדיק געווען געפּאַקט מיט אַן עולם; אַלע גאַסן, פּלעצער, זייטיקע געסלעך און הייף זענען פאַרלייגט געווען מיט מענטשן, מיט וועגענער און מיט פאַרשידענע סחורות — גאָרנישט, נאָר ווי אַ גרויס וואַסער, אין וועלכן עס זענען נאָך כסדר צוגעפלאָסן פון אַלע זייטן בייע טייכן מענטשן, און האָבן זיך געפּאַקט, געשטויסן און געשלעפּט איבער די ענגע געסלעך, אַזש די הייזער האָט זיך געדאַכט, ציטערן, און האָבן זיך צעגאָסן איבערן גרויסן קלויסטער־פּלאַץ. די בלאָטע, וואָס איז אויף די וועגן נאָך נישט געווען אַזוי גרויס, איז דאָ, צעקלאַפּט און צעאַרבעט פון די טויזנטער פיס — געווען שוין איבער די קנעכלעך, און ס׳האָט געשפּריצט פון אונטער די רעדער אויף אַלע זייטן.

דאָס גערויש איז שוין געווען זייער גרויס, און מיט יעדער רגע האָט ער זיך אַלץ מער געשטאַרקט; אַ טויב געשריי האָט געברומט פּונקט ווי אַ וואַלד, ווי אַ ים זיך געוויגט, געקלאַפּט אָן די ווענט פון די הייזער און סוף־כּל־סוף, אַלץ פאַרגאָסן, אַזוי, אַז מען האָט נאָר טיילמאָל געהערט דאָ אַ מרוטשען פון בהמות, דאָ אַ שפּילן פון אַ קאַטערינקע באַ דער קאַראַזעלע, דאָ דאָס ווייַ־נענדיקע קלאָגן פון די דזשאַדעס, אָדער די שאַרפע, דורכדרינ־גענדע פּישטשאַלקעס פון די פלייטן־מאַכערס.

דער יאַריד איז געווען, ווי מען רופט עס אָן, אַ גרויסער, אַן עולם האָט זיך אָנגעקליבן אַזאַ געוואַלטיקער, אַז ס׳איז נישט לייכט געווען אַדורכצוגיין, און שוין אין מאַרק הינטערן קלויסטער האָט באָרינע געמוזט מיט כּוח זיך אַדורכפּאַקן, אַזאַ ענגשאַפט האָט זיך געמאַכט צווישן די קראָמען.

און געווען זענען זיי אַזוי פיל, אַז ס'איז נישט איבערצו־ציילן, נישט מיטן בליק אַרומצונעמען, ווער וואָלט דאָס אומ־שטאַנד געווען.

צו אַלעם ערשטן די לייוונטענע, הויכע בודעס, וואָס זענען געשטאַנען לענגויס דעם קלויסטער אין צוויי רייען, פול אָנגעשטאָפּט מיט ווייבערישע סחורות — און מיט לייוונטן, און מיט טיכלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויף שטאַנגען און זענען, ווי דער מאָן אַזוי רויט געווען, אַז ס'איז אַזש אין די אויגן פינסטער געוואָרן, און אַנדערע ווידער זענען אינגאַנצן געל געווען, און אַנדערע פון בורקעס־קאָליר... און ווער קען דאָס אַלץ געדענקען! און שיק־סעס און פויערטעס איז געווען אַזוי פיל אַרום זיי, אַז ס'איז נישט געווען, ווו קיין שטעקן אַריינצושטעכן. — וועלכע ס'האָט זיך געדונגען און זיך כסדר געקליבן, וועלכע ס'איז גלאַט אַזוי געשטאַנען, אַבי נאָר אַ קוק צו טון און די אויגן זיך אָנצוזעטיקן מיט די הערלעכקייטן.

און דערנאָך האָבן זיך ווייטער געצויגן קראָמען, וואָס האָבן אַזש געבלענדעט פון פּאַטשערקעס, שפּיגעלעך, גאָלד־זילבערנע פליטערלעך, און בענדער, און קרוזשעס אויף די העלדזער, און בלימלעך גרינע, גאָלדענע און פּאַרשדענע... און טשעפּיקעס — און גאָט ווייסט וואָס נאָך!

ערגעץ־ווו האָט מען ווידער פאַרקויפט הייליקע בילדער, מיט באַגאָלדעטע רעמען אונטער גלאָז געפּאַסט, וואָס כאָטש זיי זענען געשטאַנען באַ די ווענט אָדער זענען גאָר אויף דער ערד געלעגן, דאָך האָט פון זיי געשלאָגן אַזאַ גלאַנץ, אַז נישט איינער האָט זיך געכאַפּט צום היטל און דעם הייליקן צייכן פון אַ צלם געמאַכט.

באָרינע האָט געקויפט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ אַרויף פאַר יוזשאַן, וואָס ער האָט איר נאָך אויף וויאַסנע געהאַט צוגעזאָגט צו קויפן פאַרן פּאַשען, ער האָט עס זיך אַריינגעשטעקט אונטערן

בוזים און אָנגעהויבן זיך אַדורכשטופן צום חזירים-מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען נאָכן קלויסטער.

אָבער ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ווייל ס'איז געווען אַ שרעקלעך ענגשאַפט און ס'איז געווען אויך אויף וואָס צו קוקן.

ערגעץ-ווו האָבן היטלמאַכער אונטער די הייזער צעהאָנגעןברייטע לייטערס, באַהאַנגען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט היטלען.

ערגעץ-ווו ווידער האָבן שוסטערס צונויפגעשטעלט אַ גאַנצע גאַס פון הויכע, הילצערנע קאָזלעס, אויף וועלכע ס'זענען, באַ די אויערן אָנגעטשעפּעט, געהאָנגען שורות שטיוול אי אַזעלכע פּראָסטע, געלע צו שמירן מיט צעלאָזטן חלב, כדי זיי זאָלן נישט אַדורכלאָזן קיין וואַסער, און אַזעלכע שוין מיט אַ גלאַנץ צוגעפּאַרטיקטע, און ווייבערישע טשיזמעס מיט רויטע שנורוואַדלעס און אויף הויכע אָפּצאַסן.

און נאָך זיי האָבן זיך געצויגן רימאַרעס מיט כאָמאָטעס אויף רעדלעך, מיט געשפּאַנען צעהאָנגענע.

און דערנאָך שטריקמאַכער און סיטשן-פּאַרקויפערס.

און די, וואָס פאָרן אַרום אויף דער וועלט מיט זיפּן.
און די, וואָס פירן זיך אַרום מיט קאָשע אויף די יאַרידים.
און רעדערמאַכער, און גאַרבערס.

ערגעץ ווו ווידער האָבן שניידערס און קירזשנערס צעהאָנגען זייערע סחורות, פון וועלכע ס'האָט געשלאָגן אַזאַ ריח, אַז ס'האָט אַזש אין די נאָזלעכער געדרייט; זיי האָבן געהאַט אַ גוטן אָפּגאַנג, ווייל ס'איז געגאַנגען צו ווינטער.

און דערנאָך זענען געגאַנגען גאַנצע שורות טישן באַדעקט מיט לייוונטענע דעכלעך, און אויף זיי גאַנצע פּעק קעלבאַסעס, רויטע און גראָבע ווי די לינעס, גאַנצע וואַלן געלע סאַדלע, געווענדזלטע זייטלעך, פּעק מיט סלאָנינע, שינקעס — האָבן זיך גאַנצע קופּעסווייז אויפגעהויבן, און ערגעץ ווו זענען ווידער געהאָנגען אויף האַקעס גאַנצע חזירים איינגעפּעקלטע און אָפּגעגאָסענע:

אין זאפט, אַז מ׳האָט כּסדר געדאַרפט די הינטלעך אָפּיאָגן, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַקט.

און לעבן די קצבים, פּונקט ווי לייבלעכע ברידער, זע ען געשטאַנען די בעקערס, און אויף הויך אונטערגעבעט שטרוי, אויף וועגענער, אויף טישן און קוישן, און ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, זענען געלעגן בערגער ברויטן, די גרויס, ווי די רעדער, געלע קוכענעס, זעמל און חלות...

ווו און ווער וועט עס אומשטאַנד זיין איבערצוציילן און גע־דענקען די אַלע קראָמען, און דאָס, וואָס מ׳האָט פאַרקויפט אין זיי?...

ס׳זענען געווען אַזעלכע, ווו מען האָט שפּילעכלעך פאַרקויפט, און אַזעלכע, ווו מען האָט באַקומען זיס געבעקס, ווו עס זענען פון טייג געווען געמאַכט פאַרשידענע חיות, און הערצלעך, און זעלנער, און אַזעלכע וווּנדערלעכע באַשעפענישן, אַז נישט יעדער האָט געקענט וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס, און אַזעלכע, ווו מען האָט פאַרקויפט קאַלענדאַרן, רעליגיעזע ביכלעך, געשיכטעס וועגן גזלנים און שרעקלעכע כּישוף־מאַכערס און לעמענטאַרזשן אויך. ס׳זענען געווען אויך קראָמען פון פּישטשאַלקעס, אָרגאַנקעס, ליי־מענע פּייפערלעך און אַנדערע מוזיקאַלישע זאַכן — מיט וועלכע די יונגעס, די געלע האָבן, כּדי אונטערצוגעבן חשק, געשפּילט מיט אַזאַ געוויזגעריי, אַז ס׳איז אַזש שווער געווען אויסצוהאַלטן — ווייל דאָ האָט דיר אַ ליימען פּייפערל געפּישטשעט, דאָרט האָט טראָמייטל געטראָמייטערט, ערגעץ־ווו ווידער האָט מען אויף די פּישטשאַלקעס אויסגעצויגן אַ גאַנצע רייע טענער, דאָ ווידער רימפּ־לען דיר פידלען, און ווייטער אַ ביסל האָט זיך אַ פּויק קרעכצנדיק צעבעטשעט — אַזש דער קאָפּ האָט זיך געשפּאָלטן פון גערויש.

אין מיטן מאַרק ווייטער, אַרום די ביימער, האָבן זיך צע־לייגט די בעדנאַרעס, די בלעכערס, די טעפּערס, זיי האָבן אָנ־געשטעלט אַזוי פיל שיסלען מיט טעפּ, אַז מ׳האָט קוים געקענט אַדורכגיין, און נאָך זיי זענען געשטאַנען סטאָלערעס; בעטן מיט

געמאַלעוועטע קאַסטנס, און שענק, און פּולקעס, און טישן, און זיי האָבן אַזוי געבלענדט מיט זייערע פאַרבן, אַז מ'האָט די אויגן געמוזט צו מרוזשען...

און אומעטום, אויף די וועגענער, אונטער די בענק, לענגויס די רינשטאָקן, וווּ ס'איז נאָר אַן אָרט געווען, האָבן זיך אויסגעזעצט פּויערטעס; וועלכע ס'האָט פאַרקויפט ציבעלעס און קראַנצן, אָדער אין זעק; וועלכע ס'איז געווען מיט לייוונט פון אייגענער אויסאַרבעטונג און מיט וועלניאַקעס; וועלכע מיט אייער, און מיט קעזלעך, און מיט שוואָמען, און מיט פּוטער, און אָסעלקעס, אַרומגעוויקלט מיט טיכלעך; אַן אַנדערער ווידער מיט קאַרטאָפּליעס, דאָ אַ פּאָר גענדזלעך, דאָ אַ הוין אָן פעדערן, דאָ ליאַן שיין-צעקעמטן אָדער אין קנײַלעכלעך איינגעוויקלטן. און יעדע איז זיך געזעסן בײַ איר'ס און פרידלעך איינגעטעגהט, ווי ס'קומט געוויינטלעך פאָר אויף יאַרידים, — און האָט זיך געמאַכט אַ סוחר, האָבן זיי פאַרקויפט פּאַמעלעך, רויק, נישט געהיצט זיך — באַלעבאַטישמעסיק, נישט אַזוי, ווי די ייִדן, וואָס שרייען, גרעגערן און פּאַקן זיך ווי די נאַראָנים.

ווו-נישט-ווו ווידער האָט צווישן די וועגענער און קראָמען געריכט פון די בלעכענע קוימענדלעך — דאָרט האָט מען פאַרקויפט הייסע טיי — און אויך אַנדערע מיני עסנווארג, ווי למשל: געפּרעגלטע קאָלבאַסע, קרויט, באָרשטש מיט קאַרטאָפּלעס האָבן זיי אויך געהאַט.

און דזשאַדעס איז זיך אַנגעקראָכן פון אַלע זייטן אָן אַ צאָל; בלינדע, לאָמע, שטומע און לחלוטין אָן פיס און אָן הענט, אַזוי פיל, ווי אויף עפּעס אַן אָטפּוסט, זיי האָבן אויסגעשפּילט אויף פידלען פרומע לידער, אַנדערע האָבן געזונגען, צובאַמבלענדיק אין אַ שיסעלע, און אַלע האָבן זיי פון אונטער די וועגענער אַפּער, פון הינטער די ווענט און פשוט פון דער בלאָטע אַרויס מיט צעשראָקענע בליקן געבעטלט און אויסגעבעטן זיך דעם גראָשנטשיגע, אָדער עפּעס אַן אַנדערע נדבה.

דאָס אַלץ האָט באַריגע אַדורכגעקוקט, גישט אויף איין זאַך זיך געוווּנדערט, געכאַפּט אַ ביסל אַ שמועס מיט באַקאַנטע און זיך ענדלעך צוגעפּאַקט צום חזירים-מאַרק, נאָכן קלויסטער, וואָס האָט פאַרנומען אַן אומגעהייער גרויסן זאַמדיקן פּלאַץ, ערגעץ-ווו נאָר מיט אַן איינציקן הויז פאַרשטעלט, הינטער דער סאַמער מויער פון קלויסטער, פון וואַנען עס האָבן זיך אומגעהייערע דעמבעס, פול נאָך מיט געלע בלעטער אַפּערגעבויגן, האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם מענטשן, וועגענער, און ס'זענען געלעגן גאַנצע שורות חזירים צום פאַרקויפן.

ער האָט גיך אָפּגעזוכט האַנקען מיט יוזשען, ווייל זיי זענען געווען באַלד אין עק.

— צ'פאַרקויפט, האַ?

— ס'דען, די קיילערס האָבן זיך שוין געדונגען איבער דער מאַטשאָרע, אָבער זיי גיבן ווייניק...

— חזירים זענען טייער?

— ווו זענען זיי דאָרט טייער, מ'האָט אָנגעטריבן אַזוי פיל, אַ' כ'ווייס ניש, ווער ס'עט דאָס צוקויפן.

— ס'איז עפּעס דאָ ווער פון ליפּצע?

— אָ, דאָרט ווייטער האָבן די קלענביס חזירימלעך, און אויך שימעק דאָמיניקוו שטייט מיט אַ חזיר.

— איילטס ענק צו גיכער, עט עץ ענק אַ דזשעבלע אומקוקן אויפן יאַריד.

— ס'אי מיר שוין אומעטיק אַזוי צו זיצן.

— וויפיל גיט מען פאַ דער מאַטשאָרע?

— דרייסיק פּאַפּירלעך, זיי זאָגן, אַ' ז'אי ניש דערפּאַשעט, וואָרן ז'אי נאָר גראָב אין די ביינער, אָבער ניש אין דער סלאָנינע.

— זיי ציגיינערן, ווי נאָ זיי קענען... זי האָט דיר אַ סלאָ-

נינע אויף אַ פּיר פינגער די גרעב... — דאָס חזיר איז מאָגער אויף די זייטן, אָבער מייטקעס האָט עס נישקשהדיקע אויף שינ-קעס — האָט ער צוגעגעבן, אַראָפּטרייבנדיק עס פון דעם נאַסן זאַמד, אין וועלכן ס'איז ביז איצט אין די האַלבע זייטן פאַרזונקען געווען.

— פאַ פינף און דרייסיק פאַקויפטס, כ'ע נאָר כאַפּן אַ קוק צו אַנטעקן און על באַלד קומען צון ענק צו לויפן. ס'הונ-גערט ענק נישט?...

— מ'אָמיר שוין געגעסן ברויט.

— כ'על ענק קויפן אויך קעלבאַסע, נאָר פאַרקויפטס, און גוט.

— טאַטוליו, און פאַרגעסט ניש וועגן טיכל, וואָס צ'האָט מיר נאָך אויף וויאַסנע צוגעזאָגט...

באַרינע האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אונטערן בוזעם, נאָר האָט זיך אָפּגעהאַלטן, ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַ שטויס געטון, וואָרן ער האָט נאָר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַוועקגייענדיק, אויסגערופן:

— כ'על דיר קויפן, יוזשאַ, כ'על דיר קויפן... — און האָט זיך אַ לאָז געטון, איז פּשוט געלאָפן, וואָרן ער האָט באַמערקט יאַגנעס פּנים צווישן די וועגענער, נאָר איידער ער איז צוגעקומען, איז זי אים געהאַט פאַרשווינדן ערגעץ, ווי אין דער ערד אַריין איינגעזונקען; האָט ער דעריבער אָנגעהויבן אָפּצוזוכן אַנטעקן. ס'איז ניש לייכט געווען, וואָרן אין דעם געסל, וואָס פירט פון חזירים-טאַרג אויפן מאַרק אַרויס, איז געשטאַנען אַ וואָגן לעבן אַ וואָגן און דערצו אין עטלעכע שורות, אַזוי, אַז מען האָט נאָר מיט גרויס שוועריקייט און פאַרזיכטיקייט, קוים געקענט אַדורכפאָרן — אָבער ער האָט זיך גיך אָנגעשטויסן אויף אים. אַנטעק איז געזעסן אויף די זעק און געשמועסט מיט דער בייטש די יידישע הינער, וואָס האָבן זיך סטאַדעסווייז געפּאָרעט אַרום די קאָביאָלקעס, פון

וועלכע די פערד האָבן געגעסן, און האָט מיט אַ האַלב מויל גע־ענטפערט די סוחרים.

— כ'אָ געזאָגט זיבן, איז אָב איך געזאָגט.

— זעקס מיט אַ האַלבן גיב איך, מער קע מע ניש, דער ווייץ איז פאַרשימלט.

— אַ' כ'על דיר, פאַרך איינער, אַ פלאַם טון איבערן פּאַס־קודנעם פּיסק, עט ער דיר באַלד פאַרשימלט ווערן, דער ווייץ אי דעך ריין, ווי גאָלד.

— ס'קען זיין, אָבער ר'אי פייכט... כ'ע קויפן אויף דער מאָס און צי זעקס רובעל מיט פינף גילדן.

— עסט קויפן אויף דער וואָג און צו זיבן, האָב איך געזאָגט!

— וואָס בייזערט זיך דער גאָספּאָדאַרזש*), צי כ'על יאָ קויפן צי ניש קויפן, אָבער דינגען מעג מען זיך דעך.

— איז דינג דעך, אַ' דער פּיסק אי דיר ניש קאָ שאָד. — און ער האָט שוין נישט געלייגט קיין אַכט אויף די יידן, וואָס האָבן אויפגעבונדן די זעק איינס נאָכן אַנדערן און באַקוקט דעם ווייץ.

— אַנטעק, כ'ע נאָר אַ גיי טון צום שרייבער און אין דעם אויגנבליק קום איך צו דיר...

— וואָס, צ'גיט אַן אָנקלאַגע אויפן הויף?

— און איבער וועמען דאָס אי דען געפאַלן די גראַניאַסטע?

— צ'עט אַ סך דאָרט אויפטון!

— מיינס שענקען, על איך נישט שענקען.

— אי... דעם גאַיאָווע וואָט מע געדאַרפט ווו ס'אי נישט צושטופן אין וואַלד צו אַ כאַיאַק און אָנקאַטעווען אים מיט עפּעס אַ האַרטער זאַך, אַ' די זשעברייי זאלן אים אַ פּישטשטון — וואָט באַלד געווען די גערעכטיקייט

*) באַלעבאָס.

— דעם גאַיאָווע, אוודאי קומט עס אים, אָבער דעם הויף אויך — האָט ער אַנטשלאָסן אויסגע־רופן.

- גיטס מיר אַ גילדן.

- אויף וואָס דאַרפסטו?

- כ'וואָלט אויסגעטרונקען אַ ביסל אָקעוויט און עפּעס צו־געגריזשעט...

— אָסט נישט דיינס דען? שטענדיק עסטו נאָר קוקן אין טאַטנס גאָרשטש אַריין...

אַנטעק האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטון און אָנגעהויבן צו־צופּייפן פון כעס, און דער אַלטער האָט דאָך, כאָטש מיט ווייטיק און טרויעריקייט, אויסגעקראַצט אַ גילדן און אים געגעבן.

— שפּייז יעדערן מיט דיין בלוט... — האָט ער געטראַכט און אין איילעניש זיך אַדורכגעשטופּט צו דער גרויסער ווינשענק אין עק, ווו ס'איז שוין געווען שפּאָר מענטשן, וואָס האָבן זיך די הערצער אונטערגעלענט; אין אַלקערזש אויפן הויף האָט גע־ווויינט דער שרייבער.

ער איז טאַקע געזעסן אונטערן פענסטער בײַ אַ טיש מיט אַ ציגאַר צווישן די ציין, ער איז געווען אין בלויזן העמד, נישט אָפּגעוואַשן און צעשויבערט: עפּעס אַ פרוי איז געשלאָפן אין ווינקל אויף אַ שעניק, צוגעדעקט מיט אַ פּאַלטן.

— זעצטס ענק, פּאַניע גאָספּאָדאַרזש! — ער האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון בענקל דאָס פּאַרבלאָטיקטע אָנטועכץ און אונטערגע־רוקט עס באָרינגען, וועלכער האָט באַלד דאָקומענטנע דערציילט דעם גאַנצן ענין.

— עך האָט געוווּנען, ווי דער אמן אין פּאַטשערזש. ב׳־ך ווי אַזוי! די קו אי געפּגרט, און דאָס שגצל אי קראַנק געוואָרן פון שרעק! אונדזער טובה! — ער האָט זיך אַ רייב געטון די הענט און אָנגעהויבן זוכן פּאַפּיר אויפן טיש.

— אוודאי... אַ׳ דער שגץ אי דעך געזונט.

— ס׳שאַדט גאָרנישט, ר׳האָט געקענט קראַנק ווערן. ער האָט דעך אים געשלאָגן...

— ניין, ר׳האָט נאָר געשלאָגן דעם שכנס שגצל.

— אַ שאָד, דאָס וואָלט געווען נאָך בעסער.

נאָר דאָס עט זיך שוין יאַקאָש*) אַזוי צונויפשטיקעווען, אַז ס׳עט זיין אי אַ קרענק צוליבן שלאָגן און אי אַ געפּגרטע קו. זאָל דער הויף צאָלן.

— אַוודאי, ס׳גייט אין גאָרנישט, נאָר אין דער גערעכ-טיקייט.

— ס׳עט באַלד ווערן אָנגעשריבן די אָנקלאַגע. פּראַניע, און גי דיך שוין אַ ריר, פּוילאַק! — האָט ער אַ געשריי געטון און אַזאַ שטאַרקן קאָפּע געטון די, וואָס איז געלעגן, אַז ז׳האָט דעם צעשויבערטן קאָפּ אויפגעהויבן. — גי נאָר אַ ברענג אַריין אָקעוויט און עפּעס צו עסן...

— כ׳אָ קאָ פּרוטה ניש, און דו ווייסט דאָך גוטשו, אַ׳ מ׳עט ניש באָרגן... — האָט זי אונטערגעמרוקעט, און אויפהייבנדיק זיך פון געלעגער, אָנגעהויבן צו גענעצן און ציִען זיך; גרויס איז זי געווען ווי אַן אויוון, אַ פּנים האָט זי געהאַט אַן אומגעהייערס, אַן אָנגעשוואָלנס, אַ בלויס און אַן אָנגעטרונקנס, און אַ דין קולעכל, פּונקט ווי בײַ אַ קינד.

דער שרייבער האָט געהאָרוועט, אַזש די פּעדער האָט גע-סקושיפּעט, ער האָט אַ פּאַרצי געטון דעם ציגאַר, אַרויפגעלאָזט דעם רויך אויף באָרינען, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צום שרייבן, אַ רייב געטון די דאַרע הענט מיט זומער-שפּרענקעלעך און אַלע מאָל אויסגעדרייט דאָס אויסגעמאָגערטע קרעציקע פּנים צו פּראַ-ניען; די פּאָדערשטע ציין האָט ער געהאַט איבערגעבראָכענע, בלויע ליפּן און גרויסע שוואַרצע וואָנסעס.

---

*) ווי ס׳איז.

ער האָט אָנגעשריבן די אָנקלאַגע, געניִמען אַ רובל פאַר איר, אויף מאַרקעס אַ צווייטן און זיך משווה געוואָרן פאַר דריי רובעל צו שטיין אין סאַנד, ווען די ספּראַווע עט אַרויפקומען אויפן טיש אַרויף.

באָרינגע איז אויף אַלעם גיך באַשטאַנען, ווייל ער האָט זיך אויסגעמיאַרקירט, אַז דער הויף וועט אים פאַר אַלץ באַצאָלן און נאָך מיט צולאָג.

— ס׳מוז זיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט, דאָס איז אַ געוווּנענע ספּראַווע! — האָט ער אויסגערופן שוין אָוועקגייענ־דיק.

— ע׳מיר ניש געווינען אין גמינע-סאַנד, ע׳מיר גיין אין פּאַ־וויאַט אַריין, דער פּאָוויאַט עט נישט העלפן, ע׳מיר גיין אין קרייז אַריין, אין געריכטס־הויז — און מ׳עלן מיר נישט שענקען.

— כ׳וואָט זיי דאָרט געשאָנקען מיינס! — האָט באָרינגע מיט עקשנות אויסגערופן — און נאָך ווען, דעם הויף, וואָס ר׳האָט אַזוי פיל וועלדער און ערד!... — האָט ער זיך געטראַכט, אַרויסגייענדיק אויפן מאַרק און באַלד עפּעס באַ די היטלמאַכערס זיך גראָד אָנגעשטויסן אויף יאַגנען.

זי איז געשטאַנען מיט אַ גראַנאַטן היטל אויפן קאָפּ, און אַ צווייטס האָט זי נאָך געדונגען.

— באַקוקטס נאָר, מאַטשעי, וואָרן דער געלער זאָגט, אַז ס׳אי גוט, און ער זאָגט פּעווּנע*) ליגנט...

— גאַלאַנט, פאַר יענדרזשיכען?

— יאָ, פּאַ שימעקן אָב איך שוין געקויפט.

— ס׳עט נישט זיין צו קליין אפשר?

— ר׳האָט דיר פּינקטיטשקע אַזאַ קאָפּ, ווי מיינער...

— וואָסט געווען אַ שיין פּאַראָבעקל...

---

*) זיכער.

— און אפשר ניש! — האָט זי ווילעריש אויסגערופּן
אַראָפּציענדיק עטוואָס אויף אַ זייט דאָס היטל...

— מ׳וואָט דיך דאָ גיך געדונגען צו זיך...

— אוודאי... כ׳בין נאָ צו טייער פאַר אַ דינער — זי האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

— ווי פאַר וועמען... פאַר מיר אַ שטייגער וואָסטו ניש געווען צו טייער...

— און אין פעלד אַרבעטן וואָט איך נישט געאַרבעט...

— יעך וואָט פאַ דיר געאַרבעט, יאַגוש, יעך וואָט געאַרבעט — האָט ער שטיל געשעפּטשעט און אַזוי ליידנשאַפטלעך אויף איר אַ קוק געטון, אז דאָס שיקסל האָט אַזש אָפּגעטרעטן הינטערוויילעכטס אַ פאַרשעמטע, און אומגעדונגען זיך, האָט זי באַצאָלט פאַרן היטל.

— צ׳האָט פאַרקויפט די קו? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אַ פרעג געטון, קומענדיק צו זיך אַ ביסל און אָפּטעמענדיק פון דער באַצויבערטקייט, וואָס האָט אים ווי אָקעוויט אין קאָפּ אַ זעץ געטון.

— מ׳האָט זי געקויפט פאַ דעם גלח קאַ יערזשווו. די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען מיט די אָרגאַניסטערס, וואָרן זיי ווילן דינגען אַ פאַראָבעק.

— און מיר על זיך כאָטש אויף אַ גלעזעלע זיס׳ס אַריינגיין!...

— וואָס הייסט?

— ביסט געפּרווירן, יאַגוש, עסטו דיך אַ דזשעבלע דערוואַרעמען...

— ווו על איך עס גיין דאָרט מיט אייך אויף בראָנפן!...

— איז על איך אַהערברענגען, ע׳מיר דאָ אויסטרינקען, יאַגוש...

— לאָ גאָט באַצאָלן פאַרן גוטן וואָרט, כ׳דאַרף אָבער די מאַמען אָפּזוכן.

— כ׳על דיר העלפן, יאַגוש... — האָט ער געשעפּטשעט מיט אַ שטילער שטימע און איז געגאַנגען פּאָרויס, און האָט אַזוי געאַרבעט מיט די עלנבויגגס, אַז יאַגנע איז אים פריי נאָכגעגאַנגען אין דעם ענגשאַפט, נאָר ווען זיי זענען אַריינגעקומען צווישן די לייוונטענע קרעמען, האָט דאָס שיקסל אָנגעהויבן פּאַמעלעכער צו גיין, אָפּגעשטעלט זיך, און די אויגן האָבן זיך אַזש באַן איר צעפלאַקערט צו די אַלע פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען געלעגן צעלייגט.

— דאָס אי דיר שיינע זאַכן, מיין יעזוס, דו ליבער! — האָט זי געשעפּטשעט, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן די בענדער, וועלכע זענען געהאָנגען אינדערהייך און האָבן זיך געוויגט אויפן ווינט, ווי אַ ברענענדיקער רעגנבויגן.

— וועלכע ס׳געפעלט דיר, יאַגוש, איז קלויב דיר אויס — האָט ער אויסגערופן נאָכן איבערלייגן זיך, באַזיגנדיק זיין קאַרג-שאַפט.

— ס׳דען, די דאָזיקע געלע מיט די בלומען קאָסט אפשר אַ רובעל אָדער גאָר צען גילדן!

— דאָס אי ניש דיין עסק, נעם נאָ...

אָבער יאַגוש האָט איבערגעוואַלט און מיט ווייטיק אָפּגעריסן די הענט פון די בענדער און איז געגאַנגען ווייטער צו דער צווייטער קראָם.

באַרינגע איז נאָר איבערגעבליבן אויף אַ רגעלע.

און אין דער קראָם ווידער זענען געווען טיכלעך און שטאָף אויף סטאַניקעס און קאַפּטאַנעס.

— יעזוס מיינער, וואָס פאַר אַ הערלעכקייטן, יעזוס! — האָט זי אַ פאַרכישופטע געשעפּטשעט און אַלע מאָל פאַרזונקען די ציטערדיקע הענט אין די גרינגע אַטלעסן, אין די רויטע סאַמעטן, און ס׳האָט זיך איר אַזש געטונקלט אין די אויגן און דאָס הארץ האָט זיך געטרייסלט פאַר תענוג. און די טיכער אויפן קאָפּ! פּאַמסענע, זיידענע, מיט גרינע בלומען אַרום דער זוים, גאָלדענע

אײנגאַנצן, פּונקט װי דאָס הײליקע בילד, און בלױע, װי דער הימל נאָך אַ רעגן, און װײסע, און די הערלעכסטע שױן זענען די שי-מערנדיקע, װאָס האָבן געבלענדט, װי דאָס װאַסער אונטער דעם זון-פּאַרגאַנג, און לײכט, װי פֿון שפּינװעבס! נײן, זי האָט נישט אױסגעהאַלטן און אַגגעהױבן אַנצומעסטן אױפֿן קאָפּ און אײנקוקן זיך אין שפּיגעלע, װאָס די ייִדענע האָט אונטערגעהאַלטן.

ס׳האָט איר הערלעך געפּאַסט, פּונקט װיזי װאָלט אַ הימל-רױט קײט אױפֿגעצױגן אױף די פֿלאַקסענע האָר, און אירע בלױע אױגן האָבן זיך אַזױ צעפֿלאַקערט פֿון פֿרײד, אַז אַ פּיאָלעט-שאָטן איז געפֿאַלן פֿון זײ אױף איר פֿאַרײטלט פּנים, זי האָט אַ שמײכל געטון צו זיך, אַז מעגטשן האָבן אָנגעהױבן קוקן אױף איר, אַזױ שײן איז זי געװען, און אַז אַ ייִנגקײט און געזונטקײט האָט פֿון איר גע-שלאָגן.

— עפּעס אַ פּריצהטע אַן איבערגעטוענע, צי װאָס? — האָבן זײ געמירמלט.

זי האָט לאַנג זיך אײנגעקוקט און מיט אַ שװערן זיפֿץ אַראָפּ-גענומען דאָס טיכל, אָבער זי האָט זיך אָנגעהױבן צו דינגען, כאָטש זי האָט עס נישט געהאַלטן גאָר באַ קױפֿן, נאָר גלאַט אַזױ, כּדי די אױגן לענגער אָנצוװעטיקן.

זי איז גיך אָפּגעקילט געװאָרן, װאָרן די סוחרטע האָט אַ זאָג געטון פֿינף רובל, אַזױ, אַז באָריבע אַלײן האָט זי שױן אָנגע-הױבן אַװעקצוציִען.

זײ האָבן זיך נאָך אָפּגעשטעלט פֿאַר די פּאַטשערקעס — און ס׳האָט נישט געפּעלט דאָרט די דאָזיקע סחורה, גלײך עמע-צער װאָלט די גאַנצע קראָם פֿאַרשיט מיט אָט די טײערע שטײנ-דעלעך, אַז זײ האָבן אַזש געבלענדט, און נאָר געבלישטשעט, אַז ס׳איז אַזש שװער געװען די אױגן אָפּצורײסן, געלע בורשטינען, װי פֿון דער שמעקעדיקער זשװיצע געמאַכט; קרעלן, װי די טראָפּעלעך בלוט אױפֿגעצױגן, און װײסע פּערל, גרױס װי די װאַלד-ניס, און אַנדערע פֿון זילבער און פֿון גאָלד...

יאַגוש האָט זיך אָנגעמאָסטן נישט איין פּאָר, און געקליבן צווישן זיי, און וועלכע ס'האָט איר שוין אויסגעזען די הערלעכ־סטע שניר קרעלן, האָט זי מיט איר, איר ווייסן האַלדז פיר מאָל ארומגענומען און אומגעדרייט זיך צום אַלטן.

— עך ?עט, האַ?

— ס'אַי הערלעך אויף דיר, יאַגוש! מיר איז שוין קאַ וווּנ־דער נישט קאַ קרעלן, וואָרן אָט ליגט באַ מיר אין קאַסטן עפּעס באַ אַן אַכט בייטשן נאָך דער פאַרשטאָרבענער, און גרויס זענען זיי, ווי אַ גוטער פעלד־אַרבעס — האָט ער אויסגערופן, ווי ער איז כלומרשט נישט אַזוי להוט נאָך זיי.

— וואָס קומט מיר דאָרט דערויס, אַ' זיי זענען נישט מיין! — האָט זי שאַרף אַ וואָרף געטון די פאַטשערקעס און איז שוין געגאַנגען אין איילעניש פאַרוואָלקנט און אומעטיק.

— יאַגוש, לאָמיר זיך אַנידערזעצן אַ דזשעבלע.

— ניין, ס'אַי שוין צייט צו דער מאַמען.

— אַ' ניש קאַ מורא, ז'עט דיר נישט אַוועקפאָרן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף עפּעס אַן אַרויסשטאַרנ־דיקן דישעל.

— אַ פעסטער יאַריד — האָט נאָך אַ ווײַלע באָרינע אויס־גערופן, אומקוקנדיק זיך איבערן מאַרק.

— אַוודאי נישט קאַ קליינער! — זי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון צו די קראָמען מיט בענקשאַפט און אַלע מאָל אָפּגע־זיפצט, אָבער זי איז שוין נישט אַזוי אומעטיק געווען, וואָרן זי האָט געזאָגט:

— די פּריצים, אַי דאָס גוט... כ'אָ געזען די פּריצה פון וואָליע, מיט די פאַניענקעס, איז האָט זי זיך אַזוי פיל אָנגעקויפט, אַז דער לאָקאַי האָט זיי אַזש נאָכגעטראָגן! און אַזוי אַלע יאַ־ריד!

— ווער ס'יאַרידעוועט אַ סך, — דעם ווערט אין קעשענע פלאַך.

— באַ זיי עט נישט פלאַך ווערן.

— כּל־זמן די ייִדן גיבן — האָט ער בייז צוגעשאַרפן, אַזש יאַגוש האָט זיך אויף אים אומגעקוקט, און זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן דערויף, און דער אַלטער האָט, נישט קוקנדיק אויף איר, אָנגעהויבן שטיל:

— פון מיכאַל וואָיטקאָווען אי מע דאָס געווען באַ דיר מיט בראָנפן, יאַגוש, האַ?...

— זיי זעבען געווען און אַוועקגעגאַנגען!... אַ שלים־מזל איינער, ער שיקט אויך אַ שדכן — זי האָט זיך צעלאַכט.

באַרינע איז גיך אויפגעשטאַנען, האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בוזעם אַפּער אַ טיכל און נאָך עפּעס אין פּאַפּיר איינגעוויקלט.

— האַלט דאָס נאָר אַ רגע, יאַגוש, וואָרן כ'דאַרף אַ בליק טון צו אַנטעקן.

— ר'אי דאָ אויפן יאַריד? — די אויגן האָבן באַן איר אויפגעשיינט.

— ר'איז איבערגעבליבן באַ דער תּבֿואה, נו, דאָרט אויף דער גאַס. נעם די, יאַגוש, דאָס אי פאַר דיר — האָט ער צוגעגעבן, זעענדיק, ווי יאַגנע האָט מיט פאַרוווּנדערונג די אויגן איבער דעם טיכל געפירט.

— עץ גיט?... אין אמתן פאַר מיר? יעזוס, וואָס פאַר אַ הערלעכקייט! — האָט זי אויסגעשריגן, פונאַנדערוויקלענדיק די באַנד, די זעלבע, וואָס איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן. — ס'דען, עץ מאַכט נאָר אַזוי חוזק פון מיר, פאַ וואָס קומט עס מיר? ס'קאָסט אַזוי פיל געלט... און ס'אי דעך אַ ריין זיידן טיכל...

— נעם, יאַגוש, נעם, פאַ דיר האָב איך עס געקויפט, און אַ' ס'עט צו דיר דאָרט אַ פאַראָבעק עפּעס אויסטרונקען, ענטפער אים ניש, וואָס דאַרפסטו דעך איילן?... איך דאַרף שוין גיין.

— ס'אי מיין, צ'זאָגט אמת?

— וואָט איך דיך דאָרט אָפּגענאַרט?

— ס׳אי מיר שווער צו גלייבן אפילו — און זי האָט כּסדר פונאַנדערגעלייגט דאָ דאָס טיכל, דאָ די באַנד.

— זיי געזונט, יאַגוש.

— לאָ גאָט ענק בּאַצאָלן, מאַטשעי.

באָרינע איז אַוועקגעגאַנגען, און יאַגנע האָט נאָך איינמאָל פונאַנדערגעוויקלט און איבערגעקוקט, פּלוצלינג האָט זי אַלץ אינײנעם צוזאַמענגעוויקלט און געוואָלט אים נאָכלויפן און אָפּגעבן... ווערים ווי קען זי עפּעס דאָס נעמען פון אַ פרעמדן, נישט קאַ שום משפּחה, נישט קאַ שום קרוב אפילו... אָבער דער אַלטער איז שוין נישט געווען. זי האָט זיך אַוועקגעלאָזט פּאַמעלעך זוכן די מוטער און מיט תּענוג זיך פּאָרזיכטיק צוגערירט צום טיכל, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אונטערן בוזעם. זי איז געווען אַזוי דערפרייט, אַז נאָר די ווייסע ציין אירע האָבן זיך אין אַ שמייכל צעגלאַנצט, און דאָס פּנים האָט געפלאַמט מיט אַ רויטקייט.

— יאַגושיאַ!... גיטס אַ נדבה... אָרימע יתומה... ליבע מענטשן... אמתע קריסטן... כ׳על בעטן די הייליקע מאַריאַ פאַר די נשמהלעך... יאַגושיאַ!...

יאַגנע איז צו זיך געקומען און אָנגעהויבן מיט די אויגן זוכן, ווער ס׳האָט זי גערופן און פונוואַנען, און זי האָט באַלד דערזען אַגאַטען, וועלכע איז געזעסן אונטער דער מויער פון קלויסטער אויף אַ גאָרשטש שטרוי, ווייל אויף דעם אָרט איז געווען אַ בלאָטע ביז איבער די קנעכלעך.

זי איז שטיין געבליבן, כּדי עפּעס אַ גראָשן אויסצוזוכן, און אַגאַטע, דערפרייט פון דעם, וואָס זי האָט אָן אייגענע פון אייגענעם דאָרף דערזען, האָט זי זיך גענומען אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך אין ליפּצע...

— צ׳האָט שוין אויסגעקאָפּעט?

— ביזן לעצטן!

— צ׳ווייסט נישט, וואָס מאַכן די קלענבּיס?

— ז'האָבן אויף דער וועלט ענק אַרויסגעטריבן, איבן בעטל, און צ'ווילט נאָך וויסן פון זיי.

— אַרויסטרייבן, אָבן זיי ניש אַרויסגעטריבן, כ'בין אַליין געגאַנגען, וואָרן מ'האָט געמוזט... ווי דען, אומזיסט עלן זיי מיר גען דאָס ווינקל אָדער צ'עסן, ס'גייט דען ניש באַ זיי איבער... און כ'בין טשיקאַווע, ס'אי דען דיר קרובים...

— און וואָס אי מיט אייך?

— און וואָס, כ'גיי פון קלויסטער צו קלויסטער, פון דאָרף צו דאָרף, פון יאַריד אויף יאַריד און מיט אַ תּפילה בעט איך מיר אויס באַ גוטע מענטשן — ווו אַ ווינקל, ווו אַ לעפל געקעכץ, ווו עפעסטשיס אַ גראָשן! גוטע מענטשן, ז'עלן ניש לאָזן אַן אָרימאַן שטאַרבן פון הונגער, ניין. צ'ווייסט ניש, זיי זענען געזונט אַלע דאָרט באַ די קלענביס — האָט זי נישט דרייסט זיך געפרעגט.

— זיי זענען געזונט, און עץ זענט ניש קראַנק?

— אי... ווו דאָרט, אין דער ברוסט טוט מיר כסדר וויי, און אַ' כ'פּאַקיל מיך צו, אי שפּיי איך מיט שטיקער בלוט... שוין ניש לאַנג מיר, שוין ניש לאַנג. כאָטש נאָר ביז וויאָסנע־צו דערציִען, כ'לאַ קענען מיך אומקערן אין דאָרף אַריין, און דאָרט צווישן אייגענע צו שטאַרבן — ווען דעם בעט איך נאָר יעזוסלען, ווען דעם איינעם נאָר — זי האָט צעשפּרייט די הענט, וואָס זע־נען געווען אַרומגעוויקלט מיט שוואַרצע קרעלן און מיט אַ צלמל, זי האָט אויפגעהויבן דאָס פאַרוויינטע פּנים און אָנגעהויבן אַזוי הייס צו בעטן, אַז טרערן האָבן איר אָנגעהויבן רינען פון די פאַרייטלטע אויגן.

— טוטס תּפילה פאַ מיין טאַטן — האָט יאַגושיאַ אַ שעפּטש געטון, אַריינשטופּנדיק איר עפּעס געלט.

— דאָס עט זיין פאַ די, וואָס האָבן נאָך קאַ תּיקון ניש, און פאַר די אייגענע טו איך תּפילה אַזוי אויך שוין כסדר און בעט גאָט, פאַ די לעבעדיקע און פאַ די געשטאָרבענע. יאַגוש, מ'האָט ניש געשיקט נאָך צו דיר מיט קאַ בראָנפן.

— מ׳אי געקומען.

— און קאַ שומס אי דיר ניש געפעלן?...

— קאַ שום. זייטס געזונט, און אויף וויאַסנע קומטס אַמאָל אַריין צו אונדז — האָט זי גיך געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען צו דער מוטער, וועלכע ז׳האָט דער׳ען פונדערווייטנס מיט די אָר־גאַניסטערס.

באַריגע ווידער האָט זיך פּאַמעלעך אומגעקערט צו אַנטעקן, איינס, ווייל ס׳אי געווען אַן ענגשאַפט — און צווייטנס, ווייל יאַגוש איז אים כסדר אין געדאַנק געווען; איידער ר׳איז צוגעקו־מען, האָט ער זיך געטראָפן מיטן קאָוואַל.

זיי האָבן זיך באַגריסט און זענען געגאַנגען אייגער לעבן אַנדערן, שטילשווייגנדיק.

— צ׳עט מיט מיר אַ מאָל שוין אַ סוף מאַכן, האַ? — האָט דער קאָוואַל שאַרף אָנגעהויבן.

— מיט וואָס אייגנטלעך? — אָסט מיר געקענט דעך דאָס אייגענע אויך זאָגן אין ליפּצע. — ער איז שוין בייז געווען.

— כ׳וואַרט דעך שוין פיר יאָר.

— אָסטו דיך הייגט דערמאַנט! איז עסטו דיר נאָך פערציק יאָר וואַרטן, אַ׳ כ׳על שטאַרבן.

— מענטשן אפילו עצהגען מיר שוין, אַ׳ כ׳לאָז אין סאָנד איינגען... נאָר...

— גיב איין. כ׳ע דיר זאָגן ווו מ׳שרייבט אָנקלאַגעס, און כ׳ע דיר אפילו פאַרן שרייבערס וועגן געגן אַ רובעל...

— נאָר כ׳טראַכט מיר, אַ׳ מיט גוטן ע׳מיר אַדורכקו־מען... — האָט ער כיטרע אַ דריי געטון.

— אמת, מיט וועמען מ׳פירט ניש קאַ מלחמה — מיט דעם אי מע בשלום.

— צ׳מיאַרקירט אַליין דאָס נישט שלעכט.

— כ׳דאַרף ניש דאַרט מיט דיר פירן קאַ מלחמות און נישט קאַ שלום.

— כ'זאָג עס שטענדיק נ'ווייב דער ערשטער, אַ' דער טאַטע איז פאַ דער גערעכטיקייט.

— יעדער איז פאַ דער גערעכטיקייט, ווען ער דאַרף זי האָבן אין טאָג אַריין — יעך דאַרף ניש, וואָרן כ'בין דע גאָרניש שולדיק — האָט ער האַרט אַ זאָג געטון, אַזש דער קאָוואַל איז ווייך געוואָרן, און ווייל ער האָט געזען, אַז ער וועט אים מיט כיטרעקייט נישט נעמען, האָט ער, ווי קיינמאָל גאָרנ ש, ווי צום רוקסטן, און מיט אַ בעטנדיקער שטימע אויסגערופן:

— כ'וואָלט עפּעס אויסגעטרונקען, צ'עט שטעלן?...

— כ'על שטעלן. ווי דען, אַ' דע בעסטער איידעם בעט, איז אפילו אַ גאַנצע קוואָרט — האָט ער זיך געוויצלט אַ דזשעבלע, אַריינגייענדיק אין דער ווײַנשענק אין עק; ס'אי שוין געווען דאָרט אויך יאַמבראַזשי, אָבער ער האָט ניש געטרונקען, ער איז געזעסן אין אַ ווינקל עפּעס טרויעריק און פאַראומערט.

— ס'ברעכט מיך אין די גנאַטעס*), ס'עט פּעוונע זיין ג... רעגן — האָט ער אויסגערופן.

זיי האָבן אויסגעטרונקען איינמאָל און ס'צווייטע מאָל, אָבער שטילשווייגנדיק, ווייל ביידע האָבן גענוג כעס געהאַט אויף דער לעבער איינער צום אַנדערן.

— ווי אויף אַ באַגראַבעניש טרינקט עך! — האָט זיך יאַמבראַזשי אָנגערופן, בייז דערפאַר, וואָס זיי האָבן אים נישט צוגעבעטן, וואָרן פון פרימאָרגן אָן האָט ער נאָך כמעט אין זיין מויל גאָרנישט געהאַט.

— ווי אַזוי קען מע רעדן. דער טאַטע פאַרקויפט היינט אַזוי פיל, איז מוזן זיי אַ טראַכט טון ווען דאָס געלט אַוועקצוגעבן אויף פּריצענט...

— מאַטשעי! כ'זאָג ענק מאַטשעי, אַז דער פאַן יעזוס...

---

*) ביינער

— ווען מען מאַטשעט איז מאַטשעי, און דיר אַ זאַשע! קוקסט אים אָן, די יוכע. אַ גאַנצער פּאַן בראַט, צוזאַמען חזירים געפּאַ-שעט. — ער איז שרעקלעך אין כּעס געוואָרן.

און דער קאָוואַל, ווייל ר׳איז שוין געווען נאָך צוויי גוטע כּוסות, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און שטיל אויסגערופן;

— טאַטע, זאָגטס דאָס וואָרט — צ׳עט גען אָדער ניש?

— כ׳אָ געזאָגט, אין קבר אַריין מיט מיר על איך נישט מיטנעמען, און פריער על איך קאָן איין מאָרגע ניש אָפּלאָזן. אויף קאַ קצבה צון ענק על איך ניש גיין... ס׳אי מיר נאָך ליב דאָס יאָר אָדער די צוויי אויף דער וועלט.

— איז צאָלטס מיר אַרויס.

— כ׳אָ געזאָגט, אָסט געהערט?

— נאָך אַ דריט ווייב זוכן זיי, איז וואָס מאַכן זיי אויס דאָרט די ק׳נדער — האָט יאַמבראָזשי אַ שעפּטשע געטון.

— און ס׳אי זיכער אַזוי.

— אַ׳ ס׳עט מיר געפעלן, על איך אויך חתונה האָבן. עסט מיר פאַרווערן?

— פאַרווערן, קען איך ניש פאַרווערן, אָבער...

— אַ׳ ס׳עט מיר געפעלן על איך שיקן מיט בראָנפן כאָטש אפילו מאָרגן.

— שיקטס, צי בין איך דען דאַקעגן. גיטס מיר כאָטש דאָס קאַלבטשינע, וואָס איז ענק איבערגעבליבן נאָך דער גראַניאַסטער, איז על איך אַליין צוהעלפן. עך אָט זיך ענקער שכל, איז מיאַר-קירטס עך, ווי אַזוי ענק איז בעסער. ניש איינמאָל און ניש צוויי מאָל אָב איך געגען צו פאַרשטיין ג׳ווייב, אַז עך — נו דאַרפט האָבן אַ ווייב, כּדי ס׳באַלעבאַטישקייט ניש צו זמאַרנעווען...

— אָסט אַזוי געזאָגט, מיכאַל?...

— כ׳זאָל אַזוי צו הייליקער ווידו נישט דערלעבן. כ׳אָ גע-זאָגט. כ׳גי דעך דעם גאַנצן דאָרף עצות, וואָס איינער דאַרף, לאָז איך נישט ויסן וואָס עך דאַרפט!

— ציגיינערסט, דו יוכט, אַז ס׳גייט אַזש אַ רויך, נאָר מאָרגן קום, עסט קריגן דאָס קאַלב, וואָרן אַ׳ דו בעטסט — על איך גען; און טאָמער עסטו דעך וועלן מיט מיר סאָנדעווען — איז העכסטנס אַ צעבראָכן שטעקעלע עסטו בעמען אָדער נאָך עפּעס ערגערס...

זיי האָבן נאָכאַמאָל אויסגעטרונקען, אַצינד האָט שוין דער קאָוואַל געשטעלט און האָט נאָך צוגערופן צו דער קאָמפּאַניע יאַמבראָזשין אויך, וועלכער האָט זיך גאַנץ גערן צוגעזעצט און אָנגעהויבן פריילעכע מעשהלעך צו דערציילן, און צו וויצלען זיך, אַז זיי האָבן אַזש פון צייט צו צייט מיט אַ געלעכטער אַרויס-געזעצט.

נישט לאַנג האָבן זיי זיך געפרייט אַזוי, וואָרן יעדער האָט זיך געאיילט צו די זייניקע, און צו פאַרשידענע ענינים; זיי זענען זיך בשלום צעגאַנגען, אָבער איינער דעם צווייטן האָט נישט געגלייבט אַפילו אַזוי פיל, וואָס אונטערן נאָגל — זיי האָבן זיך גוט געקענט, ווי די ליסע פערד, און האָבן זיך ביידע געזען דורך און דורך ווי דורך שויבן.

יאַמבראָזשי איז נאָר געבליבן, ער האָט צוגעוואַרט אויף די קומעס אָדער גלאַט גוטע באַקאַנטע, ס׳זאָל אים ווער נאָך שטעלן עפּעס אַ האַלב קוואַרטירל, וואָרן גוט איז פאַר אַ הונט אַפילו אַ פליג, כּל-זמן ס׳עט עמעץ קאַ גאַנצן ביין ניש וואַרפן, און אָנטרונקען זיך האָט ער נישט פיינט געהאַט, און אַליין זיך צו שטעלן איז אים געווען שווער און ס׳אי קאַ וואונדער ניש, ער איז נאָר געווען אַ קלויסטער-דינער.

און דער יאַריד האָט שוין געהאַלטן באַם סוף.

אין סאַמע מיטן טאָג האָט די זון אַ שיין געטון, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, ווי עמעצער וואָלט מיט אַ שפּיגל אַ בלענד געטון איבער דער וועלט, און זי האָט זיך באַלד אונטער די וואָלקנס באַהאַלטן; און שוין אַרום פאַרנאַכט-צו איז געוואָרן איבער דער וועלט פאַכמורנע, וואָלקנס האָבן זיך נידעריק געצויגן, אַז זיי זענען כמעט אויף די דעכער געלעגן און אַ דראָבנע רעגנדל האָט

אַנגעהויבן צו זייען, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ. איז מען טאַקע זיך גיכער צעפאָרן — יעדער האָט זיך געאײַלט אַהיים, כּדי אָנצוּ-קומען איידער ס'ווערט נאַכט און איידער ס'לאָזט זיך אַ גרעסערער כליאַפּ אַראָפּ.

און די הענדלערס האָבן אײַליק אַראָפּגענומען די קראָמען און געפּאַקט זיך אויף די וועגענער, וואָרן דער רעגן האָט אָנגעהויבן גיין וואָס אַמאָל געדיכטער און קעלטער.

די פינסטערניש איז גיך צוגעפאַלן שווער און פייכט.

דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעליידיקט און איז שטיל געבליבן.

נאָר די דזשאַדעס האָבן נאָך ווי-נישט-ווי געבלעקעצט פון הינטער די ווענט אַפּער און אין די קרעטשמעס האָבן זיך אויפגעהויבן געוואַלטן און קריגערייען פון די שיכּורים.

ס'איז שוין געווען אָוונט-צייט, ווען די באַרינעס זענען פון דער שטאָט אַרויסגעפאָרן; זיי האָבן אַלץ פאַרקויפט, וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט. זיי האָבן אָנגעקויפט פאַרשידנס און אָפּגעלעבט אַ יאַריד, ווי עס געהערט צו זיין. אַנטעק האָט אונטערגעשמירט די פערד און איז געפאָרן, אַז ס'האָט זיך אַזש אַ בלאָטע געמאַכט, וואָרן קאַלט איז געווען, און אַלע האָבן נישקשהדיק געהאַט אויסגעטרונקען. דער אַלטער, כאָטש ער איז געווען אַ קאַרגער און האָט אַזש געפּישטשעט נאָכן גראָשן, האָט היינט אַזוי מכבד געווען אי מיט עסן, אי מיט טרינקען, אי מיטן גוטן וואָרט, אַז ס'איז אַזש אַ ווונדער געווען.

ס'איז שוין פולקום נאַכט געוואָרן, ווען זיי זענען צוגעפאָרן צום וואַלד.

ס'איז געווען פינסטער, אַז כאָטש נעם דיר אַן אויג אַרויס; דער רעגן איז אַלעמאָל גרעבער געפאַלן און פון ווי-נישט-ווי האָבן זיך כּסדר איבערן וועג געטראָגן די גערוישן פון די וועגענער און הייזעריקע געזאַנגען פון די שיכּורים, אָדער עמ צסשטשיס האָט געטשלאַפּעט פּאַמעלעך אין דער בלאָטע.

און אינדערמיט פון טאָפּאָלן־וועג, וואָס האָט נאָר טויב געַ־ דרישט און געיאָמערט ווי פון קעלט, איז געגאַנגען יאַמב אָזשי אינגאַנצן שוין שיכור. ער האָט זיך געוואַקלט פון איין זייט אויף דער צווייטער, טיילמאָל געשטרויכלט אָן אַ בוים אָדער אין דער בלאָטע, אָבער ער האָט זיך פלינק אויפגעהויבן און כסדר זיך צו־ געזונגען אויפן גאַנצן קול, ווי ער איז געווינט געווען.

ס'איז געגאַנגען אַזאַ גאָס און עס איז געווען אַזאַ פינסטער־ ניש, אַז מ'האָט די ווידלען באַ די פערד נישט אָנגעזען, און אפילו די פייערלעך פון דאָרף האָבן זיך אויך קוים נאָר געזען, ווי דאָס שימערן פון וואָלפן־שליפיעס אינדערווייטנס.

VI

עס האָט זיך צערעגנט ווי ס׳געהער צו זיין.

שוין פון סאַמע יאַריד אָן איז די וועלט פאַמעלעך פאַרזונקען געוואָרן אין גרויע, מאָנטנע גלאָזיקע רעגנס, ס׳האָבן נאָר בלענדנדיק זיך בלאַס געצייכנט די וועלדער און דערפער, ווי זיי וואָלטן פון דורכגעווייקטע פעדעם געוועבט געווען.

ס׳האָבן זיך געצויגן אומענדלעכע, קאַלטע, דורכדרינגנדקע האַרבסטיקע וועטערן.

גרויע אייזיקע רעגן-בייטשן האָבן אומאויפהערלעך געשמיסן די ערד און האָבן זי ביז אין דער טיף ווייך געמאַכט, אַזש יעדער בוים, יעדע שטרוי האָט מיט אָן אַ שיער ווייטיק געציטערט.

און פון אונטער די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקנוילט איבער דער ערד, פון אונטער די גרינלעכע רעגן־וועטערן, האָבן זיך רעגס־ווייז דאָ שטיקער פעלדער אַרויסגערוקט, פאַרשוואַרצטע, דורכגעווייקטע, צוגעפלאַטשטע — דאָ האָבן אַרויסגעגלאַנצט שטראָמען שוימענדיק וואַסער, וואָס זענען געפלאָסן מיט די אַקערגראָבנס, אָדער ס׳האָבן זיך געשוואַרצט איינזאַמע ביימער אויף די שטעגן — ווי צוגעדריקט, אָנגעשוואָלענע פון פייכטקייט

האָבן זיי זיך געטרייסלט מיט די לעצטע בלעטער-שמאַטעס און פאַרצווייפלט זיך געוואָרפן, ווי אַ הינט אויף דער קייט.

די פאַרוויסטע וועגן האָבן זיך צעגאָסן אין בלאָטיקע פוילנדיקע קאַלוזשעס.

קורצע, אומעטיקע, אַנזיניקע טעג האָבן זיך שווער געשלעפט מיט טריבע פאַסן ליכט, און די נעכט זענען צוגעפאַלן שוואַרצע, טויבע, פאַרצווייפלטע, מיט אַן אומאויפהערלעכן, מאָנאָטאָנעם פּלעסקען.

אַ דערשטוינלעכע שטילקייט האָט די ערד אַרומגענומען.

ס'זענען שטיל געוואָרן די פעלדער, איינגעשוויגן די דערפער, טויב געוואָרן די וועלדער.

די דערפער זענען שוואַרץ געוואָרן און האָבן ווי שטאַרקער זיך צו דער ערד צוגעדריקט, צו די פּלעטער, צו די נאַקעטע סע-דער, אָפּגעריסענע און יאָמערנדיקע אין דער שטיל.

אַ גרויער רעגן-שטויב האָט די וועלט פאַרהילט, אויסגעצויגן די פאַרבן, אויסגעלאָשן די ליכטיקייט, און פאַרזונקען די ערד אין פינסטערניש, אַזוי, אַז אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַ שלעפעריקער פּלאָנטער, און אַן אומעט איז אויפגעשטאַנען פון די דורכגעפוילטע פעלדער, פון די פאַרשטאַרטע וועלדער, פון די אָפּגעשטאָרבענע וויסטענישן און געשלעפט זיך מיט אַ שווערן געפּל; אָפּגעשטעלט זיך אויף די טויבע שייד-וועגן, אונטער די צלמים, וואָס האָבן פאַרצווייפלט די אָרעמס אויסגעשפּרייט, אויף די ליידיקע וועגן, וווּ די נאַקעטע ביימער האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט און גע-שלאָכצט אין פּיין — צו די פאַרלאָזטע נעסטן האָט ער אַריינגע-קוקט מיט די ליידיקע אויגן, צו די איינגעלייגטע הייזלעך — אויף די אָפּגעשטאָרבענע צמענטאַרזשן האָט ער זיך געשלעפט צווישן די פאַרגעסענע קבֿרים און פאַרפוילטע צלמים און געפלאָסן מיט דער גאַנצער וועלט; — דורך נאַקעטע, אָפּגעריסענע, פאַראומ-רייניקטע פעלדער, דורך איינגעפאַלענע דערפער און אַריינגעקוקט אין די כאַטעס, אין די שטעלער, אין די סעדער — אַזש די בהמות האָבן געריטשעט פון שרעק, די ביימער האָבן זיך איינגעבויגן מיט אַ טויבן

קרעכץ און די מענטשן האָבן טרויעריק געזיפצט אין שרעקלעכער בענקשאַפט — אין נישט איינגעשטילטער בענקשאַפט נאָך דער זון.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

דער רעגן האָט געטריפט אומאויפהערלעך, פונקט ווי עמעצער וואָלט מיט דראָבנע שטיקלעך גלאָז די וועלט אַרומגעהילט, אַזש גאַנץ ליפּצע איז געזונקען אין די געדיכטע נעפּלען פון דעם רעגן-וועטער, פון אונטער וועלכן ס'האָבן נאָר ווי-נישט-ווי זיך געשוואַרצט דאָ דעכער, דאָ דורכגעווייקטע שטיינערנע פּלעטער אָדער ברודיקע קאַלטענעס רויך, וואָס האָבן זיך געדרייט איבער די קוימענס און געשלעפּט איבער די סעדער.

שטיל איז געווען אין דאָרף, נאָר ווי-נישט-ווי האָט מען געדראָשן אין די שייערן, אָבער דאָס אויך נאָר זעלטן, וואָרן ס'גאַנצע דאָרף איז געווען אויף די קרויט-פּעלדער.

אַ ליידיקייט איז געלעגן אויף דעם בלאָטיקן, ווייך געוואָרענעם וועג, און ליידיק איז געווען אַרום און אַרום, און פאַר די הייזער; פון צייט-צו-צייט נאָר האָט ווער אַ שימער געטון אין נעפּל און גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַזוי, אַז מ'האָט נאָר געהערט דאָס צלאַפּען פון די טרעפּעס אין דער בלאָטע, אָדער אַן אָנגעלאַדעוועטער וואָגן מיט קרויט האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך פון די טאָרף-פעלדער און צעטריבן די געגנדז, וואָס זענען נאָכגעקראָכן נאָך די בלעטער, וואָס זענען פון וואָגן אַראָפּגעפאַלן.

דער סטאַוו האָט זיך געוואָרפן אין די ענגע ברעגעס און כסדר צוגענומען, וואָרן ער האָט זיך אַזש איבערגעגאָסן אין די נידעריקערע ערטער אויפן וועג אַרויס, און באַרינעס זייט אַריין. ער האָט דערגרייכט ביז די פּלעטער און געשפּריצט מיט אַ שוים אויף די ווענט פון די כאַלופּעס.

דאָס גאַנצע דאָרף איז פאַרנומען געווען מיט אויסהאַקן און אָפּפירן דאָס קרויט; פיל איז געווען אין די קלעפּיסקעס, אין די פעדערהייזער, אין די שטיבז און ערגעץ-ווו האָבן זיך נאָך בא

ווען אויך אונטער די אָקאָפּ קופּעס הייפּטלעך קרויט געבליוט.

פֿאַר די הייזער האָבן זיך געוויקט אויפֿן רעגן אַרויסגעשטעלטע גרויסע פעסער.

מען האָט זיך געוואַלטיק געאיילט, וואָרן דער רעגן האָט כמעט נישט אויפֿגעהערט, און די וועגן זענען געוואָרן זומפּיק, נישט אַדורכצוקריגן זיך.

און אויך בײַ דער דאָמיניקאָווע האָט מען היינט דאָס קרויט אויסגעהאַקט.

נאָך אינדערפֿרי איז שוין יאַגנע מיט שימעקן אַרויסגעפֿאָרן אויפֿן קרויט־פֿעלד, וואָרן יענדרזשיק איז איבערגעבליבן און האָט געלאַטעט — נו דעם דאַך, ווייל ס'איז אַר׳נגערינען אין עטלעכע ערטער.

ס'איז שוין געווען אַרום אָוונט־צייט, ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן ווי אַ דזשעבעלע פינסטער צו ווערן, איז די אַלטע אַלעמאָל אַרויסגעגאַנגען פֿאַרן הויז און זיך פֿאַרקוקט אין נעפּל אַריין, צו דער מיל דאָרט, און זיך איינגעהערט צי זיי פֿאָרן נאָך נישט?...

און אויף די קרויט פֿעלדער, וואָס זענען געלעגן נידעריק דאָרט נאָך דער מיל, אין טאָרף, איז די אַרבעט נאָך געגאַנגען אין פֿולן ברען.

שוואַרצלעכע פייכטע נעפּלען זענען געלעגן אויף די לאָנקעס, אַזוי, אַז נאָר וווּ־נישט־וווּ האָבן געגלאַנצט די ברייטע ראָװעס פֿול מיט גרוי וואַסער, און די הויכע בייטן קרויט, וואָס האָבן זיך געבליוט מיט אַ בלאַסער גרינקייט אָדער זשאַווער־קאָליר, פּונקט ווי פּאַסן אייזערנע בלעך, און דאָ און דאָרט האָבן געשימערט אין נעפּל די רויטע וועלניאַקעס פֿון די פֿויערטעס און אויסגעהאַקטע קופּעס הייפּטלעך קרויט.

אין דער פֿאַרנעפּלטער ווייטקייט, לעבן טייך, וואָס איז געפֿלאָסן מיט אַ געראויש דורך די געדיכטע בלויִלעכע קזשאַקעס, האָבן זיך פּונקט ווי וואָלקענעס געשוואַרצט סטויגן טאָרף און ווּעגענער, צו וועלכע מ'האָט צוגעטראָגן דאָס קרויט אין פּלאַכטעס

וואָרן מען האָט צוליב דעם ווייך־געוואָרענעם גרונט, נישט געקענט צופאָרן צו די קרויט־פעלדער.

טייל האָבן שוין פאַרענדיקט דאָס אויסהאַקן און זיך שוין געגרייט אַהיים, דעריבער האָבן זיך וואָס אַמאָל די שטימען שטאַרקער צעטראָגן אין נעפּל און זענען געלאָפן פון בייט צו בייט.

יאַגנע האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט איר בייט, זי איז שרעקלעך געווען פאַרמאַטערט, הונגעריק און דורכגעווייקט ביזן לייב, וואָרן אַפילו די טרעפּעס אירע זענען געזונקען אין רויטלעך־טאָרפיקן גרונט ביז איבער די קנעכלען, אַזוי אַז זי האָט זיי אַלעמאָל אויסגעטון, כדי אויסצוגיסן דאָס וואַסער.

— שימעק, אַ טאַטש יאָג דיך שוין צו גיכער, וואָרן כ׳פיל שוין די פיס ניש! — האָט זי מיט ווייטיק אויסגערופן, און זעענדיק, אַז דאָס שגצל קען זיך נישט קאַן עצה געבן, האָט זי אים אומגעדולדיק אַרויסגעריסן דעם אומגעהייערן פּאַק, פאַרוואָרפן אים זיך אויף די פּלייצעס און אַוועקגעטראָגן צום וואָגן.

— ביסט אַ־אַ גרויסער פאַראָבעק, און ביסט שוואַך אין רוקן ווי אַ נקבה נאָך דער קימפעט — האָט זי מיט פאַראַכטונג אַ שעפּטש געטון, אויסשיטנדיק דאָס קרויט אין די פּולקאָשקעס אַריין, וואָס זענען אויסגעבעט געווען מיט שטרוי.

שימעק האָט אַ פאַרשעמטער עפּעס געמירמלט אונטער דער נאָז, אַ קראַץ געטון זיך אין די קאָלטענעס און איינגעשפּאַנט די פערד.

— אייל דיך צו, שימעק, וואָרן ס׳אי נאַכט! — האָט זי אים אונטערגעיאָגט, צוטראָגנדיק יעדע ווײַלע קרויט צום וואָגן.

און אָט איז די נאַכט אָנגעקומען, די פינסטעריניש איז וואָס אַמאָל געדיכטער געוואָרן און געשוואַרצט זיך, און דער רעגן איז שטאַרקער געוואָרן, אַז ס׳האָט נאָר געפּלעסקעט אויף דער ווייכער ערד און אין די ראָוועס, פּונקט ווי עמעצער וואָלט מיט קערנער געשיט.

— יוזשאַ! צ׳עט נאָך היינט דאָס ענדיקן? — האָט זי אויס-גערופן צו דער באָריניאַנקע, וואָס האָט צוזאַמען מיט האַנקען און מיט קובען געהאַקט דערלעבן.

— מ׳עמער ענדיקן! וואָרן ס׳אי שוין צייט אַ היים, אַזאַ גאָס רעגן, אַז ס׳האָט מיך שוין ביזן העמד אַדורכגענומען, עץ פאָרט דען שוין?

— יאָ, אָט פאַלט שוין די נאַכט צו און ס׳איז אַזאַ פינס-טערניש, אַ מ׳קען דעם וועג ניש דערקענען. מאָרגן עט מען אָפּ-פירן די רעשט. הערלעך קרויט האָט עץ! — האָט זי צוגעגעבן, צובייגנדיק זיך צו זיי און קוקנדיק אויף די קופעס, וואָס האָבן אין נעפּל געשימערט.

— ענקערס איז אויך נישקשהדיק, און די קאָרפּיעלעס האָט עץ די גרעסטע...

— ס׳אי פון דער נייער נאַשעניע*) געווען, פון דער ראָסאַ-דע, דע דאָבראָדזשעי האָבן געבריענגט פון וואַרשע.

— יאָגנע! — האָט זיך ווידער געהערט פון נעפּל אַרויס יוזשיעס שטימע — צ׳ווייסט, מאָרגן שיקט דעך וואַלעק יוזעפּווו מיט בראָנפן צו מאַרישאַ פּאָטשאָטקאָווען...

— אַזאַ צוציק! — זי האָט דען שוין די יאָרן? דאַכט זיך, אַ׳ זי האָט נאָך פאַריאָרן די קי געפּאַשעט!...

— פאַר אַ מאַנספערשוינס וועגן אָט זי שוין די יאָרן, אָבער אויך מאָרגעס האָט זי אַזוי פיל, אַ׳ די פּאַראָבקעס איילן זיך.

— ז׳עלן זיך אויך צו דיר איילן, יוזשאַ, ז׳עלן...

— אַ דע טאַטיש עמע ניש מיט קאַ דריטע חתונה האָבן! — האָט יאַגוסטינקע אויסגעשריגן פון ערגעץ אַ דריטער בייט.

— וואָס ענק פאַלט איין אין קאָפּ.

— ס׳טאַטש ז׳האָבן דעך ערשט אויף וויאָסנע די מוטער באַ-

---

*) זאַמען.

גראָבן — האָט האַנקע געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע.

— וואָס שאַדט עס אַ מאַנספערשוין, יעדער מאַנספערשוין איז דיר ווי יעבנץ חזיר דאָרט, אַז ס׳זאָל שוין זיין אפילו ווי כ׳ווייס נישט וואָס אָנגעזויפן, עט עס דיר נאָך אַלץ דעם פּיסק אין אַ נייער קאָריטע אַריינשטעקן... האָ, האָ, די ערשטע האָט נאָך רעכט די אויגן נישט צוגעמאַכט... נאָך נישט איננאַנצן אָפּגעקילט, און קוקט שוין נאָך אַ צווייטער... אַ הינטיש פּאָלק אי דאָס... און ווי אַזוי האָט שיקאָראַ געטון? דריי וואָכן נאָך דעם באַגראָבן פון דער ערשטער און האָט שוין מיט אַ צווייטער חתונה געהאַט.

— אמת, אָבער ס׳אי דעך איבערגעבליבן קליינוואַרג נאָך דער פאַרשטאָרבענער, פינף שטיקלעך...

— צ׳האָט שוין געזאָגט! אָבער נאָ נאַראָנים עלן ענק גלייבן, אַז צוליב די קינדער אָט ער חתונה געהאַט... פאַ זיך, וואָרן ס׳איז אים נישט היימלעך געווען אַליין אונטערן איבערבעט!...

— אונדז וואָלטן מיר דעם טאַטן נישט געלאָזט, האָ, האָ... — האָט יוזשאַ ענערגיש זיך אָנגערופן.

— ביסט נאָך אַ יונגעטשקע, און דעריבער אַ נאַר... ס׳אי נ׳טאַטנס גרונט, איז נ׳טאַטנס ווילן!

— די קינדער האָבן נאָך אויך עפּעס צו זאָגן, און ז׳האָבן זייער רעכט — האָט האַנקע אָנגעהויבן.

— פון אַ פרעמדן וואָגן, איז — זאָלסטו אפילו אין מיטן ים דעך אָפּטראָגן — האָט יאַגוסטינקע טעמפּ אַ מרוק געטון און אַנטשוויגן געבליבן, וואָרים יוזקאַ האָט אַ דערצערנטע אָנגעהויבן רופן וויטעקן, וועלכער האָט זיך אַרומגעשלעפּט ערגעץ דאָרט באַם טייך; און יאַגנע האָט זיך גאָרנישט אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך — זי האָט נאָר טיילמאָל אַ שמייכל געטון, ווייל ס׳האָט זיך איר דערמאַנט דער יאַריד, און האָט נאָר געטראָגן דאָס קרויט, און ווי נאָר דער וואָגן איז פול געוואָרן, האָט באַלד שימעק אָנגעהויבן אַרויספאָרן צום וועג-צו.

— זייטס געזוגט — האָט זי צוגעוואָרפן די שכנטעס.

— פּאָרטס געזונטערהייט, אונדז פאָרן אויף באַלד... יאַ־גוש, עסט קומען צו אונדז ס'קרויט רייניקן, האַ?

— זאָג נאָ, ווען מ'דאַרף, על איך קומען, יוזשאַ, כ'על קומען...

— און זונטיק מאַכן די שקצים אַ מוזיק באַ די קלעובים, צ'ווייסט דאָס?

— כ'ווייס, יוזשאַ, כ'ווייס.

— צ'עט טרעפן אַנטעקן, זאָגטס אים, אַ' אונדז וואַרט מע, לאָז ער זיך צוּאיילן — האָט האַנקע געבעטן.

— גוט, גוט...

זי איז באַכגעלאָפן גיכער, כדי צו דעריאָגן דעם וואָגן, וואָרן שימעק איז שוין געהאַט אָפּגעפאָרן אַ שפּאָר שטיקל וועג, און, אַז מ'האָט נאָר געה־רט, ווי ער האָט געשאָלטן דאָס פערד. דער וואָגן איז געזונקען און האָט זיך איינגעשניטן אַזש איבער די אַקסן אין דעם ווייך געוואָרענעם טאָרפּיקן גרונט, און אין די גריבלעך און אויף די ערגערע ערטער האָבן ביידע געמוזט אונ־טערהעלפן דעם פערד, אַז ס'זאָל אַרויסצי:ען פון זומפּ.

זיי האָבן ביידע שטילגעשוויגן, שימעק האָט געפירט דאָס פערד און אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל נישט אומדרייען, וואָרן ס'איז אומעטום געווען פול מיט לעכער, און יאַגנע איז געגאַנגען פון דער צווייטער זייט, ז'האָט אונטערגעשפּאַרט מיטן אָרעם דעם וואָגן און געטראַכט. ווי אַזוי מען דאַרף זיך דאָס אויסצופוצן צום קרויט רייניקן צו די באָרינעס.

די פינסטערניש איז ג־ך צוגעפאַלן, אַז מ'האָט קוים דאָס פערד אָנגעזען, דער רעגן האָט ווי אויפגעהערט, נאָר אַ פייכטער שווערער נעפל איז געהאָנגען, אַז ס'איז שווער געווען אָפּצועטע־מען, און באַרג־אויף האָט טויב גערוישט דער ווינט און געהאַקט אין די ביימער אויף רער גרעבליע, צו וועלכער זיי זענען טאַקע צוגעפאָרן.

דער צופֿאָר צו דער גרעבליע איז געווען שווער, וואָרן ס'איז געווען צופֿיל באַרג־אויף און גליטשיק, ס'פֿערד האָט זיך געשטרויכלט און איז וואָס אַ טריט שטיין געבליבן זיך אָפּרוען, אַז זיי האָבן קוים איינגעהאַלטן דעם וואָגן, ער זאָל נישט צוריק אַראָפּלויפֿן.

— מ'האָט נישט געדאַרפֿט אַזוי פֿיל אָנלייגן אויף איין פֿערד! — האָט זיך אָנגערופֿן עפּעס אַ שטימע פֿון דער גרעבליע אַרויס.

— דאָס זענט עץ, אַנטאָני?...

— אַזוי איז עס.

— איז איילץ ענק צו, וואָרן האַנקע קוקט שוין דאָרט ענק אויס... העלפֿטס אונדז צו...

— וואַרטס צו, נאָמיך נאָר אַראָפּגיין, על איך העלפֿן. אַזאַ פֿינסטערניש, אַ' מ'זעט גאָרנישט.

זיי זענען באַלד אַרויפֿגעפֿאָרן אויף דער גרעבליע, וואָרן ער האָט אַזוי ריזיק אונטערגעשפּאַרט מיטן אַקסל, אַזש ס'פֿערד האָט זיך אַ ריר געטון פֿון די קאָפּעטעס און האָט זיך ערשט אין דער הייך אָפּגעשטעלט.

— לאָז ענק גאָט באַצאָלן, אָבער צ'זענט שוין איינמאָל אַ שטאַרקער, אַז גאָט מייַנער! — האָט זי אויסגעצויגן צו אים די האַנט.

זיי זענען פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, דער וואָגן האָט גע־רירט, און זיי זענען געגאַנגען איינער לעבן אַנדערן, נישט וויסנ־דיק וואָס צו רעדן,ביידע אויסטערליש צעמישט.

— צ'קערט ענק באַלד אום? — האָט זי שטיל אַ שעפּטש געטון.

— כ'ע דיך נאָר צופֿירן צו דער מיל, יאַגוש, וואָרן דאָרט אויפֿן וועג האָט ס'וואַסער גריבער אויסגעריסן.

— דאָס הייסט דיר אַ פֿינסטערניש, הא? — האָט זי אויס־געשריגן.

— אַסט מורא, יאַגוש? — האָט ער אַ שעפּטש געטון, צו־ריקנדיק זיך נענטער.

— גיי שוין, כ'וו̣ט דאָרט מורא געהאַט...

זיי זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און זענען שוין אַזוי געגאַנגען לעבן זיך, זייט בײַ זייט, אָרעם אין אָרעם...

— און די אויגן לייכטן זיך דאָס בײַ ענק, ווי בײַ אַ וואָלף... אַזש אויסטערליש...

— עסט זיין זונטיק אויף דער מוזיק בײַ די קלענ־בּיס?

— עט מיך די מאַמע דען לאָזן...

— קום, יאַגוש, קום... — האָט ער געבעטן מיט אַ שטי־לער, פאַרשטיקטער שטימע.

— צ'ווילט דען? — האָט זי ווייך אַ פרעג געטון, אַריינ־קוקנדיק אים אין די אויגן.

— גאָט מיינער, אַ טאַטש נאָר פאַר דיר האָב איך דאָך מיך משווה געווען מיט אַ פידלער פון וואָליע און פאַ דיר דאָך האָב צוגערעדט קלענבן, אַ' ר'זאָל גען די כאַלופּע, פאַ דיר, יאַ־גוש... — האָט ער געשעפּטשעט און אַזוי נאָנט צוגערוקט זיין פּנים צו איר פּנים און הייס געאָטעמט, אַז זי האָט זיך אַזש אָפּ־גערוקט עטוואָס און אַ ציטער געטון פון גערירטקייט.

— גייטס שוין... מ'וואַרט דען אויף ענק... ס'עט נאָך ווער אונדז דערזען... גייטס...

— און עסט קומען?...

— כ'על קומען... כ'על קומען... — האָט ז' איבערגע־חזרט, אים נאָכקוקנדיק, אָבער ער איז באַלד פאַרשוונדן אין נע־ל, נאָר דער אָפּקלאַנג פון זיינע טריט אין דער בלאָטע האָט זיך געהערט.

אַ געוואַלטיקער שוידער האָט זי אויפגעטרייסלט און עפּעס אַ פלאַם איז ווי אַ ווינט איר דורכן האַרץ און קאָפּ אַדורך, אַזש

זי האָט זיך אַ וואַקל געטון. זי האָט לחלוטין נישט געוווּסט, וואָס ס'איז איר געשען — די אויגן האָבן איר געגליט, ווי מיט הייסע קוילן פאַרשיט, ז'האָט נישט געקענט דעם אָטעם כאַפּן, נישט איינשטילן דאָס האַרץ, וואָס האָט ליידנשאַפטלעך געקלאַפּט; זי האָט די הענט אויסגעשפּרייט, ווי צום צרומנעמען, זי איז אינגאַנצן צעשרויפט געוואָרן, וואָרן ס'האָט זי אָנגעכאַפּט אַזאַ ווילדע ליידנשאַפט, אַז זי האָט שיער נישט אַרויסגעשריגן... זי האָט אָנגעיאָגט דעם וואָגן, אָנגעכאַפּט זיך בײַ אַ קלאָניצע, און כאָטש מ'האָט נישט געדאַרפט, אַזוי שטאַרק נאָכגעשטופּט, אַז דער וואָגן האָט אַזש געסקזשיפּעט, געוואַקלט זיך און הייפטלעך קרויט זענען געפאַלן אין דער בלאָטע אַריין... און פאַר די אויגן האָט זי כסדר געזען זיין פּנים און די אויגן זיינע, די צעבליצטע, די תאוודיקע... ברענענדיקע...

— אַ שד, נישט קאָ מאַנספּערשוין... דאַכט זיך, אַז נאָך איינער אַזעלכער איז אויף דער וועלט נישטאָ... — האָט זי אָן אַ סדר געטראַכט.

זי איז ערשט צו זיך געקומען פונם געררויש פון דער מיל, לעבן וועלכער זיי זענען פאַרבייגעפאָרן, און פונם וואַסער, וואָס האָט זיך געגאָסן אויף די רעדער און פון אונטער די אָפענע סטאַווידלעס אַפּער, ווייל דאָס וואַסער האָט געהאַט אומגעהייער צוגענומען. דער טייך איז מיט אַ טויבן רעש אַראָפּגעפאַלן אונטן און צעשלאָגן זיך אין אַ ווייסן שטויב, און זיך צוזאַמענגעקנוילט, און געבלענדט אין דעם צעגאָס, וואָס האָט זיך אין אַ טייך ווייט אויסגעשפּרייט.

אין מילנערס הויז, וואָס איז געשטאַנען בײַלד בײַם וועג, האָט זיך שוין געלויכטן. און דורך די שויבן, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט מיט פאַרהאַנגען, האָט מען געזען דעם לאָמפּ, וואָס איז אויפן טיש געשטאַנען...

— ז'האָבן אַ לאָמפּ, ווי בײַם דאָבראָדזשעי אָדער ווי אין אַ הויף ערגעץ...

— וואָרן זיי זענען דען ניש קאַ רייכע... גרונט האָט ער מער פון באַרינען און געלט אויף פּריצענט גיט ער, און אויב מאָלן נאַרט ער דען נישט אָפּ, האַ? — האָט שימעק געצויגן.

— זיי לעבן זיך. ווי די פּריצים... אַזעלכן אי גוט... גייען זיך איבער די סאַלאָנען... ליגן זיך אויף די קאַנאַפּעס... זיצן אין דער ווארעם... עסן זיס, און מענטשן אַרבעטן אויף זיי... — האָט זי געטראַכט, אָבער אָן שום קנאה, נישט אויס־הערנדיק שימעקן, וועלכער, אויב ער האָט זיך שוין צערעדט, האָט ער שוין גערעדט אַזוי פיל, אויף וויפיל ער איז אַ מרוק געווען.

זיי האָבן זיך ענדלעך דערשלעפּט צו דער כאַלופּע.

אין שטוב איז געווען ליכטיק און ווארעם, דאָס פייער האָט פריילעך געביזעוועט אין קיך־אייוועלע; יענדרזשיק האָט געשיילט קאַרטאָפליעס און די אַלטע האָט צוגעשטעלט די וועטשערע.

עפּעס אַן אַלטער, גרויער מענטש האָט זיך געוואַרעמט באַם קוימען.

— צ'האָט געענדיקט, יאַגוש.

— נאַ ווי דען, נישט מער ווי אַ דזשעבלע, אפשר אַ דריי פלאַכטעס זענען איבערגעבליבן אויף דער בייט.

זי איז אַריינגעגאַנגען אין קאַמער אַריין זיך איבערטון, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך שוין געפּאַרעט איבער דער שטוב און צוגעגרייט דאָס עסן, אויפמערקזאַם און נייגעריק באַ־טראַכטנדיק דעם אַלטן, וועלכער איז געזעסן אין אַ טיפן שטיל־שווייגן, געקוקט אין פייער אַריין, אַרויסגעקליבן קערנער פון אַ רויזן־קראַנץ און באַוועגט מיט די ליפּן. און ווען זיי האָבן זיך שוין געזעצט צו דער וועטשערע, האָט די אַלטע אַנידערגעלייגט פאַר אים אַ לעפל און אים צוגעבעטן.

— זייטס מיר געזונט... כ'ע נאָך דאָ אַריינכאַפּן אַ בליק, וואָרן, קען זיין, כ'על אין ליפּצע פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט...
ער האָט אַנידערגעקניט אין מיטן שטוב, איינגעבויגן זיך

פאר די הייליקע בילדער, זיך איבערגעצלמט און ארויסגעגאנ-גען.

— ווער אי דאס? — האט זיך יאגנע א פארוואונדערטע גע-פרעגט.

— א הייליקער וואנדערער אי דיר דאס, פון יעזוסעס קבר קומט ער... כ'קען אים שוין פון לאנג, ווארן ר'איז שוין דא נישט איינמאל געווען און פארשידענע הייליקייטן געברענגט... ס'עט זיין יאקאש מיט א דריי יאר צוריק...

זי האט נישט געענדיקט, ווארן יאמבראזשי איז אריינגע-קומען, ער האט גאט געלויבט און זיך אנידערגעזעצט באם קוי-מען.

— אזא קעלט און א גאס רעגן, אז מיין הילצערנער פוס איז אזש פארשטארט געווארן.

— עץ דארפט אויך אין אזא נאכט און אין אזא בלאטע ארומקריכן... נישט גלייכער צ'וואלט בעסער געזעסן אין שטוב און פאטשערזש געזאגט... — האט די דאמיניקאווא געמרוקעט.

— ס'אי מיר אומעטיק געווען אליין, בין איך ארויסגעגאנ-גען צו די שיקסעס, און צו דיר, יאגוש, האב איך צום ערשט אפגעטרעטן...

— א מלאך המוותטע איז ענקער שיקסע...

— זי הוליעט ארום מיט די יונגערע און אן מיר האט זי אינ-גאנצן פארגעסן!...

— ס'דען?... — האט די דאמיניקאווא פרעגנדיק אנגע-הויבן.

— כ'זאג ב'אמת. דער דאבראדזשעי אי היינט געווען מיטן פאן יעזוס בא בארטעקן מיטן הייליקן וואסער...

— טה... כ'א דעך אים געזען אויפן יאריד א גע-זונטן...

— ס׳איידעמל האָט דיר אים אַזוי צעקיילט מיט אַ קאָלעק, אַ׳ ר׳האָט אים אַזש די לעבער אָפּגעהאַקט.

— פאַרוואָס ?...

— פאַרוואָס זאָל זיין, אַ׳ ניש פאָרן גרונט. שוין אַ האַלב יאָר, ווי זיי קריגן זיך אַרום, ביז ז׳האָבן זיך היינט מיטאָג-צייט אָפּגערעכנט.

— אַ, ס׳אי נישטאָ קאַ שטראָף פון גאָט פאַר אַזעלכע שלעגערס — האָט זיך יאַגנע אָנגערופן.

— ס׳עט קומען, אָ׳ ניש קאַ מורא, יאַגנע, ס׳עט קומען — האָט די אַלטע אויסגערופן, אויפהייבנדיק די אויגן אויף די הייליקע בילדער.

— און ווער ס׳אי שוין געשטאָרבן, עט ניש אויפשטיין — האָט יאַמבראָזשי שטיל געשעפטשעט.

— זעצטס ענק צו צו דער שיסל, עט עץ עסן וואָס ס׳אי דאָ.

— יעך האַלט ניש פון דעם, ניין. איין שיסעלע, אַבי נאָר אַ גרויס, על איך מיר נאָך אַן עצה געבן — האָט ער זיך געוויצלט.

— ענק ליגט נאָר אין קאָפּ זיך צו וויצלען און קאַטאָוועס צו טרייבן.

— נאָר דאָס פאַרמאָג איך, נאָר דאָס, צו וואָס טויגן מיר די צרות, האַ?

זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דער באַנק, אויף וועלכער ס׳זענען געשטאַנען שיסלען, און האָבן געגעסן פּאַמעלעך און שטילשווייגנדיק, יענדרזשיק האָט אַכטונג געטון, כדי אַלעמאָל צוצולייגן און צו דערגיסן, נאָר יאַמבראָזשי האָט אַלעמאָל אַ זאָג געטון עפּעס אַ פריילעך ווערטל און אַליין צום מיינסטן געלאַכט, וואָרן די שקצימלעך, כאָטש זיי וואָלטן זיך גערן צעלאַכט, האָבן אָבער מורא געהאַט פאַר דעם שטרענגן בליק פון דער מוטער.

— דער דאָבראָדזשעי איז אין דערהיים? — האָט זי צום סוף אָנגעהויבן.

— ווו דען זאָל ער זיין אין אַזאַ בלאָטע, ווי אַ ייִד זיצט ער איבער די ביכער.

— אַ קלוגער איז ער דיר, קלוג..

— און אַ גוטער, קען בעסערן קע מע ניש געפינען... — האָט יאַגנע צוגעגעבן.

— אוודאי... זיכער... אויפן בויך שפייט ער זיך ניש, און אפילו קיין אַנדערן אויך דער באָרד אויך ניש, און וואָס ווער ס׳גיטן, נעמט ער...

— צ׳וואָלט בעסער נישט געפלוידערט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

זיי זענען אויפגעשטאַנען פון דער וועטשערע. יאַגנע מיט דער אַלטער האָבן זיך אַוועקגעזעצט שפּינען פלאַקס באַם קוימען, און די זין, ווי געוויינטלעך, האָבן זיך פאַרנומען מיטן אויפרוימען, אויסוואַשן די כּלים און ברענגען אַלץ אין אָרדנונג. אַזוי איז שוין פון שטענדיק אָן איינגעפירט געווען באַ דער דאָמיניקאָווע, אַז זי האָט די זין געהאַלטן מיט אַן אייזערנער האַנט און אויסגעשטעלט זיי פאַר שיקסעס, כּדי יאַגושיאַ זאָל זיך חלילה די הענטלעך נישט איינברעכטן.

יאַמבראָזשי האָט פאַרייכערט די לולקע, געפּיפּקעט אין קוימען אַריין, דאַ האָט ער פאַריכט די גלאָוניעס און צוגעוואָרפן צווייגן און טיילמאָל אַ קוק געטון אויף די ווייבער, ער האָט זיך עפּעס געשלאָגן מיט דער דעה און געפלאַנעוועט.

— ס׳אי געווען באַן ענק אַפּנים אַ שדכן?

— נאָר איינער דען?

— ס׳אי קאַ ווונדער ניש, יאַגנע איז חי אַן אָפּגעמאָלטע. דער דאָבראָדזשעי האָט געזאָגט, אַז אין שטאָט קע מע נישט טרעפן קאַ שענערע.

יאַגנע איז רויט געוואָרן פון פרייד.

— אַזוי האָט ער געזאָגט. זאָל אים גאָט געבן געזונט. כ׳אָ מיך שוין לאַנג געגרייט אים אָוועקצוטראָגן אַ נדר, שוין לאַנג, נאָר מאָרגן על איך אים באַלד אָוועקטראָגן.

— ס׳וואָלט דאָ נאָך עמעצער געשיקט מיט בראָנפן, נאָר ז׳האָבן מורא אַ דזשעבלע... — האָט ער שטיל אָנגעהויבן.

— אַ פּאַראָבעק?... — האָט די אַלטע אַ פרעג געטון, אָנ־וויקלענדיק פעדעם אויף דעם שפּינדל, וואָס האָט געהודזשעט אויף דער פּאָדלאָגע.

— אַ באַלעבאָס, אייגנער אין דאָרף, פון אַ שיינער משפּחה.. נאָר אַן אַלמן.

— קאַ פרעמדע קינדערטשיסקעס על איך נישט וויגן...

— שוין אויפגעהאָדעוועטע, אָ׳ניש קאַ מורא, יאַגוש, שוין גיפגעהאָד וועטע.

— וואָס טויג איר אַן אַלטער... זי האָט נאָך צייט... ז׳עט זיך דערוואַרטן אויף אַ יונגן, אַז ס׳עט זיך איר עפּעס טרעפן.

— קאַ זעלכע פעלן ניש, ס׳פעלן דען אויס יונגעלייט? יונ־גען, ווי די ליכט, רייכערן פּאַפּיראָסן, טאַנצן אין דער קרעטשמע, טרינקען אָקעוויט און קוקן נאָך די שיקסעס, וויפיל מאָרגעס וועלכע ס׳האָט און וויפיל אַ באַרעסן גראָשן, אַ׳ ס׳זאָל זיין פּאַרוואָס צו באַלעווען... די באַלעבאַטים, די יוכעס, שלאָפן ביז מיטאָג, און גאָכמיטאָג פירן זיי מיסט מיט די טאָטשקעס און ס׳פעלד אַקערן זיי מיט די מאָטיקעס.

— קאַ זעלכן על איך יאַגנען ניש אָוועקגעבן, זי זאָל זיך דאַרפן אַרומוואַלגערן.

— נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז עך זענט די קליגסטע אין דאָרף...

— וואָס פאַר אַ לעבן האָט אַ יונג מיידל, מ׳שטייבס געזאָגט, באַ אַן אַלטן...

— און ס׳הייסט אַ לעב צו טון זענען ניש דאָ קאַ יונגע.

— צ׳זענט אַלט, ווי די וועלט, און אין קאָפּ איז באַ ענק דאָך ניש אײַנגעאַנצן אין אָרדנונג — האָט זי שטרענג אַ זאָג געטון.

— אי... מ׳רעדט נאַר, אַבי די צונג זאָל ניש אָפּדאַרן...

זיי האָבן לאַנג געשוויגן.

— דער אַלטער עט זי בכבוד האַלטן און אויפן פרעמדן גראָשן, איז ער נישט להוט — האָט יאַמבראָזשי ווידער אָנגעהויבן.

— נאַ, נאַ, ס׳קומט נאָ אַרויס דערפון אַ גאָט־באַליידיקונג.

— ר׳וואָלט געקענט אָפּשרייבן — האָט ער ערנסט אויסגערופן אויסקלאַפּנדיק די לולקע אויפן אײַזועלע.

— יאַגנע האָט געגוג איר אייגנס — האָט זי אָפּגעענטפערט באַך אַ ווײַלע, שוין אַ ביסל וואַקלענדיק זיך און נישט זיכער.

— ר׳וואָלט מער געגעבן, ווי גענומען, מער...

— אַזוי זאָגט עך!

— ווי באַוווסט, אַב איך דאָס נישט גענומען פון ווינט, און כ׳אָ מיר ניש אויסגעטראַכט, כ׳בין ניש געקומען פון מיר אַליין...

זיי האָבן ווײַטער געשוויגן. די אַלטע האָט לאַנג אויסגעגלעט דעם צעפּלאָנטערטן בינט פלאַקס, דערנאָך באַשפּיגן די פינגער און אָנגעהויבן אַרויסציען פלאַקסענע פעדעם מיט דער לינקער האַנט, און מיט דער רעכטער האָט זי מיט רעש דאָס שפינדל געלאָזט, אַז ס׳האָט מיט אַ וואָרטשען, ווי אַ באָנק אָנגעהויבן זיך דרייען און הוטשען.

— וואָס־זשע האָט ער צו שיקן?

— וועלכער?

— צ׳ווייסט דען ניש? אַ טאַטש יענער? — ער האָט דורכן פענסטער אָנגעוויזן אויף דעם פייערל, וואָס האָט קוים געשימערט איבערן סטאַוו פון באָרינעץ.

— דערוואַקסענע קינדער, ז׳על קאַ גוט וואָרט ניש גען, און זיי האָבן אַ רעכט אויף זייער חלק...

— אָבער ער קען דעך פאַרשרייבן דאָס, וואָס איז זיין... ווי דען?... און אַ פויער איז ער אַ גוטער, און אַ באַלעבאָס ניש קאַ לאַדע ווער, און אַ פרומער און אַ פעסטער נאָך, כ׳האָב אַליין געזען, ווי ר׳האָט זיך פאַגעבן אַ קערץ ווייץ אויף די פּלייצעס. דאָרט וואָלט שוין יאַגנען גאָניש געפעלט, כיבע פון פייגל־מילך... און ווייל באַ׳יאַר שטייט ענקער יענדרזשיק צו די זעלנער... איז קען זיך באָרינע מיט די באַאַמטע, ר׳ווייסט צו וועמען צו טרעפן, וואָלט ער געקענט העלפן...

— ווי דאַכט זיך דיר, יאַגוש?...

— מיר איז אַלציינס, צ׳עט הייסן, על איך גיין... דאָס איז ענקער עסק, ניש מיין... — האָט זי שטיל געזאָגט. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די בינטן פלאַקס און זיך פאַרקוקט אין פייער, נישט טראַכטנדיק גאָרנישט, און געהערט דאָס פריילע־כע קנאַקן פון די צווייגן. דער, צי יענער, אַלץ איז פאַר איר גלייך געווען — זי האָט זיך נאָר עטוואָס אַ טרייסל געטון, ווען זי האָט זיך דערמאַנט אָן אַנטעקן.

— איז ווי־זשע? — האָט יאַמבראָזשי אַ פרעג געטון, אויפ־שטייענדיק פון דער באַנק.

— זאָלן זיי שיקן... קאַ תנאים אי נאָך ניש קאַ חופה... — האָט זי פּ מעלעך אָפּגעענטפערט.

יאַמבראָזשי האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען גלייך צו באָרינען.

יאַגנע איז כסדר אַלץ געזעס, אומבאַוועגלעך און שווייגנ־דיק.

— יאַגוש... טעכטערל... וואָס?...

— גאַניש... ס'אי מיר אַלציינס... צ'עט הייסן, על איך חתונה האָבן מיט באָרינען... אָ' נישט, על איך בלייבן באַ ענק... ס'אי מיר דען חלילה שלעכט באַ ענק...

די אַלטע האָט ווייטער געשפּיגען און שטיל געזאָגט:

— ווי צום בעסטן וויל איך פאַר דיר, ווי צום בעסטן... אמת, ר'איז אַן אַלטער, אָבער ר'אי נאָך געזונט, און אַ מענטש-לעכער, נישט אַזוי ווי אַנדערע פויערן, ר'עט דיך בכבוד האַלטן... עסט דיר זײַן אַ פריצה באַ אים. אַ באַלעבאָסטע... און אַז ר'עט אָפּשרייבן, על איך אים שוין אַזוי אָנדרייען, אָ' דער גרונט זאָל אויספאַלן לעבן אונדזערן, לעבן ייד אונטערן בערגל... ר'זאָל כאָטש אַ זעקס מאָרגעס אָפּשרייבן... דו הערסט? אַ זעקס מאָר-געס! און דו דאַרפסט שוין האָבן אַ מאַן... דאַרפסט... צו וואָס דאַרף מען אויף דיר אויסרעדן, און מ'זאָל דיך אויף דער צונג אַרומטראָגן איבערן דאָרף... מ'וואָלט געקיילט אַ חזירל... און אפשר גאָרניש... אפשר... — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך שוין אין קאָפּ די רעשט איבערגעלייגט, וואָרן יאַגוש, פּונקט ווי זי וואָלט אירע רייד נישט געהערט, האָט שוין מאַשי-בעל געשפּיגען, און ווי ס'וואָלט זי איר אייגענער גורל נישט אָנגעגאַנגען, אַזוי האָט זי נישט געטראַכט וועגן דעם חתונה האָבן.

און ס'איז איר דען שלעכט געווען באַ דער מאַמען? זי האָט געטון, וואָס זי האָט געוואָלט, און קיינער האָט איר קאַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. וואָס איז איר דאָרט אָנגעגאַנגען דער גרונט, און די פאַרשרייבעכצן, און די גיטער — אַזוי פיל ווי גאַניש, אַדער גאָר אַ מאַן? ווייניק שקצים זענען איר דאָס נאָכגעלאָפן — לאָז זי נאָר וועלן, עלן כאָטש אַלע אויף איין נאַכט זיך צוזאַמענ-לויפן... און איר געדאַנק האָט זיך פויל געצויגן, ווי דער פלאַק-סענער פאָדים פון דעם בינט, און פּונקט ווי דער פאָדים, אַזוי

האָט זי זיך אַרומגעדרייט פסדר אַרום דעם, אַ׳ די מאַמע עלן הייסן, עט זי חתונה האָבן פאַר באַרינען... ס׳איז אמת, אַז ער איז איר אפילו ליבער פון אַנדערע, וואָרן ר׳האָט איר געקויפט פאַטשערקעס און אַ טיכל... אמת... אָבער אויך אַנטעק וואָלט דאָס אייגענע געקויפט... און אויך אַנדערע אפשר... זיי זאָלן נאָר פאַרמאָגן באַרינעס געלט... יעדער איז גוט... און אַלע צוזאַמען זענען גוט... האָט זי דען ג׳קאָפּ אויסצוקלויבן! דאָס איז דער מאַמעס עסק, צו טון וואָס מ׳דאַרף.

זי האָט זיך ווידער פאַרקוקט אין פענסטער אַריין, וואָרים די שוואַרץ-געוואָרענע, פאַרוועלקטע געאָרגיניעס, וואָס האָבן זיך געוויגט אויפן וויגט, האָבן דורך די שויבן אַריינגעקוקט, אָבער אין גיכן האָט זי אויך אָן זיי פאַרגעסן. זי האָט פאַרגעסן אָן אַלץ, אפילו אָן זיך אַליין, זי איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ איבערהייליקע אָנמאַכט, ווי די מאַמע ערד אין די האַרבסטיקע טויטע נעכט — וואָרים פּונקט ווי די הייליקע ערד, אַזוי איז אויך יאַגושעס נשמה געווען — פּונקט ווי די ערד; זי איז געלעגן אין עפּעס אַזעלכע טיפענישן, פון קיינעם נאָך נישט געזעענע, אין תהומען פון טרוי-מען אָנגעוויייטע — אָן אומגעהייער גרויסע און אומבאַוווסטזיניקע — אַ מעכטיקע, און אָן ווילן, אָן צילן, אָן פאַרלאַנגען, — אַ טויטע, און אָן אומשטערבלעכע, און פּונקט ווי די ערד, וועלכע יעדער ווינט האָט גענומען, אַרומגעטוליעט זי מיט זיך און געוויגט זי און געטראָגן זי דאָרט, ווו ער האָט געוואָלט... און פּונקט ווי די ערד וועלכע די וואַרעמע זון האָט פרילינג-צייט געוועקט, מיט לעבן באַ-פרוכבערט, מיט אַ ציטערן פון פייער, פון ליידנשאַפט, פון ליבע אויפגעטרייסלט — און זי געבירט, ווייל זי מוז; — זי לעבט, זינגט, רעגירט, שאַפט און פאַרלענדט, ווייל זי מוז — זי עקזיס-טירט, ווייל זי מוז... וואָרן פּונקט ווי די הייליקע ערד, אַזוי איז אויך יאַגושעס נשמה געווען — פּונקט ווי די ערד!...

און לאַנג איז זי אַזוי געזעסן אין שטילשווייגן, נאָר אירע שטערן-אויגן האָבן געלויכטן, ווי די שטילע וואַסערן אין אַ פרי-

לינגס מיטאָג, ביז זי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, וואָרן עמעצ־שטשיס האָט די טיר פון פעדערהויז אויפגעעפנט.

יוזקאַ איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטע, זי איז צוגעפאַלן צום קוימען, אויסגעגאָסן דאָס וואַסער פון די טרעפּעס און אויס־געוופן:

— יאַגוש, מאָרגן רייניקט מען באַ אונדז ס׳קרויט, עסט קומען!

— כ׳על קומען.

— אין שטוב עלן מיר אָפּרייניקן. יאַמבראָזשי זיצט דאָרט באַם טאַטן, האָב איך מיך בגנבה אַרויסגעכאַפּט אין דאָרף אַריין, כדי דיר צו זאָגן. ס׳עט זיין אולישאַ, און מאַרישאַ, און וויטקאַ, און אַנדערע קאָלעזשאַנקעס... און שקצים עלן קומען... פּיעטריק האָט צוגעזאָגט צו קומען מיט דער פידל...

— וועלכער דאָס?

— נו, מיכאַלאָוו, וואָס זיצן נאָכן וואַיט, וואָס איז בשעתן קאָפּען געקומען פון די זעלנער... און ער רעדט אַזוי צעהרגעט, אַז ס׳אי אים שווער צו פאַרשטיין...

זי האָט אַנגעקלאַפּט, וויפיל זי האָט נאָר געקענט, און צו־ריק אַהיימגעלאָפן.

אַ שטילקייט האָט ווידער די שטוב ארומגענומען.

טיילמאָל האָט דער רעגן אַ קלאַפּ געטון אין די שויבן, פונקט ווי עמעצער וואָלט מיט אַ גאָרשטש זאַמד אַ שיט געטון, דאָ ווידער האָט דער ווינט געראַשט און געווילדעוועט אין סאָד, אָדער געבלאָזן אין קוימען אַריין, אַזש די גלאָוניעס האָבן זיך איבערן אייוועלע צעשיט און אַ רויך האָט געזעצט אויף דער שטוב... און די שפּינדלעך האָבן כסדר געוואָרטשעט און געראַשט איבער דער פּאָדלאָגע.

דער אָוונט האָט זיך געצויגן פּאַמעלעך און לאַנג, ביז די אַלטע האָט מיט אַ שטילער, ציטערדיקער שטימע אויפגע־זונגען:

„Wszystkie nasze dzienne sprawy”.

און די שקצימלעך מיט יאַגנען האָבן אונטערגעהאָלפן אין דער שטיל און אַזוי דורכדרינגענד, אַז די הינער אין פעדערהויז האָבן אויף זייערע געזעסן אָנגעהויבן צו קוואָקען און צו שרייען

VII

צומאָרגנס, דער טאָג איז דעסגלייכן געווען אַ צערעגנטער און אַן אומעטיקער.

יעדע ווײַלע איז עמעץ אַרויסגעגאַנגען פֿון ערגעץ אַ כאַלופּע און לאַנג און אומרויִק געקוקט אין דער פֿאַרנעפּלטער וועלט אַרײַן, צי לײַטערט זיך נישט אויס ערגעץ־ווו — אָבער אַ חוץ די גרויע וואָלקנס, וואָס זענען אַזוי נידעריק געשוווּמען, אַז זיי האָבן זיך אַזש אָן די ביימער צעריסן, האָט מען גאָרנישט געזען; אַ רעגן האָט אומאויפֿהערלעך געטריפֿט, אַזוי, אַז ער האָט זיך באַלד נאָך מיטאָג פֿאַרוואַנדלט אין אַ מבול, גלײַך ווי עמעצער וואָלט די הימל־פֿענסטער געעפֿנט, אַזוי האָט געפּויקט כסדר איבער די דעכער.

מענטשן זענען פֿאַרזויערט געוואָרן אין די כאַלופּעס; ווו־נישט־ווו איז עמעצער געקראָכן איבער דער בלאָטע און אין רעגן צו די שכנים, כּדי זיך צו באַקלאָגן — אַז ס'אי הייגט אַזאַ צײַט, אַז ס'איז אַן עבֿירה אַ הונט אַרויסצוטרײַבן, און דאָ האָט נישט איינער נאָך געהאַט די בלעטער אין וואַלד ליגן, ווער ס'האָט נאָך ווידער קאַ האָלץ ניש געהאַט אָנגעפּירט, און ווער ס'האָט אַ חוץ אַ קליינקייט, כּמעט דאָס גאַנצע קרויט נאָך געהאַט אומאויסגעהאַקט

אין פעלד, און ס׳איז ניש מעגלעך געווען זיך אַרויסצורירן דער־נאָך היינט, וואָרים דער סטאַוו האָט אַזוי צוגענומען באַנאַכט, אַ׳ ז׳האָבן פאַרטאָג געמוזט די סטאַווידלעס אויפעפענען און אַרויס־לאָזן דאָס וואַסער אין טייך אַריין, וואָס האָט טאַקע צוליב דעם זיך ברייט צעגאָסן, אַזש די לאָנקעס זענען שטיין געבליבן אין וואַסער, און די קרויט־פעלדער האָבן, ווי די אינדזלען זיך גע־שוואַרצט מיט די רוקנס פון די בייטן פון צווישן דער גרויער שוימענדיקער פאַרפלייצונג אַרויס.

בײַ דער דאָמיניקאָווען האָט מען נאָך אויך נישט געהאַט אָפּגעפירט די רעשט קרויט, וואָס איז אין פעלד געבליבן.

יאַגנע האָט זיך שוין פון דער פרי אָן קיין עצה נישט גע־קענט געבן, זי האָט זיך נאָר געדרייט פון איין ווינקל אין אַנ־דערן אַריין, דאָ אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער אויף דעם געאָר־גיניע־קזשאַק, וואָס איז אומגעוואָרפן געוואָרן דורכן שלאַקס־רעגן, דאָ אויף דער צערעגנטער וועלט אַרום און האָט טרויעריק אָפּ־געזיפצט.

— ס׳אי מיר אומעטיק, אַז גאָט מיינער! — האָט זי גע־שעפּטשעט, אָפּוואַרטנדיק מיט אומגעדולד דעם פאַרנאַכט און דאָס גיין צו די באָרינעס, צו דעם קרויט־רייניקן, און דאָ האָט דער טאָג זיך געשלעפּט אַזוי פּאַמעלעך, ווי דאָס דזשאַדל דאָרט אין דער בלאָטע, אַזוי נודנע און עפּעס אַזוי טרויעריק, אַ׳ ס׳אי שוין ניש קיין אופן געווען אויסצוהאַלטן. צערייצט איז זי אויך געווען, אַז זי האָט כסדר געשריגן אויף די שקצימלעך און אַ שטויס געטון, וואָס ס׳איז איר נאָר אונטער דער האַנט געקומען, און צו דעם צו האָט איר נאָך דער קאָפּ וויי געטון, אַזש זי האָט מיט קאָכעדיקן גערשטן און מיט עסיג באַשפּריצט זיך אַ טיכל צום קאָפּ צוגעלייגט — דאַמאָלס האָט איר ערשט אויפגעהערט. נישט קוקנדיק דערויף, האָט זי זיך קאַן אָרט ניש געקענט געפינען, און די אַרבעט איז איר געפאַלן פון די הענט, און זי האָט זיך פאַרקוקט

אויף דעם צעפּלעסקעטן סטאַוו, וואָס האָט ווי עפּעס אַ פֿויגל מיט די שווערע פֿליגל באַוועגט, געשלאָגן מיט זיי, מיט אַ גערויש זיך אויפגעריסן, אַזש דאָס וואַסער האָט אַרויסגעשפּריצט אויף די וועגן, און אָפּלויפן דאָך נישט געקענט, ווי עס וואָלט געווען מיט די פיס אין דער ערד איינגעוואַקסן. און נאָכן וואַסער איז געשטאַ-נען באַרינבעס הויז, מען האָט גוט אַרויסגעזען דעם דאַך, וואָס איז געווען גרין פון אַלטקייט, און דעם גאַנעק, וואָס איז פריש געווען באַדעקט מיט שינדלען, וואָרים זיי האָבן זיך נאָך געגעלט, און די געביידעס נאָכן סאַד, אָבער ז'האָט לחלוטין נישט געוווסט, אויף וואָס זי קוקט....

די דאָמיניקאָוואַ איז נישט געווען אינדערהיים פון דער פרי אָן, ווייל מ'האָט זי אַרויסגערופן צו אַ פויערטע, וואָס איז געגאַנ-גען צום קינד אויפן אַנדערן עק דאָרף. זי האָט זיך פאַרנומען מיט היילן, ווייל זי האָט זיך געקענט אויף פאַרשידענע קרענק.

און יאַגנען האָט עס אַזש אונטערגעהויבן, ערגעץ-ווו אין דער וועלט אַריין צו לויפן, צו מענטשן, אָבער יעדעס מאָל, וואָס זי האָט זיך אָנגעטון אויפן קאָפּ די פאַטשיילע און אַרויסגעבליקט פאַר דער שוועל אויף דער בלאָטע און אויפן שלאַקס-רעגן — איז האָט זי באַלד דעם חשק צו אַלעם אָנגעוווירן... אַזוי אַז צום סוף האָט זיך איר אַזש וויינען געגלוסט פון דער אַזוי אויסטער-לישער בענקשאַפט... איז נישט קענענדיק זיך קאָן עצה געבן, האָט זי אויפגעעפנט איר קאַסטן און אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון אים און צעלייגן אויף די בעטן די יומטובדיקע מלבושים..., אַזש ס'איז רויט געוואָרן אין שטוב פון די אַלע געפּאַסעוועטע וועלניאַ-קעס... פאַטשיילעס... קאַפּטאַנעס..., אָבער דאָס האָט זי נישט געפרייט היינט, ניין... זי האָט געקוקט מיט אַ גלייכגילטיקן, נוד-נעם בליק אויף איר גוטס, זי האָט נאָר אַרויסגעצויגן פון היבטן אַפּער באַרינעס טיכל און די באַנד, זיך אויסגעפוצט דערין און לאַנג זיך איינגעקוקט אין שפּיגעלע.

— נישט מיאוס... מ'דאַרף זיך אין אָוונט אין דעם אָנ-

טון — האָט זי אַ טראַכט געטון און עס באַלד צוריק אויסגעטון, ווייל עמעץ איז פון יענער זייט פלאָט צו דער כאַלופּע געגאַנגען.

ס׳איז אַריינגעקומען מאַטעוש... יאַגנע האָט אַזש אַ געשריי געטון פון פאַרוווּנדערונג, וואָרים דאָס אי דיר געווען דער זעלבער, מיט וועלכן מ׳האָט זי צום מיינסטן באַרעדט, אַז זי קומט זיך מיט אים אַלע נאַכט אין די סעדער צוזאַמען, און אָפט לאָזט זי אים ערגעץ אַנדערש אויך אַריין... ער איז געווען אַן עלטערער פאַראָבּוּק, וואָרן ר׳איז שוין געווען שפּאָר נאָך אַ דרייסיקער, נאָך אַ בחור, אָבער חתונה האָבן האָט ער נישט געוואָלט, ווייל ער האָט געהאַט נאָך נישט קיין אויסגעגעבענע שוועסטערן, און ווי יאַגוסטינקע האָט געפּלאָטקעוועט: עס האָבן אים שיקסעס, אָדער אפילו פרעמדע ווייבער בעסער געסמאַקעוועט... אַ פויער איז ער געווען אַ צוווּקסענער, ווי אַ דעמב, שטאַרק, און געגלייבט האָט ער אין זיך, און דעריבער איז ער געווען אַזוי האַרט און עקשנותדיק, אַז ווינציק ווער עס האָט פאַר אים נישט קיין מורא געהאַט. און פעיִק איז ער געווען, די יוכע, צו אַלדינק; געשפּילט אויף אַ פלייטל, אַזש ס׳איז אין דער נשמה פאַרגאַנגען; אַ וואָגן מאַכן, האָט ער געמאַכט, כאַלופּעס האָט ער געשטעלט, אויוונס האָט ער געקלעבט, אַלץ האָט ער געמאַכט אַזוי געשיקט, אַז די אַרבעט האָט נאָר באַ אים אין דער גאָרשטש געברענט, — קיין גראָשן האָט זיך באַ אים נאָר לחלוטין נישט געהאַלטן, כאָטש ר׳האָט שפּאָר פאַרדינט, וואָרן ר׳האָט אַלץ באַלד פאַרשיכורט און פאַרפונדעוועט, אָדער גאָר צעבאָרגט... גאָלאָנבּ*) האָט ער געהייסן אויפן צונאָמעי, כאָטש ער איז גיכער ענלעך געווען צו אַ שפּאַרבער לויטן פּנים און לויט זיין היציקייט...

— זאָל זיין געלויבט!

---

*) אַ טויב. (צווייטייטיקער אויסדרוק).

— אויף דורי... מאַטעוש

— יעך בין דיר דאָס, יאַגוש, יעך...

ער האָט איר געדריקט די האַנט און אַזוי הייס געקוקט איר אין די אויגן אַריין, אַזש די שיקסע איז רויט געוואָרן און האָט אומרוּיק אַ קוק געטון אויף דער טיר.

— אַ האַלב יאָר ביסטו דאָס געווען אויף דער וועלט... — האָט זי געפרעגט צעמישט.

— אַ גאַנץ האַלב יאָר מיט צוואַנציק, דריי און צוואַנציק טאָג... כ'אָ גוט גערעכנט... — און די האַנט האָט ער איר נישט אָפּגעלאָזט.

— כ'על אָנצינדן פייער! — האָט זי אויסגערופן, ווײַל ס'איז שוין גוט פינסטער געוואָרן, און כדי זי זאָל זיך פון אים אויסרייסן.

— נו, באַגריס דיך מיט מיר, יאַגוש — האָט ער שטיל געבעטן און האָט זי געוואָלט אַרומנעמען, אָבער זי האָט זיך שנעל אַרויסגעדרייט און איז צוגעגאַנגען צום קוימען אָנצונדן פייער, זי האָט מורא געהאַט, אַז די מוטער זאָל זיי נישט אין דער פינסטער דערווישן, אָדער גאָר עמעץ אַנדערש, אָבער זי האָט נישט באַוויזן דאָס צו טון, ווײַל מאַטעוש האָט זי אַ כאַפּ געטון אַרום דער טאַליע, פעסט זי צוגעדריקט צו זיך און אָנגעהויבן ווילד צו קושן...

זי האָט זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן, ווי אַ פויגל אָבער ס'איז נישט איר כּוח געווען זיך אַרויסצורייסן פון אַזאַ הונגעריקן שד, וואָס האָט זי צוגעדריקט, אַזש די זשעבערעס האָבן געקנאַקט, און האָט אַזוי געקושט, אַז ז'איז אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די אויגן זענען איר פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ נעפּל, זי האָט דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן, אַז זי האָט נאָר מיט דעם לעצטן אָטעם זיך געבעטן:

— לאָז אָפּ... מאַטעוש... מאַטולאַ...

— נאָך אַ דזשעבעלע, יאַגוש, נאָך איין מאָל, ווײַל כ'ווער

פשוט משוגע... — און ער האָט זי אַזוי געקושט, אַז דאָס מיידל איז אַזש איינגאַנצן ווייך געוואָרן און אים אין די הענט, ווי וואַסער צעגאַנגען, אָבער ער האָט זי דאָך אָפּגעלאָזט, וואָרים ר׳האָט דער-הערט טריט אין פעדערהויז, ער האָט אַליין דאָס לעמפּל אָנגעצונדן איבערן אָקאָפּ, פּאַרדרייט זיך אַ פּאַפּיראָס און מיט צעפּינקלטע אויגן פון פרייד אַ קוק געטון אויף יאַגושען, וועלכע איז נאָך אַלץ נישט געהאַט צו זיך געקומען, וואָרים זי האָט זיך פעסט געהאַלטן בײַ דער וואַנט און שווער געסאָפּעט.

יענדרושיק איז אַריינגעקומען און צעבלאָזן דאָס פייער אויפן קוימען, צוגעשטעלט טעפּ מיט וואַסער און כסדר זיך גע-האַלטן אין איין דרייען איבער דער שטוב אַזוי, אַז זיי האָבן שוין ווייניק וואָס גערעדט צווישן זיך און נאָר אַלעמאָל אַ קוק געטון אויף זיך מיט פינקלדיקע, הונגעריקע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך גע-וואָלט אויפעסן.

אינגיכן, וואָרן בײַלד אין אַן עטלעכע רגעס אַרום איז אָנ-געקומען די דאָמיניקאָווע, ווייזט אויס, זי איז בייז געווען, וואָרן זי האָט שוין אין פעדערהויז אויפגעעפנט אַ מויל אויף שימעקן, און דערזעעגדיק מאַטעושן, האָט זי אויף אים שטרענג אַ קוק געטון, אויף זיין באַגריסונג האָט זי קיין אַכט נישט געלייגט און איז אַריינגעגאַנגען אין קאַמער אַריין זיך איבערטון.

— גיי דיר, וואָרן די מאַמע עלן דיך נאָך אָנזידלען... — האָט זי שטיל געבעטן.

— עסט אַרויסקומען צו מיר, יאַגוש, הא? — האָט ער זי געבעטן.

— ביסט שוין צוריקגעקומען פון דער וועלט? — האָט די אַלטע אויסגערופן, גלייך ווי זי וואָלט אים ערשט איצט באַ-מערקט.

— כ׳בין צוריקגעקומען, מאַמע... — האָט ער ווייך גע-זאָגט און איר געוואָלט אַ קוש טון אין דער האַנט.

— אוודאי, די צויג אי דיר געווען אַ מאַמע, ניש יעך! —

הּט זי אַ וואָרטשע געטון, אויסרייסנדיק די האַנט מיט כּעס. — צו וואָס ביסטו געקומען? כ'אָ דיר שוין געזאָגט, אַ ביסט דאָ נישט געניייטיק...

— צו יאַגושען בין איך געקומען, ניש צו אייך — האָט ער האַרט אויסגערופן, וואָרן דער כּעס האָט אים שוין גענומען.

— אַ זאַשע דיר צו יאַגושען, הערסט! אַ זאַשע דיר, מ'זאָל זי דערגאָך איבער דיר אויף די צונגען אַרומטראָגן אין דאָרף, ווי די לעצטע דאַרט... זאָסט זיך מיר אפילו פאַר די אויגן ניש ווייזן... — האָט זי קולות געמאַכט.

— צ'שרייט, ווי אַ קראָ אַ' ס'גאַנצע דאָרף עט דערהערן!

— לאָזן זיי הערן, לאָזן זיי זיך צוזאַמענלויפן, לאָזן זיי וויסן, אַז דו האָסט זיך צוגעטשעפּעט צו יאַגנען, ווי אַ רעטעך צו אַ הונט-ווײדל, אַז אַפילו מיט אַ קאָטשערע איז אים שווער אָפּצוטרייבן...

— צ'זאָלט ניש זיין קאַ נקבה, וואָט יעך ענק אַ ביסל אָנגעטאַפּט די זשעבערעס פאַר אַזאַ רעדן...

— פּרווו נאָר, רוצח אייגער, פּרווו נאָ, הונט... — זי האָט אַ כאַפּ געטון די אייזערנע קאָטשערע.

אָבער מיט דעם האָט זי געענדיקט, וואָרן מאַטעוש האָט אַ שפּיי געטון, אַ זעץ געטון מיט דער טיר און גיך אַרויסגעגאַנגען, וואָרים ווי דען, מיט אַ באַבע עט ער זיך אָוועקשטעלן שלאָגן און מאַכן אַ חוזק פון זיך איבערן דאָרף?

און די אַלטע ווידער, ווייל ער איז שוין נישט געווען, איז זי אויפגעזעסן אויף יאַגנען און גענומען זי יאַדען, און פאַרהאַלטן איר אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געהאַט אויף דער לעבער... יאַגוש איז געזעסן שטיל, אַזש זי איז פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק, אָבער ווען דער מוטערס רייד האָבן זי שוין דורכגענומען ביזן ביין... האָט זי אויפגעוואַכט, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין איבערבעט אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין און גענומען זיך באַקלאָגן... זי איז

שרעקלעך צעווייטיקט געווען... וואָרן זי איז דאָך דאָ גאָרנישט שולדיק געווען... זי האָט דאָך אים נישט אַריינגערופן אין שטוב אַריין... ר׳איז אַליין געקומען... און פון וויאַסנע, וואָס די מאַמע האַלטן פאָר... איז... האָט ער זי געטראָפן באַם אָפּעגעם ברעט אין פלויט... נו, האָט זי זיך געקענט אויסרייסן פון אַזאַ שד?... אַז ס׳האָט זי אַזוי אָפּגענומען, אַז... און דערנאָך, האָט זי זיך דען געקענט אָפּיאָגן פון אים?... שטענדיק געשעט עס מיט איר אַזוי, אַז זאָל ווער נאָר אַ שאַרפן קוק טון אויף איר, אָדער פעסט זי צודריקן... איז טרייסלט זיך אַלץ אין איר, דער כוח ווערט באַן איר אָפּגענומען און ס׳ווערט איר אַזוי איבלדיק אונטערן גריבל, אַז זי ווייסט שוין פון גאָרנישט... וואָס איז זי דען שול־דיק?

זי האָט זיך שטיל מיט טרערן באַקלאָגט, אַזש די אַלטע איז גוט געוואָרן און זאָרגפעלטיק איר גענומען אָפּווישן דאָס פּנים און די אויגן, און גלעטן איבערן קעפּל, און באַרויקן.

— שווייג, יאַגוש, וויין נישט... ניין... וואָרן די אויגן עלן דיר רויט ווערן, ווי באַן אַ קרוליקל, און ווי אַזוי עסטו עס צו די באָרינעס גיין?

— ס׳איז דען שוין צייט? — האָט זי נאָך אַ ווײַלע גע־פרעגט, שוין באַרויקטער עטוואָס.

— אוודאי איז שוין צייט, נו, טו דיך איבער שיין, ס׳עלן דאָרט זיין מענטשן, און באָרינע אַליין גיט אַכטונג...

האָט זיך יאַגוש באַלד אונטערגעהויבן און זיך אָנגעהויבן אָנטון.

— אָפּקאָכן דיר מילך?

— ס׳הונגערט מיך גאָרנישט, מאַמעשי.

— שימעק, וואַרעמסט דיך אויס, פּאָקראַקע, און דאָרט קלינ־גען די קי מיט די ציין באַם לײַדיקן זשלויב! — האָט זי אַ געשריי געטון מיט דער רעשט כּעס, אַזש שימעק איז אַנטלאָפן, ער זאָל נישט רייסן קיין פּסק.

— זעט מיר אויס — האָט זי שטילער געזאָגט, העלפֿנדיק יאַגנען זיך אָנטון, — אַ׳ דער קאָוואַל אי בשלום מיט באַרינגען, כ׳אָבן געטראָפֿן, ר׳האָט געפּירט פון אַלטן אַ פֿיין קאַלב... אַ שאָד... ס׳איז גוט ווערט אַ פּופּצען פּאַפּירלעך... און אפשר אי דאָס גוט, וואָס זיי זענען בשלום, וואָרן דע קאָוואַל איז אַ פּיס־קאַטש און קען זיך אויפן געזעץ... — זי האָט אָפּגעטרעטן אַ פּאָר טריט און מיט צערטלעכקייט זיך צוגעקוקט צו דער טאָכ־טער. — יאָ, דעם דאָזיקן גנב, קאַזשיאַלן, האָט מע שוין אַ פּנים אַרויסגעלאָזט, מ׳דאַרף ווידער אַלץ פֿאַרמאַכן, און היטן...

— כ׳על שוין גיין!

— גיי, נאָר זייַ דאָרט ביז האַלבע נאַכט און שטיף אַרום דאָרט מיט די פּאַראָבקעס — האָט זי אַרויסגעזעצט מיט דער רעשט כעס.

יאַגנע איז אַרויסגעגאַנגען, אָבער זי האָט נאָך אויפן וועג געהערט די אַלטע, ווי זי האָט געשריגן אויף יענדרעקן, אַז די חזירים זענען נישט אַרייַנגעטריבן געוואָרן אין די שטאַלן אַריין, און די הינער נעכטיקן אויף די ביימער.

בּאַ באַרינען איז שוין געווען שפּאָר מענטשן.

אַ פֿייער האָט געביזעוועט אויפן קוימען און באַלויכטן די גרויסע שטוב, אַזש ס׳האָבן זיך געשפּיגלט די שויבן פון די ביל־דער און ס׳האָבן זיך געוויגט די רייזעלעך, אויסגעאַרבעטע פון קאָלירטע שטיקלעך, וואָס זענען געהאַנגען אויף פּעדים באַ די שוואַרצע, פּאַרקאָפּטשעטע בעלקעס; אינמיטן שטוב איז געלעגן אַ קופּע רויטע הייפּטלעך קרויט, און אין האַלבן קרייז ברייט אַרום זענען מיט די פּנימער צום פייער געזעסן איינע לעבן דער אַנ־דערער שיקסעס און עטלעכע עלטערע פּויערטעס — זיי האָבן אָפּגערייניקט די בלעטער פון דעם קרויט, און די הייפּטלעך גע־וואָרפֿן אין דער פּלאַכטע אַריין, וואָס איז אויסגעשפּרייט געווען באַם פּענסטער.

יאַגוש האָט זיך אָנגעוואַרעמט די הענט באַם קוימען, זי האָט

איבערגעלאָזט די טרעפּעס אונטערן פענסטער און זיך אַנידערגע-זעצט באַלד פון עק. לעבן דער אַלטער יאַגוסטינקע, און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

אַ גערעדעריי האָט זיך גלייכצייטיק אויפגעהויבן, וואָרן ס'זע-נען צוגעקומען נאָך פויערטעס און פּאַראָבקעס, וואָס האָבן צוזאַמען מיט קובען אַריינגעטראָגן קרויט פון שייער, אָבער זיי האָבן אָפּט געריי‏ערט פּאַפּיראָסן און געשטשערעט מיט די ציין צו די שיק-סעס, און אַלע מאָל באַזאַמען אַרויסגעלאַכט.

יוזקאַ, כאָטש זי איז נאָך געווען אַ צוציק, דאָך האָט זי אָנגעפירט דאָס רעדל אי פון דער אַרבעט, אי פון די געלעכטערן, וואָרים דער אַלטער איז נישט געווען, און האַנקע, ווי געווייגטלעך, איז אַרומגעקראָכן ווי אַ נאַכט-פליגעלע אָדער ווי אַ מרוק.

— ס'אי רויט אין שטוב, ווי פון מאָן-בלומען! — האָט אַנ-טעק אויסגערופן, וואָרים ער האָט אַריינגעקאָלערט די פעסער אין פעדערהויז אַריין, און אַציגד אויסגעשטעלט באַם קוימען אַ ביסל אין דער זייט די שאָטקאָוויצעס.

— באַ, ז'האָבן זיך אויסגעסטרויעט ווי אויף אַ חתונה! — האָט זיך אָנגערופן איינע פון די עלטערע.

— און יאַגוש, איז גלייך שמעצער וואָלט זי אין מילעך אָפּ-געוואַשן — האָט יאַגוסטינקע גיפטיק אָנגעהויבן.

— לאָטס געמאַך — האָט זי געשעפּטשעט, רויט ווערנדיק.

— פרייטס ענק, מיידלעך, וואָרים מאַטעוש איז שוין גע-קומען צו וואַנדערן פון דער וועלט, ס'עלן זיך באַלד אָנהייבן די מוזיקעס, און טענץ, און דאָס אָפּשטיין שעהן לאַנג אין די סע-דער. — האָט די אַלטע געצויגן.

— אַ גאַנצן זומער איז ער ניש געווען.

— ס'דען, ר'האָט אַ הויף געשטעלט אין וואָליע.

— אַ מייסטער, די יוכע, ר'לאָזט זייפן-בלאָזן מיט דער נאָז — האָט שמעצער פון די פּאַראָבקעס אויסגערופן.

— און צו די שיקסעס איז ער דיר דאָס געשיקט, אַ מ׳דאַרף קאַ דריי פערטל יאָר ניש וואַרטן...

— יאַג סטינקע עלן דיר קיינעמען קאַ גוט וואָרט ניש געבן — האָט עפעס אַ מיידל אָנגעהויבן.

— היט דיך, כ׳זאָל ניש ווערן אַ מאָל פון דיר עפעס אויס־זאָגן...

— צ׳ווייסט, אַפּנים דער אַלטער וואַנדערער אי שוין גע־קומען?

— ר׳עט היינט זיין באַ אונדז — האָט יוזשאַ אויסגע־רופן.

— גאַנצע דריי יאָר איז ער געווען אויף דער וועלט.

— אויף דער וועלט?... ר׳אי דיר געווען באַ יעזוסעס קבר!

— אוודאי! ס׳האָטן עמעצער דאָרט געזען! ר׳ציגיינערט די יוכע, און די באַראָנים גלייבן; אַזוי דערציילט אויך דער קאָוואַל וועגן לענדער פון יענער זייט ים, וואָס ר׳לייענט נאָר אַרויס פון די גאַזעטן...

— רעדטס ניש, יאַגוסטינקע, דער דאָבראָדזשעי אַליין האָט עס מיין מאַמען באַשטעטיקט.

— אמת, וואָרן די דאָמיניקאָוואַ האָט כמעט איר צווייטע שטוב אין דער פּלעבאַניע, און זיי וויסן שטענדיק, צי ס׳טוט דעם גלח דער בויך וויי — זי אי דעך אַ היילערין...

יאַגנע איז שטיל געבליבן, אָבער זי האָט דערפילט אַן אויס־טערלישן חשק כאָטש אָט מיט דעם מעסער זי אַדורכשטעכן, וואָרן די גאַנצע שטוב האָט אַרויסגעהירזשעט מיט אַ געלעכטער, נאָר אולישאַ גזשעגאָזשאָוואַ האָט זיך אָנגעבויגן צו דער קלענבאָווע און געפרעגט.

— פונוואַנען איז ער?

— פונוואַנען? פון דער ברייטער וועלט, און ווער קען דען וויסן! — זי האָט זיך עטוואָס אָנגעבויגן, גענומען דאָס הייפּטל

אויף דער דלאָניע, אָפּגעשניטן די בלעטער און גערעדט גיך, אַלע מאָל העכער, כּדי אויך אַנדערע זאָלן הערן. — יעדן דריטן ווינטער קומט ער קאַ ליפּצע און פאַרלייגט באַ באָרינען זיין קוואַטיר... ראָך האָט ער זיך געהייסן רופן, כאָטש ער הייסט זיכער נישט ראָך... ר׳איז יאָ אַ דזשאַד און נישט קאַ דזשאַד, ווער ווייסט אים דאָרט... אָבער אַ פרומער מענטש און אַ גוטער... נאָר אים אַזאַ קראַנץ אַרום דעם קאָפּ, און ער וואָלט אַקוראַט, ווי די הייליקע אויף די בילדער אויסגעזען. בייטשן שוואַרצע קרעלן האָט ער אויפן האַלדז, אָנגעריבענע אָן יעזוסעס קבר... הייליקע בילדלעך טיילט ער די קינדער, און טייל האָט ער גאָר געגעבן אַזעלכע מיט מלכים, וואָס זענען פון אונדזער פאָלק אַמאָל אַרויסגעקומען... און הייליקע ביכלעך האָט ער אויך אַזעלכע, אין וועלכע ס׳שטייט אַלדינג, און פאַרשידענע געשיכטעס וועגן דער וועלט... ר׳האָט דאָך זיי געלייענט מיין וואַלעקן, איז יעדן אין מיינער האָבן מיר געהערט, נאָר כ׳אָ פאַרגעסן, וואָרן ס׳אי שווער צו מיאַרקירן... און אַזאַ פרומער, אַז בערך אַ האַלבן טאָג עט ער דיר קניען, אַ מאָל אונטערן צלם, אָדער ערגעץ-ווו אין פעלד, און אין קלויסטער איז ער נאָר צו די גאָטעסדינסטן געגאַנגען. דער דאָבראָדזשעי האָט אים פאַרבעטן צו זיך, אין דער פלעבאַניע אַריין, האָט ער אים געענטפערט:

— מיטן פאָלק דאַרף איך בלייבן, ניש אין קאַ סאַלאָנען אי מיין אָרט...

— אַלע מיאַרקירן אויך, אַז ר׳מוז ניש זיין פון כּויערישן שטאַנד, כאָטש ער רעדט ווי אַלע און איז געלערנט; ווי דען׳ מיטן ייִד האָט ער גערעדט דייטש, און אין הויף אין דזשאַזגאַווע — איז האָט ער מיט דער פאַניענקע, וואָס איז צוליבן געזונט געוועזן אין די וואַרעמע לענדער, אויך זיך אויסגעשמועסט אויף אויסלענדיש... און ר׳עט פון קיינעם גאָרנישט נעמען, נאָר אַזוי פיל, ווי דאָס קאָפּ מילך און דאָס קריש ברויט, און דערפאַר לערנט ער נאָך די קינדער... מ׳זאָגט... — אָבער די קלענבאָווע

האָט פֿלוצלינג אָפּגעהאַקט, וואָרים די מיידלעך האָבן אַרויסגעזעצט מיט אַזאַ געלעכטער, אַז זיי האָבן זיך אַזש אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעלייגט פֿון לאַכן.

זיי האָבן געלאַכט פֿון קובען, וועלכער האָט געטראָגן קרויט אין דער פּלאַכטע, און קריגנדיק אַ שטופּ פֿון עמעצן, האָט ער זיך אַ צי אויס געגעבן אינמיטן שטוב, ווי לאַנג ער איז געווען, אַזש דאָס קרויט האָט זיך צעשיט איבער דער שטוב, און ער איז קוים מיט שווערקייט אויפגעשטאַנען, און וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן אויף אַלע פֿיר, איז ער ווידער אומגעפאַלן, ווייל מ׳האָט אים אומגעוואָרפן.

יוזשאַ האָט אים באַשיצט און געהאָלפן אויפשטיין, אָבער ע׳ האָט דאָס געזידלט, געזידלט...

און ביסלעכווייז איז דער שמועס איבערגעגאַנגען אויף עפּעס אַנדערש.

אַלע האָבן גערעדט שטיל, און ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערויש, ווי אין אַ בינען-שטאָק, איידער מ׳לאָזט אַרויס די בינען, און די געלעכטערן האָבן זיך געשיט און אָן אָפּחוזקן, און אַזאַ פריילעכקייט, אַז די אויגן האָבן נאָר געפינקלט און די מיילער האָבן געלאַכט, און די אַרבעט איז געגאַנגען פלינק. די מעסערס האָבן נאָר געקלאַפּט אין די גלאָמבן, און די הייפּטלעך זענען ווי די באַלעמעס אַלע מאָל געפאַלן אויף דער דער פּלאַכטע אַרויף, און ווי געוואַקסן וואָס אַמאָל אַלץ אין אַ העכערע קופּע. אַנטעק ווייטער האָט געשאַטקעוועט איבער אַ גרויסן צעבער לעבן קוימען, ער איז געווען אויסגעטון, אַז ר׳ איז נאָר געבליבן אין איין העמד און אין די געפּאַסעוועטע הויזן פֿון וואָלן-שטאָף. ער האָט זיך צערויטלט, דער קאָפּ איז אים געווען צעפּלאָשעט און אַ שווייס האָט אים געדיכט באַדעקט דעם שטערן; ער האָט פעסט געאַרבעט, אָבער כּסדר געלאַכט און געוויצלט זיך, און איז געווען אַזוי הערלעך, אַז יאַגנע האָט ווי אין אַ בילד זיך איינגעקוקט, און נישט נאָר זי אַליין... און ער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, כּדי

אַפּצועטעמען, און מיט אַזאַ פרייליכן בליק געקוקט אויף איר, אַזש זי האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און איז רויט געוואָרן. אָבער קיינער האָט דאָס נישט געזען, אַ חוץ יאַגוסטינקען, נאָר אויך זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי זעט נישט, נאָר שוין בײַ זיך אין קאָפּ זיך איבערגעלייגט, ווי אַזוי דאָס אין דאָרף צו דערציילן.

— מאַרציכאַ איז אַפּנים געלעגן געוואָרן, צ׳ווייסט דאָס? — האָט די קלענבאָווע אָנגעהויבן.

— ס׳אי ניש קאַ גייס באַן איר, אַלע יאָר טוט זי דאָס.

— אַ באַבע ,ווי אַ בופל-אָקס, איז ציט איר דאָס קינד אָפּ דאָס בלוט פון קאָפּ — האָט יאַגוסטינקע אַ מרוק געטון און ווידער געוואָלט וועגן דעם עפּעס זאָגן, אָבער די אַנדערע האָבן זי פאַרשריגן, פאַרוואָס זי רעדט וועגן אַזעלכע זאַכן פאַר שיקסעס.

— זיי ווייסן נאָך פון עפּעס בעסערס, אָטס ניש קאַ מורא. אַפילו אַ אַזעלכער, וואָס פּאַשעט נאָך גענדז, דערציילט מען שוין נישט וועגן קאַ באָטשאַן, וואָרן ז׳עט זיך דיר אין די אויגן אַריין צעלאַכן. . . נישט אַזוי איז אַמאָל געווען, ניין. . .

— נו, עץ האָט שוין דאָרט אַלץ געוווסט נאָך בשעת צ׳אָט געפּאַשעט די בהמות. . . — האָט די אַלטע וואַורזשאַנאָווע ערנסט אויסגערופן — כ׳געדענק דען דאָס נישט. וואָס עץ האָט פאַראַרבעט אויף דער פּאַשע. . .

— אַ׳ צ׳געדענקט, אי לאָטס איבער פּאַ זיך — האָט יאַגוסטינקע שאַרף אַ געשריי געטון.

— כ׳אָ שוין ג׳האַט אַ מאַן. . . מאַטעוש, דאַכט זיך מיר, נאַ. . מיכאַלן, יאַ, וואָרן וואַורזשאָן אי דיר שוין געווען דע דריטער. . . — האָט זי געמרוטשעט, נישט קענענדיק פּינקטלעך טרעפן.

— אוודאי, צ׳זיצט און צ׳ווייסט נישט וואָס ס׳אי געשען! —

האָט נאַטושאַ גאַלענבּיאַנקע, מאַטעושס שוועסטער, אויסגערופן, אַריינפאַלנדיק פאַרסאַפּעט.

ס׳האָבן זיך דערהערט בייגעריקע פראַגן פון אַלע זייטן, און אַלע אויגן האָבן זיך אויף איר אָנגעשטעלט.

— מ׳האָט דעך דעם מילנער די פערד צוגעגנבעט!

— ווען?

— מיט אַ דריי רגעס צוריק. אָט נאָר וואָס האָט יאַנקעל מאַטעושן געזאָגט.

— יאַנקעל אי ווייסט דיר דאָרט אַלצדינג באַלד, און אפשר נאָך אַ ביסל פריער...

— אַזעלכע פערד, ווי די המנעס!

— פון דער שטאַל אַרויס אַרויסגעפירט. דער פּאַראָבעק אי געגאַנגען אין מיל אַ יין נאָך אָבריק, ר׳קערט זיך אים, און דאָ אי שוין נישטאָ, ניש קאַ פערד, ניש ס׳געשפאַן אי נישטאָ, און דער הונט אין דער באָדע אָפּגעסמט, נו!

— צו וויגטער גייט, איז הייבן זיך שוין אָן פאַרשידענע מעשיות.

— צי איז גאָר אויף קאַ גנבים קאַ שום שטראָף נישטאָ.. אוודאי, מ׳עטן אַ סך טון, מ׳זעצטן איין אין קרעמינאַל, מ׳גיטן עסן, זיצט זיך אויס אין דער וואַרעם, פּראַקטיקירט זיך אויס מיט די קאָלעגעס, אַ ווען מ׳לאָטן אַרויס, איז ער נאָך אַ בעסערער גנב, וואָרן ר׳אי געלערנט.

— מ׳לאָ מיר אַזוי אַרויספירן אַ פערד, און כ׳לאָטן געכאַפּט וואָט איך אים דערהרגעט אויפן אָרט, ווי אַ משוגענעם הונט — האָט איינער פון די פּאַראָבקעס אויסגעשריגן.

— וואָרן נאָר דאָס אי דיר ווערט אַזאַ מענטש, וואָרן נאָ נאַראָנים זוכן גערעכטיקייט אין דער וועלט, יעדער האָט רעכט זיך נוקם צו זיין פאַר זיין עוולה.

— צו כאַפּן אַזעלכן און אַ גאַנצע חברה זאָלן אים פּאָטש

אויף טויט דערהרגעט, קומט אפילו קאַ שטראָף נישט דערפאַר, וואָרן וואָס מען דען אַלע געקענט באַשטראָפן?

— כ׳געדענק... מ׳האָט באַ אונדז אַזוי געטון... באַלד, כ׳אָ שוין ג׳האַט ג׳צווייטן מאַן... נאַ... דאַכט זיך מיר, אַ נאָך פאַ מאַטעושן.

אָבער די אַלע מעשיות האָט איבערגעהאַקט באָריגע, אַריינקומענדיק אין שטוב אַריין.

— צ׳רוימט ענק אַזוי איין אין אויער, אַז מ׳הערט אַזש אויף דער אַנדערער זייט! — האָט ער פריילעך אויסגערופן. ר׳האָט אַראָפגענומען דאָס היטל און מיט אַלע כסדר זיך באַגריסט. ר׳האָט שוין געמוזט עפעס האָבן אין קאָפּ, וואָרן ר׳אי געווען רויט ווי אַ טשוויק, די קאַפּאָטע האָט ער צעלאָזט און הויך און אַ סך גערעדט, צו וועלכן ר׳איז נישט געוווינט געווען. ס׳האָט זיך אים געגלוסט אַני־דערצווזעצן לעבן יאַגושען, אָבער ער האָט זיך געוואַגעוועט, אַז פאַר אַלע אין די אויגן — איז עפעס נישט, כל זמן ס׳אי קאַ וואָרט נישט געווען צווישן זיי, — איז האָט ער נאָר פריילעך גערעדט און צופרידן געקוקט אויף איר, אַזוי שיין איז זי היינט געווען און אויסגעפוצט מיטן טיכל, וואָס ער האָט איר געגעבן.

באַלד האָבן אויך וויטעק מיט קובאַן אַריינגעברענגט אַ לאַנגע באַנק פאַרן קוימען, יוזשאַ האָט זי אָפּגעווישט מיט אַ ריין שטיק לייוונט און האָט אָנגעהויבן אויסצושטעלן די שיסלען מיט די לעפל צום עסן.

און באָרינע האָט אַרויסגעברענגט פון קאַמער אַ בייכיקע פלאַש אָקעוויט פון אַ גוטן האַלבן טאָפּ און אָנגעהויבן מיט איר אַרומצוגיין כסדר און אויסצוטרינקען לחיים.

די שי סעס האָבן זיך אַ ביסל אָפּגעשאָקלט, נאָר איינער פון די פאַראָבקעס האָט געזאָגט:

— זיי זענען נאַשערינס אויף אָקעוויט, ווי אַ קאַץ אויף מילך, נאָ זיי לאַזן זיך בעטן.

— אַליין איז ער אַ פאַרפאַלענער שיכור, זיצט כסדר באַ יאַנקעלן, איז מיינט ער, אַז אַלע זענען אַזוי!

און זיי האָבן געטרונקען, זיך אַוועקגעדרייט, פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט דאָס פּנים, די רעשט האָבן זיי אויסגעשאָסן אויף דער ערד, פאַרקרומט זיך, אַ זאָג געטון — „שטאַרק" און אָפּגעגעבן דאָס גלעזל באַרינען.

נאָר יאַגנע האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געטרונקען, נישט קוקנדיק אויף אַלע בקשות און צורעדעכצן.

— כ'ווייס אַפילו ניש דעם טעם פון בראָנפן און כ'בין ניש טשיקאַווע — האָט זי געזאָגט.

— נו, זעצטס ענק, ליבע מענטשן, וואָס ס'אי דאָ, עסן! — האָט דער אַלטער פאַרבעטן.

זיי האָבן זיך מיט פאַרשידענע צערעמאָניעס באַזעצט, ווי דער מנהג פאָדערט, אַרום דער באַנק און האָבן געגעסן פּאַמעלעך. און פון צייט צו צייט אַ רעד געטון.

פון די שיסלען האָט געוועצט אַ פּאַרע, אַז זי האָט אַלע איינגעהילט, ווי מיט אַ וואָלקן... פון וועלכן מ'האָט נאָר אַרויסגעהערט אַ קראַצן מיט די לעפל און אַ פּאַטשן מיט די מיילער, און וועלכעס וואָרט דאָרט.

דאָס געקעכץ איז אָפּגעקאָכט געווען אויסגעצייכנט, אַז נישט איינער האָט זיך געוווּנדערט, וואָרן ס'איז געווען אי קאַרטאָפל מיט יויך, אי געקאָכט פלייש מיט געפּרעגלטער גערשטענער קאַשע, און קרויט מיט אַרבעס — זיי האָבן אָרנטלעך מכבד געווען, אויפן באַלעבאַטישן אופן, און דערצו גאָר האָט באָרינע געהאַלטן כסדר אין איין בעטן, און געבייט מען זאָל עסן, און יוזשאַ מיט האַנקען פון זייער זייט האָבן געהיטן, אַ' זיי זאָלן זיך כסדר צולייגן און צוגיסן...

וויטעק האָט כסדר צוגעוואָרפן טרוקענע שטשאַפּעס אויפן פייער אַרויף, אַזוי, אַז ס'האָט נאָר פרייליך געקנאַקט. און קובאַ האָט איבער דער צייט, וואָס זיי האָבן געגעסן, אָנגעטראָגן קרויט

און אויסגעשיט אויף אַ קופּע, און גיריק אַריינגעצויגן אין זיך די ריחות, ער האָט זיך באַלעקט און אָפּגעזיפצט.

— אַ האַלבן אָקס וואָלט איך אויפגעגעסן מיט איין אָדער צוויי שיסעלעך קאַשע... און די יוכעס פרעסן אַזוי, ווי די אויסגעהונגערטע פערד, זיי זענען נאָך גרייט דעם מענטש קאַ ביינדל ניש איבערצולאָזן — האָט ער מיט אומעטיקייט געטראַכט און זיך צוגעצויגן דעם פּאַסעק, אַזוי האָט אים געבורטשעט אין בויך פון הונגער.

אָבער זיי האָבן גיך געענדיקט און זיך פלינק אויפגעהויבן מיט אַ „גאָט באַצאָל" פאַר די באַלעבאַטים.

— זאָל ענק זיין צום געזונט.

ס'האָט זיך געמאַכט אַ סומאַטאָכע, ווער ס'איז אַרויסגעגאַנגען זיך איבערלופטערן און די ביינער אויסציִען, ווער עמען ס'האָט זיך גלאַט געגלוסט אין הימל אַ קוק צו טון, צי ס'לייטערט זיך ניישט אויס אַמאָל, און ווי פּאַראָבקעס, כדי מיט די שיקסעס אויפן גאַניק אַ שטיף צו טון.

און קובאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער שוועל מיט דער שיסל אויף די קני און האָט געגעסן, אַזש די אויערן האָבן זיך אים געטרייסלט, נישט ליגנדיק קיין אַכט אויף לאַפּאַן, וועלכער האָט אויף פאַרשיידענע אופנים דערמאַנט אָן זיך, אָבער, זעענדיק, אַז ער וועט גאָרנישט מאַכן, האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפן גאַניק אַרויס צו די הינט, וואָס זענען מיט די מענטשן מיטגעקומען און האָבן זיך געגריזשעט איבער אַ ביין, וואָס יוזשיאַ האָט אַרויסגעוואָרפן.

זיי האָבן זיך גראָד געהאַט גענומען צוריק צו דער אַרבעט, ווי ראָך איז שטיין געבליבן אין דער טיר מיט אַ „לויב צו גאָט".

— אויף דורי דורות — האָבן זיי אָפּגעענטפערט אין אַ כאָר.

— אייל דיך צו אַ ביסל, כל־זמן ס'איז נאָך דאָ אין דער

שיסל... צ׳האָט ענק פאַרשפּעטיקט, נאָר ס׳עט נאָך זיין פאַר ענק... — האָט באָרינע אויסגערופן, צוריקנדיק אים אַ בענקל צום קוימען.

— מילך מיט ברויט גי מיר, יוזשאַ, און ס׳עט גענוג זיין.

— ס׳אי נאָך דאָ אַ דזשעבלע פלייש אויך... — האָט זיך האַנקע נישט דרייסט אָנגערופן.

— ניין, לאָ גאָט באַצאָלן, קאַ פלייש עס איך נישט.

אין אָנהייב זענען זיי צעטשוויגן געוואָרן און זיך צוגעקוקט צו אים מיט גרויס בייגעריקייט, אָבער ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט צום עסן, האָבן זיך די שמועסן און געלעכטערן אויפסניי אָנגעהויבן.

נאָר יאַגנע האָט אַלעמאָל אַ קוק געטון אויפן וואַנדערער מיט פאַר..ונדערונג, וואָס ער איז פונקט אַזאַ מענטש ווי אַלע, און איז דאָך געווען בײַ יעזוסעס קבר, אַ האַלבע וועלט אויסגעגאַנגען און אַזוי פיל וונדער געזען... ווי אַזוי קען עס דאָרט אויסזען אין דער דאָזיקער וועלט? ווי אַזוי גייט מען דאָס, כּדי דאָרט אַהין אָנצוקומען?.. אַרום און אַרום זענען דעך בײַ דאָ בלויז דערפער, און פעלדער, און וועלדער, און נאָך זיי זענען ווידער דאָ דערפער און פעלדער און וועלדער... אַ הונדערט מייל דאַרף מע גיין, אָדער גאָר אַ טויזנט — האָט זי געטראַכט, און זי האָט געהאַט אַן אויסטערלישן חשק זיך אַ פרעג צו טון, אָבער ווי אַזוי האָט זי דען געקענט, ער וואָלט זי נאָך אויסגעלאַכט..

דער שגץ ראַפאַלווו, וואָס אי געהאַט צוריקגעקומען פון די זעלנער, האָט געברענגט אַ פידל, ער האָט זי אָגגעסטראָיעט און אָנגעהויבן אויפצושפּילן פאַרשידענע לידער.

ס׳אי געוואָרן שטיל, דער רעגן נאָר האָט געפּאַטשט אין די שויבן אין די הינט האָבן זיך געיאַדעט פאַרן הויז. און ער האָט אַלץ געשפּילט, און וואָס אַמאָל עפּעס נייעס, ער איז נאָר איבערגעגאַנגעו מיט די פינגער, און מיטן סמיטשיק האָט ער אַזוי גע-

צויגן איבער די סטרונעס, אַז יעדער טאָן איז גלייך, ווי ער וואָלט אַליין אַרויס... פרומע לידער האָט ער געשפּילט, ווי פאַר דעם דאָזיקן וואַנדערער, וועלכער האָט די אויגן פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט און דערנאָך ווידער אַנדערע, וועלטלעכע שוין, דאָ ווענן יאַשן, וואָס פאַרט אויף דער מלחמה, וואָס די שיקסעס פלעגן דאָס שטענדיק אין פעלד אויפזינגען... און אַזעלכע טרויעריקע טענער האָט ער אַרויסגעצויגן פון דעם דאָזיקן האַלץ, אַזש אַ פראָסט איז אַלעמען דורך די ביינער אַדורך, און יאַגושען, ווייל זי איז געווען אַ פילנדיקע אויף מוזיק, ווי ווינציק ווער, זענען טייכן טרערן איבערן פּנים גערינען.

— נו, הער אויף, וואָרן יאַגושאַ ווײנט... — האָט נאַסטקע אויסגערופן.

— ניין... ס'אי נאָ גלאַט אַזוי... שפּילן נעמט מיך שטענדיק אַדורך... ניין... — האָט זי געשעפּטשעט פאַרשעמט, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין דער פאַטשיילע...

דאָס האָט גאַרנישט געהאָלפן, וואָרן כאָטש זי האָט נישט געוואָלט, האָבן איר דאָך די טרערן געקאַפּיעט צוליב דער דאָזיקער אויסטערלישער בענקשאַפט, וואָס איז געבליבן אין האַרץ, אַליין נישט צו וויסן נאָך וואָס...

אָבער דער שגץ האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן, נישט מער, וואָס אַצינד האָט ער שוין געריסן אין אויער מיט פייערדיקע מאַזורקעס, און אַזעלכע אָבערטאַסן, אַזש די שיקסעס האָבן נישט געקענט איינזיצן, נאָר ז'האָבן צוזאַמענגעטריקט די קני, וואָס האָבן זיך געטרייסלט פון פרייד, און געוואָרן מיט די אָרעמס, די פּאַראָבקעס האָבן כסדר צוגעטופּעט און פריילעך צוגעזונגען — די שטוב איז פול געוואָרן מיט גערויש און מיט אַ געטופּעריי און מיט געשלעכטערן, אַזש די שויבן האָבן געציטערט.

מיט אַ מאָל האָט אַ הונט אָנגעהויבן צו קוויטשן און אַזוי מוראדיק צו וואָיען, אַז אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן

— וואָס איז געשען?

ראָך האָט זיך אַ וואָרף געטון אין פעדערהויז אַריין אַזוי גיך, אַז ר׳אי שיער נישט אומגעפאַלן איבער דער שאַטקאָוויניצע.

— אי, גאָניש... אַ שגצל האָט צוגעקלעמט דעם הונט דעם ווידל מיט דער טיר און דעריבער האָט ער אַזוי געוואָיעט — האָט אַנטעק אויסגערופן, אַרויסקוקנדיק אין פעדערהויז אַריין.

— ס׳אי זיכער וויטעקס אַ שטיקל אַרבעט — האָט באָרינע באַמערקט.

— אוודאי, וויטעק וואָט דאָרט דעם הונט עפּעס שלעכטס געטון, ער, וועלכער זאַמלט צונויף אַלע הונט, וואָס שלעפן זיך אַרום און היילט זיי... — האָט יוזשאַ הייס אים פּאַרטיי־דיקט.

ראָך האָט זיך אומגעקערט שטאַרק אויפגערעגט, ער האָט אַוודאי געמוזט באַפרייען דעם הונט, וואָרים דאָס קוויטשען האָט מען שוין געהערט ערגעץ נאָכן הויף ווייט.

— אויך אַ הונט איז אַ גאָטס באַשעפעניש און פילט אַן עוולה, פונקט ווי אַ מענטש... דער פאַן יעזוס האָט אויך געהאַט זיינס אַ הינטל און האָט קיינעם נישט געלאָזט עס קיין עוולה טון... — האָט ער געאיילציק אַרויסגעזאָגט.

— דע פאַן יעזוס, וואָט דאָרט געהאַט אַ הינטל, פונקט ווי אַלע מענטשן?... — האָט יאַגוסטינקע געצווייפלט.

— איז זאָלט עץ וויסן, ר׳האָט געהאַט און בורעק האָט ער עס גערופן...

— אוודאי... נע! טה... — האָבן זיך אָפּגערופן נייגעריקע שטימען.

ראָך האָט געשוויגן אַ ווײַלע, און דערנאָך אויפגעהויבן עם גרייז-גרויען קאָפּ, אַרויבגענומען פון לאַנגע, גלייך מיטן שטערן אָפּגעשוירענע האָר, פּאַרזונקען די בלאַסע, פונקט ווי אויסגעווייבטע, אויגן אין פייער אַריין און זיך שטיל אָנגערופן, אַרו סקלויבנדיק מיט די פינגער קערנער פון דעם רויזנקראַנץ...

— ...אין יענער ווייטער, ווייטער צייט...

ווען דע פאַן יעזוס איז נאָך אויף דער ערד אַרומגעגאַנגען און איבערן פאָלק נאָך אַליין רעגירט, אי געשען דאָס, וואָס כ׳על ענק דאָ דערציילן...

איז זיך געגאַנגען פאַן יעזוס אויפן אָטפּוסט קאַ מסטווו, און קאַ וועג איז אין ערגעץ נישט געווען, נאָר שרעקלעכע און ברע־נענדיקע זאַמדן, וואָרן די זון האָט געבאַקן און ס׳איז געווען אַזאַ היץ, ווי פאַר אַ שטורם...

און אין ערגעץ קאַ שאָטן נישט, און ניש קאַ באַשי־צונג.

דער פאַן יעזוס איז געגאַנגען מיט גרויס געדולד, וואָרים צום וואַלד איז נאָך געווען אַ שפּאָר שטיקל וועגס, אָבער ווייל ר׳האָט שוין די הייליקע פיסלעך ניש געפילט פון מידקייט און ס׳האָט זיך אים שרעקלעך געוואָלט טרינקען — האָט ער זיך פון צייט־צו צייט אַנידערגעזעצט אויף די זאַמד־בערג, כאָטשיק דאָרט האָט נאָך מער געבריט, געוואַקסן אי נאָר בלויז נידעריקע ביימע־לעך און שאָטן איז געווען אַזוי פיל, ווי פון די אָפּגעדאַרטע בנדי־לעס*) פון די שוועמלעך, אַז אפילו אַ פייגעלע וואָלט זיך נישט געקענט באַהאַלטן...

אָבער יעדעס מאָל, וואָס ר׳האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער אפילו רעכט דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן, וואָרן באַלד האָט דער נישט גוטער, ווי דער פאַסקודנער שפּאַרבער, וואָס פאַלט פונ־דערהייך אויף דעם פאַרמאַטערטן פייגעלע, באַלד האָט ער דיר, די נבילה, געשלאָגן מיט די קלאָען אָן זאַמד, און געטאָרגלט זיך, ווי אַ בהמה, אַז ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ שטויב, אַזאַ נעפּל, אַז מ׳האָט אפילו די וועלט נישט אַרויסגעזען...

און באָטש ס׳האָט דעם פאַן יעזוס שוין אין דער ברוסט

---

*) ה ילד געוויקס.

פאַרשטיקט און קוים וואָס ר'האָט זיך גערירט, איז ער דאָך אויפגעשטאַנען און געגאַנגען, און האָט זיך נאַר אויסגעלאַכט פון דעם נאַר, וואָרן ר'האָט דעך געוווּסט, אַ' דע נישט גוטער האָטן געוואָלט פון וועג אַראָפּפירן, כדי ער לאָ ניש גיין אויפן אָטפּוסט אויף צו ראַטעווען דאָס זינדיקע פאָלק...

און געגאַנגען איז ער, דער פאַן יעזוס... געגאַנגען... ביז ר'אי געקומען אין וואַלד אַריין...

ר'האָט זיך נישקשהדיק אָפּגערוט אין שאָטן, אָפּגעקילט זיך מיט אַ ביסל וואַסער, עטוואָס פון דער טאָרבע צוגעביסן, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעבראָכן אַ נישקשהדיק שטעקעלע, זיך איבער־געצלמט און אָוועק אין געדיכטן וואַלד אַריין.

און דער וואַלד איז געווען אַן אַלטער און אַ געדיכטער, און טיפע בלאָטעס, און אַזעלכע זומפּן, אַזעלכע לעכער, זענען דאָרט געווען, אַ' דע ניש גוטער אַליין אָט דאָרט געמוזט וווינען, און געדיכטעניש, אַז נישט יעדן פויגל אי גרינג געווען זיך דאָרט אַדורכצוקריגן. און ווי נאָ דער פאַן יעזוס איז טיפער אַריינגע־גאַנגען, ווי עס גיט דאָס ניש דע ניש־גוטער אַ טרייסל מיטן וואַלד, ווי ער הייבט דאָס נישט אָן צו וואַיען, ווי ער הייבט דאָס נישט אָן צו ברעכן די כאַיאַקעס — און דע ווינט, זיין גהינומדיקער פאַראָבעק, העלפט צו אין די אַלע שטיפערייען און רייסט טרוקע־נע צווייגלעך, דעמבעס, גאַנצע צווייגן, און רוישט, און שטורעמט איבערן וואַלד, ווי אַ משוגענער.

אַ פינסטערניש איז געוואָרן, אַז כאַטש נעם דיר די אויגן אַרויס — און דאָ איז אַ געריש, אַ געקנאַקעריי... און דאָ איז אַ זאַוויערוכע... און דאָ שפּרינגען אַרויס עפעס מיני חיהלעך, פון טייוולאַנישער זרע און שטשירען מיט די ציין... און וואָר־טשען... און לייכטן מיט די שליפּיעס, און... נאַר... נאַר אַ כאַפּ צו טון מיט די נעגל... אָבער דאָך האָבן זיי נישט געוואַגט, וואָרן ווי דען... ס'אי דעך דיר געווען דער פאַן יעזוס אַליין אין זיין הייליקער פּערזאָן...

אָבער אַפילו דעם פּאַן יעזוס איז שוין אויך דערווידער געווען דאָס דאַזיקע נאַרישע אָפּשרעקן אים, און ווייל ר׳האָט זיך געאײַלט אויפן אָטפּוסט, האָט ער איבערגעצלמט דעם וואַלד, און באַלד זענען אַלע ניש גוטע מיט זייערע קומעס פאַרפאַלן געוואָרן אין די זומפּן אַריין.

ס׳אי נאָר איבערגעבליבן אַזאַ מין ווילדער הונט, וואָרן אין יענער צייט זענען נאָך די הינט מיט מענטשן נישט פאַרברידערט געווען.

דער דאַזיקער הונט אי דיר איבערגעבליבן און נאָכגעלאָפן דעם פּאַן יעזוס, ר האָט געבילן, דאָ האָט ער זיך צוגעריסן צו די הייליקע פיסלעך זיינע, דאָ האָט ער אָנגעכאַפּט מיט די ציין די הויזן זיינע, דאָ האָט ער אים די קאַפּאָטע אָפּגעריסן און באַ דער טאָרבע געשלעפּט, און אַזוי פעסט זיך צוגעכאַפּט צום פלייש... אָבער דער פּאַן יעזוס, ווייל ר׳אי געווען אַ דערבאַרמדיקער און קאַן עוולה טון קאַ שום באַשעפעניש, וואָלט ער ניש געטון, און ר׳האָט דעך אים געקענט מיטן שטעקעלע אַ פוס אונטערהאַקן, דאָך האָט ער נאָר בלויז געזאָגט:

— נאַדיר, שוטה, אַ שטיקל ברויט, אַ׳ דו ביסט הונגעריק — און האָט אים אַ וואָרף געטון עפּעס פון דער טאָרבע אַרויס.

אָבער דער הונט האָט זיך צעבייזערט און איז ווילד געוואָרן, אַז גאַרנישט, נאָר ר׳האָט געשטשירעט מיט די ציין, געוואָרטשעט, געבילן און צוגעריסן זיך, ביז ער האָט שוין אינגאַנצן אַ תל געמאַכט פון יעזוסעס הויזן.

— ברויט אָב איך דיר געגעבן, כ׳אָ דיר קאַ שלעכץ ניש געטון, און דו רייסט מיר די מלבושים און בילסט אומזיסט. ביסט אַ נאַר, מיין הינטעלע, וואָרן דו האָסט דיין האַר נישט דערקענט. דערפאַר עסטו דעם מענטש אָפּדינען און דו עסט אָן אים ניש קענען לעבן... — האָט אַנטשלאָסן געזאָגט דער פּאַן יעזוס, אַזש ד׳ר הונט האָט זיך אַ זעץ אַגידער געטון אויף די הינטערשטע

פיס, דערנאָך זיך אַ דריי אויס געטון. דעם ווײדל אײנגעטוליעט צווישן די פיס, צעוואָיעט זיך און ווי אַ משוגענער זיך אַ לאָז גע־טון אין דער וועלט אַרײַן.

און דער פאַן יעזוס איז אָנגעקומען אויפן אָטפּוסט.

אויפן אָטפּוסט איז אַן עולם, ווי ביימער אין אַ וואַלד, אָדער ווי דאָס גראָז אויף די לאָנקעס — אַזש ס׳אי געדיכט.

אָבער אין קלויסטער איז געווען ליידיק — וואָרן אין דער קרעטשמע האָט מען געשפּילט, און פאַרן אַרײַנגאַנג איז אַ גאַנ־צער יאַריד און אַ שיכּרות, און אַ צעלאָזנקייט, און אַ גאָטס באַליי־דיקונג, אַזוי ווי ס׳קומט פאָר אין דער הײַנטיקער צײַט.

גייט אַרויס דער פאַן יעזוס בײַך דער סוממע, און גיט אַ קוק, מיט אַמאָל הייבט דער עולם אָן, ווי די תבואה אונטערן ווינט, דאָ אין דער זייט, דאָ אין יענער זייט זיך צו וויגן און צו אַנטלויפן, און ווער ס׳לויפט מיט דער בייטש אין דער האַנט, ווער ס׳שלעפּט אַ לייסט אַרויס פון פלאָט, ווער ס׳כאַפּט ווידער אַ קלאָ־ניצע, אַן אַנדערער ווייטער זוכט גאָר אַ שטיין, און די באַבעס מיט אַ געשריי, און רייסן זיך אויף די פלעטער, אויף די וועגענער, און די קינדער צעבעטשען זיך, און אַלע שרייען:

— אַ משוגענער הונט, אַ משוגענער הונט!

און דער הונט יאָגט מיט אַן אַרויסגעשטעקטן לעקער צווישן די מענטשן, ווי דורך אַ גאַס, וואָס איז זיך פּלוצלינג פונאַנדער־געגאַנגען, און גלײַך אויפן פאַן יעזוס אַרויף.

און דער האַר או דזערער האָט זיך דיר ניש דערשראָקן, נײַן... ר׳האָט דערקענט, אַז דאָס איז דאָס זעלבע הינטל פון וואַלד, האָט ער נאָר אויסגעשפּרייט די הייליקע קאַפּאָטע זײַנע, און זאָגט צו דער חיה, וואָס איז פּלוצלינג שטיין געבליבן.

— קום אַהער בורעק, ביסט דאָ באַ מיר אַ סך זיכערער, ווי אין וואַלד.

ר׳האָט אים אַרומגעדעקט מיט דער קאַפּאָטע, אויסגעשפּרייט איבער אים די הענט און געזאָגט:

— דערהרגעטס אים ניש, מענטשן, וואָרן דאָס איז אויך אַ גאָטס באַשעפעניש, און ס׳איז אָרים, הונגעריק, מיד און אָן אַ באַלעבאָס.

אָבער די פויערן האָבן אָנגעהויבן שרייען, אָנגעהויפּן וווּנ־דערן זיך, און מירמלען, און קלאַפּן מיט די קלאָניצעס אָן דער ערד; — אַז דאָס איז אַ ווילדע חיה און אַ משוגענער, אַז ער האָט זיי שוין אַזוי פיל געגנדזלעך און שעפּסלעך פּאַרציקט, אַז ער מאַכט זיי כסדר הזיקות אָן, און קאַ מענטשן שאַנעווען, שאַנעוועט ער ניש, נאָר גייט באַלד מיט די ציין... אַז קיינער גייט אָן קאַ שטעקן נישט אין פעלד אַרויס, וואָרן איבער דעם גהינומניק אי מע ניש זיכער מיטן לעבן, און מ׳דאַרף אים דורכויס דער־הרגענען.

און ז׳האָבן מיט כּוח געוואָלט דעם הונט פון פאַן יעזוסעס פאַלע אפערנעמען און צעקאַטעוועטן.

אַזש דע פאַן יעזוס אָט זיך דערצערנט און אַ געשריי גע־טון.

— רירטס אים נישט אָן קיינער! פאַ דעם הונט אָט עך מורא, און פאַ גאָט אָט עך ניש קאַ מורא, האַ?...

האָבן זיי אָפּגעטרעטן, וואָרן ר׳האָט שטאַרק געשריגן, און פאַן יעזוס זאָגט זיי ווייטער — אַ׳ זיי זענען ליידאַקעס... אַ׳ זיי זענען געקומען אויפן אָטפּוסט, און זיי טרינקען נאָ אין די קרעטש־מעס, און באַליידיקן גאָט, און קאַ תשובה טוען זיי ניש, און פאַ־שאָלטענע זענען זיי, און תּלינים איינער פאַ דעם אַנדערן, גנבים, אַפּיקורסים, און גאָטס שטראָף עט זיי נישט מיידן.

האָט פאַן יעזוס געענדיקט! האָט ער אויפגעהויבן דעם שטעקן און געוואָלט אוועקגיין...

אָבער דאָס פאָלק האָט אים שוין דערקענט, און ווי זיי גיבן דאָס ניש קאַ פאַל פאַר אים אויף די קני, ווי זיי גיבן דאָס ניש אַ זעץ אַרויס מיט אַ געוויין, און ווי זיי הייבן דאָס ניש אָן צו חלשן פאַר אים...

— בלייב מיט אונדז, האַר, בלייב, האַר יעזו קריסטע! בלייב! מ׳עמע דיר זיין געטריי, ווי אַט דער הונט... מ׳זעמיר שיכורים, בעל־עברהניקעס זענען מיר, שלעכטע מע׳טשן זענען מיר, אָבער בלייב, באַשטראָף, שלאָג, בלייב, מיר, פאַרלאָזטע יתומים, מענטשן, אָן אַ באַלעבאָס... — און ז׳האָבן אַזוי געוויינט, אַזוי געבעטן, אַזוי געקושט אים אין די הענט אַריין און אין די דאַזיקע הייליקע פיס, אַז דעם האַרס האַרץ איז ווייך געוואָרן, ער איז געבליבן מיט זיי אַ פּאָר רגעס, געלערנט זיי, מוחל געווען זיי, און אַלע געבענטשט.

און דערנאָך ווען ר׳איז שוין אַוועקגעגאַנגען, אי זאָגט ער:

— דע הונט אַט ענק אַן עוולה געטון? פון אַצינד אָן עט ער ענק אָפּדינען, און ר׳עט די גענדזלעך אָפּהיטן, און די שעפּס־לעך עט ער צוזאַמענטרייבן, און ווען ס׳עט זיך ווער פון ענק אָנ־זויפן — עט ער פאַ די בהמות און פאַ דעם פאַרמעגן זיין אַ שומר און אַ פריינד.

— נאָ צ׳זאַלטן שאַנעווען און טוטס אים ניש קאַ שלעכטס.

און פאַן יעזוס איז אַוועקגעגאַנגען אין דער גרויסער וועלט אַריין.

און ער קוקט זיך אום — בורעק ז׳צט דאָרט, ווו ר׳האָט אים באַשיצט.

— בורעק, קום דאָך מיט מיר, וואָס אי דאָס, עסט אַליין, נאַר, דאָ בלייבן?

איז דער הונט געגאַנגען, און ר׳איז שוין אומעטום נאָכגע־גאַנגען נאָכן האַר, און אַזאַ שטילער, אַזאַ פילגדיקער, אַזאַ גע־טרייער, ווי דער בעסטער פאַראָבעק.

און זיי זענען שוין אומעטום געגאַנגען צוזאַמען.

און איבער וועלדער זענען זיי געגאַנגען, איבער וואַסערן — איבער דער גאַנצער וועלט.

און ווען ז׳האָבן אַמאָל געהונגערט, האָט דער הונט ערגעץ

אַ פויגל געכאַפּט, דאָ אַ געגדזל אָדער אַ שעפּסל געבּרענגט, און אַזוי האָבּן זיי זיך צוזאַמען געלעבּט.

און שטענדיק, ווען יעזוסל האָט אַ פאַרמאַטערטער געדוט, אָט בּורעק אָפּגעיאָגט די שלעכטע מענטשן, אָדער אַ ווילדע חיה און האָט ניש געלאָזט קאַ שלעכטס טון אונדזע׳ האַר, ניין...

ווען ס׳אי געקומען די צייט, אַ די פּאַסקודנע יידן און די שרעקלעכע פאַריזעער האָבּן דעם האַר געפירט צו פאַרפייניקן — אָט זיך בּורעק געוואָרפן אויף אַלע און אָנגעהויבן בּייסן און פאַר־טיידיקן, ווי ר׳האָט נאָר געקענט, דער אָרימער נעבעך.

און יעזוס האָט אויסגערופן צון אים פון אונטער דעם בּוים אַפּער, וואָס ר׳האָט געשלעפּט אויף זיך פאַר זיין הייליקער פּיין.

— דאָס געוויסן עט זיי נאָך מער בּייסן... און דו עסט דיר קאַן עצה נישט גען...

און ווען מ׳האָט דעם פאַרפייניקטן אויפגעהאָנגען איפן צלם, אָט זיך בּורעק אַנידערגעזעצט און געיואָיעט...

...ב׳צווייטן טאָג, ווען אַלע מענטשן זענען זיך צעאַנגען, ווען ס׳אי שוין ניש געווען, ניש די הייליקע פּאַניענקע, ניש די הייליקע אַפּאָסטאָלן... אי נאָ בּורעק איבּערגעבּליבּן...

...ר׳האָט כסדר געלעגט די הייליקע, מיט טשוועקעס דורכ־געקלאַפּטע, גוססדיקע פיס פון פאַן יעזוס און געוואָיעט... געוואָ־יעט... געוואָיעט...

...און ווען ס׳איז שוין געקומען דע דריטער טאָג... האָט פאַן יעזוס אויפגעוואַכט און גיט אַ קוק, און דאָ אי קיינער ניש־טאָ לעבּן צלם... נאַ איין בּורעק סקאַמליעט ווייטיקלעך און טו־ליעט זיך צו זיינע פיס...

...איז אָט דער פאַן יעזוס אונדזערער, דער אַלערהייליקס־טער, ליבּלעך אַ קוק געטון אויף אים אין דער דאָזיקער שעה און מיטן לעצטן אָטעם־צוג אויסגערופן:

— קום, ב׳רעק, מיט מיר!

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

אין דאָס הינטל האָט אין דעם אויגנבליק אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן דאָך און אַוועק נאָכן האַר נאָך.

אמן.

— אַזוי איז געווען, ווי כ׳האָב ענק דערציילט, ליבע מענטשן! — האָט ער ווייך געזאָגט, ווען ער האָט געענדיקט. — ער האָט זיך איבערגעצלמט און איז געגאַנגען אין דער אַנדערער זייט אַריין, ווו האַנקע האָט אים שוין צוגעגרייט אַ געלעגער, ווייל ר׳איז זייער פאַרמאַטערט געווען.

אַ טויבע שטילקייט האָט באַהערשט די שטוב. זיי האָבן זיך אַלע פאַרטראַכט איבער דערדאָזיקער וווּנדערלעכער געשיכטע. און טייל שיקסעס, ווי יאַגושאַ, יוזקאַ, און נאַסטקאַ, האָבן בגנבה די אויגן אויסגעווישט, וואָרן ס׳האָט זיי אַזוי אַדורכגענומען מיט געוויין פאַן יעזוסעס גורל און בורעקס געשעעניש. און דאָס אַליין שוין, אַ, ס׳האָט זיך אויף דער וועלט געפונען אַזאַ הונט, וואָס אי׳ בעסער געווען פון מענטשן און געטרייער דעם האַר, דאָס אַליין האָט שוין אַלע נישט ווייניק גענייט זיך צו פאַרטראַכטן. און זיי האָבן פאַמעלעך אָנגעהויבן שטילערהייט צו מאַכן פאַרשידענע באַמערקונגען און באַוווּנדערן גאָטס מעשים, ביז יאַגוסטינקע, וועלכע האָט געהאַט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גיפטיק זיך צעלאַכט, און זי זאָגט:

— באַק, באַק — רייסט אַ פויער פלוימען — ווײ, — און דאָ אי דאַ נאַר צווײ! יעך על ענק אַ בעסער מעשהלע דערציילן, וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אַן אָקס צו מענטשן דערגומען:

ס׳האָט גאָט אַ ביק באַשאַפן,
איז אַ ביק געווען,

ס׳אַ אַ פּויער אַ קניפּעק זיך געשאַפֿן,
אים פֿון אונטן אָפּגעשניט,
איז אַן אָקס אַרויסגעריטן —
...און אַן אָקס איז דאָ!

— ס׳איז אַזוי גוט מיינס אמת, ווי ראָכס!
זי האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

די גאַנצע שטוב האָט אויך אַ שאָס אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער, און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן וויצן, און ווערטלעך, און פֿאַרשידענע מעשהלעך.

— יאַגוסטינקע איז ווייסן דיר אַלדינג...

— ווי דען, אַן אלמנה נאָך דריי מענער, איז זי געלערנט.

— אוודאי, איינער האָט זי אינדערפֿרי געלערנט מיט דער בייטש... דער צווייטער אויף מיטאָג מיט אַ רימען, און דער דריטער אויף וועטשערע האָט זי אָפּטמאָל מכבד געווען מיט אַ קלאָביצע... — האָט ראַפּאַלווו אויסגערופֿן.

— כ׳וואָלט נאָך חתונה געהאַט מיט אַ פּערטן, אָבער ניש מיט דיר, וואָרן ביסט אַ צו גרויסער נאַר און גייסט באַראָצט, ווי אַ ייִדיש ייִנגל.

— אַזוי ווי ס׳איז געווען יעזוסעס הוגט אָן דעם האָר, אַזוי עט זיך דיר אַ נקבה, זי זאָל זיך באַגיין אָן שלאָגן, נישט באַגיין... דעריבער איז אויך יאַגוסטינקען אומעטיק... — האָט עמעצער פֿון די פֿאַראָבקעס אַ וואָרף־צו געטון.

— ביסט אַ נאַר... גיי נאָ׳ אַכטונג, ווען דו פֿראָגסט דעם טאַטנס פּערטעלעך צו יאַנקעלן, ס׳לאָ דיך קיינער ניש ז.ן, און דאָס אלמנהשאַט לאָ צורו, ס׳אי ניש פֿאַר דיין קאָפּ — האָט זי שאַרף אַ וואָרטשע געטון, אַז זיי זענען אַזש אַנטשוויגן געוואָרן, וואָרן ז׳האָבן מורא געהאַט, אַז זי עט בשעתן כּעס אַלץ הויך אַרויסזאָגן, וואָס זי ווייסט נאַר, און זי האָט געקענט גאָר אַ סך

ריסן. אַן עזותדיקע באַבע אי דאָס געווען, ז'האָט קיינעם ניש אָפּ-געטרעטן, און וועגן אַלץ האָט זי געהאַט וואָס צו זאָגן, טייל מאָל אַזעלכעס, אַז בײַ די מענטשן איז אַזש דאָס לייב פאַרשטאַרט געוואָרן און די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט, וואָרן זי האָט קיינעם ניש געשאָנעוועט, אפילו דעם גלח ניש, ניש דעם קלויסטער, אַז ניש איינמאָל האָט איר שוין דער גלח פאַרגעהאַלטן און דערמאַנט זי, ווי זי איז אין דער וועלט. ס'האָט ניש געהאָלפן. און דערנאָך האָט זי אין דאָרף געזאָגט:

— און אויך אַן גלח עט יעדער צו גאָט טרעפן, לאָז ער נאָר אָרנטלעך זיין; לאָז ער בעסער די גאָספּאָדיניע*) היטן, וואָרן זי גייט שוין מיטן דריטן, און ז'עט ווידער ערגעץ-ווו פאַרלירן...

אַזוינע איז געווען יאַגוסטינקע...

ז'האָבן זיך שוין געהאַלטן בײַ צעגיין, ווען דער וואָיט איז אַרייַנגעקומען מיטן סאָלטיס. זיי זענען אַרומגעגאַנגען איבער די כאַלופּעס, אַ' מ'זאָל מאָרגן, לויטן צעטל, אַרויסגיין אויף שאַר-וואַרק**), אויפן וועג נאָך דער מיל, וואָס איז אָפּגעשווענקט געוואָרן פון די רעגנס...

אָבער דער וואָיט האָט נאָך, איידער ער האָט די שוועל אַריבערגעטרעטן, שוין צעשפּרייט די הענט און אויסגעשריגן:

— די בעסטע שיקסעס, יוכע, האָט זיך דער אַלטער צוזאַמענגערופן!

ער האָט אפילו אמת געזאָגט, וואָרן ס'זענען געווען די באַלעבאַטישסטע טעכטער, פון שיינע משפחות — און מיט נדנים.

וואָרים באָרינע איז פאָרט געווען דער ערשטער באַלעבאָס אויפן גאַנצן דאָרף, איז ווי־זשע דען, איז דינסט-מיידלעך, קאָ-מאָרניצעס אָדער דאָס אָרימע פאָלק, וואָס שלעפּט זיך צענערווייז

*) באַלעבאָסטע.

**) די וועגן פאַריכטן.

נאָך נאָך איין קו-ווײדל האָט ער געזאָלט צוזאַמענרופן צו זיך און פאַרבעטן!

דער וואָיט האָט זיך באַזונדער אין אַ זייט צוזאַמענגערעדט מיטן אַלטן, נאָר אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט נישט דערהערט, ר׳האָט אַ שטיף געטון אַ ביסל מיט די שיקסעס און איז גיך אַוועקגעגאַנגען, וואָרן נאָך אַ גאַנץ האַלב דאָרף האָט ער געהאַט צוזאַמענצורופן אויף מאָרגן. אינגיכן האָבן זיך אַלע באַלד אָנגעהויבן צו צעגיין, ווייל ס׳איז שוין שפעט געווען, און ס׳האָט אויך קרויט שוין געפעלט צום אָפּרייניקן.

באָרינע האָט אַלעמען באַזאָמען געדאַנקט און יעדן באַזונדער און יעדער עלטערע פוירטע די טיר געעפנט און אַרויסגעפירט...

יאַגוסטינקע האָט באַם אַוועקגיין אויסגערופן אויפן קול:

— לאָ גאָט באַצאָלן פאַרן כיבוד, אָבער אינגאַנצן גוט אי נאָך ניש געווען.

— אַוודאי, נע...

— אַ באַלעבאָסטע פעלט אייך, מאַטשעי, און אָן דעם קען קאַ שום אָרדנונג נישט זיין...

— וואָס-זשע טוט מען, מיינע ליבע, וואָס-זשע טוט מען, ס׳איז שוין אַזוי גאָטס ווילן, אַ׳ זי איז געשטאָרבן...

— ווייניק שיקסעס אי דיר דאָ! אַ טאַטש אַלע דאָנערשטיק קוקט מען נאָר אויס אין דאָרף, צי ס׳גייט נישט קאַ שדכן פון אייך צו עמעצן... — האָט זי כיטרע אַ זאָג געטון, צוּעגדיק אים באַ דער צונג, אָבער באָרינע, כאָטש ר׳האָט שוין געהאַט אַן ענטפער, האָט זיך דאָך נאָר בלויז אַ דראַפּע געטון איבערן קאָפּ, און זיך צעשמייכלט, און געזוכט סתם אַזוי מיט די אויגן יאַגושן, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט פאַרנומען צום אַרויסגיין...

אויף דעם טאָקע האָט געוואַרט אַנטעק, ער האָט זיך איבערגעטון אַ ביסל און איז אַרויסגעגאַנגען פאַרויס.

יאַגוש איז אַליין אַהיימגעגאַנגען, וואָרן די אַנדערע האָבן געוווינט אויף דער צווייטער זייט, צו דער מיל-צו.

— יאַגוש! — האָט ער אַ שעפּטשע געטון, אַרויסבייגנדיק זיך פון דער פינסטערניש פון הינטער אַ פּלאָט אַפּער.

זי איז שטיין געבליבן, זי האָט דערקענט זיין שטימע און האָט אָנגעהויבן אַ ביסל צו טרייסלען זיך.

— מ׳על דיך אָפּפירן יאַגוש! — ער האָט זיך אומגעקוקט — די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע, אָן שטערן, אַ ווינט האָט געבלאָזן אין דער הייך און געוואָרפן מיט די ביימער.

ער האָט זי פעסט אַרומגענומען אין דער העלפט, און זיי זענען אַזוי צוזאַמענגעטוליעט צו זיך פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינסטערניש.

VIII

איוף צומאָרגנס האָט זיך אַ צעטראָג געטון איבער גאַנץ ל׳יפּצע די ידיעה וועגן באָרינעס און יאַגנעס תנאים.

דער וואָיט איז געווען דער שדכן — און ווייל ער האָט געהאַט אין שטוב שטרענג אָנגעזאָגט די פאַרע פון מויל נישט אַרויסצולאָזן פריִער, איידער ר׳עט נישט צוריקקומען, איז דעריבער די וואָיטאָווע ערשט אַרום פאַרנאַכט-צו אַריינגעלאָפן צו אַ שכנטע, מכּלומרשט זאַלץ באָרגן, און ערשט באַם אַוועקגיין שוין נישט אויסגעהאַלטן, אַוועקגענומען די קומע אָן אַ זייט און איר איינגערוימט:

— צ׳ווייסט דאָס, באָרינע אָט דעך געשיקט מיט בראָנפן צו יאַגנען! נאָ רעדטס ניש, וואָרן מייגער האָט אַזוי אָנגעזאָגט.

— ס׳קען ניש זיין! ווו וואָט איך דאָס מיט דער צונג אויבערן דאָרף אַרומגעלאָפן! אַ רכילותניצע בין איך, צי וואָס?... אַזאַ דזשאַד און נעמט זיך צו אַ דריט ווייב! וואָס עמע די קינדער דערויף זאָגן! אָ וועלט, וועלט! — האָט זי מיט פאַרדראָס אַ זיפץ געטון.

און ווי נאָר די וואָיטאָווע איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך אָנגעטון אין דער פאַטשיילע און בגנבה דורכן סאָד אַריינגעפאַלן

צו די קלענביס, וואָס זענען געזעסן דערלעבן, צו באַרגן די באַרשט פון פאַקעלעס, ווייל אירע איז ערגעצשטשיס פאַרפאַלן געוואָרן.

— צ׳האָט געהערט! באַרינע האָט דעך חתונה מיט יאַגנע דאָמיניקאָוואַ! ערשט נאָר וואָס, ווי מ׳איז געגאַנגען צון איר מיט בראָנפן.

— ניין! — צ׳דערציילט באָבע-מעשיות! וואָס-זשע הייסט, ר׳האָט דעך דערוואַקסעגע קינדער און איז אַליין שוין אין די יאָרן!

— אוודאי, שוין ניש קאַ יונגער, אָבער ז׳עלן אים ניש אָפּ-זאָגן... ניין, אַזאַ באַלעבאָס, אַן עושר!

— אָדער די יאַגנע אפילו! צ׳האָט געזען, מיינע מענטשן! דאָ אָט זי זיך אַרומגעשלעפּט מיט דעם, דאָ מיט יענעם... און אַצינד עט זי זיין פון די ערשטע באַלעבאָסטעס! אי דאָ אויף דער וועלט גערעכטיקייט, האַ?... און אַזוי פיל שיקסעס זיצן... כאָטש אפילו די שוועסטערשטיגע...

— און מיינע נאָכן ברודער! און קאָפּזשיוויאַנקע, און נאַס-טושיאַ, און אַנדערע! זענען ניש קאַ באַלעבאַטישע, ניש קאַ ציכ-טיקע, ניש קאַן אָרנטלעכע, האַ?...

— זי עט זיך דאָס ערשט בלאָזן! זי גייט אַזוי אויך ווי אַ פאַווע און פאַרייסט דעם קאָפּ.

— אָן אַ גאָטס-באַליידיקונג ס׳זאָל אָפּגיין, עט עס אויך גיש אָפּגיין — ניש דע קאָוואַל, ניש די אַנדערע קינדער עמע זייערס ניש שענקען דער שטיפמוטער, ניין.

— אוודאי, ז׳עלן זיך דען אַן עצה געןּ? דער גרונט איז דעם אַלטנס איז דער ווילן אויך זיין.

— אמת, אַז לויטן געזעץ איז עס זיין. אָבער לויטן יושר אי דאָס די קינדערס אויך.

— מיינע ליבע, יושר פאַרמאָגט שטענדיק דער, וואָס קען זיך דערויף פאַרגינען...

זיי האָבן זיך אויסגערעדט, זיך באַקלאָגט אויף דער וועלט

און אירע עניִים און זענען זיך צעגאַנגען, און מיט זיי האָט זיך די ידיעה צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף.

און ווייל קאָן אַרבעט אי ניש געווען קאַ סך און נישט קאַ געניטיקע, און מעגטשן זענען געזעסן אין די כאַלופעס, וואָרן די וועגן זענען געווען ביזן גרונט דורכגעווייקט, איז האָט מען גע-רעדט וועגן די דאָזיקע תנאים אין אַלע כאַלופעס, דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען נייגעריק, מיט וואָס דאָס עט זיך ענדיקן; ז'האָבן זיך פאַראויס געריכט, אַ' ס'עמע פאָרקומען געשלעגערייען און פראָצעסן, און פאַרשידענע געשיכטעס. ווי דען, ז'האָבן גע-קענט באָרינעס היציק־יט, אַז אויב ר'עט זיך איינשפּאַרן, עט ער אפילו דעם דאָבראָדזשעי נישט אָפּטרעטן, און אַנטעקס עקשנות האָבן זיי אויך געקענט.

אפילו די מענטשן, וואָס זענען צונויפגעטריבן געוואָרן צום שאַרוואַרק אויף דער צע יסענער גרעבליע נאָך דער מיל, האָבן זיך אויך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן איינטענהן וועגן דער דאָזיקער געשעעניש.

ס'האָט איינער עפּעס אַרויסגעזאָגט, ס'האָט אַרויסגעזאָגט אַ צווייטער, אַזש צום סוף האָט דער אַלטער קלאָנב, ווייל ר'אי דיר געווען אַ קלוגער און בכבודיקער פויער, שטרענג אַ זאָג געטון:

— פון דעם עט עט קאַ גוטס ניש אַרויסקומען פאַרן גאַנצן דאָרף, צ'זאָט געדענקען.

— אַנטעק עט ניש אָפּטרעטן, ווי דען, אַ ניי מויל צו דער שיסל — האָט עמעץ אויסגערופן.

— ביסט אַ נאַר, באַ באָרינען וואָט געסטאַרטשעט אפילו פאַ פינף — וועגן די חלקים עט גיין.

— אָן אָפּשרייבן עט דאָרט ניש אָפּגיין.

— די דאָמיניקאָוואַ אי קאַ נאַר ניש, ז'עט שוין אַלע אויס-ריכטעווען.

— ז'איז אַ מאַמע, איז איר הינטישע רעכט צו האַלטן פאַר איר קינד — האָט קלאָנב צוגעוואָרפן.

— זיצט כסדר אין קלויסטער, און כיטרע איז זי אויפֿן גראָשן, ווי אַ ייִד.

— רעד ניש גלאַט אין דער וועלט אַריין אויף קאַ מענטשן, אַז די צונג זאָל דיר נישט אָפּגענומען ווערן.

און אַזוי, האָט זיך דאָס דאָרף דעם גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרנומען מיט די תנאים, וואָס ס'איז אויך קאַ וווּנדער נישט, וואָרן די באַרינעס זענען פֿון אַ שיינער משפּחה, אַלטע באַלעבאַטים, און מאַטשעי, כאָטש ר'האָט נישט פאַרמאָגן קאַ שום אַמט, דאָך האָט ער אָנגעפירט מיט דער גראָמאַדע. ווי דען, ר'איז געזעסן אויף פויערישער ערד פֿון דורות אָן, פֿון עלטער-עלטער-זיידן אָן זיצן זיי אין דאָרף, שכל האָט ער געהאַט, רייכטום האָט ער געהאַט — אַזוי, אַז ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָט מען אים געהאָרכט און אַלע האָבן אים געאַכטעט.

נאָר קיינער פֿון די קינדער, אַפילו דער קאָוואַל האָבן פֿון די תנאים נישט געוווּסט, מ'האָט מורא געהאַט צו לויפֿן צו זיי מיט דעם נייעס, מ'זאָל אין ערשטן צאָרן נישט רייסן קיין פסק פֿון זיי.

דעריבער איז טאַקע אין באַרינעס כאַלופּע געווען נאָך שטיל, שטילער נאָך היינט, ווי אָן אַנדערש מאָל — דער רעגן האָט אויפֿגעהערט צו גיסן און באַלד אינדערפֿרי האָט זיך דער הימל אַ ביסל אויסגעלייטערט, זענען באַלד נאָכן אָנבייסן אַנטעק מיט קובען און מיט די ווייבער געפֿאָרן אין וואַלד אַריין צוזאַמענקלייבן מרוקענע צווייגלעך צום הייצן און פֿרוון, צי ס'וואָלט זיך נישט איינגעגעבן צוזאַמענצוגראַבען אַ ביסל נאָדלען.

דער אַלטער איז איבערגעבליבן אינדערהיים.

און שוין פֿון סאַמע פֿרימאָרגן אָן איז ער געווען עפּעס מאָדנע אויפֿגערעגט, אויסטערליש דערצערנט, אַז ר'האָט נאָר געזוכט אַ געלעגנהייט אויף וועמען אויסצוגיסן זיין אומרויִקייט און כעס, וואָס האָבן אים אינגאַנצן צעטרייסלט; וויטעקן האָט ער אָנגעקאַטשעוועט, ווייל ר'האָט קאַ שטרוי דער קו נישט אונטערגעשפּריים,

און זיי זענען געלעגן ביז אין די האַלבע זייטן אין מיסט, מיט אַנטעקן האָט ער זיך צעקריגט; אויף האַנקען האָט ער אָנגעשריגן איבערן שנצל, וואָס איז אויף אַלע פיר אַרויסגעקראָכן פאַר דער שטוב און זיך איינגעשמירט אין בלאָטע; אַפילו אויף יוזקאַן איז ער אָנגעפאַלן, אַז זי האָט לאַנג באַלאַמוטשעט... און די פערד האָבן אויף איר געוואַרט.

און ווען ר'איז ענדלעך אַליין געבליבן, נאָר מיט יאַגוסטינקען, וועלכע אי געהאַט איבערגעבליבן פון נעכטן, זי זאָל אַכטונג טאָן אויפן איבענסטער, האָט ער שוין אינגאַנצן ניש געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון. ר'האָט זיך כסדר דערמאָנט, וואָס יאַמבראָזשי האָט אים אָנגעהאַקט וועגן דער אויפנאַמע, וואָס די דאָמיניקאָווע האָט אים געמאַכט, וואָס יאַגנע האָט געזאָגט. און נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט ער דאָך נישט געהאַט קאַ צוטרוי נישט צו זיך און נישט צו דעם דושאַד. גלייבן — האָט ער נישט זייער געגלייבט, ווייל ר'האָט אים געקענט נאָר צוליבן גלעזל אָפּנאַרן. איז האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער שטוב, דורכן פענסטער אויפן ליידיקן וועג אַרויסגעקוקט, אָדער גאָר פון גאַנעק אַראָפּ אויף יאַגושינעס כאַלופּע אומרויק אַ בליק געכאַפּט — און האָט דעם בין השמשות אויסגעקוקט ווי אַ דערלייזונג.

— אפשר הונדערט מאָל האָט ער שוין געוואָלט לויפן צום וואָיט און צו זאָגן, אַז זיי זאָלן שוין גיין וואָס שנעלער — אָבער ער איז געבליבן אינדערהיים, וואָרים ס'האָבן אים אָפּגעהאַלטן יאַגוסטינקעס אויגן, וואָס זענען אים כסדר נאָכגעגאַנגען; די אויגן האָבן זי געהאַלטן צוגעשמורעט, און זיי האָבן געפינקלט מיט גיפטיקייט און חוזק.

— אַ מכשפה, די יוכע, בויערט דורך מיט די שליפּיעס, ווי מיט אַן עגבער! — האָט ער געטראַכט.

און יאַגוסטינקע איז אַרומגעקראָכן איבער דער שטוב און איבערן הויף מיט דער גלאָקס-קאָם אונטערן אָרעם און זיך צוגעקוקט. — זי האָט געשפּיגען, אַזש דאָס שפּינדל האָט געדרישט אינ-

דערלופט, זי האָט אָנגעצויגן אַ פּאָדים און איז ווייטער געגאַנגען צו די געבדז, צו די חזירים — אין שטאָל אַריין, און לאַפּאַ האָט זיך איר שווער און פארשלאָפן נאָכגעשלעפּט. — זי האָט זיך נישט אָנגערופן צום אַלטן, כאָטש זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, וואָס ס'צע- נעמט אים אַזוי און מאַכט אים אַזוי אומעטיק, וואָס עס וואַרפט מיט אים אַזוי, אַז ר'האָט זיך אַזש גענומען אַריינקלאַפּן קאָל- קעס הינטער דער וואַנט צום אַרומהילן.

זי האָט זיך אַלעמאָל לעבן אים אָפּגעשטעלט, ביז זי האָט ענדלעך אויסגערופן:

— ס'גייט ענק היינט ניש די אַרבעט.

— יאָ, ס'גייט ניש, אין דער הינטישער מוטער! ס'גייט ניש.

— סדום עט דאָ זיין, יעזוס מיינער, סדום! — האָט זי צווקגייענדיק געטראַכט. — ר'טוט גוט, דער אַלטער, וואָס ר'האָט חתונה, ר'טוט גוט! וואָרן די קינדער וואָלטן אים אַזוי געוויזן ב'וועג, ווי מיר!

— גאַנצע צען מאָרגעס פעלד, ווי גאָלד האָב איך אָוועק- געגעבן, און וואָס?... — זי האָט אַ שפּיי אויס געטון מיט כעס. — גיי איך אויפן פאַרדינסט, אַ קאָמאָרניצע געוואָרן!...

און דער אַלטער, וואָס האָט שוין נישט געקענט מער אויס- האַלטן, האָט אַ זעץ געטון די האַק אָן דער ערד און אויסגע- שריגן:

— פאַרן הונט אַזאַן אַרבעט!

— ס'גריזשעט ענק עפּעס אינעווייניק.

— יאָ, ס'גריזשעט, ס'גריזשעט...

יאַגוסטינקע האָט זיך צוגעזעצט אויף דער פּריזבע, אַרויס- געצויגן אַ לאַנגען פּאָדים, אַרומגעוויקלט אים אויפן שפּינדל און שטיל, אַ ביס' מיט מורא, אַ זאָג געטון:

— צ'האָט דעך ניש פון וואָס אומעטיק צו זיין, און ניש פון וואָס צו האָבן צרות.

— צ׳ווייסט, הייסט עס.

— אָטס ניש קאַ מורא, די דאָמיניקאָוואַ אי קלוג, און יאַנגנע האָט אויך ש־ל.

— אזוי זאָגט עטס! — האָט ער מיט פרייד אויסגערופן און זיך לעבן איר אַנידערגעזעצט.

— ווי דען, כ׳אָ דעך אויגן.

זיי האָבן לאַנג געשוויגן, זיי האָבן זיך ביידע איינגע־האַלטן.

— פאַבעטס מיך אויף דער חתונה, על איך ענק אַזאַ שיכּרות־ליד אויפזינגען, אַ׳ צ׳עט אַקוראַט צו די ניין חדשים פּראַווען אַ שמד... — האָט זי איראָניש אָנגעהויבן, אָבער זעענדיק, אַ׳ דער אַלטער האָט זיך פאַרוואָלקנט, האָט זי צוגעגעבן מיט אַן אַנ־דערן טאָן:

— צ׳טוט גוט, מאַטשעי, צ׳טוט גוט. ווען מייַנער אי גע־שטאָרבן, ווען כ׳לאָט מיר געווען אויסגעזוכט אַ פויער, וואָט איך ניש געווען קאַ קאָמאָרניצע, ניין... אַ נאַר בין איך געווען, כ׳אָ געגלייבט די קינדער, אויף קצבה בין איך געגאַנגען, דעם גרונט אָב איך אָפּגעשריבן, און וואָס?...

— יעך על דאָרט קאָן איין בייט ניש אָפּשרייבן! — האָט ער האַרט אויסגערופן.

— אָט עטס שכל, אַ׳ צ׳זאָגט אַזוי, צ׳אָט! כ׳אָ מיך אַרומגע־שלעפּט איבער די סאָנדעס, זענען מיר נאָ די פּאָר גילדן, וואָס כ׳אָ נאָך געהאַט — אַוועקגעגאַנגען, און קאַ גערעכטיקייט אָב איך ניש געקויפט.... און אויף דער עלטער וואַלגער איך מיך אַרום, אויפן פאַרדינסט! אַ׳ צ׳זאָלט, שטשערוועס, הינטערן פּלאָט אויס־פּגרן פאַר די עוולות, וואָ צ׳האָט מיר געטון, כ׳בין צו זיי זונ־טיק געגאַנגען, כ׳לאָ כאָטש אַ קוק טון אויף דער כאַלופּע, אויפן סאָד, וואָס כ׳האָבן אַליין — נו מיט מיינע הענט פאַרפלאַנצט — אָט די שנור אויפגעפּנט אויף מיר אַ פּיסק, אַ׳ כ׳קום אויסשפּיגע־ווען! יעזוס דו מיין ליבער! יעך אויף אויסשפּיגעווען, אויף מיין

אײגענעם גרונט קום איך! כ'אָ געמײנט, אַ' כ'פּאַל אַנידער אַ טױטע, אַזױ האָט מיך אַ װײטיק צוגעדריקט! בין איך געגאַנגען צום דאָבראָדזשעי, ר'זאָל זײ כאַטש דערפאַר פון דער אַמבאַנע אַראָפּשטראָפן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז פאַ די עוולות עס מיך פאַן יעזוס באַפרידיקן!... אוודאי, אוודאי... אַז עמעץ האָט גאַניש, איז אױך גוט יעזוסעס לאַסקע, אי גוט... אָבער סוף כל סוף װאָט איך בעסער געהאָלט באַלעבאַטעװען דאָ אױפן גרונט, אין אַ װאַרימער שטוב אונטער אַן איבערבעט זיך אױסשלאָפן, עפּעס פעטס איבערקײען און געניסן פון לעבן...

און זי האָט אָנגעהױבן מיט אַזאַ ברען אױסצורעדן אױף אַלץ, אַז באַרינע האָט זיך אױפגעהױבן און איז אַװעקגעגאַנגען אין דאָרף צום װאָיט, װאָרן ס'האָט שױן אָנגעהױבן פינסטערלעך צו װערן.

— צ'גײט באַלד, האַ?

— די מינוט, שימאָן עמע נאָר אַרײנקומען.

ער איז אַרײנגעקומען, און זײ זענען שױן צוזאַמען געגאַנגען אין קרעטשמע אַרײן, כּדי אױסצוטרינקען װעלכעס גלעזל און מיטצונעמען אַראַק אױף כּיבוד. יאַמבראָזשי איז שױן דאָרט געװען, און ער איז באַלד צוגעשטאַנען צו זײ, אָבער זײ האָבן ניש לאַנג געטרונקען, װאָרן מאַטשעי האָט זײ אונטערגעיאָגט.

— יעך על אױף ענק דאָ װאַרטן; ז'עלן אױסטרינקען, פאַרנעמטס די װײבער, און קומטס באַלד צולױפן — האָט ער זײ נאָכגערופן.

זײ זענען געגאַנגען מיט פעסטע טריט אינמיטן װעג, אַז ס'האָט זיך אַזש אַ בלאָטע געמאַכט; די פינסטערניש איז געדיכטער געװאָרן און האָט פאַרהילט די װעלט מיט אַ גרױען, אומעטיקן געװעב, אין װעלכן ס'גאַנצע דאָרף איז פאַרפאַלן געװאָרן, נאָר װו-נישט-װו האָבן אָנגעהױבן פון דער פינסטערניש אַרױסצובלישטשען פײַערלעך פון די כאַטעס און די הינט האָבן זיך צעבילן אין די הײך, װי געװײנטלעך פאַרן נאַכט-עסן.

— קומיע? — האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אָנגערופן דער וואָיט.

— הע?

— ס׳זעט מיר אויס, אַ׳ באַרינע עט פּראָווען אַ פּיין חתונהקעלע.

— ר׳עט פּראָווען אָדער ר׳עט נישט פּראָווען! — האָט ער צערייצט אָפּגעענטפערט, וואָרן ר׳איז געווען אַ מרוק.

— ר׳עט פּראָווען! דע וואָיט זאָגט עס ענק, זאָלט עץ גלייבן. יעך בין שוין אין דעם. מ׳עט אויסריכטעווען פון זיי אַ פּאָר אַז אָזש — האָ!

— די קלאַטש עט באַלד פול ווערן, וואָרן דער אָגיער, זעט זיך מיר אויס, אָט קאָנאָפּיעס אין ווײַדל!

— נישט אונדזער עסק דאָס.

— אַוודאי... די קינדער עלן אונדז פאַרשעלטן...

— ס׳עט זיין גאַלאַנט, יעך, וואָיט, זאָג עס ענק.

זיי זענען באַלד אַרײַנגעגאַנגען אין דער דאָמיניקאָוואַס כאַלופּע.

אין שטוב איז געווען ליכטיק, צוגעקערט, ריין — זיי האָבן זיך דאָך געריכט אויף זיי.

די שדכנים האָבן גאָט געלויבט, באַגריסט זיך כסדר מיט אַלע, וואָרן אויך די שקצים זענען געזעסן אין שטוב, זיי האָבן זיך אָנידערגעזעצט אויף בענקלעך, צוגערוקטע צום קוימען, און אָנגעהויבן רעדן דאָ פון דעם, דאָ פון יענעם.

— איי איז אַ קעלט, ווי ס׳וואָלט שוין גענומען אויף אַ פּראָסט — האָט דער וואָיט אָנגעהויבן, וואַרעמענדיק זיך די הענט.

— ס׳גייט דעך ניש צו וויאָסנע, אי דעריבער קאָ וואונדער ניש!

— צ׳האָט שוין אָפּגעפּירט ס׳קרויט, האָ?

— אי... ס׳אי דאָרט איבערגעבליבן אויפן קרויט-פעלד אַ

דזשעבלע, אָבער אַציגד קען מע ניש צו פאָרן — האָט די אַל־ע רויק געענטפערט און מיט די אויגן נאָכגעגאַנגען יאַגנען, וואָס האָט אונטערן פענסטער געוויקלט אין טאָפּעל־פּעדים אויפן שפּוליער, און איז געווען הייבט אַזוי שיין, אַז דער וואַיט, וואָס איז געווען נאָך אַ יונגער פויער, האָט אויך געקוקט אויף איר מיט אַ פּאָר גלוסטיקע אויגן — אָבער ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן:

— אַז ס'איז אין דרויסן אַ גאָס, אַ בלאָטע און אַ פינסטער־ניש, האָ' מיר איין וועגס אָפּגעטרעטן מיט שימאָנען צון אייך; צ'האָט אונדז ווירדיק אויפגענומען, מכבד געווען מיט אַ גוט וואָרט — עמיר כיבע באַן ענק עפּעס אויסהאַנדלען, מוטער...

— מע קען אויך ערגעץ אַנדערש עפּעס אויסהאַנדלען, מע דאַרף נאָר אַ זוך טון...

— צ'האָט אמת געזאָגט, מוטער, נאָ צו וואָס טויג אונדז דאָס זוכן, ווען ס'עט זיך אונדז אויס באַן אייך ס'בעסטע צו גע־פינען.

— האַנדלטס — האָט זי פריילעך אויסגערופן.

— די יאַלאָווקע וואָטן מיר למשל געוואָלט אַ האַנדל טון.

— האָ, האָ! זי קאָסט טייער; נישט אויף קאַ ליאַדע שטריקל עט עץ זי אַוועקפירן!

— פון געהייליקטן זילבער אָמיר אַ שטריקל, און פון אַזעלכן, עט אפילו קאַ שד זיך ניש אָפּרייסן... נו, איפל, מו־טער? — און ר'האָט אָנגעהויבן אַרויסציִען אַ פלעשל פון דער קעשענע...

— איפל? ס'אי ניש גרינג דאָס אַרויסצוזאָגן? אַ יונגעטש־קע, די ניינצענטע וויאָסנע גייט איר ערשט, אַ גוטע און אַן אַר־בעטס־מויד, אַ' זי וואָ נאָך געקענט אַ פאָר יאָר בא דער מאַמען בלייבן...

— ז'עט מאָגער ווערן — וואָרן זי קעלבט זיך נישט, ז'עט מאָגער ווערן...

— פאַר טייל איז דאָס, אפילו באַ דע מוטער זייענדיק, נישט קאַ שווער עסק! — האָט שימאָן אַ שעפּטשע געטון.

דער וואַיט האָט זיך הויך צעלאַכט, און די אַלטע האָט נאָר אַ פינקל געטון מיט די אויג: און גיך אויסגערופן:

— זוכטס ענק אַן אַנדערע, מיינע קען וואַרטן.

— אוודאי קען זי, אָבער אונדז עמיר ניש געפינען קאַ שענערע און באַ קאַ בעסערער מוטער.

— אַזוי זאָגט עטץ...

— יעך וואַיט, זאָג ענק דאָס, איז זאָט עץ גלייבן... — ר׳האָט אַרויסגענומען אַ גלעזל, אויסגעווישט עס מיט דער פאָלע פון דער קאַפּאָטע, אָנגעגאָסן אַראַק און ערנסט אויסגערופן:

— הערט אויס, דאָמיניקאָוואַ, מיט קאָפּ; יעך בין אַ רעגי־רונגס־מענטש און מיין וואָרט אי דיר נישט דאָרט עפּעס קאַ פּיי־געלע, וואָס גיט זיך אַ פּישטש און אַ פלי אַוועק און אַ כּייג עסטו עס שוין מער זען! שימאָן — ווייסט מען אויך, ווער ער איז פאַר איינער — ניש קאַ לופטנשפּרונגער עפּעס, נאָ אַ באַלעבאָס, אַ טאַ־טע פון קינדער און אַ סאָלטיס!... מיאַרקירטס ענק נאָ, וואָס פאַר אַ פערזאָנען צו ענק זענען געקומען, און מיט וואָס, מיאַרקירטס ענק!

— טאַטש כ׳וויס, פּיעטער, און ס׳איז פאַר מיר אַ כבוד.

— צ׳זענט אַ קלוג מענטש, איז ווייסט עץ דאָס אויך, אַז פריִער צי שפּעטער, און יאַגוש מוז אַוועקגיין פון שטוב אויף איר אייגנס, אַזוי אָט שוין דע פאַן יעזוס באַשטימט, אַז די טאַטעס האָדעווען אויף די קינדער פאַ דע וועלט, ניש פאַ זיך.

— אוי אמת, אמת, מאַמע דו —

צאַצקע, קעם און היט,
און צאָל נאָך צו דו ווען —
מ׳זאָל פון שטוב זי נעמען...

— אזוי איז שוין אויף דער וועלט, עסט נישט אַנדערש מאַכן, מ'עט כיבע עפּעס אויסטרינקען, מאַמע?

— יעך ווייס?... נייטן על איך זי ניש, נו, יאָגוש, עסט צוריק טרינקען?...

— אי... יעך ווייס דאָרט. — האָט זי אַ פּישטש געטון, אַפּ־קערנדיק צום פענסטער דאָס פאַרויטלטע פּנים.

— אַ געהאַרכזאַמע! אַ שטיל קעלבל זייגט באַ צווי מו־טערס... — האָט שימאָן ערנסט צוגעוואָרפן.

— ס'איז אין ענקערע הענט, מאַמע!

— טרינקטס געזונטערהייט, אָבער צ'האָט דעך נאָך נישט געזאָגט, ווער דאָס איז פאַר איינער? — האָט זי אַ זאָג געטון, וואָ־רים ס'אי ניש געווען דער שטייגער צו וויסן פרי׳ער, ניש פון די שדכנים.

— ווער? ס'הייסט באַרינע אַליין! — האָט ער אויסגעשריגן, איבערדרייענדיק דאָס גלעזל.

— אַן אַלטער! אַן אַלמן! — האָט זי אויסגערופן כּלומרשט מיט אַנטוישונג.

— אַן אַלטער! דערצערנטס נישט גאָט! אַן אַלטער, און ר'האָט דאָ ערשט נישט לאַנג נאָך געהאַט אַ סאַנד וועגן אַ קינד!

— אמת, ס'איז דעך אָבער ניש געווען זיין.

— ווי דען, אַזאַ באַלעבאָס וואָט ער זיך אַריינגעלאָזט דאָר מיט דער ערשטער בּ׳סטער! טרינקטס, מאַמע.

— אויסטרינקען, וואָט איך אויסגעטרונקען, נאָר ס'אי דעך אַן אַלמן, און אַן אַלטן אי דעך נענטער צו אברהמן אויף ביער, און דערנאָך וואָס?... די קינדער על׳ן די שטיפמוטער אַרויסשיקן און...

— ז'האָבן געזאָגט מאַטשעי, אַז אַן אָפּשרייבן עט זיך גאָר־ניש אָנהייבן. — האָט שימאָן אַ מרוק געטון.

— פאַרן שלוּב כיבע!

די שדכנים זענען אַנטשוויגן געוואָרן, שרשט נאָך אַ ווײַלע

האָט דער וואָיט אָנגעגאָסן אַ פריש גלעזל און געוועגדט זיך דערמיט צו יאַגנען.

— טרינק אויס, יאַגוש, טרינק אויס, מע דעראַיעט דיר א פויער, ווי אַ דעבב, עסט דיר זיין אַ פריצהטע און אַ באַלעבאָסטע איינע אויפן גאַנצן דאָרף, נו, ס׳אי דעך אין דיינע הענט, יאַגוש, שעם דיך ניש...

זי האָט זיך געוואַקלט, איז רויט געוואָרן, אויסגעדרייט זיך צו דער וואַנט, נאָר צום סוף, פאַרשטעל־דיק זיך מיט דער פאַטשיילע דאָס פנים, דאָך אָפגעטרונקען אַ דזשעבלע און די רעשט אויף דער פאָדלאָגע אויסגעגאָסן...

דאַן איז דאָס גלעזל אַרומגעגאַנגען כסדר אַלע. די אַלטע האָט דערלאַנגט ברויט, זאַלץ, און צום סוף אויך געוועגדזלטע טרוקענע קעלבאסע צו פאַרבייסן.

ז׳האָבן עטלעכע מאָל איין מאָל נאָכן אַנדערן אויסגעטרונקען, אַזש די אויגן האָבן זיך באַ אַלע צעשטראַלט און די צוונגען האָבן זיך אויפגעבונדן. איין יאַגנע נאָר איז אַנטלאָפן אין קאַמער אַריין, מ׳האָט אפילו נישט געוווסט פאַרוואָס, ס׳האָט זי עפּעס אַ געוויין אָנגעכאַפּט, אַז מ׳האָט אַזש געהערט דורך דער וואַנט דאָס כליפען.

די אַלטע האָט געוואָלט אַריינלויפן צו איר, אָבער דער וואָיט האָט זי פאַרהאַלטן.

— אַ קאַלב בעטשעט אויך, אַ׳ מ׳נעמט עס צו פון דער מוטער... ס׳אַ געוויינטלעכע זאַך דאָס. זי גייט דעך ניש אין דער וועלט אַריין, און ניש אין קאַן אַנדער דאָרף אַריין... ס׳עט איר קאַ שום שלעכטס נישט געשען, יעך, וואָיט, זאָג ענק דאָס — זאַט עץ גלייבן...

— אוודאי... נאָ כ׳אָמ׳ר שטענדיק געטראַכט, כ׳על אייניקלעך דערלעבן אויף דער עלטער...

— אָטס ניש קאַ צרות, דער שניט עט זיך נאָך ניש האָבן אָנגעהויבן, און ס׳ערשטע עט שוין זיין...

— נאָ דע פאַן יעזוס קען וויסן פריִער, ניש מיר זינדיקע! מ׳אָמיר אויסגעטרונקען, אמת... און מיר איז עפּעס אַזוי טרויע־ריק אויפן האַרץ, ווי אויף אַ באַגרעבעניש...

— און ס׳אי ניש קאַ ווונדער, אַן איין־און־איינציקע אין דער היים, איז בענקט עץ שוין נאָך איר... נאָך אַ דזשעבלע, די זאָרג צו פאַרטרייבן! צ׳ווייסט, ע׳מיר אַלע גיין אין קרעטשמע אַריין, וואָרן ס׳האָט מיר שוין אויסגעפעלט בראָנפן, און אויך וואַרט דאָרט דער חתן, ווי אויף הייסע קוילן.

— אין קרעטשמע עמיר דאָס פראַווען די תנאים?

— לויטן אַלטן מנהג, ווי אונדזערע טאַטעס אָבן געטון, יעך, וואָיט, אָ׳ דאָס ענק געזאָגט — זאָט עץ גלייבן.

די ווייבער האָן זיך אַ דזשעבלע יומטובדיקער איבערגעטון און אַלע זענען שנעל אַרויסגעגאַנגען.

— און די יינגלעך עלן בלייבן? דער שוועסטערס תנאים אי פאַ זיי אויך אַ פרייד — האָט דער וואָיט באַמערקט. וואָרן די פּאַראָבקעס האָבן רחמנותדיקע מינעס געהאַט און האָבן אַלע מאָל אַ קוק געטאָן אומרויִק אויף דער מוטער.

— ס׳אי שווער אַזוי אויף גאָטס באַראָט די שטוב איבער־צולאָזן.

— נו, רופטס אַהער אַגאַטען פון׳די קלענבּיס, עט זי אַכטונג טון.

— אַגאַטע איז שוין אַוועק אויפן בעטל. מ׳עט אויפן וועג עמעצן אַריינרופן. קומטס יענדרזשיק, און דו שמעק, און נעמטס די קאַפּאָטעס; וואָסי, ווי די דזשאַדעס ווילט עץ גיין... און לאָז זיך נאָר עמעצער פון ענק אָנשיכּורן... עט ער האָבן צו געדענ־קען. די קי זענען נאָך ניש געברענגט אין אָרדנונג, פאַר די חזירים דאַרף מען קאַרטאָפלעס צערייבן — צ׳לאָט עס געדענ־קען.

— מ׳געדענק מיר, מאַטוליו, מ׳געדענק מיר! — האָבן זיי ציטערנדיק געשעפּטשעט, כאָטש זאָס זענען שוין געווען שקצים

ביז אונטערן פּאָלאָפּ אַרונטער און צעוואַקסן, ווי די באַרן־בײמער אויף די מיעדזעס, אָבער זיי האָבן זיך געהאַרכט די מוטער, ווי די קליינע יינגלעך, וואָרים ז׳האָט זיי מיט אַן אײַזערנער האַנט באַ די קעפּ געהאַלטן, און אַ׳ ס׳איז געווען בייטיק, איז כאָטש אויפן טיש אַרויף, און צו די קודלעס דערלאַנגט, און איבער די פּיסקעס געפּלאַסקעט, און האָרכן האָט מען זיך געמוזט, און ס׳האָט געמוזט זיין דרך ארץ.

זיי זענען געגאַנגען אין קרעטשמע אַריין.

די נאַכט איז שוין געווען אַ פינסטערע, כאָטש נעם דיר אַן אויג אַרויס, ווי געווייבטלעך אין האַרבסטיקע מיאוסע נעכט. אַ ווינט האָט געבלאָזן פונדערהייך און געהאַקט איבער די ביימער־שפּיצן, אַז זיי האָבן זיך כסדר געשאָקלט און אַזש אומגעלייגט מיט גערויש אויף די פּלעטער; דער סטאַוו האָט געברומט און אַזוי זיך געוואָרפן, אַז די שפּריצן, וואָס זענען צעשלאָגן געוואָרן אויף שוים, זענען אַזש אויפן מיטן וועג אַרויסגעפאַלן און נישט זעלטן די פנימער פון די פאַרבייגייער אָפּגעשפּריצט.

אין קרעטשמע איז אויך נישט געווען ליכטיק, און דער ווינט האָט דורכן אויסגעהאַקטן שייבל געבלאָזן, אַזש דאָס לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שנירל איבערן בופעט, האָט זיך געוויגט הין און צוריק ווי אַ גאָלדענע בלום.

באַרינע האָט זיך אַ וואָרף געטון צו זיי באַגריסן זיי, און קושן, און אַרומכאַפּן זיך מיט היץ, וואָרן ר׳האָט ווי דערשפּירט, אַז יאַגנע איז שוין כמעט זיין.

— און פאַן יעזוס האָט געזאָגט: נעם דיר, וואָרעם, אַ ווייב, אַ ס׳זאָל דיר, אָרימער, נישט אומעטיק זיין אַליין, אָמן! — האָט יאַמבראָזשי געבאַלעבאָטשעט, נאָר וייל ער האָט מער ווי אַ שעה געהאַלטן אין איין טרינקען, איז פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אין דער צונג און אין די פיס שוין שטאַרק נישט געווען.

באַלד האָט טאַקע דער ייד אַרויפגעשטעלט אויפן בופעט

אַראַק, אי זיסן, אי עסענציע, און צו דעם צו נאָך הערינג, פּלאַצעק מיט זאַפּערן און עפּעס אַזעלכע ספּעציעלע חלהלעך מיט מאָן.

— עססט, טרינקטס, האַרציקע מענטשן, לייבלעכע ברידער, פרומע קריסטן! — האָט יאַמבראָזשי פאַרבעטן. — כ'האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ ווייב, נאָ כ'געדענק שוין לחלוטין נישט ווו... ס'עט מיר אויס, אַז אין פראַנקרייך... ניין, אין איטאַליען אי דאָס געווען, ניין... אָבער אַצינד בין איך געבליבן אַ יתום... כ'זאָג ענק, אַז וואָס אָן עלטסטער האָט אַ געשריי געטון: שליסטס!

— טרינקטס נאָ מענטשן! פּיעטער הייבט אָן — האָט אים באַרינע איבערגעריסן, ער האָט צוגעבּרענגט פאַר אַ גילדן קאַרמעל־קעס און האָט זיי אַריינגעשטופט יאַגושען אין דער גאַרשטש. — נאַדיר, יאַגוש, זיי זענען זיסיטשקע, נאַדיר.

— אוודאי... צ'מאַכט ענק היזק... — זי האָט אויפגע־ציטערט.

— אָ ניש קאַ מורא... כ'קען מיר דאָס פאַרגינען, עסט אַליין זען... נאַדיר... כ'וואָט שוין פאַ דיר אַפילו פון פייגל־מילך געשאַפט... ס'עט דיר שוין באַ מיר קאַ שום שלעכטס ניש געשען... און — ער האָט זי אָנגעהויבן אַרומנעמען אין דער העלפט און נייטן צום טרינקען און עסן. יאַגנע האָט אַלץ רויק אָנגענומען, קאַלט און גלייכגילטיק, גלייך נישט אירע תּנאים וואָלטן היינט פאַרגעקומען. נאָר איינס האָט זי אַ טראַכט געטון, צי עט ער, דער אַלטער, די קרעלן פאַרן שלוב איר געבן, די, וועגן וועלכע ער האָט אויפן יאַריד דערמאָנט.

— זיי האָבן אָנגעהויבן אָן אַ שיעור צו טרינקען איינס נאָכן אַנדערן, און אויף אַ צולאָג נאָך אַראַק מיט זיסן, און אַלע אינאיינעם האָבן אָנגעהויבן רעדן, אַפילו די דאָמיניקאָווע האָט זיך נישקשהדיק אָנגעטרונקען און געגומען אַנדערציילן פאַרשידנס, פראַווען אַזעלכע שטיק, אַזש דער וואָיט האָט זיך געוווּנדערט, וואָס זי איז אַזאַ קלוג מענטש.

די זין האָבן זיך אויך אָנגעשיכורט, וואָרן דאָ האָט יאַמ־

בראַזשי, דאָ דער וואַיט צו זיי אָן אַ שיעור געטרונקען און צוגעגעבן זיי חשק.

— טרינקטס, חברה, ס׳אי יאַגנעס תנאים, טרינקטס...

— מ׳געדענק מיר דאָס, מ׳געדענק מיר, — האָבן זיי איינענעם אָפּגעגעבטפערט און גענואַלט יאַמבראַזשין אין דער האַנט אַריין אַ קוש טון, ביז ענדלעך די דאָמיניקאָוואַ האָט אַוועקגעצויגן באַרינען אונטערן פענסטער-צו און באַלד אַרויס צון אים מיטן לשון.

— ס׳איז ענקער יאַגושיאַ׳ מאַטשעי, ענקער.

— לאָ גאָט ענק באַצאָלן פאַ דע טאָכטער. — ר׳האָט זי אַרומגעכאַפּט באַם האַלדז און געקושט.

— צ׳האָט צוגעזאָגט אָפּצושרייבן, האַ?

— אָפּשרייבן! וואָס דאַרף מע דאָס אָפּשרייבן, וואָס ס׳איז מיין, איז אויך איר...

— אוודאי, זי זאָל אַ פריי אויג האָבן פאַר די שטיפקינדער, זיי זאָלן איר ניש אויסרעדן!

— אַ זאַשע זיי צו מיינעם! אַלץ אי מיין — איז אַלץ אויך יאַגושעס.

— לאָ גאָט ענק באַצאָלן, אַבער מיאַרקירטס ענק נאָ, אַ׳ צ׳ענט אַ דזשעבלע עלטער, און אַזוי אוך אי דעך יעדער שטערבלעך, וואָרן —

דער טויט קלויבט נישט אויס:
היינט אַ מענטש — מאָרגן אַ שעפּס קען זיין;
אַלץ פאַלט גלייך צו אים אַריין...

— כ׳בין נאָך שטאַרק, אַ צוואָנציק יאָר על איך נאָך אויסהאַלטן — אָטס ניש קאַ מורא!

— „נישט-מוראן” האָבן די וועלף אויפגעגעסן.

— כ׳בין אַזוי צופרידן, אַ׳ צ׳זאָגט דאָס, וואָס צ׳ווילט! צ׳ווילט כ׳לאָז אָפּשרייבן די דריי מאָרגעס לעבן לוקאַשאָוועס.

— גוט איז פאַר דעם הונט אַ פליג, ווען ר'איז הונגעריק — אונדז זעמיר דאָרט נישט הונגעריק. אויף יאַגושען איז איבערגע-בליבן נאָכן פאָטער פינף — און אַן ע״ך פון אַ מאָרגע וואַלד... פאַרשרייבטס אויך זעקס; די זעקס מאָרגעס באַסוועג, ווו צ'האָט דעם הייעריקן זומער די קאַרטאָפליעס געגאַט.

— ס'בעסטע פעלד מיינס!

— ס'הייסט, און יאַגושקע איז אַן אויסקראַצעכץ און ניש די בעסטע אין דאָרף?

— נ'אוודאי, אַז ס'איז אַזוי, דעריבער האָט איך טאַקע גע-שיקט שדכנים, אָבער אום גאָטענעס ווילן — זעקס מ רגעס, ס'איז אַ שפּאָר שטיק פעלד. אַ גאַנץ באַלעבאַטישקייט, וואָס וואָטן די קינדער געזאָגט! — ער האָט זיך אָנגעהויבן קראַצן אין קאָפּ, וואָרן ס'האָט אים אַ ווייטיק אָנגעכאַפּט באַם האַרץ; וואָס הייסט, אַזוי פיל פעלד אַוועקגעבן, די בעסטע ערד!

— מיין ליבער, עץ זענט אויך קלוג, אַ מ'דאַרף זוכן אַזעלכן, צ'מיאַרקירט דעך אַליין, אַז דאָס פאַרשרייבן אי נאָ אַ פאַרזי-כערונג פאַרן מיידל. דעם דאָזיקן גרונט עט מע דעך ענק, כל זמן עץ לעבט, נישט אָפּמעסטן און ניש צונעמען — און וואָס ס'איז ווייטער יאַגושעס, וואָס קומט איר לויטן יושר נאָכן טאַטן אירן, עט מע באַלד אויף וויאָסנע אַ אָפּברענגען אַן אָמעטרע און ס'אי שוין ענקער, צ'קענט עס שוין פאַר.ייען... צ'מיאַרקירט דעך, אַ' דאָס אי פאַ ענק קיין עוולה, און די זעקס מאָרגעס עט עץ אָפּשרייבן.

— אוודאי, פאַ יאַגושען על איך אָפּשרייבן...

— ווען?

— אפילו מאָרגן כאָטש! נאַ, שבת עמיר לאָזן שוין אויס-רופן און עמיר באַלד פאָרן אין שטאָט אַריין. וואָס איז, איינמאָל שטאַרבט מען.

— יאַגוש, קום נאָ, טעכטערל, קום! — האָט זי אַ רוף גע-

טון דאָס מיידל, אין וועלכער דער וואָיט האָט עפּעס אַריינגערעדט און צוגעשטופּט צום בופעט, אַז זי האָט אַזש געלאַכט אויפן הויכן קול.

— אַט טאָסטו, יאַגוש, מאַטשעי פאַרשרייבן דיר די זעקס מאַרגעס באַם וועג — האָט זי געזאָגט.

— לאָז ענק גאָט באַצאָלן — האָט זי געשעפּטשעט, אויסשטרעקנדיק אים די האַנט.

— טרינקטס אויס צו יאַגנען פון דעם זיסעטשקען...

ז'האָבן אויסגעטרונקען, מאַטשעי האָט זי אַרומגענומען אין דער העלפט און זי צוגעפירט צו דער גראַמאַדע, אָבער ז'האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט און איז צוגעגאַנגען צו די ברידער, מיט וועלכע יאַמבראָזשי האָט איינגעטענהט, און האָט אויסגעטרונקען צו זיי.

אין קרעטשמע האָט זיך אויפגעהויבן וואָס אַמאָל אַ גרעסער גערויש און ס'זענען צוגעקומען מענטשן, וואָרן ווער ס'האָט דערהערט קולות, האָט ער אָפּגעטרעטן אַ קוק צו טון, און ווער ווידער ס'איז אַריינגעגאַנגען, כדי זיך באַ דער געלעגנהייט גלאַט אומזיסט אָנצוטרינקען; אפילו אַ בלינדער דזשאַד, וואָס אַ הונט האָט אים געפירט, האָט זיך אויך געפונען און איז געזעסן אויף אַ ליכטיקן אָרט, זיך צוגעהאָרכט, און כסדר געזאָגט פּאַטשערזש אויפן קול, ביז מ'האָט דערהערט, און די דאָמיניקאָווע אַליין האָט אים געגעבן בראָנפן, צוצובייסן און אַ פּאָר צווייערס אין דער גאָרשטש אַריין.

זיי האָבן שפּאָר אויסגעטרונקען אַזוי, אַז אַלע איינעם האָבן שוין גערעדט, אָנגענומען זיך באַ די אַקסלען און אַרומגעכאַפּט זיך, און זיך געקושט, און איינער דעם אַנדערן איז געווען אַ ברודער און אַ פריינט, ווי געוויינטלעך, אַ' מ'טרינקט שפּאָר אויס.

נאָר דער ייד האָט זיך שטיל אַרומגעפּאָרעט און געשטעלט

וואָס אַמאָל נייע קוואָרטן און פלעשער מיט ביער, און פאַרשריבן מיט קרייד אויף דער טיר, וואָס אייגער האָט געשטעלט.

און באָרינע איז געווען ווי פאַרטשאַדעט פון פרייד, ער האָט געטרונקען, מכבד געווען, פאַרבעטן, גערעדט, אַזוי ווי ס'האָט אים ווייניק וועך אַמאָל געהערט, און כסדר געשאַרט זיך צו יאַגושען, און זיסע רייד צון איר גערעדט, איבערן פנימל זי געגלעט, און ווייל ס'אי נישט פּאַסיק געווען אַזוי פאַ אַלעמען אַרומצוכאַפּן זי באַם האַלדז און קושן, כאָטש ס'האָט אים שרעקלעך געצויגן דער־צו, אַז ר'האָט אַזש אויסהאַלטן נישט געקענט, האָט ער זי דאָך אַרומגעכאַפּט אין דער העלפט און אין אַ פינסטערן ווינקל אַריין זי געצויגן.

די דאָמיניקאָוואַ האָט זיך פלינק ארומגעזען, אַז ס'אי שוין צייט אַהיים צו גיין, האָט זי אָנגעהויבן רופן די זינדלעך, זיי זאָלן זיך צונויפנעמען.

אָבער שימעק אי שוין געווען אָנגעשיכורט, האָט ער נאָר, אַלס ענטפער אויף דער מאַמעס רייד, אויף זיך דעם פּאַסיק פאַ־ריכט, מיט דער פויסט אַ זעץ געטון אין טיש און אויסגעשריגן:

— אַ באַלעבאָס בין איך, אין דע הינטישער מאַמען אַריין... וועמען, ווילט זיך לאָ גיין... כ'על וועלן טרינקען, על איך טרינ־קען... ייד, אָקעוויט.

— שטילער, שימעק, שטילער, וואָרן ז'עלן דיך אויספלאַס־קען! — האָט יענדרזשיק מיט טרערן געבעטן, ר'איז שוין אויך גע־ווען פעסט אָנגעשיכורט, און ער האָט דעם ברודער באַ דער קאַ־פּאָטע געצויגן.

— אַהיים יונגען, אַהיים! — האָט די דאָמיניקאָוואַ דראָענ־דיק געסיטשעט.

— אַ באַבאָעס בין איך! כע וועלן איבערבלייבן, על איך איבערבלייבן און אָקעוויט על איך טרינקען... גענוג שוין דער מאַמען געגירט... אַ ניש... על איך אַרויסטרייבן... אין דער הינטישער מאַמען אַריין...

אָבער די אַלטע האָט אים נאָר אַ זעץ געטאָן אין דער ברוסט אַריין, אַז ר'האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטון, און ער איז באַלד צו זיך געקומען, און יענדרזשיק האָט אים אָנגעטון דאָס היטל און אַרויסגעפירט אים אויפן וועג, אָבער די לופט האָט, ווייזט אויס, שימעקן נאָך מער צענומען, וואָרן אַז ר'איז אָפּגעגאַנ-גען נאָך עטלעכע טריט, האָט ער זיך געגעבן אַ קער אום, אָ־געכאַפּט זיך באַ אַ פּלאָט און אָנגעהויב: שרייען און וואָרטשען:

— אַ באַבאָעס בין איך, אין דע הינטישער מאַמען אַריין... דע גרונט אי מיין... מיין ווילן איז צו אַרבעטן... אָקעוויט על איך טרינקען... ייִד, אַראַק!... אַ' ניש... על איך אַרויס-טרייבן...

— שימעק, גאָט מיינער, שימעק, קום אַהיים, די מאַמע גיי-ען דעך! — האָט יענדרזשיק געבעטן און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

אין קורצן זענען שוין אונטערגעקומען די אַלטע מיט יאַג-נען און מיטגענומען די זין פון אונטערן פּלאָט אַפּער, וואָרן זיי האָבן זיך שוין געהאַט דאָרט אַ ביסל באַ די קעפּ געריסן און גע-טאָרגלט זיך אין דער בלאָטע.

און אין קרעטשמע איז נאָכן אַרויסגיין פון די ווייבער אַ ביסל שטילער געוואָרן, די מענטשן זענען זיך ביסלעכווייז פונאַנ-דערגעגאנגען, אַ ס'זענען נאָר איבערגעבליבן באָרינע מיט די שדכנים, יאַמבראָזשי און דער דזשאַד, וועלכער האָט שוין גלייך מיט אַלע געטרונקען.

יאַמבראָזשי איז געווען נישט באַם פולן זינען, ער איז געש א-נען אין מיטן שטוב, זיך אוטערגעזונגען, דאָ דערציילט עפּעס אויפן קול:

— אַ שוואַרצער איז ער געוועץ... ווי דער דאַזיקער סאַ-גאַן*) איז ער געווען שוואַרץ... ר'האָט זיך אַ לאָז געטון צו

*) אַ גרויסער טאָפּ.

מיר... אָבער עסט מיר טרעפן ווו... כ׳אָבן אַריינגעשטאָכן דעם באַגנעט אין קאַלדון אַריין... כ׳אָב אַ דריי געטון, אַז ס׳האָט נאָ געטון אַ כריפּע... דער ערשטער!... שטיי מיר... שטיי מיר, און דאָ גיט זיך דע נאַטשעלניק אַ לאָז... יעזוס קריסטוס! דע נאַטשעלניק אַליין!... ייִנגלעך.... זאָגט ער... פאַלק... זאָגט ער...

— שליסטס!... שליסטס!... — האָט ער אויסגעשריגן מיט אַן אומגעהייערער הויכער שטימע. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַ סטרונע, זיך צוריקגערוקט פּאַמעלעך, אַזוי, אַז דער הילצער-נער פוס האָט אים נאָכגעקלאַפּט, — טרינקטס צו מיר, פּיעטער, טרינקטס... כ׳בין אַ יתום... — האָט ער געבאַלעגאָטשעט נישט דייטלעך פון אונטער דער וואַנט אַפּער, אָבער ער האָט זיך נישט דערוואַרט, וואָרן ער האָט זיך פלוצלינג אַ כאַפּ געטון און איז אַרויס פון קרעטשמע — און עס האָט זיך געטראָגן זיין כראַפּעני-דיקע, זינגענדיקע שטימע.

און אין קרעטשמע איז אַריינגעקומען דער מילנער, אַן אום-געהייערער פויער, אָנגעטון שטאָטיש, מיט אַ רויט פּנים, אַ גרויער און מיט קליינע שאַרפע אייגעלעך.

— צ׳טרינקט ענק, באַלעבאַטים! האָ, האָ, און דע וואָיט, און דע סאָלטיס, און באָרינע! אַ חתונה, צי וואָס?

— ניש עפּעס אַנדערש! טרינקטס אויס מיט אונדז, פּאַניע מילנער, טרינקטס אויס — האָט באָרינע פאָרגעלייגט.

ז׳האָבן ווידער כּסדר איינער נאָכן אַנדערן אויסגע-טרונקען.

— אַ׳ צ׳זענט אַזעלכע, על איך ענק דערציילן אַ נייעס, אַ׳ צ׳עטס ענק אויסניכטערן!

זיי האָבן אויסגעטרעשטשעט אויף אים די צעמישטע אויגן.

* בויך.

— ס׳אי ניש קאַ שעה נאָך, ווי דע פריץ אָט ערשט פאַר־קױפּט אַ שטיק וואַלד אויף די וואָלפן־גריבער!

— אַזאַ היצעל, אַ געמיינער הונט! ר׳האָט פאַר־קױפּט, אונ־דזער שטיק וואַלד אָט ער פאַרקױפּט! — האָט באַרינע אויסגע־שריגן און צעמישט אַ זעץ געטון מיט אַ פלאַש אָן דער ערד.

— ר׳האָט פאַרקױפּט! ס׳אי דאָ אַ געזעץ אַפילו אויף אַ פריץ און אויף יעדן איינציקן, ס׳אי דאָ אַ געזעץ... — האָט דער שיכורער שימאָן געבאַלעגאָטשעט.

— ס׳אי נישט אמת! יעך וואָיט זאָג עס ענק, אַ׳ ס׳אי ניש אמת, זאָט עץ גלייבן!

— ר׳האָט פאַרקױפּט, אָבער נעמען עמע ניש לאָזן, ווי גאָט איז אין הימל, מ׳עמיר ניש לאָזן! — האָט באַרינע אויסגערופן און געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש...

דער מילנער איז אַוועקגעגאַנגען, און זיי האָבן נאָך לאַנג ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין זיך געעצהט און געדראַט דעם הויף.

IX

ס׳זענען אָפּגעלאָפֿן אַ פּאָר טעג נאָך יאַגושעס תּנאָים.

די רעגנס האָבן אויפגעהערט, די וועגן זענען אָפּגערונען און האָבן זיך עטוואָס צוגעטרוקנט, די וואַסערן זענען אָפּגעפלאָסן, אַז נאָר אין די אַקער-גראָבנס און ערגעץ-ווו אין די נידעריקע ערטער אויף די זומפּן, האָבן זיך געגרויט מאָנטנע קאַלוזשעס — ווי פאַרוויינטע אויגן...

ס׳איז אָנגעקומען דער טאָג פון מזכיר נשמות זיין, אַ גרויער, אָנזוניקער און טויטער, אַז אפילו קאַ ווינט האָט נישט קיין שאַר געטון די אָפּגעדאַרטע באַדעליעס, נישט באַוועגט די ביימער, וואָס זענען געשטאַנען שווער איבער דער ערד איינגעבויגן...

אַ ווייטיקלעכע, טויבע שטילקייט האָט די וועלט צוגעדריקט.

און אין ליפּצע האָבן שוין פון דער פרי אָן די גלאָקן געקלונגען פאַמעלעך און אומאויפהערלעך — און די טרויעריקע, צעוויטיקטע קלאַנגען האָבן אָפּגעקרעכצט איבער די פאַרנעפּלטעליידיקע פעלדער; מיט אַ מרה שחורהדיקער שטים פון טרויער האָבן זיי גערופן אין דעם דאָזיקן אומעטיקן טאָג — אין דעם טאָג, וואָס איז אויפגעשטאַנען אַ בלאַסער, אַן איינגעטוליעטער איז

די נעפּלען, וואָס האָבן זיך אַוועקגעצויגן אַזש ביז די פּאַרפּאַלענע ווייטקייטן, אַזש ביז דעם אין סוף פון הימל און ערד, אַ בלויע, ענלעכע צו אַ מבול, וואָס האָט די גאַנצע וועלט אַרומגענומען.

פון הינטער דער הימל־רויטקייט אויף מזרח־זייט, וואָס האָט נאָך בלאַס געגליט, ווי דאָס קופּער, וואָס קילט זיך אָפּ, און פון אונטער די בלויע וואָלקנס, האָבן אָנגעהויבן זיך אָנצוטראָגן טשאַטעס קראָען און קאַווקעס...

זיי זענען געפלויגן הויך, הויך, אַז מ'האָט זיי קוים מיטן אויג געקענט אונטערשיידן, און קוים מיטן אויער געקענט דערכאַפּן דאָס ווילדע, טרויעריקע גערויש פון דעם קראַקען, וואָס איז ענלעך געווען צו די זיפצן פון די האַרבסטיקע נעכט...

און די גלאָקן האָבן כסדר געקלונגען.

אַ מרהשחורהדיקער הימן האָט זיך שווער צעגאָסן אין דער טויטער, פּאַרטויבטער לופט. ער איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ זיפצן אויף די פעלדער, האָט מיט אַ טרויעריקייט געראַוישט איבער די דערפער און וועלדער — ער איז געפלאָסן דורך דער גאַנצער וועלט, אַזוי, אַז מענטשן, און פעלדער, און דערפער, האָט זיך געדאַכט, זענען געוואָרן איינס — אַ גרויס קלאַפּנדיק האַרץ מיט אַ טרויעריקן באַקלאָגן זיך...

פייגל האָבן כסדר אַרומגעשוועבט, אַז אַ באַוווּנדערונג און שרעק האָבן אַרומגענומען, וואָרים זיי זענען געפלויגן וואָס אַמאָל נידעריקער, און וואָס אַמאָל אין גרעסערע טשאַטעס, אַז דער הימל איז אַזש באַדעקט געוואָרן, ווי מ'וואָלט אים מיט סאַדזעס אויסגעשיט, און דאָס טויבע גערויש פון די פליגל און פון דעם קראַקען האָט זיך געשטאַרקט, איז אַלץ ריזיקער געוואָרן און האָט גערוישט, ווי אַ שטורם וואָלט זיך דערנענטערט... זיי זענען געפלויגן איבערן דאָרף, ווי אַ קופּע בלעטער פון ווינט אויפגעהויבן, האָבן זיך איבער די פעלדער געדרייט, אַראָפּגעפאַלן אויף די וועלדער, אָנגעהאָנגען זיך אויף די נאַקעטע טאָפּאָלן, באַזעצט זיך אויף די ליפּעס באַם קלויסטער, אויף דיביימער אויפן צמענטאַרזש,

אין די סעדער, אויף די מיט ליים אויסגעשמירטע דעכער פון די כאַלופּעס, אַפילו אויף די פּלעטער... ביז זיי האָבן זיך, איבערגעשראָקענע פון דעם אומאויפהערלעכן קלינגען פון די גלאָקן, אָפּגעריסן און ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, געפלויגן צו די וועלדער... און אַ שאַרף, דורכדרינגלעך גערויש האָט זיי נאָכגעשוועבט.

—אַ שווערער ווינטער עט זיין — האָבן מענטשן געזאָגט.

— אין די וועלדער אַריין ציִען זיי, אָן שום ספק, ס'עמע שנייען אינגיכן אַראָפּפאַלן

— און מ'איז אַרויסגעקומען פאַר די כאַלופּעס — וואָס אַמאָל אַ גרעסערער עולם — וואָרים מ'האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי פיל פייגל צוזאַמען — מ'האָט לאַנג געקוקט, מיט אַ מאָדנער אומעטיקייט, ביז זיי זענען פאַרשווונדן געוואָרן אין די וועלדער. מ'האָט געקוקט, שווער אָפּגעזיפצט, ווער ס'האָט אַ צייכן פון אַ צלם איבערן שטערן געמאַכט, כדי צו פאַרהיטן זיך פאַר דעם שלעכטס, און מ'האָט זיך אָנגעהויבן אָנטון אין קלויסטער אַריין און אַרויסגיין, וואָרים די גלאָקן האָבן כסדר אַלץ טויב געקרעכצט. און אויך פון אַנדערע דערפער זענען שוין מענטשן נעגאַנגען מיט די וועגן, ז'האָבן געשימערט אין די נעפּלען, איבער די סטעזשקעס און שמאָלע וועגלעך.

אַ דורכנעמענדיקע אומעטיקייט איז געפאַלן אויף אַלעמענס נשמות; עפּעס אַן אויסטערליש ווייטיקלעכע שטילקייט, האָט די הערצער אַרומגעוועבט — אַ שטילקייט פון טרויעריקע דערינערונגען, און די זכרונות פון די, וואָס זענען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען דאָרט אַהין, אונטער די אַראָפּגעהאָנגענע צווייגן פון די בזשאָזעס, אונטער די שוואַרצע איינגעבויגענע צלמים...

— יעזוס דו האַרציקער מייַנער! מיין יעזוס! — האָבן זיי אָפּגעזיפצט און אויפגעהויבן די פּנימער, די גרויע, ווי די ערד, און פאַרזונקען די אויגן, די שטילע, אין דעם געהיימניש, און געגאַנגען רויק אָפּגעבן די געשאַנקען און די תפילות פאַר די געשט רבענע.

דאָס דאָרף איז ווי פֿאַרזונקען געווען אין אַ שווערער, טרויעריקער שטילקייט — נאָר די צעשראָקענע, בעטנדיקע געזאַנגען פֿון די דזשאַדעס פֿון היינטערן קלויסטער אַפֿער, האָבן זיך פֿון צייט-צו-צייט געהערט.

אויך בײַ די באַרינעס איז שטילער געווען, ווי געוויינטלעך — כאָטש דאָרט אינעווייניק איז געווען אַ באַהאַלטן גיהנום, וואָס איז גרייט געווען פֿאַר אַ ליאַדע שפּעס אַרויסצופּלאַצן...

ווי דען... די קינדער האָבן שוין פֿון אַלעם גע-ווּוסט.

און נעכטן, און זונטיק איז שוין געווען דאָס ערשטע אויסרופֿן אין קלויסטער וועגן אַלטן מיט יאַגושען...

שבת זענען זיי געהאַט געפֿאָרן אין שטאָט אַריין, ווו באַרינע האָט בײַם ראַיענט*) אָפּגעשריבן זעקס מאָרגעס יאַגושען... ער האָט זיך אומגעקערט שפּעט און מיט אַ צעדראָפּעט פּנים, ווייל אַזוי ווי ער איז געווען אַ קאָפּ אָנגעשיכורט, האָט ער שוין אויפֿן וואָגן געוואָלט נעמען יאַגנען, נאָר ער האָט גענומען אַזוי פֿיל, וואָס מ׳האָט אים מיט דער פֿויסט און מיט די נעגל גע-געבן.

און אין דער היים האָט ער מיט קיינעם גאָרנישט גערעדט, כאָטש אַנטעק האָט זיך אים כּסדר געדרייט פֿאַר די אויגן, נאָר זיך באַלד געלייגט שלאָפֿן אַזוי ווי ר׳איז געשטאַנען און געגאַנגען, מיט די שטיוול און מיטן פּעלץ... אַזש יוזשאַ האָט אין דער פֿרי אָנגעהויבן וואָרטשען אויף אים, אַז ער האָט דאָס בעט-געוואַנט מיט בלאָטע אויסגעשמירט.

— שטילער, יוזשאַ, שטילער! — אַזאַ זאַך טרעפֿסטו אַמאָל אויך מיט אַזעלכן, וואָס טרינקט קיינמאָל קיין בראָנפֿן נישט... — האָט ער פֿריילעך אַ זאָג געטון און איז באַלד אין דער פֿרי

---

*) נאָטאַריוש.

אַוועקגעגאַנגען צו יאַגנען און שוין דאָרט געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין; אַז מ׳האָט אומזיסט געוואַרט אויף אים מיטן מיטאָג און מיט דער וועטשערע.

און היינט איז ער אויפגעשטאַנען שפּעט, שוין געווען אַ שטיק נאָך זון־אויפגאַנג; אין דער בעסטער קאַפּאָטע זיך אָנגעטון, די יום־טובדיקע שטיוול האָט ער וויטעקן געהייסן זיך מיט חזיר־שמאַלץ אויסשמירן און נייע וויעכעטשעס שטרוי צושניידן — קובאַ האָט אים אָפּגעגאָלט, און ער האָט זיך אַרומגענומען מיטן פּאַסעק. אָנגעטון דעם קאַפּעלוש און אַרויסגעקוקט אומגעדולדיק דורכן פענסטער אויפן גאַנעק. האַנקע האָט דאָרט דאָס שגצל געזוכט און ער האָט זיך נישט געוואָלט זען מיט איר. ווען ער האָט שוין באַמערקט, אַז זי איז צוריינגעגאַנגען אויף אַ רגע אין שטוב אַריין, האָט ער זיך בגנבה אַרויסגערוקט פון הויף — און אַזוי פיל האָבן זיי אים שוין דעם גאַנצן טאָג אָנגעזען...

יוזקאַ האָט אַ גאַנצן טאָג געוויינט און זיך אַרומגעפּאָרעט איבער דער שטוב, ווי אַ געפאַנגענער פויגל! אַנטעקן ווידער האָט אַרומגעכאַפּט וואָס ווייטער אַלץ אַ ווייטיקלעכערע און שרעקלעכערע פּיין — נישט ער האָט געגעסן, נישט ער איז געשלאָפן, נישט ער האָט זיך געקענט פאַרנעמען מיט עפּעס; ער איז געווען, ווי פאַרטויבט, לחלוטין נישט באַם פולן זינען און נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. דאָס פּנים איז אים שוואַרץ געוואָרן, אַז די אויגן זענען אים אַזש גרעסער געוואָרן און האָבן גלאָזיק געפלאַקערט, ווי מיט טרערן פאַרשטיינערט — ער האָט פאַרהאַקט די ציין, ער זאָל אויפן קול נישט אַרויסשרייען, און נישט שעלטן. און איז כסדר אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, דאָ איבערן הויף, דאָ איז ער אויף יענער זייט הויף אַרויסגעגאַנגען, אויפן וועג אַרויס, און זיך אומגעקערט, אַנידערגעפאַלן אויפן גאַנעק אויף אַ באַנק און אָפּגעזעסן אַזוי שעהן, פאַרקוקט פאַר זיך און פאַרזונקען אין דער ווייטיק, וואָס איז נאָך אַלץ געוואַקסן אין אים און געשטאַרקט זיך.

דאָס הויז איז פאַרטויבט געוואָרן, נאָר געוויינען האָבן זיך דאָרט געהערט, און זיפצן, ווי נאָך עמעצנס אַ באַגרעבעניש. די טירן אין די שטאַלן און כליוועס אַריין זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלט. דער אינוועטאַר איז אַרומגעקראָכן איבערן סאַד, האָט אַריינגעקוקט אין פענסטער, און ס׳האָט נישט געהאַט ווער ס׳זאָל עפעס אַריינטרייבן, נאָר בלויז, וואָס דער אַלטער לאַפּאַ האָט אַ ביסל געטון אויף זיי און פאַרטריבן, אָבער אומזיסט, וואָרן ר׳האָט זיך נישט געקענט קאָן עצה געבן.

אין שטאַל האָט קובאַ געפוצט די ביקס אויפן טאַפּטשאַן און וויטעק האָט מיט פאַרוווּנדערונג זיך צוגעקוקט צו דעם און אַלע מאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענסטערל. ס׳זאָל זיי קיינער נישט דערווישן...

— ס׳האָט אַ זעץ געטון, אַז יעזוס! — כ׳אָ געמיינט, אַ׳ דע פריץ אָדער דע גאַיאָווע שיסן...

— אוודאי... ס׳דען... כ׳אָ שוין לאַנג ניש געשאָסן, כ׳אָ פעסט אָנגעשטאָפּט, און ס׳האָט אַ זעץ געטון, ווי פון אַ האַרמאַט...

— אי זענט עך באַלד אין אָוונט געגאַנגען?...

— יאָ, כ׳בין געגאַנגען אויף די הויפישע, הינטערן וואַלד, וואָרן דאָרט אויף דע ווינטער-תבואה האָבן די קאָזעס ליב אַרויסצוקומען... אַ פינסטערניש אי געווען, איז בין איך לאַנג געזעסן.. אַזש ערשט ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, גייט אַ הערש... כ׳אָ מיך אַזוי צוגעצאַיעט, אַ׳ ר׳אי נאָ געווען פון מיר אַ ..ינף טריט... אי טראַכט איך מיר... כ׳על מיר קאָן עצה ניש געבן...
כ׳האָבן אַדורכגעלאָזט... און אין אַ רגע צי צוויי אַרום... זענען לאַניעס אַרויסגעקומען... כ׳אָ מיר אויסגעקליבן די בעסטע... כ׳אָ נאָ צוגעלייגט, ווי ס׳גיט ניש קאַ זעץ! כ׳אָ פעסט אָנגעשטאָפּט, באַ, ס׳אי מיר אַזש דע אָרעם געשוואָלן געוואָרן, אַזוי האָב איך געקריגן מיט דער ביקס... אָבער זי האָט האָט זיך געגעבן אַ צי אויס... אַ׳ ז׳האָט נאָ געקאָפּעט מיט די פיס... נאָ ווי דען...

אפשר אַ האַלבע גאָרשטש שרויט האָט זי נעקריגן אין דע זייט אַריין... און געבעטשעט אָט זי, יוכע... אַזשיק כ׳אָ מורא גע־קריגן, אַ׳ דע גאַיאָווע לאָ ניש דערהערן, אָב איך זי געמוזט צע־שניידן...

— אין וואַלד אי זי איבערגעבליבן, האַ? — האָט דאָס שגצל אַ צעהיצטער פון דער דערציילונג געפרעגט.

— ווו ז׳אי געבליבן, אי זי געבליבן, ניש דיין עסק, און דו זאָג נאָ ווען אַ וואָרט כאָטש, עסטו זען וואָס כ׳על דיר טון...

— אַ׳ צ׳זאָגט אָן, איז על איך ניש זאָגן, און יוזשען מעג מע?

— אַוודאי, ס׳גאַנצע דאָרף וואָט באַלד געוווּסט. נאַדיר אַ צענערל, קויף דיר עפעס...

— כ׳על ניש זאָגן אַזוי אויך, נאָ נעמטס מיך מיט ווען־ס׳איז מיט זיך, מיין גאָלד, מיין...

— אָנבייסן! — האָט פון פאַר דער שטוב יוזקאָ אַ געשריי געטון.

— נאָ שטיל זאָל זיין, כ׳על דיך מיטנעמען, כ׳על דיך מיטנעמען!

— און צ׳עט מיך לאָזן כאָטש איין מאָלעלע אויסשיסן, צ׳עט לאָזן, האַ? — האָט ער געחלשט פאַר אים.

— ס׳דען... פּולווער אי, מיינט ער, דע נאַר, גיט מע אומזיסט...

— כ׳אָ געלט, קובאָ, כ׳אָב, נאָך אויפן יאַריד אַבן דע באַ־באָעס געגעבן צוויי גולדן, וואָס כ׳באַהאַלט אויף הזכרות־נשמות, איז...

— גוט, גוט, כ׳ע דיך אויסלערנען — האָט ער געשעפּ־טשעט און אַ גלעט געטון דעם שגצל איבערן קאָפּ... וואָרן ס׳האָט אים אַזוי אָנגענומען באַם האַרץ זיין בעטן זיך.

און אין עטלעכע רגעס אַרום נאָכן אָנבייסן, זענען שוין ביי־

דע געגאַנגען אין קלויסטער אַריין. קובאַ האָט פלינק אונטערגע־הינקט, און וויטעק איז געבליבן עטוואָס הינטערשטעליק, וואָרן ס׳איז אים געווען אומעטיק, וואָס ר׳האָט קאַ שטיוול ניש געהאַט נאָ ר׳אי גענאַנגען באָרוועס.

— צי מעג מע אַזוי אַריינגיין באָרוועס אין הייליקן קלויס־טער, האַ? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטון.

— ביסט אַ נאַר. פאַן יעזוס וואָט דיר דאָרט אַכטונג געטון אויף וועמענס שטיוול, און ניש אויף די תפילות...

— זיכער, אַ׳ ס׳איז אַזוי, אָבער אין שטיוול אי פונדעסט־וועגן אָרנטלעכער... — האָט ער טרויעריקער געשעפטשע

— עסט דיר נאָך קויפן שטיוול, עסט קויפן...

— כ׳על קויפן, קובאַ, כ׳על קויפן. לאָ מיך נאָ אונטער־וואַקסן אויף אַ פאַראָבעק, איז על איך באַלד אַוועקפאָרן קאַ וואַר־שע און כ׳על מיך שטעלן צו פערד... און אין שטאָט גייען שוין אַלע אין שטיוול, אמת, קובאַ?

— אמת, אמת! — איז געדענקסטו דאָס נאָך?

— און נאָך ווי אַזוי! — פינף יאָר בין איך אַלט געווען, ווען די קאָזלאָוואַ אָבן מיך געברענגט, אי געדענק איך גוט... אוודאי... ס׳אי געווען אַ קעלט... צופוס זענען מיר געגאַנגען צו דער מאַשין... כ׳געדענק... און דאָ אַזוי פיל העלע ליכט.., אַ׳ ס׳טונקלט מיר נאָך אין די אויגן... און אַ הויז באַ אַ הויז, און אַזעלכע גרויסע — אַ קלויסטער אי גאָניש...

— באַקסט! — האָט ער מיט פאַראַכטונג אַ וואָרף גע־טון.

— כ׳געדענק גוט, קובאַ... כ׳אָב אפילו די דעכער ניש גע־זען... און אַזוי פיל קאָטשן... פענסטער ביז דער סאַמער ערד... אוודאי... גאַנצע וועגט אָט זיך מ׳ר אויסגעוויזן פון שויבן... און שטענדיק אַזאַ געקלינגעריי...

— אַזוי פיל קלויסטערס, אי קאַ וווּנדער ניש!

— אוודאי, פון וואַנען־זשע דען וואָט געווען דאָס געקלינ־געריי.

זיי זענען שטיל געבליבן. וואָרן זיי זענען שוין אַרויפגע־קומען אויפן צמענטאַרזש און האָבן זיך אָנגעהויבן אַדורכצושטופּן דורכן געדיכטן עולם, וואָס האָט זיך צעלייגט אַרום קלויסטער. אײ־נעווייניק האָבן זיי שוין נישט געקענט אַריין.

די דזשאַדעס האָבן זיך אויסגעזעצט אין אַ לאַנגער שורה פון דער הויפּט־טיר אָן ביז אַזש העט אויפן וועג אַרויס, און יעדער האָט זיך געריסן אויף זיין אופן און געשריגן, און תפילה געטון אויפן הויכן קול, און געבעטן נדבות, טייל ווידער האָבן געשפּילט אויף פידלען און האָבן לידער געזונגען מיט זייערע יעמערלעכע שטימען, און טייל האָבן אויף פישטשאַלקעס אָדער אויף האַרמאָ־ניעס געשפּילט, אַזוי, אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַ טומל און ס׳האָט אַזש אין די אויערן געדרייט...

אין קלויסטער איז געווען אַ געדיכטער עולם, אַז די זשעב־רעס האָבן אַזש געקנאַקט לעבן טיש, וווּ דער אָרגאַניסטער האָט צוגענומען די נדבות אויף הזכרת־נשמות, און באַם טיש איז גע־זעסן זיין זון, יאַש, וואָס האָט זיך געלערנט אין די שקאָלעס.

קובאַ האָט זיך צוגעשטופּט פאָרויס און נישט קיין קליינעם צעטל אויפגעגעבן דעם אָרגאַניסטער, וואָס האָט אַלע פאַרשריבן און פאַר יעדער נשמה גענומען צו זעקס גראָשן אָדער דריי אײ־ער, אויב ס׳האָט עמעץ נישט געהאַט קיין באַרעס געלט.

וויטעק איז געבליבן אַ ביסל הינטערשטעליק, וואָרן מ׳האָט אים שרעקלעך געטרעטן אויף די באָרוועסע פיס, אָבער ער האָט זיך געשטופּט, ווי נאָר ער האָט געקענט, כאָטש נישט איינער האָט שוין אַ מרוק געטון, אַז ער שטופּט זיך אונטער די עלנבויגנס און פאַרשטעלט די עלטערע דעם וועג. און ער האָט פעסט גע־דריקט דאָס געלט אין דער גאָרשטש — ערשט דאַמאָלס, ווען מ׳האָט אים שוין צוגעלאָזט צום טיש, אַ קעגן אָרגאַניסטער, ערשט דאַמאָלס האָט ער די צונג אין מויל פאַרגעסן... ס׳דען, בלויז

באַלעבאַטים, באַלעבאָסטעס, ס׳גאַנצע דאָרף כמעט, וואָרן אפילו די מילגעריין אין אַ קאַפעלוש, ווי אַ פריצהטע איז אויך דאָ, און דער קאָוואַל מיטן ווייב, און דער וואַיט מיט זייגער... און אַלע קוקן אויף אים... דאָ האָרכן זיי זיך איין... דערמאַנען זיך אויפן קול פאַרשידענע נשמות... און צו צען... און צו צוואָנציק נעמען גיבן זיי אויף... פאַר די טאַטעס, פאַר די זיידעס, עלטער־זיידעס... און ער וואָס?... ר׳ווייסט דען, ווער ס׳איז זיין מוטער? ווער ס׳אי דער פאָטער? ר׳ווייסט?... ר׳האָט דען צו געבן פאַר וועמען?... יעזוס מיינער, ליבענקער! איז האָט ער נאָר ס׳מויל ברייט געעפנט און די בלויע אויגן אויפגעריסן און געשטאַנען אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי אַ נאַר עפעס... און דאָס האַרץ האָט זיך אים איינגעקורטשעט פון ווייטיק, אַז ער האָט קוים געזשיפּיעט, ר׳האָט קוים דעם אָטעם געקענט כאַפּן... און ס׳איז אים אַזוי איבלדיק געוואָרן אונטערן גריבל, ווי ער וואָלט שוין געהאַלטן באַ דער לעצטער פאַרע אַרויסלאָזן... אָבער ער איז אַזוי נישט שטיין געבליבן, וואָרן מ׳האָט אים אָפּגעשטופּט אין אַ ווינקל אַריין, צום קעסעלע מיטן הייליקן וואַסער צו. האָט ער זיך נאָר אָנגעשפּאַרט מיט קעפּל אָן דער צינערנער שיסל, כדי נישט אומצופאַלן, און די טרערן זענען אים, ווי די פּאַטשערקעס געריגען פון די אויגן... ווי די טרויעריקע תפילות... און אומזיסט האָט ער זיי געוואָלט איינהאַלטן... אומזיסט... און ער האָט זיך אַזוי געטרייסלט, אַזוי געציטערט מיט יעדן ביינדעלע, אַז ער האָט די ציין נישט געקענט צוזאַמענהאַלטן, און נישט געקענט גלייך איינשטיין; ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אין ווינקל, אין דער זייט פון מענטשנס אויגן, און געוויינט מיט ביטערע יתומישע טרערן...

— מאַמעליו! מאַמעליו! — האָט אין אים עפּעס געיאָמערט אין דער נשמה ביז די טיפסטע טיפענישן צעריסן. און ער האָט זיך נישט געקענט אויסמיאַרקירן, נישט דערגיין — פאַרוואָס אַלע האָבן טאַטעס, אַלע האָבן מאַמעס, און ער איינער איז אַ יתום, ער איינער נאָר, ער איינער...

— יעזוס מיינער, יעזוס... — האָט ער געכליפּעט און זיך פאַרגאָסן מיט טרערן, ווי דאָס פייגעלע אין דער נעץ געפאַנגען. ערשט איצט האָט אים קובאַ געפונען און אויסגערופן;

— וויטעק, אָסטו שוין געגען אויף הזכרת־נשמות?

— ניין — האָט ער אָפּגעענטפערט. — ער האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט, אויסגעווישט די אויגן און מיט אימפעט גענומען גיין צום טיש... יאָ, אויך ער וויל אויפגעבן נעמען... וואָס דאַרפן זיי וויסן, אַז ער האָט קיינעם נישט... צו וואָס... ער איז אַ יתום, איז ער פאַ זיך... אַז ר'איז אַ ממזר, איז ער אַ ממזר... ער האָט דרייסט אַ פיר געטון מיט די אויגן און מיט אַ זיכער קול אויפגעגעבן די נעמען: פון יוזעפאַן, מאַריאַנען און אַנטאָניען, די, וואָס זענען אים צו־ערשט אויפן געדאַנק געקומען...

ער האָט באַצאָלט, האָט גענומען אַ רעשט און איז מיט קובען אַריינגעגאַנגען אין קלויסטער מתפלל זיין און אויסהערן, ווי דער גלח וועט דערמאַנען זיינע נשמות...

אין מיטן קלויסטער איז געשטאַנען אַ קאַטאַפאַלק מיט אַ טרומ־נע פון אויבן, אַרומגעשטעלט מיט ברענענדיקע ליכט, און דער גלח האָט פון דער אַמבאָנע אַראָפּ אויסגעלייענט אַן אומענדלעכן צעטל נעמען — און וואָס ער האָט איבערגעריסן, האָט אים אָפּ־געענטפערט אַ הויכע תפילה, וואָס אַלע האָבן געזאָגט פאַר די דאָזיקע אַלע געשטאָרבענע, וואָס זענען נאָך געבליבן אָן אַ תיקון.

וויטעק האָט אַנידערגעקניט לעבן קובען, וואָס האָט אַרויס־געצויגן פון בוזעם אַ תפילה-ביכל און אָנגעהויבן זאָגן אַלע תפילות, וואָס דער גלח האָט געהייסן. ער האָט אויך אָפּגעזאָגט איין תפילה, נאָך דער אַנדערער, אָבער לסוף האָבן אים די מאָנאָטאָנע שטימען פון די תפילות, די וואָרעמקייט און די אָפּגעשוואַכטקייט פון וויי־נען פאַרמאַטערט, האָט ער זיך אַ דזשעבעלע אָנגעשפּאַרט אָן קובעס זייט און אַזוי איינגעשלאָפן...

. . . .

נאָך מיטאָג, אויף דער אָוונט־תפילה, וואָס מ'ריכט אָפּ איין מאָל אין יאָר אין דער צמענטאַרזש־קאַפּליצע, זענען געגאַנגען אַלע פון באַרינען.

ס'איז געגאַנגען אַטעק מיטן ווייב און די קינדער, ס'איז געגאַנגען דער קאָוואַל מיטן ווייב, ס'איז געגאַנגען יוזקאַ מיט יאַגוסטינקען, און צום סוף האָט נאָכגעהינקט קובאַ מיט וויטעקן — כדי שוין פון דעם גאַנצן יום־טוב הנאה צו האָבן.

דער טאָג האָט שוין צוגעלענט זיינע גרויע, פאַרמאַטערטע אויגן־לעדלעך, געלאָשן זיך און אַריינגעפאַלן פּאַמעלעך אין אַ מוראדיקן, אומעטיקן מבול פון פינסטערניש; אַ ווינט האָט זיך אַ ריר געטון און אַ צי געטון איבער די פעלדער מיט אַ יאָמער, געהאַקט זיך צווישן די ביימלעך און אַ בלאָז געטון מיט אַ רויק, דורכגעפרוילטן אָטעם פון האַרבסט.

שטיל איז געווען, די אויסטערלישע מרה־שחורהדיקע שטילקייט פון הזכרת־נשמות; דער עולם איז געגאַנגען מ'טן וועג אין אַ שטרענגער שטילקייט, נאָר אַ געטופעריי פון פיס האָט זיך טויב צעטראָגן, די ביימער באַם וועג האָבן זיך אומרויק באַוועגט, און אַ שטיל וויטיקלעך געוויש פון די צווייגן האָט געציטערט איבער די קעפּ, נאָר דאָס שפּילן און די געזאַנגען פון די דזשאַדעס האָבן געשלוכצט אין דער לופט און אַראָפּגעפאַלן אָן שום ווידערקול...

פאַרן טויער, און אַפילו צווישן די קברים אונטער דער מויער, זענען געשטאַנען שורות זאַלץ־פעסלעך, און לעבן זיי האָבן זיך אויסגעלייגט די דזשאַדעס.

און דער עולם איז געפלאָסן מיטן גאַנצן וועג אונטער די טאָפּאָלן צום צמענטאַרזש צו; אין דער טונקלקייט, וואָס האָט שוין די וועלט געהאַט איינגעהילט, ווי מיט אַ גרויען אַש, האָבן געפינקלט פייערלעך פון ליכט, וואָס טייל האָבן געהאַלטן, און ס'האָבן געצאַנקט געלע פלעמלעך פון אייל־לאָמפּלעך, און יעדער איינציקער האָט, איידער ער איז אַריינגעגאַנגען אויפן צמענטאַרזש אַרויף

אַרויסגעצויגן פון קלומעקל ברויט, קעז, דאָ אַ דזשעבלע סלאָנינע פדער קעלבלסע, דאָ אַ פּאַסמע פּאָדים אָדער אַ גאָרשטש אויסגע־קעמטן פלאַקס, דאָ אַ קרענצל שוואָמען, און זיי האָבן דאָס אַלץ פרום אַוועקגעלייגט אין די פּעסער אַריין — און געהערט האָט דאָס צום גלח, צום אָרגאַניסטער אין יאַמבראָזשין, און די רעשט צו די דזשאַדעס, און ווער ס׳האָט אין די פּעסער נישט אַריינ־געלייגט, האָט אַ גראָשן אַריינגעשטופּט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט פון אַ דזשאַד... און האָט געשעפּטשעט די נעמען פון די געשטאָרבענע, פאַר וועלכע ער האָט געבעטן מ׳זאָל תּפילה טון פאַר זיי...

אַ כאָר פון תּפילות, געזאַנגען און דערמאָנטע נעמען, האָט זיך מיט אַ יעמערלעכן ריטם כסדר אויפגעהויבן איבערן טויער, און די מענטשן זענען אַדורכגעגאַנגען — געגאַנגען ווייטער, צע־שפּרייט זיך צווישן די קברים, אַז באַלד האָבן ווי לייכט־ווערמלעך אָנגעהויבן לייכטן און שימערן פייערלעך פון פינסטערניש אַרויס, פון די געדיכטקייטן פון צווישן די ביימער און פאַרטרוקנטן גראָז.

אַ טויב, אומרויִק איינגעשטילט פליסטערן פון תּפילות האָט געציטערט אין דער שטילקייט איבער דער ערד; טייל מאָל האָט אַ ווייטיקלעכער שליוכץ זיך אָפּגעריסן פון די קברים; טייל מאָל האָט אַ יעמערלעך קלאָגן זיך געגאָסן איבער די סטעזשקעס צווישן די צלמים; דאָ האָט עפּעס פּלוצלינג אַ קורץ געשריי, פול מיט פאַרצווייפלונג, ווי אַ דונער דורכגעריסן די ליפּט, אָדער שטילע קינדערישע געווייִנען — יתומישע־געווייִנען האָבן געביטערט אין די פינסטערע געדיכטענישן, פּונקט ווי פייגעלעך...

און צייטנווייז איז אָנגעפאַלן אויפן צמענטאַרזש אַ טויב און שווער שטילשווייגן, אַז גאָר די ביימער האָבן טרויעריק גערוישט, און די ווידער קולות פון די מענטשלעכע געווייִנען, קלאָגערייען, ווייטיקלעכע אויסגעשרייען און בענגלעכקייט, זיפצן האָבן זיך צום הימל אויפגעהויבן און די גאַנצע וועלט אַרומגענומען...

די מענטשן האָבן זיך געשאַרט צווישן די קברים שטיל, זיי האָבן שרעקעוודיק געשעפּטשעט צווישן זיך און מיט מורא זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערער און אומגעהייערער ווייטקייט...

— יעדער שטאַרבט! — האָבן זיי טרויעריק אָפּגעזיפצט מיט אַ שווערן יאוש און זיך ווייטער געשלעפּט, געזעצט זיך אויף די קברים פון די פאָטערס, מתפלל געווען, געזעסן שטילע, פאַרטראַכטע, ווייט פון לעבן, ווייט פון טוט, ווייט פון יעדער ווייטיק — ווי די ביימער, און ווי די ביימער האָבן זיך די נשמות אין זיי אין אַ שלעפעריקן געפיל פון מורא געוויגט...

— יעזוס מיינער! באַרמהאַרציקער האַר, מאַריאַ! — האָט זיך זיי אַרויסגעריסן פון די נשמות, די פאַרמאַטערטע פון טרויער, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע פנימער, די פאַרגליווערטע און אויסגעמאַטערטע, ווי די הייליקע ערד, און די גרויע אויגן, ווי די קאַלוזשעס, וואָס האָבן נאָך געגרויט אין דער פינסטערניש, האָבן זיי אויף די צלמים אָנגעהאַנגען און מיט די באַוועגונגען פון די ביימער, וואָס האָבן זיך צעוויגט שלעפעריק, האָבן זיי זיך אויף די קני אַראָפּגעלאָזט; צו קריסטוסעס פיס זייערע צעשראָקענע הערצער געוואָרפן, און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הייליק געוויין פון יאוש און אָפּגעבן זיך.

קובאַ מיט וויטעקן זענען געגאַנגען גלייך מיט אַלע אַנדערע, און ווען ס'איז שוין גוט פינסטער געוואָרן, האָט זיך קובאַ אַוועקגעשלעפּט אין דער טיף פון אַלטן צמענטאַרזש.

און דאָרט אויף די איינגעפאַלענע קברים איז געווען שטיל, פּוסט און מרה-שחורהדיק — דאָרט זענען געלעגן די פאַרגעסענע, וועגן וועלכע אפילו דאָס געדעכעניש איז שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבן — אַזוי ווי די טעג זייערע און די צייט יענע, און אַלץ; עפּעס פייגל האָבן נאָר דאָרט מיט שרעק געשריגן, טרויעריק איז דאָס געדיכטעניש אין דער לופט געהאַנגען, און ווי-בישט ווי האָט אַ צעקרישלטער צלם אַרויסגעשטאַרט — דאָרט זענען איינער לעבן אַנדערן

אויסגעלייגט געווען גאַנצע משפחות, גאַנצע דערפער, גאַנצע דורות — דאָרט האָט שוין קיינער נישט מתפלל געווען, נישט געוויינט, קיין לעמפּ־לעך נישט אָנגעצונדן... דער ווינט האָט נאָר געברומט צווישן די צווייגן און געריסן די לעצטע בלעטער און געוואָרפן זיי אין דער נאַכט אַריין אויף פולשטענדיקן אונטערגאַנג... דאָרט האָבן זיך נאָר עפּעס קולות, וואָס זענען קיין קולות נישט געווען, שאָטנס, וואָס זענען קיין שאָטנס נישט געווען, אָנגעשלאָגן אָן די נאַקעטעביימער, ווי די בלינד געוואָרענע פייגל, ווי זיי וואָלטן געבעטן מען זאָל זיך דערבאַרמען אויף זיי...

קובאַ האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע שטיקלעך ברויט, צעקרישלט זיי אויף פּיצלעך, אָבידערגעקניט און צעוואָרפן זיי איבער די קברים.

— דערנער זיך, קריסטלעכע נשמה, וואָס כ'דערמאָן דיך אין אָוונט־צייט, דערנער דיך מענטשלעכער בעל־תשובה, דערנער דיך! — האָט ער געשעפּטשעט טיף גערירט.

— ז'עלן דאָס נעמען? — האָט וויטעק שטיל געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

— אוודאי! דער ג'ח עט זיי קאָן עסן ניש געבן!... אַני־דערע לייגן אין די פעסער אַריין, אָבער די אָרימע נעבעך עלן גאָרנישט האָבן דערפון... די גלחישע אָדער די באַלעבאַטישע חזירים האָבן צו פרעסן... און די אָפּקומענדיקע נשמות ליידן הונגער...

— ז'עלן טאַקע קומען?...

— אָ' ניש קאָ מורא... אַלע די וואָס ליידן נאָך אין גיהנום אָן אַ תּיקון... אַלע. דער פאַן יעזוס לאָזט זיי אָפּ אויפן היינטיקן טאָג, כּדי זיי זאָלן באַזוכן זייערע קרובים...

— כּדי זיי זאָלן באַזוכן זייערע קרובים? — האָט וויטעק מים אַ ציטער איבערגעחזרט.

— אָ' ניש קאָ מורא, נאַרעלע, דער ניש־גוטער האָט היינט קיין שליטה נישט, וואָרן די הזכרת־נשמות פאַרטרייבן אים, און

די תּפילות, און די ליכט... און פאַן יעזוס אַליין גייט זיך הייט אַרום איבער דער וועלט און ציילט, דער ליבער האַר, וויפיל נשמות ס'זענען אים נאָך דאָרט איבערגעבליבן, ביז ר'עט זיך אַלע אויסקלויבן, אַלע... כ'געדענק גוט, וואָס די מאַמע האָבן געזאָגט, און אויך די אַלטע לייט באַשטעטיקן דאָס...

— דער פאַן יעזוס גייט זיך היינט אַרום איבער דער וועלט! — האָט וויטעק געשעפטשעט און זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט...

— ס'דען, עסט אַ סך זען... דאָס זענען נאָר הייליקע אָדער די נאַר, וואָס זענען באַוועלהט צום מייסטן...

— זעט נאָר, אָט דאָרט לייכט זיך, און עפּעס מענטשן זענען דאָרטן דאָ — האָט וויטעק אויסגערופן מיט שרעק, אָנווייזנדיק אויף אַ רייע קברים, אונטערן סאַמע פּלאָט...

— דאָרטן ליגן די, וואָס מ'האָט זיי דאָס אין וואַלד דערהרגעט... אַזוי אי דאָס... און מיינע פריצים ליגן דאָרט... און מיין מאַמע... אַזוי אי דאָס...

זיי האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דער געדיכטעניש און האָבן אַנידערגעקניט באַ די איינגעפאַלענע קברים, וואָס זענען אַזוי פאַרלאָזט געווען, אַז ס'איז קוים אַ צייכן געבליבן פון זיי; נישט קיין צלמים האָבן זיי געהיטן, נישט קיין ביימער האָבן זיי באַשאָטנט, גאָרנישט, נאָר דאָס ערלעכע זאַמד, אַ פּאָר פאַרטרוקנטע שוועמען באַדעלעס און אַ שטילקייט, פאַרגעסנקייט, טויט...

יאַמבראָזשי מיט יאַגוסטינקען און דער אַלטער קלאָנבּ האָבן געקניט באַ די דאָזיקע קברים פון די געשטאָרבענע; צוויי לעמפּלעך האָבן, אין זאַמד אַריינגעשטעקט, געטליעט, דער ווינט האָט געבלאָזן און געוויגט מיט די פלעמעלעך, און אָפּגעריסן ווערטער פון דער תּפילה און אַוועקגעטראָגן זיי אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין...

— אַזוי אי דאָס... מיין מאַמע ליגן דאָרט... כ'געדענק... — האָט קובאַ שטיל געשעפטשעט מער צו זיך, ווי צו

וויטעקן, וואָס האָט זיך טש״פּק׳ לעבן אים אַוועקגעזעצט, וואָרן אַ קעלט האָט אים דורכגענומען דורך און דורך.

— און מ׳האָט זי גערופן מאַגדאַלענאַ... דער טאַטע האָבן געהאַט זייער אייגענעם גרונט, אָבער זיי האָבן געדינט אין הויף אַלס אַ פורמאַן.. זיי זענען נאָר מיטן אָגער געשפּאַנט געפאָרן מיטן אַלטן פּריץ... און דערנאָך זענען זיי געשטאָרבן... דעם גרונט האָבן די פּעטערס צוגענומען... און איך האָב געפּאַשעט דעם פּריצס חזירימלעך... אַזוי אי דאָס, די מאַמע האָט געהייסן מאַגדאַלענאַ, און דער טאַטע פּיעטער, און אויפן צונאָמען סאָכאַ, אַזוי ווי איך הייס. — און דערנאָך האָט דער פּריץ מיך צו די פערד צוגענומען, כ׳זאָל נאָכן טאַטן מיטן אָגער פאָרן... דאָ זענען מיר נאָר אויף יאַגד אין דער וועלט אַריין אַוועק, צו אַנדערע פּריצים זענען מיר כסדר געפאָרן... כ׳אָב נישט שלעכט אויך געשאָסן... אַזש דער יונגערער פּריץ האָט מיר אַ ביקס געגעבן,.. און די מאַמע איז נאָר מיט דער אַלטער פּריצה אין הויף געזעסן... כ׳געדענק גוט... און ווען אַלע זענען געגאַנגען... אָבן זיי מיך אויך מיטגענומען... אַ גאַנץ יאָר אָפּגעווען... און וואָס ז׳האָבן געהייסן, האָב איך געטון... כ׳אָ דיר נישט איין בוּרעק אַוועקגעלייגט... נישט צוויי... און דער יונגער פּריץ האָט געכאַפּט אין די קישקעס אַריין... די לעבער איז אים אַרויס... ר׳איז דאָך מיין הער... אַ גו״ער מענטש... כ׳האָבן גענומען אויף די פּלייצעס און אַרויסגעטראָגן... און דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן אין די וואַרעמע לענדער אַ״יין, און מיך האָט ער געהייסן דעם עלטערן פּריץ טראָגן בריוו... כ׳בין געגאַנגען... אמת, אַז כ׳בין באַהאַנדלט געוואָרן, ווי דער הונט... אַ פּוס האָבן זיי מיר דורכגעשאָסן, ר׳האָט זיך נישט געוואָלט פאַרהיילן, וואָרן שטענדיק נאָר אין דרויסן, אונטערן גאָלן המל... און די שנייען זענען געווען ביזן גאַרטל, און די פרעסט ברענענדיקע... כ׳געדענק... אַזוי אי דאָס... כ׳האָב מיך געבּרענגט צו שלעפן אַ נאַכט... כ׳זוך... יעזוס מאַריאַ! גלייך ווי איינער וואָלט מיר מיט אַ קלאָניצע איבערן

אָפּ געגעבן!... נישטאָ קיין הויף, נישטאָ קיין שייערס... די גלעטער זענען אפילו נישט איבערגעבליבן... ביזן גרונט אַלץ פאַרברענט געוואָרן... און דער אַלטער פריץ און די עלטערע פריצה, און מיין מאַמעלע... און די יוזעפקע, וואָס איז געווען דאָס שטוב־מיידל... ליגן אין גאָרטן דערהרגעט... יעזוס! יעזוס! כ׳געדענק אַלץ... אַזוי אי דאָס... מאַריאָ! — האָט ער געקרעכצט און טרערן האָבן זיך אים ווי אַרבעס געדיכט אַ שיט געטון איבערן פּנים, אַז ר׳האָט זיי שוין אפילו נישט אָפּגעווישט... ער האָט נאָר אָפּגעזיפצט פון ווייטיק און בענקשאַפט, וואָרן ווי לעבעדיק איז אים אַלץ אַזוי שטיין געבליבן פאַר די אויגן, און וויטעק איז זיך געשלאָפן, ווייל דער אָרימער איז נעבעך פאַרמאַטערט געווען פון וויינען...

די נאַכט איז וואָס אַמאָל טיפער געוואָרן, דער ווינט האָט שטאַרקער געוואָרפן מיט די ביימער, אַזוי, אַז די לאַנגע צעפּ פון די בזשאָזעס האָבן אַ שאַר געטון איבער די קברים, און זייערע ווייסע שטאַמען האָבן, פונקט ווי אין ווייסע תּכריכים אָנגעטון, געשימערט אין דער פינסטערניש... די מענטשן זענען זיך צעגאַנגען... די פייערלעך האָבן זיך געלאָשן... די געזאַנגען פון די בעטלערס זענען אַנטשוויגן געוואָרן... אַ פייערלעכע שטילקייט, און פול מיט אויסטערלישע געפליסטערן און רירנדע שטימען האָט זיך אויפגעהויבן צווישן די קברים... דער צמענטאַרזש איז ווי פאַרפולט געוואָרן מיט שאָטנס... מיט אַ מחנה געשפּענסטער... מיט אַ געדיכטעניש פון פינסטערע סילועטן... מיט אַ מוזיק פון צעזיפצטע און שטילע קולות... מיט אַ ים פון אויסטערלישע געציטערן, מיט באַוועגונג פון פינסטערניש... מיט בליצן פון פּחד, מיט אַ שטומען שלוכצן... מיט אַ געהיימנישפול דערשטוינונג און צעמישטקייט — אַזש אַ מחנה קראָען האָבן זיך פון דער קאַפּליצע אָפּגעריסן און מיט אַ געשריי צו די פעלדער אַוועקגעפלויגן, און די הינט אין גאַנץ ליפּצע האָבן אָנגעהויבן לאַנג, פאַרצווייפלט און טרויעריק צו וואָיען...

דאָס דאָרף איז געווען שטיל, כאָטש ס'איז געווען יום טוב, די וועגן זענען געווען ליידיק, די קרעטשמע פאַרמאַכט, און ווי־נישט־ווי נאָר האָבן דורך די קליינע פאַרשוויצטע שייבלעך פיי־ערלעך געבלישטשעט, און ס'זענען געפלאָסן די שטילע געזאַנגען פון די פרומע, און די הויכע תפילות, וואָס מ'האָט געזאָגט פאַר די געשטאָרבענע...

מיט מורא האָט מען זיך אַרויסגערוקט פאַר די שטיבן, מיט מורא האָט מען זיך איינגעהאָרכט צום גערויש פון די ביימער, מיט מורא האָט מען אין די פענסטער געקוקט — צי שטייען נישט, צי באַווייזן זיך נישט די, וועלכע בלאָנדזשען דעם הייַנטיקן טאָג, געטריבן פון בענקשאַפט און גאָטס ווילן... צי קרעכצן זיי נישט אויף די שייד־וועגן פאַר די אָפּקומענדיקע זינד... צי קוקן זיי נישט טרויעריק אַריין דורך די פענסטער...

און ווי־נישט־ווי האָבן, לויטן אַלטן הייליקן מנהג, די באַלע־באָסטעס אַרויסגעשטעלט אויף די פריזבעס די איבערבלייבעכצן פון נאַכט־עסן, זיי האָבן זיך פרום איבערגעצלמט און געשעפּ־טשעט...

— נאַדיר, דערנער דיך, קריסטלעכע נשמה, וואָס איז נאָך אָן אַ תקון געבליבן...

איינגעהילט אין שטילקייט, טרויער, זכרונות און שרעק האָט זיך געצויגן דער דאָזיקער אָוונט פון הזכרת נשמות...

אין שטוב בײַ די אַנטעקס איז געזעסן ראָך, דער וואַנדע־רער טאַקע פון דער הייליקער ערד, און געלייענט און דערציילט פרומע און הייליקע מעשיות.

מענטשן איז געווען גענוג, וואָרן איך יאַמבראָזשי מיט יאַ־גוסטינקען און קלאַנבן זענען געקומען, און קובאַ מיט וויטעקן, און יוזשאַ מיט נאַסטושען; נאָר דער אַלטער באָרינע האָט גע־פעלט, ווייל ר'איז ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין געזעסן בײַ יאַגושען.

שטיל איז געווען אין שטוב, אַז נאָר די גריל הינטערן קוי־מען האָט געסקזשיפּעט, און די טרוקענע שפּענער האָבן געקנאַקט אויפן פייער.

אַלע זענען געזעסן אויף די בענק פאַרן קוימען, נאָר אַני־טעק באַם פענסטער. און ראַך האָט נאָר אַלע מאָל איבערגע־שאַרט מיטן שטעקעלע די קוילעכלעך און גערעדט מיט אַ שטיל קול:

„... ס'איז נישט שרעקלעך צו שטאַרבן, ניין, וואָרן —

„פונקט ווי די פייגעלעך, וואָס אויף ווינטער ציען זיי אין די וואַרעמע לענדער אַוועק, אַזוי אויך ציט די נשמה אָ פּאַרמאַ־טערטע און גאַרט צו יעזוסן...

„פונקט ווי די ביימעלעך, וואָס שטייען אין אָנהייב פרי־לינג נאַקעט — און ס'באַקליידט זיי דער רבונו של עולם מיט גרינע בלעטלעך און שמעקעדיקע בלימלעך, אַזוי אויך די מענטש־לעכע נשמה, — דאַרפסט גיין צו יעזוסן נאָך פרייד, נאָך חדווה, נאָך פרילינג און נאָך דער אייביקער באַקליידונג.

„פונקט אַזוי ווי די ערד, וואָס געבירט און איז אויסגע־מאַטערט — נעמט זי די זון אַרום — אַזוי נעמט אויך גאָט יעדע נשמה אַרום, אַז ס'אַרט זי שוין גאָרנישט קיין קעלט, ס'אַרט זי נישט קיין ווייטיק, ס'אַרט זי נישט אפילו דער טויט אַליין...

„אָ! וואָרים נאָר געוויין איז פאַרהאַן אויף דער דאָזיקער ערדטשינע, נאָר טרויער און צרות!

„ווי דאָס שטעכעכץ מערט זיך דאָס שלעכטס, און וואַקסט אין גאַנצע וועלדער אויס!

„און אַלץ איז גאָרנישט, הבל הבלים — ווי דער שטויב, ווי די בלעזלעך, וואָס דער ווינט בלאָזט או פון וואַסער אויף, און באַלד צעקלאַפּט זיי אַ צווייטער ווינט."

X

...איך זאָג דאָס אויך פֿון דער אַמבאָנע יעדן אײנציקן באַזונדער, זײַבער איר זענט ווי די הינט: נאָר צ׳פֿאַרפֿאָלגט אײנער דעם אַנדערן, נאָר... — דער ווינט האָט די רעשט ווערטער אים צוריק אַרײַנגעשטופּט אין האַלדז אַרײַן, אַזש דער גלח האָט זיך שרעקלעך פֿאַרהוסט, און אַנטעק האָט גאָרנישט געזאָגט. ער איז געגאַנגען דערלעבן און זיך אײַנגעקוקט אין דער טונקלקייט, צווישן די בײמער.

דער ווינט איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. ער האָט זיך געוואָרפֿן איבערן וועג און אַזוי געהאַקט אין די טאָפּאָלן און געטרײסלט זיי, אַז זיי האָבן זיך אַזש מיט אַ קרעכץ געבויגן און גערוישט מיט כּעס.

— און כ׳האָב אים געזאָגט, דעם יוכע — האָט דער גלח ווידער אָנגעהויבן, — אַז ר׳זאָל אַלײן פֿירן די קאָבעלע צום סטאַוו, אָט ער זי פֿאַרויס געלאָזט — נע, און איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן... זי איז דאָך בלינד, ז׳עט פֿאַרקריכן ערגעץ צווישן די פֿעלטער און עט נאָך די פֿיס צעברעכן. — ער האָט כּסדר געביטערט און זײער פֿאַרזאָרגט געזוכט, צווישן יעדן בוים אַ קוק געטון, איבער די פֿעלדער זיך אײַנגעקוקט.

— ז'אי דיך שטענדיק אַליין אַרומגעגאַנגען...

— זי קען גוט דעם וועג צום סטאַוו... דאָך, ס'פלעגט איר עמעצער צונגיסן וואַסער אין פּאַס אַריין, נאָר אויסגעדרייט, און זי האָט שוין אַליין געטראָפן צו דער פּלעבאַניע... — נאָר באַטאָג האָט מען זי איינגעשפּאַנט... און היינט האָט זי מאַגדע אָדער וואַלעק אַרויסגעלאָזט, ווען ס'איז שוין געווען פינסטער... וואַלעק! — האָט ער הויך אַ געשריי געטון, וואָרים עפּעס אַ שאָטן האָט אַ שי־מער געטון צווישן די טאָפּאָלן...

— וואַלעקן האָב איך געזען אויף אונדזער זייט, אָבער נאָך איידער ס'איז פינסטער געוואָרן.

— ר'איז אַוועק זי זוכן שוין אַ שטיק צייט! — די קלאַ־טשע איז שוין אפשר צוואַנציק יאָר אַלט, און פּאַר מיינע אויגן איז זי געבוירן געוואָרן... זי האָט זיך אויסגעדינט איר שטיקל ברויט... און צוגעבונדן איז זי, ווי אַ מענטש... גאָט מייבער, ס'זאָל איר נאָר קיין שום בייז נישט געשען!

— וואָס עט איר דאַרט זיין! — האָט אַנטעק מיט כּעס אַ מרוק געטון, וואָרים, ווי דען, ר'איז געגאַנגען צום דאָבראָדזשעי נאָך אַן עצה, פאַרקלאָגן זיך פאַר אים, האָט ער אים נאָר אָפּגע־שגצט און נאָך מיטגענומען, אַז ר'זאָל די קאָבעלע זוכן! אמת, אַ ס'איז אַ שאָד אויך די קאָ עלע, כאָטש זי איז שוין אפילו בלינד און אַלט, אָבער סוף־כּל־סוף דאַרף דאָך אַ מענטש זיין בילע־כער.

— און דו פאַרגעס דיך נישט און זיי דיך נישט בוקם, וואָ־רים דאָס איז דאָך אַן אייגענער טאַטע! דו הערסט!

— גוט, כ'ג דענק! — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט כּעס.

— ס'איז אַ גרויסע זינד און אַ גאָטס־באַליידיקונג. און קיין שום גוטס וועט דער נישט האָבן, ווער עס הייבט אויף אַ האַנט אויף זיין פאָטער און שטעלט זיך אַקעגן די געבאָטן פון גאָט. האָסט פאַרשטאַנד, איז דאַרפסטו וויסן דערפון.

— גערעכטיקייט וויל איך נאָר.

— און נקמה זוכסטו, הא?

אַנטעק האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן דערויף.

— און נאָך דאָס וועל איך דיר זאָגן, אַז אַ געהאָרכזאַם קעלבל זייגט בײַ צוויי מוטערס.

— אַלע זאָגן מיר דאָס... אַוודאי, די דאָזיקע געהאָרכזאַמקייט קריכט מיר שוין פון האַלדז אַרויס, אַז כ׳על עס שוין מער נישט אויסהאַלטן! כאָטש ר׳איז אַ מערדער, כאָטש ער בעוולהט יעדן, נאָר ווייל ר׳איז אַן אייגענער טאַטע, איז מעג ער שוין אַלצדינג — און די קינדער טאָרן זיך נישט מאָנען פאַר זייער עוולה! גאָט מייַנער, אַזאַ אָרדנונג איז אויף דער וועלט, אַז מ׳באַדאַרף נאָר אַ שפּיי טון און גיין ווו די אויגן וועלן טראָגן...

— איז גיי, ווער האַלט דיך צו! — האָט דער גלח אויפגערעגט צוגעוואָרפן.

— אפשר וועל איך טאַקע גיין, וואָרן וואָס האָב איך דאָ צו טון, הא? — האָט ער שטילער געשעפּטשעט, ווי מיט טרערן.

— בײַאַקסט, און דאָס איז עס. אַנדערע האָבן אפילו קיין איין בייט נישט און זיצן; אַרבעטן און דאַנקען נאָך גאָט. וואָלסט דיך גענומען צו דער אַרבעט, און נישט געקלאָגט זיך ווי אַ באַבע, בסט געזונט, שטאַרק, האָט צו וואָס די הענט צו צולייגן.

— אוודאי, גאַנצע דריי מאָרגעס! — האָט ער גיפטיק צוגעוואָרפן.

— האָסט אַ ווייב מיט קינדער, דאַרפסט דאָס גערעדנקען.

— גערעדנקען גוט, גערעדנק איך... — האָט ער אַרויסגעמרוקעט צווישן די ציין.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פאַר דער קרעטשמע, ס׳האָט זיך געלויכטן אין די פענסטער. און עפּעס שטימען האָבן זיך אויפן וועג אַרויסגעריסן.

— וואָס איז דאָס, ווידער שיכּרות, הא?

— רעקרוטן, די, וואָס מ׳האָט הייער צוגענומען צו די זעל־נער, טרינקען זיך פאַר נחת... זונטיק וועט מען זיי אָוועקטרייבן אין דער גרויסער וועלט אַריין, איז פרייען זיי זיך...

— די קרעטשמע איז כמעט פול! — האָט דער גלח גע־שעפטשעט, אָפּשטעלנדיק זיך בײַ די טאָפּאָלן, פון וואַנען מ׳האָט גוט געקענט זען דורכן פענסטער דעם גאַנצן אינעווייניקסטן חלל, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן.

— וואָרן מ׳האָט זיך הײַנט געזאָלט צוזאַמענקומען און באַ־ראַטן... וועגן דעם וואַלד, וואָס דער גוטבאַזיצער האָט פאַרקויפט די ייִדן צום אויסהאַקן.

— ס׳הייסט, ר׳האָט דאָך נישט פאַרקויפט אינגאַנצן, ס׳איז נאָך אַזוי פיל איבערגעבליבן!

— כּל זמן ר׳וועט מיט אונדז נישט אַדורכקומען, איז עלן מיר קיין כאַיאַק נישט לאָזן רירן!

— וואָס הייסט?... — האָט ער אַ פרעג געטון מיט אַ ביסל אַן איבערגעשראָקענער שטימע.

— מ׳עלן מיר ניש געבן — און דאָס אי דאָס! דע טאַטע וויל זיך פּראַוועווען*), נאָר קלאָנב און די, וואָס האַלטן מיט אים, זאָגן, אַז זיי ווילן ניש קאַ סאָנד, און האַקן עלן זיי נישט דער־לויבן, און אַפילו ס׳זאָל אויסקומען מיטן גאַנצן דאָרף אַרויסצוגיין, עלן זיי גיין, אַפילו מיט העק, אַפילו מיט ווידלעס, אויב ס׳עט אויסקומען, און זייערס עלן זיי ניש אָוועקגעבן...

— יעזוס מאַריאַ! איז וועט אָן אַ געשלעג, הייסט עס, און אָן אַן אומגליק נישט אָפּגיין!

— געוויס! אַז מ׳עט עטלעכע הויפישע קעפּ מיט העק צע־וואַליען, עט באַלד זיין גערעכטיקייט!

— אַנטעק! צי איז דיר חלילה דער שכל פון כעס גע־

---

*) פּראָצעסירן.

רירט געוואָרן, צי וואָס? פלוידערסט נאַרישקייטן, מיין טייע-רער!

נאָר אַנטעק האָט שוין נישט געהערט, ער האָט זיך אַ וואָרף געטון עטוואָס אָן אַ זייט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינסטערניש, און דער גלח איז אייליק צוגעגאַנגען צו דער פּלע-באַניע, וואָרים ר'האָט דערהערט אַ גערויש פון רעדער און אַ שטיל, טרויעריק הירזשען פון דער קאָבעלע...

אַנטעק ווידער איז אַראָפּגעגאַנגען אין דאָרף אַריין, צו דער מיל-צו, פון דער צווייטער זייט סטאַוו, כדי ער זאָל נישט דאַרפן פאַרבייגיין לעבן יאַגנעס כאַלופּע.

ווי אַ דזשאָזגע האָט זי אים געשטעקט אונטערן האַרץ, ווי אַ בייזע דזשאָזגע, וואָס נישט מען קען זי אַרויסציִען, נישט מען קען אַנטלויפן פון איר.

און אַ חוצפּהדיק פייערל האָט אַרויסגעוווּנקען פון איר כאַ-לופּע, עפּעס העל און פריילעך... ער איז שטיין געבליבן, אַבי נאָר, נאָך איין אייגציטשקע מאָל אַ קוק צו טון, אַבי כאָטש פון כעס זיך אָפּצושעלטן — נאָר ס'האָט אים עפּעסטשיס באַלד אַ הייב אונטער געטון פון אָרט, אַז ער האָט זיך אַ ריס געטון ווי דער ווינט, ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

— דעם טאַטנס איז זי שוין, דעם טאַטנס!

צום שוואָגער איז ער געלאָפן, צום קאָוואַל — קיין שום עצה וועט אַפילו אויך ער נישט געבן. אָבער ר'עט אַ ביסל זיצן צווישן מענטשן, און נישט דאָרט, אין טאַטנס כאַלופּע... אָדער דער גלח אַפילו! צו דער אַרבעט עט ער אים טרייבן! אוודאי, אַליין טוט עס גאָרנישט. קיין שום זאָרג, קיין שום צרות האָט עס נישט, איז אים גרינג אַנדערע אונטערצוטרייבן. ער האָט אים דערמאַנט אָן ווייב און אָן די קינדער... ר'געדענקט זי גוט, ר'גע-דענקט זי! ס'איז אים שוין לאַנג נמאס געוואָרן אירע געוויינען, און איר אונטערטעניקייט, און אירע הינטישע, בעטנדיקע אויגן... און ווען נישט זי!... וואָלט ער געווען אייגער אַליין! יעזוס מיי-

עד! — האָט ער שווער אָפּגעזיפצט און ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווילדער צאָרן ביז משוגעת, אַז ס'האָט אים אָנגענומען אַ חשק עמעצן באַם גאָרגל אָנצוכאַפּן, ווערגן, צערייסן און שלאָגן אויף טויט...

נאָר וועמען?... ניין, ער האָט נישט געוווּסט, און דער כּעס האָט אים פּלוצלינג אָפּגעטרעטן, אַזוי שנעל ווי ער איז גע-קומען, און ער האָט געקוקט מיט אַ פּוסטן בליק אין דער נאַכט אַריין און זיך איינגעהאָרכט צו דעם וואָיען פון ווינט, וואָס האָט זיך אַרומגעיאָגט איבער די סעדער און האָט אַזוי געוואָרפן מיט דיביימער, אַז זיי האָבן זיך אַזש אומגעלייגט אויף די פּלעטער און געפּאַטשט אים מיט די צווייגן איבערן פּנים... און ער האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, שווער, קוים גערירט זיך, וואָרים אַ טרויער, אַ פאַרמאַטערטקייט און אַן אָנמעכטיקייט האָבן אים אָנגע-היבן זיין נשמה אַרומנעמען און שטיקן זי, אַז ער האָט באַלד פאַר-געסן וווהין און נאָך וואָס ער גייט...

— דעם טאַטנס איז זי, יאַגנע, דעם טאַטנס! — האָט ער זיך אַלעמאָל איבערגעחזרט, און וואָס אַמאָל שטילער — ווי אַ תּפילה, וואָס מ'וויל מ'זאָל זי נישט פאַרגעסן.

אין קוזשניע איז געווען רויט פון פייער, אַ שגצל האָט גע-בלאָזן מיטן בלאָז-זאַק אַזוי שטאַרק, אַז די צעגליטע קוילן האָבן אַזש געזשומעט און געזעצט מיט אַ בלוטיקן פלאַם, דער קאָוואַל איז געשטאַנען באַ דער קאָוואַדלע, דאָס היטל איז אים געווען פאַרוקט אויף הינטן, די הענט נאַקעט, מיט אַ לעדערן פאַרטוך, דאָס פּנים אַזוי אויסגעריסט, אַז נאָר די אויגן האָבן אים געפינקלט, פּונקט ווי די קוילעכלעך, און ער האָט געשמידט אַ רויט שטיק אייזן אַזוי שטאַרק, אַזש ס'האָט געהיטשעט, און אַ רעגן פון פונקן האָט געשפּריצט פון אונטערן האַמער אָפּער און איז מיט אַ סי-טשערי דערטרונקען געוואָרן אין דער בלאָטיקער ערד.

— נו, וואָס? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אַ פרעג געטון.

— אי... וואָס זאָל זיין! — האָט אַנטעק שטיל אָפּגעווענדט,

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בריטשקע, וואָס איז געשטאַנען צום אָפּקאָוועו און האָט זיך פּאַרקוקט אין פייער.

דער קאָוואַל האָט פעסט געאַרבעט. ער האָט אַלע מאָל אָנ־געגליט דאָס אייזן און געקאָוועט, געקלונגען צום טאַקט־צו מיטן האַמער, דאָ צוגעהאָלפן דעם שנצל בלאָזן דעם בלאָז־זאַק, ווען מ׳האָט געדאַרפט אַ גרעסער פייער, און בגנבה געוואָרפן אַ בליק אויף אַנטעקן, און אַ גיפטיק שמייכעלע האָט זיך אים אויסגע־קרומט אונטער די רויטע וואָנסעס.

— ביסט געווען אַפּנים באַם דאַבראָדזשעי? נו, און וואָס?

— און וואָס זאָל זיין, גאָניש. אין קלויסטער וואָלט איך אויך דאָס זעלבע געהערט.

— און האָסט געוואָלט עפּעס אַנדערש? — האָט ער זיך אי־ראָניש צעלאַכט.

— ס׳אי דער עפּעס אַ גלח, אַ געלערנטער... האָט אַנטעק, פאַרענטפערנדיק זיך, געזאָגט.

— ר׳איז געלערנט, ווי אַזוי מ׳דאַרף נעמען, אָבער נישט ווען מ׳דאַרף עפּעס עמעצן געבן...

נאָר אַנטעק האָט אַנגעמווירן דעם חשק צו אַמפּערן זיך.

— כ׳על אַריינגיין אין שטוב — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אויסגערופן.

— גיי — דע וואָיט וועט דאָ אָפּטרעטן נאָך מיר, עמיר דאָרט אַהינקומען! און די מאַכאָרקע ליגט אויפן שענקל, פאַריי־כער דיר...

— ער האָט אַפילו נישט געהערט, נאָר איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, וואָס איז געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט וועג.

די שוועסטער האָט דערבּרענט אַ פייער, און דאָס עלטסטע

שגצל האָט זיך געלערנט אין אַן עלעמענטאַר-ביכל באַם טיש...
זיי האָבן זיך שווייגנדיק באַגריסט.

— דאָס לערנט ער זיך אַזוי? — האָט ער באַמערקט, וואָרים דאָס שגצל האָט הויך געסילאַביזירט און געפירט מיט אַ פּאַר-שניצטן טייטל איבער די אותיות.

— שוין זינט מ׳האָט אָנגעהויבן צו קאַפּען, ווייזט אים אַזוי צו די פּאַניענקע פון דער מיל, וואָרים מייגער האָט קיין צייט נישט.

— ראָך לערנט אויך שוין פון נעכטן אָן אין טאַטנס שטוב.

— יעך האָב יאַשעקן אויך געוואָלט דאָרט אַריינשיקן, נאָר מייגער לאָזט נישט, ווייל ס׳אי באַם טאַטן, און ווייל די פּאַניענקע איז מער געלערנט, וואָרן ז׳אי געווען אין וואַרשע אין די שקאָלעס...

— אוודאי, אוודאי... — האָט ער געענטפערט, אָבי עפּעס צו זאָגן.

— און יאַשעק איז אַזוי פאַרשטענדיק צום לעמענטאַרזש, אַזש די פּאַניענקע וווּנדערט זיך.

— ווי דען... ס׳אי דעך ג׳קאָוואַלס זריעה... אַזאַ חכמס אַ זון...

— מאַכסט חוזק, און ער זאָגט פּאָרט צום בעסטן, אַז פל זמן דע טאַטע לעבן, איז קענען זיי אַלץ דאָס אָפּשרייבעכץ צוריק-ציִען...

— ס׳דען, רייס אַרויס דעם וואָלף פון האָלדז אַרויס, רייס אַרויס! זעקס מאָרגעס גרונט. מיר דינען דעך באַ אים, יעך מיטן ווייב, כמעט ווי די פּאַראָבקעס, און ער שרייבט אָפּ נאָר אַ פרעמדער, אַ לאַדע ווערמען...

— עסט דיך אַרומקריגן, און זוכן נקמה צו נעמען, און זוכן עצות באַ מענטשן, און זיך פּראָוועווען — עט ער דיך נאָך אַרויסטרייבן פון דער כאַלופּע... — האָט זי שטיל געזאָגט, אומקוקנדיק זיך אויף דער טיר

— ווער האָט עס געזאָגט? — האָט ער הויך איסגערופן, אויפשפרונגענדיק פון בענקל.

— שטילער נאָר... מענטשן זאָגן אַזוי, שטילער!... — האָט זי דערשראָקן געשעפטשעט.

— כ׳על נישט אָפּטרעטן, זאָל ער מיך מיט כוח אַרויסטליקען, אין סאָנד אַריין על איך גיין. כ׳על מיך פּראַוועווען, און כ׳על נישט אָפּטרעטן — האָט ער כמעט ווי געשריגן.

— און מיטן קאָפּ עסטו אויך קאַ מויער נישט דורכהאַקן, זאָלסט אפילו שטויסן, ווי יענער שעפּס דאָרט מיט די הערנער. — האָט דער קאָוואַל געזאָגט, אַריינקומענדיק אין שטוב.

— איז וואָס־זשע טוט מען? פאַר מענטשן אָסטו קלוגע עצות, עצה־זשע מיר אויך...

— מיט קאַ בייזן עסטו מיטן אַלטן נישט געווינען! — ער האָט פאַרייכערט די ליולקע און אָנגעהויבן אויפווייזן אים, געבן צו פאַרשטיין, אים ווייכער מאַכן און אַזוי דרייען, ביז אַנטעק האָט שוין פאַרשטאַנען און אויסגעשריגן:

— דו האַלטסט מיט אים!

— איך בין פאַ דער גערעכטיקייט.

— ר׳האָט דיר גוט דערפאַר באַצאָלט.

— אויב ר׳האָט באַצאָלט, איז עס נישט פון דיין קעשענע.

— פון מיינער טאַקע, אין דער הינטישער מאַמען אַריין, פון מיינער! אַ גוטער איז ער, יוכע, מיט יענעמס. אָסט שוין גענוג גענומען, איז דיר נישט געאיילציק.

— כ׳האָב אַזוי פיל גענומען, וויפיל דו!

— אוודאי, אַזוי פיל... און כלים, און מלבושים, און די קו, און וויפל אָסטו אויסציגיינערט באַם טאַטן? כ׳געדענק גוט — אי די געגדזלעך, אי די חזירימלעך, ווער קען דאָס דאָרט איבערציילן! און דאָס קעלבל, וואָס ר׳האָט דיר דאָ נישט לאַנג געגעבן, איז גאָ־ניש?

— אָסט אויך געקענט נעמען.

— כ׳בין נישט קאַ גנב און נישט קאַ ציגיינער!

— און יעך בין אַ גנב, יעך?...

— זיי זענען צוגעשפרונגען צו זיך, גרייט זיך אָנצוכאַפּן פּאַ די גאָרגלען, נאָר זענען גיך אָפּגעקילט געוואָרן, ווייל אַנטעק האָט שטילער אויסגערופן.

— כ׳זאָג עס נישט צו דיר... נאָר מיינס על איך נישט גען, כ׳זאָל אפילו וויסן פאַרפאַלן צו ווערן...

— אי... ס׳גייט דיר דאָרט נישט אַזוי פיל אין דעם גרונט, דאַכט זיך מיר... — האָט דער קאָוואַל מיט חוזק צו־געוואָרפן.

— נאָר אין וואָס?...

— ביסט נאָכגעלאָפן יאַגנען, איז אָרט עס דיך אַצינד.

— ד׳אָסט געזען?... — האָט ער אַ געשריי געטון, גע־טראָפן, ווי גלייך אין סאַמע האַרץ אַריין.

— ס׳זענען דאָ אַזעלכע אין דאָרף, וואָס האָבן אפילו גע־זען — און נישט איינמאָל...

— אַז ס׳זאָל זיי פינסטער ווערן אין די שליפּיעס! — האָט ער אַ שעפּטשע געטון שטילער, ווייל דער וואָיט איז גראָד אין שטוב אַריינגעקומען און מיט אַלע זיך באַגריסט; ער האָט פאַר־שטאַנען וועגן וואָס מ׳קריגט זיך דאָ, וואָרן ער האָט אויך אָנגע־הויבן צו פאַרטיידיקן דעם אַלטן און באַרעכטיקן אים.

— ר׳האָט ענק גוט געגעבן אָנצוטרינקען און אָנצופּאַשען מיט קעלבאַסעס, אי קאַ וווּנדער ניש, אַז צ׳פאַרטיידיקט אים...

— פלוידער ניש גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַ׳ דע וואָ׳ט רעדט צו דיר! — האָט ער אויסגעשריגן אויפן הויכן קול.

— אייער וואָיטשאַפט אי׳ באַ מיר אַזוי פיל ווערט, אָט ווי דאָס צעבראָכענע שפּענדל...

— וואָס אָסטו געזאָגט, וואָס?

— צ׳האָט שוין געהערט! אויב ניש, על איך ענק נאָך זאָגן אַזאַ וואָרט, אַז ס׳עט ענק ביז די פּיענטעס אַריין...

— זאָג דאָס וואָרט, זאָג!

— און כ׳על טאַקע זאָגן — אַט וואָס — אַ שיכּור זענט עץ, און אַ יודאַש, אַ פּאַלטשע בריאה! און כ׳על זאָגן, אַ׳ צ׳באַ־לעוועט פּאַר קהליש געלט, און אַז צ׳האָט גוט דערפּאַר גענומען פון הויף, וואָס דער פּריץ האָט פּאַרקויפט אונדזער וואַלד!... און אַ׳ צ׳ווילט, על איך ענק נאָך עפּעס צוליגן, נאָר שוין מיט דעם שטעקן... — האָט ער מיט פּייער אויסגערופן, כאַפּנדיק זיך צום שטעקן.

— כ׳בין אַ רעגירונגס־מענטש, מיאַרקיר דיר, אַנטעק, אַ׳ ס׳זאָל דיר נישט באַנג טון.

— און אין מיין שטוב פּאַל ניש אָן אויף קאַ מענטשן, וואָרן דאָ אי ניש קאַ קרעטשמע — האָט דער קאָוואַל געשריגן, פּאַר־שטעלנדיק מיט זיך דעם וואָיט, נאָר אַנטעק האָט שוין אויף גאָר־נישט געלייגט קיין אַכט, וואָרים ער האָטביידע אָנגעזידלט ווי אין די גוטע הינט אַריין, אַ זעץ געטון מיט דער טיר און אַרויס פון שטוב...

ס׳איז אים אַ סך גרינגער געוואָרן, און ער האָט זיך אַ רויקער אומגעקערט אַ היים. עס איז אים נאָר געווען טרויעריק צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אומזיסט־אומנישט צעקריגט מיטן שוואָגער.

— אַצינד עלן שוין אַלע זיין קעגן מיר! — האָט ער צו־מאָרגנס באַם אָנבייסן געטראַכט, און מיט פּאַרוואונדערונג דערזען דעם שוואָגער אין שטוב אַריינקומען.

זיי האָבן זיך באַגריסט, ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרנישט פּאָר־געקומען צווישן זיי.

און ווייל אַנטעק איז גראָד געגאַנגען אין שייער אַריין שעצ־קע אָנשניידן, איז דער קאָוואַל אים נאָכגעגאַנגען, האָט זיך אַני־דערגעזעצט אויף די סנאָפּקעס, וואָס מ׳האָט אָנגעוואָרפן פון

תבואה־קאַמער אַרויס צום דרעשן, און אָנגעהויבן שטיל צו רעדן:

— פאַרן הונט זעבען די אַלע קריגערייען, און נאָך צוליב וואָס? צוליב אַ נאַריש וואָרט! איז בין איך געקומען צו דיר דער ערשטער און שטרעק דיר דער ערשטער אויס די האַנט אויף שלום...

אַנטעק האָט אים דערלאַנגט די האַנט, האָט פאַרדעכטיק אַ קוק געטון אויף אים און אַ מרוק געטון;

— ג׳אוודאי, אַז נאָר צוליב אַ וואָרט, וואָרן קאַ כעס צון אייך האָב איך נישט געפילט. דע וואָיט האָט מיך דערבייזערט, וואָרן וואָס אָט ער זיך אָנצונעמען, ס׳אי ניש זיין עסק, איז אַ זאַשע אים!

— כ׳האָב אויך דאָס אייגענע געזאָגט, וואָרן ר׳האָט דיר געוואָלט נאָכלויפן...

— מיך שלאָגן... כ׳וואָלטן געגען אַ שלאָגן, אַזוי ווי זיין קוזין, וואָס האַלט זיך נאָך פון שביט־צייט אָן באַ די זשעברעס... — האָ! ער אויסגעשריגן און אָנגעהויבן אָנצולייגן שטרוי אין קעסטל פון דער שנייד־מאַשין.

— אויך דאָס האָב איך אים דערמאַנט... — האָט דער קאָוואַל באַשיידן צוגעוואָרפן און כיטרע אַ שמייכל געטון.

— יעך על מיך נאָך מיט אים אָפרעכענען׳ ר׳עט מיך האָבן צו געדענקען... אַ הויכגעשטעלטע פערזאָן, יוכע, אַ רעגירונגס־מענטש!...

— אַ חמור־קאָפּ איז ער און פאַרטיק, לאָז אים געמאַך. כ׳האָב עפּעסטש׳ס אויסנעקאָמבינירט, און מיט דעם קום איך צו דיר... מ׳דאַרף אַזוי טון... נאָך מיטאָג קומט אַהער דאָ מיינע, איז אינאייגעם מיט איר גייטס צום אַלטן און שמועסטס ענק גרונט־לעך אַדורך... ס׳עט דיר דאָרט גאָרנישט העלפן קאַ בייזערן זיך און קאַ באַקלאָגן זיך פאַר יעדן אייגציקן, דאַרפסט דיך שטעלן אויג אויף אויג און פראָסט פשוט זאָגן, וואָס דו האָסט צו זאָגן...

איז אָדער ס׳עט זיין גוט אָדער נישט, אָבער אַרויסלייגן דאַרף מען אַלץ אויפן טיש...

— וואָס אָסטו דאָ אַרויסצולייגן, אַז ר׳האָט שוין אָפּגעשריבן!

— און מיט בייזן עסטו אויך מיט אים גאָרנישט אויפטון! ס׳איז אמת, ר׳האָט טאַקע שוין אָפּגעשריבן, כּל-זמן ער לעבט אָבער, איז קען ער עס שטענדיק אַלץ אָפּנעמען — נעם עס דיר אין זינען אַריין, און דערפאַר טאַקע דאַרפסטו דיך אים נישט אַקעגנצושטעלן. זאָל ער חתונה האָבן, זאָל ער זיך האָבן זיין נחת.

אַנטעק איז בלאַס געוואָרן, ווען ר׳האָט אים דאָס דערמאָנט און ס׳האָט אים אָנגעהויבן אינעווייניק צו טרייסלען, אַז ר,האָט אַזש אויפגעהערט צו שניידן.

— קענן דעם שטעל דיך אים נישט אַקעגן אין די אויגן פאַרקערט, דאַרפסט פּאָטאַקעווען און זאָגן, אַז ער טוט גוט און זיין ווילן איז געווען אָפּצושרייבן — איז האָט ער אַזוי געטון.. זאָל ער אונדז נאָר די רעשט צוזאָגן — דיר און מיינער, און פּאָר עדות! — האָט ער כּימרע צוגעגעבן.

— און יוזקאַ און גושעלאַ? — האָט ער אָן חשק אַ פרעג געטון.

— מ׳עט זיי אויסצאָלן! און ווייניק האָט דאָס גושעלאַ שוין אַרויסגענומען? טאַטש ר׳שיקט דעך אים צו כמעט אַלע חודש צו די זעלנער. דו האָרך נאָר מיך, טו ווי איך עצה דיר, עסטו גאָרנישט היזק האָבן. אין דעם שטעקט שוין מיין קאָפּ, אַ׳ כ׳על אַזוי קירעווען, אַז אַלץ עט זיין אונדזער...

— ס׳גייט דער שעפּס נאָך אויף דער וועלט אַרום, בייט דער קירזשנער שוין אַ פעלץ פון אים...

— דו האָרך מיך... זאָל ער נאָר פּאָר עדות צוזאָגן, כּדי ס׳זאָל נאָר זיין באַ וואָס זיך אָנצוכאַפּן מיט די נעגל... ס׳אי נאָך פאַרהאַן אַ סאָנד און גערעכטיקייט, אָ׳ ניש קאַ טורא. איין זאַ-

טשעפקע איז שוין דאָ, ס'אי דער איבערגעבליבן גרונט נאָך דער מאַמען דייבער...

—וואַזשנע אַ מציאה, פיר פּאַרגעס — אויף מיר און אויף דייבער...

— אָבער ר'האָט עס נישט געגען, נישט דיר, נישט מיי־נער! און אַזוי פיל יאָרן זייעט ער שוין און נעמט אַראָפּ! — ר'עט ענק דערפאַר גוט באַצאָלן און מיט פּריצענט.. יעך חזר דיר נאָכאַמאָל איבער, שטעל דיך דעם אַלטן אין גאָרנישט אַקעגן, פּאָטאַקעווע צו, רעד אים צו, אויף דער חתונה גיי, זאָלסט נישט קאַרגן קאַ גוט וואָרט, און עסט זען, מ'עט אים אָנדרייען... עט ער זיך נישט לאָזן מיט גוטן, עט זיך דע סאָנד מיט אים אַן עצה געבן... מיט יאַגושען קענט עך ענק גוט... איז אויך זי וואָלט דיר געקענט מיט עפּעסשטשיס העלפן... נאָר רעד מיט איר וועגן דעם... זי וואָלט נאָך בעסער געקענט דעם אַלטן צובייגן אויף אונדזער זייט... נו, איז אָפּגעמאַכט?... ווייל כ'מוז שוין גיין...

— אָפּגעמאַכט! נאָר שנעל גיי, כדי כ'זאָל דיר דעם פּיסק נישט צעפּראַסקען און דיך פון יענער זייט טיר נישט אַרויס־שטעלן! — האָט ער צווישן די ציין געמרוקעט.

— וואָס איז מיט דיר, אַנטעק? וואָס איז דיר? — האָט ער דערשראָקן געקייקלט מיט דער צונג, וואָרים אַנטעק האָט אַוועק־געלייגט די קאָסע און איז צוגעגאַנגען צו אים אַ בלאַסער, מיט שרעקלעכע אויגן.

— יודאַש, שטשערווע, גנב! — האָט ער אַרויסגעשיפּעט ווערטער פול מיט שוימענדיקער שנאה, אַזש דער קאָוואַל איז אויפ־געשפּרונגען און אַנטלאָפן, ווי דער פעפער וואַקסט.

— צי איז ער חסר דעה, צי וואָס?... — האָט ער גע־טראַכט אויפן וועג שוין — וואָס הייסט, כ'גיב אים אַ גוטע עצה... און דער?... אַז ר'איז יאָ אַזאַ נאַר, איז לאָז ער גיין אויפן פּאַר־דינסט, זאָל ער אים, דער אַלטער, אַרויסטרייבן, יעך על נאָך צו־

העלפן דערצו... אַזוי צי אַזוי, על איך דעם גרונט נישט פאַרפאַלן לאָזן... אַזאַ בחור ביסטו! אין פּיסק אַריין אָסטו מיר געוואָלט גען, פאַר דער טיר מיך אַרויסשטעלן, ווייל כ׳אָ מיך געוואָלט מיט דיר צעטיילן... ווייל כ׳בין צו דיר געקומען ווי צו אַ ברודער מיט אַ גוט וואָרט! אַזאַ בחור ביסטו! אַהאַ, וואָלסט געוואָלט אַליין אַלץ צונעמען! נישט באַ דיין לעבן! אָסט אויסגעכאַפּט באַ מיר מיינע געדאַנקען, על איך דיך, יוכע, שוין אויסשטעלן, אַז ס׳עט דיך אַן ענגליש קדחת צעטרייסלען — ער איז אַלעמאָל מער דערצערנט געוואָרן, אַ ווילדער כעס איז אים באַפאַלן, וואָס אַנטעק איז געוואויר געוואָרן זיינע געדאַנקען און איז אים גרייט נאָך פאַרן אַלטן אויסצוגעבן. פאַר דעם האָט ער צום מייסטן מורא געהאַט.

— מ׳דאַרף עס פאַרכאַפּן! — האָט ער באַמד אויפן אָרט דעצידירט, און טראָץ דער מורא פאַר אַנטעקן, זיך צוריק אומגעקערט צו די באָרינעס.

— ר׳אי דאָ דער באַלעבאָס? — האָט ער אַ פרעג געטון וויטעקן, וואָס האָט געוואָרפן פון פאַר דער שטוב שטיינער אויף די גענדז, וואָס זענען געשווומען אויפן סטאַוו.

— ס׳דען, ר׳אי דאָ דאָרט! ר׳אי דעך געגאַנגען צו די מילנערס אויף דער חתונה פאַרבעטן...

— כ׳על אַרויסגיין אַקעגן, מ׳עט זיך כלומרשט טרעפן! — האָט ער אַ טראַכט געטון און איז אַוועקגעגאַנגען צום מילנער, נאָר אויפן וועג האָט ער נאָך אָפּגעטרעטן אַהיים און באַפוילן דעם ווייב פיין זיך איבערצוטון, מיטצונעמען די קינדער מיט זיך און באַלד ווי מ׳עט נאָר קלינגען אויף מיטאָג זאָל זי אַוועקגיין צו די אַנטעקס.

— ער עט דיר שוין זאָגן, וואָס אָסט צו טון!.. אַליין זאָלסטו גאָרנישט טון און גאָרנישט מיאַרקירן, וואָרן ביטט אַ נאַר, נאָ אַ׳ מ׳עט דאַרפן, זאָלסטו אַרויסבעטשען, אַרומכאַפּן דעם טאַטנס פיס און בעטן... און הער גוט, וואָס דע טאַטע עמע זאָגן און

וואָס אַנטעק עט פריִער האָבן געזאָגט... — ער האָט זי אַ שפּאָר שטיק צייט געלערנט און כּסדר געקוקט דורכן פענסטער, צי מ׳זעט זיי נישט אויף דער בריק.

— כ׳על אַ בליק טון אין מיל אַריין, צי מ׳האָט געמאַכט די הירזש. — ס׳האָט אים געלאַנגווייליקט צו וואַרטן אין שטוב.

אָבער ר׳איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָפּגעשטעלט זיך, זיך איבערגעלייגט... — ב׳אוודאי, ווער ווייסט אים דאָרט, וואָס ר׳עט טון,

— ר׳האָט מיך אָפּגעזידלט און איז גרייט צו טון, וואָס כ׳האָבן געעצהט... פונדעסטוועגן איז אַלץ בעסער אַז ס׳עט זיין דערביי אַ נקבה... עט ער נישט טון... על זיי זיך צעקריגן... דער אַלטער עטן אַרויסטרייבן...

— יאָ, צי ניין, אַלץ עט זיך דעך עפּעסטשיס אָפּרייסן פּאַ זיך... — האָט ער זיך פריידיק צעלאַכט, אַ רייב געטון די הענט, אַראָפּגעצויגן דעם קאַשקעט און צוגעקנעפּלט די קאַפּאָטע, ווייל אַווינט האָט געבלאָזן און אַן אַדורכנעמענדיקע קעלט האָט געיאָגט פון סטאַוו.

— ס׳עט זיין אַ פרעסטל אָדער אַ פרישער גאָס-רעגן! — האָט ער אַ שעפּטשע געטון, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער בריק אין וואַרפנדיק אַ בליק איבערן הימל... וואָלקנס האָבן נידעריק געצויגן, גרויע, שווערע, ווי פּאַרבלאָטיקטע, פונקט ווי אַ סטאַדע נישט געוואַשענע שעפּסן. דער סטאַוו האָט טעמפּ געמורמלט און טיילמאָל אַ שפּריץ געטון מיט וואַסער אויף די ברעגעס אַרויף, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך ווי-נישט-ווו, צווישן די שוואַרצע, איינגע-בויגענע אָלכעס און געשפּאָלטענע ווערבעס, פויערטעס גערויטלט, וואָס האָבן וועש געוואַשן — די קיִאָנקעס האָבן עקשנותדיק גע-קלאַפּט אויף ביידע זייטן ברעגעס. אויף די וועגן איז געווען ל״ר, געגדז האָבן נאָר גאַנצע סטאַדעסווייז זיך געבאָברעוועט אין דער געדיכטער בלאָטע און אין די ראָוועס, וואָס זענען פּאַרשיט גע-ווען מיט אָפּגעפאַלענע בלעטער און מיסט, און קינדער האָבן גע-

שריגן פאַר די שטיבן, די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען אויף די פּלעטער, ווי אויף אַן ענדערונג פון וועטער.

— אין מיל על איך מיך גיכער אויף זיי דערוואַרטן! — האָט ער אַ מירמל געטון און איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן.

אַנטעק ווידער האָט נאָכן קאָוואַלס אַוועקגיין אַזוי פאַרביסן אָנגעהויבן שניידן די שעצקע, אַז ער האָט זיך אין גאַנצן פאַרגעסן באַ דער דאָזיקער אַרבעט און האָט ביז מיטאָג אַזוי פיל אָנגעשניטן, אַז קובאַ, וואָס איז פון וואַלד גראָד אָנגעקומען, האָט אַזש אויסגעשריגן:

— אויף אַ גאַנצע וואָך עט דאָס גענוג זיין, נע! — האָט ער זיך אַזוי הויך געוווּנדערט, אַז אַנטעק איז אַזש צו זיך געקומען, האָט ער אַ וואָרף געטון דאָס שנייד-קעסטל, זיך אויסגעצויגן און אַריינגעגאַנגען אין דער כאַלופּע.

— וואָס ס'עט זיין, עט זיין, און מיטן טאַטן דאַרף איך מיך היינט אַדורכרעדן! — האָט ער באַשלאָסן... — אַ ציגיינער איז ער און אַ יודאַש, אָבער ס'קען זיין, אַז ער עצהט גוט... נישט אַנדערש... ער מוז עפּעס האָבן שטעקן דערין... — ער האָט געטראַכט וועגן קאָוואַל און אַ בליק געוואָרפן אין דער צווייטער זייט אַריין, צום טאַטן, און זיך שנעל צוריקגעצויגן, וואָרים ס'זענען דאָרט געזעסן באַ אַ צוואַנציק קינדער און אַלע האָבן איינינעם אין הויך געסילאַביזירט... ראָך האָט זיי געלערנט און אויפמערקזאַם אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין הינטישע שטיק... ער איז זיך אַרומגעגאַנגען אַרום זיי מיט דער בייטש קרעלן אין דער האַנט, זיך צוגעהערט, פון צייט-צו-צייט וועמען פאַראַכטן, טיילמאָל אַ צי געטון באַ אַן אויער, טיילמאָל אַ גלעט געטון, און אָפטמאָל זיך אָנידערגעזעצט לעבן זיי און געדולדיק פאָרגעלייענט, וואָס דאָרטן שטייט, און איבערגעפּרעגט, און די קינדערלעך האָבן מיט איין קול איינער איבערן אַנדערן זיך געריסן צו ענטפערן, ווי די אינדיקעס, ווען עמעצער צערייצט זיי... און אַזוי הויך, אַז מען האָט אַזש אויף דער צווייטער זייט געהערט.

האַנקע האָט געקאָכט מיטאָג און געשמועסט מיטן פּאָטער אירן, מיטן אַלטן בּיליצע, וואָס איז זעלטן ווען אַריינגעקומען, וואָרים ער איז געווען אַ קרענקלעכער און האָט זיך שוין קוים געריִרט.

ער איז געזעסן אונטערן פענסטער אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און געפירט מיט די אויגן דאָ איבער דער שטוב, דאָ איבער די קינדער, וואָס האָבן זיך צונויפגעטוליעט אין אַ ווינקל, דאָ האָט ער אויף האַנקען אַ בליק געוואָרפן... ער איז אינגאַנצן גרוי געווען, די ליפּן האָבן אים געציטערט און אַ קול האָט ער געהאַט אַ שוואַכס, פּונקט ווי בּאַ אַ פייגעלע, און אין דער בּרוסט האָט אים כסדר געשטאָכן...

— צ'האָט געגעסן אָנבייסן, האַ? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— אי... אין דער אמתן, איז האָט מיר וועראָנקאַ פּאַגעסן צו געבן... און כ'אָ מיך נישט געמאָנט, ניין...

— וועראָנקאַ הונגערט אפילו די הינט אויס, נישט איינמאָל קומען זיי צו מיר צו לויפן עסן! — האָט זי אויסגערופן, וואָרן זי איז בּרוגז געווען מיט דער עלטערער שוועסטער נאָך פון פאַריאָרן ווינטער אָן, ווייל יענע האָט דיר נאָך דער מוטערס טויט, אַלץ וואָס עס איז נאָר געבליבן צוגענומען און נישט געוואָלט אָפּגעבן, איז פלעגן זיי זיך כמעט אפילו נישט זען.

— ווייל ס'גייט בּאַ זיי נישט איבער, ניין... — האָט ער שטיל זי פּאַרטיידיקט... — סטאַך דרעשעט בּאַם אָרגאַניסטער, איז עסט ער שוין דאָרטן און נעמט נאָך פערציק גראָשן אַ טאָג... און אין שטוב איז דאָ אַזוי פיל מיילער... אַז עס גענוגן אפילו נישט די קאַרטאָפליעס... אמת... אַז זיי האָבן צוויי קי און מילך איז דאָ... אַז די פּוטער מיטן קעז טראָגט זי אין שטאָט אַריין און נעמט דערפאַר ווי ס'איז דעם גראָשן... אָבער זי פאַרגעסט אָפּט עסן צו געבן... אַוודאי, ס'אי קאַ ווונדער ניש... אַזוי פיל קינדער... און וועלניאַקעס וועבט זי פּאַר מענטשן... און שפּינט,

און האָרעוועט, ווי אַן אָקס... און צי באַדאַרף איך דען אַ סך?... אַבי נאָר אין דער צייט און יעדן טאָג... איז...

— איז טראַגטס ענק איבער צון אונדז אויף וויאַסנע, אַ׳ ס׳איז ענק באַ דער דאַזיקער צויג אַזוי שלעכט...

— טאַטש, כ׳באַקלאָג מיך ניש, כ׳רעד ניש אויס... נאָר... — דאָס קול האָט זיך אים פלוצלינג אָפּגעהאַקט...

— צ׳וואָלט די געגדז ליבער געפּאַשעט, אָדער די קינדער אָפּגעהיטן...

— כ׳וואָלט אַלץ געטון, האַנוש, אַלץ — האָט ער שטיל געשעפּטשעט.

— אין שטוב איז דאָ אַן אָרט, עט מע אַריינשטעלן אַ בעט, ס׳זאָל ענק זיין וואַרעם...

— אַ׳ טאַטש אַפילו אין דע שטאַל, און באַ די פערד וואָט איך געשלאָפן, אַבי נאָ באַ דיר, האַנוש, אַבי נאָר זיך ניש אומצוקערן! אַבי... — האָט ער זיך אַזש פאַרכלישניעט מיט דער דאָזיקער האַרציקער בקשה און טרערן האָבן אים אָנגעהויבן קאַפּיען פון די איינגעפאַלענע און פאַרוויטלטע אויגן... — ז׳האָט מיר צוגענומען דאָס איבערבעט, וואָרן זי זאָגט, אַ׳ די קינדער אָבן ניש אונטער וואָס צו שלאָפן... ב׳אוודאי... זיי זענען געפרוירן געוואָרן, אַ׳ כ׳אָ זיי אַליין צו מיר גענומען... אָבער דאָס פעלצל האָט זיך אויסגעריבן און עס וואַרעמט מיך גאָניש... און ס׳בעט אָט זי מיר צוגענומען... און אין מיין זייט אי קאַלט... קאַ שטשאַפּע האָלץ פאָזוואָליעט זי מיר נישט... און יעדר לעפל עסן רעדט זי מיר אויס... אויף בעטל טרייבט זי מיך... און כ׳אָ דעך אָבער קאַ כוח ניש, כ׳אָ מיך קוים צו דיר דערשלעפּט...

— גאָט מיינער! און פאַרוואָס אָט עך אונדז דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט, אַ׳ ס׳איז ענק אַזוי שלעכט...

— ווי אַזוי... אַ טאָכטער... ער איז אַ גוטער מענטש, אָבער פסדר אויפן פאַרדינסט... ווי אַזוי...

— אַזאַ גיהנומניצע! האַלב גרונט האָט זי צוגענומען און אַ

האַלבע כאַלופּע, און אַלץ, און אַזאַ קעסט גיט זי ענק! אין סאָנד אַריין דאַרף מע גיין! ז׳האָבן ענק געזאָלט געבן צ׳עסן און הייצונג, און דאָס, וואָס איר דאַרפט אָנצוטון. און אונדז די צוועלף רובל אַ יאָר דאָרט... וואָרן אונדז האָבן דעך אַ חוב געדאָרפט אָפּצאָלן... וואָס, נישט אַזוי?...

— אמת! צ׳זענט ערלעכע מענטשן, אמת... אָבער אפילו די פּאָר גילדן, וואָס כ׳אָ געהאַט פון ענק, און וואָס כ׳אָ באַהאַלטן אויף דער באַגרעבעניש, האָט זי אויך אויסציגייגערט בײַ מיר... און דערנאָך אָב איך שוין געמוזט געבן... ווי דען... ס׳אי דעך אַ קינד... ר׳איז אַנטשוויגן געוואָרן און געזעסן שטיל, איינגעטוליעט, ענלעך גיכער צו אַ קופּע אַלטע שפּענער, ווי צו אַ מענטש.

און נאָך מיטאָג, אַזוי ווי די קאָוואַלאָווע אי נאָר אַרייַנגעקומען מיט די קינדער און זיך אָנגעהויבן צו באַגריסן, האָט ער צוגענומען דאָס פּעקל, וואָס האַנקע האָט אים בשתיקה צוגעגרייט און זיך שטיל אָפּגעטראָגן.

באָרינע איז אויף מיטאָג נישט געקומען.

די קאָוואַלאָווע האָט דעריבער באַשלאָסן צו וואַרטן כאָטשביק ביז נאַכט אפילו; האַנקע האָט אויפגעשטעלט אונטערן פענסטער די וועב-שטול און אויפגעצויגן אויף דער וועב-קאַם דעם ליאַן-אויפצוג, און נאָר טייַלמאָל, כאָטש נישט דרייסט אפילו, האָט זי אַרייַנגעוואָרפן ווערכעס וואָרט אין געשפּרעך, וואָס אַנטעק האָט געפירט מיט דער שוועסטער; ער האָט אויסגערעדט פאַר איר זייַנע ווייטיקן און זי האָט פּאָטאַקעוועט, אָבער נישט לאַנג האָט דאָס געדויערט, וואָרים יאַגוסטינקע איז אַרייַנגעפאַלן און ווי נישט ווילנדיק אַ זאָג געטון;

— פון אָרגאַניסטער לויף איך, וועש וואַשן אָבן זיי מיך גערופן... מאַטשעי מיט יאַגנען זענען נאָר וואָס דאָרט געווען אויף דער חתונה בעטן. ז׳עלן גיי, ! ס׳דען, יעדער צו ס׳זייניקע,

אַ רייכער ציט צו אַ רייכן... און דעם גלח האָבן זיי אויך גע-בעטן...

— אויף דעם דאָבראָדזשעי אָבן זיי גערופן?... — האָט האַנקע אויסגעשריגן.

— און וואָס, אַ הייליקער איז ער, צי וואָס? ז׳האָבן גע-בעטן, אָט ער געזאָגט, אַ ס׳קען זיין ר׳עט קומען... פאַ וואָס ניש, די כלה אי דען ניש קאַ געראָטענע, צי עלן זיי דען קאַ גוט עסן און געטראַנקען נישט אָנגרייטן! די מילנערס אָבן אויך צוגעזאָגט — און מיט דער טאָכטער, האָ, האָ! אַזאַ חתונה איז נאָך צייט ליפּצע איז ליפּצע נישט געווען! כ׳ווייס עס גוט, ווייל מיט יעווקען דעם מיל-נערס עלן מיר קאָכן. אַ חזיר אָט זיי שוין יאַמבראָזשי צורעכט גע-מאַכט, זיי מאַכן קעלבאַסעס... — האָט זי פלוצלינג אָפּגעהאַקט, ווייל קיינער האָט נישט גערעדט און נישט געפרעגט. זיי זענען געזעסן פאַרכמורעט, האָט זי זיך דעריבער אויפמערקזאַם צו אַלע צוגעקוקט און אויסגערופן;

— עפּעס גרייט זיך באַן ענק.

— צי ס׳גרייט זיך יאָ, צי ס׳גרייט זיך נישט, און ענק זאָל גאָרנישט אָנגיין! — האָט די קאָוואַלאָווע אַזאַ שטרענגן זאָג גע-טון, אַז יאַגוסטינקע האָט זיך אַזש באַליידיקט און איז אַוועקגע-גאַנגען אויף דער צווייטער זייט, צו יוזשען, וואָס האָט איינגע-שטעלט אין אָרדנונג די בענק און די טישן, וואָרים די קינדער זענען זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען, און ראָך איז אַוועקגע-קראָכן אויפן דאָרף.

— אַוודאי, אַ׳ דע טאַטע עלן זיך גאָניש קאַרגן — האָט די קאָוואַלאָווע אַ מירמל געטון מיט אַ צעווייטיקטער שטי-מע.

— ס׳האָט נישט דערצו! — האָט האַנקע אַ זאָג געטון און אַ צעשראָקענע אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל אַנטעק האָט אַ שטרענגן קוק געטון אויף איר. — זענען זיי געזעסן כמעט אין שטילשווייגן און געוואַרט; פון צייט-צו-צייט האָט עמעץ אַ זאָג געטון עפּעס

און ווידער איז אַנטשטאַנען אַ טויבע, שווערע, אומרויִקע שטיל־קייט...

פאַר דער כאַלופּע און אויפן גאַנעק האָט וויטעק מיט די קינדער געפּראַוועט אַזעלכע קונצן, אַז לאַפּאַ האָט זיך אַזש צעבילן, און די כאַלופּע האָט זיך געטרייסלט.

— באַרעס געלט מוז ער אויך האָבן גענוג, ער האַלט כסדר אין איין פאַרקויפן און אויסגעבן, אויף וואָס גיט ער אויס?...

אַנטעק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף דער שוועסטערס רייד און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אויף דער לופט, ס׳איז אים אומעטיק געווען אין דער כאַלופּע, און אַן אומרויִקייט איז געוואַקסן אין אים, און אַ שרעק, ער האָט אַליין נישט געוווסט וואָס, ער האָט געוואַרט אויפן פאָטער, און זיך געלאַנג־ווייליקט, און אין האַרץ איז ער צופרידן געווען, וואָס מען זעט אים נישט אַזוי לאַנג. — „נישט וועגן גרונט גייט עס דיר, נאָר וועגן יאַגושען!" ער האָט זיך דערמאַנט, וואָס דער קאָוואַל האָט אים נעכטן געזאָגט... ער זאָגט ליגנט, ווי דער הונט! האָט ער אויסער זיך אויסגעשריגן. ער האָט זיך גענומען די ווענט צום פּאַדוואַרזש־צו אַרומהילן, וויטעק האָט אים צוגעטראָגן בלעטער פון דער קופּע, און ער האָט פעסט אַרומגעשטאָפּט און פאַרלייגט מיט לייסטן, אָבער די הענט האָבן אים געציטערט און ער האָט פון צייט צו צייט די אַרבעט איבערגעריסן. ער האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אָן דער וואַנט און דורך די נאַקעטע, אָן בלעטערדיקעביימער געקוקט איבערן סטאַוו, דאָרט ווייט, אויף יאַגושעס כאַ־לופּע... ניין, נישט קיין ליבע איז אין אים געוואַקסן, נאָר אַ כעס און טויזנטער געפילן פון שנאה, אַז ער האָט זיך אַזש געוווּנ־דערט דערויף! אַ צויג, אַ שטשערווע, מ׳האָט איר געוואָרפן אַ ביין, איז זי געגאַנגען! — האָט ער געטראַכט. אָבער ס׳האָבן זיך אויפגעוועקט אין אים זכרונות, זיי זענען פון ערגעצשטשיס אַרויס־געקראָכן, פון די נאַקעטע פעלדער, פון די וועגן, פון די שוואַרצ־לעכע סעדער און האָבן זיך אים אין האַרץ באַזעצט, אָן די גע־

דאַנקען זיך געפּלאָנטערט, פאַר די אויגן געשימערט... אַזש אַ שווייס האָט אים דעם שטערן באַגאָסן, די אויגן האָבן זיך צעבליצט און אַ שטאַרקער פיבער האָט אים אַדורכגענומען, אַ פייערדיקער! העי, און דאָרט אין סאָד... און דאַמאָלס אין וואַלד... און ווען זיי האָבן זיך צוזאַמען פון שטאָט אומגעקערט...

יעזוס! ער איז שיער נישט אומגעפאַלן, ווייל ער האָט האַרט פאַר זיך דערזען איר צעפלאַמט פּנים, וואָס האָט ליידנשאַפטלעך געאָטעמט, אירע בלויע אויגן און אירע פולע און רויטע ליפּן, און אַזוי באָנט, אַז ער האָט זייער הויך געפילט, זיי האָבן געזעצט אויף אים מיט אַ היץ... און איר שטילע שטימע, די אָפּגעהאַקטע, די אָנגעפילטע מיט ליבע און פייער... יאַנטאָש! יאַנטאָש!... — זי האָט זיך נאָנט צוגעבויגן צו אים, אַזוי, אַז ער האָט זי אינגאַנצן געפילט לעבן זיך, אירע בריסטן, אירע אָרעמס, אירע פיס — אַז ער האָט זיך אַזש די אויגן אויסגעווישט און אָפּגעטריבן ווייט פון זיך די בלענדנדיקע טרוים-בילדער, און זיין גאַנצער פאַרעקשנטער כעס האָט אים אַראָפּגעטריפט פון האַרץ, ווי דאָס אייז פון די דעכער, ווען די פרילינג-זון גיט עס נאָר אַ וואַרעם, און ווידער האָט זיך די ליבע דערוועקט און אַ ווייטיקלעכע בענקשאַפט האָט איר שטעכעדיקן קאָפּ אויפגעהויבן, אַזאַ שרעקלעכע בענקשאַפט, אַז כאָטש נעם און שלאָג קאָפּ אָן דער וואַנט און צעשריי דיך אין אַ הימל-געשריי!

— אַ דונער זאָל עס דערשלאָגן! — האָט ער אויסגעשריגן, קומענדיק צו זיך, און ער האָט שאַרף אַ קוק געטון אויף וויטעקן; צי ער שטויסט זיך נישט אָן עפּעס...

שוין פון דריי וואָכן אָן, ווי ס׳האָט אים געוואָרפן אין היץ, אין דערוואַרטונג פון עפּעס אַ נס, און ער האָט גאָרנישט געקענט העלפן, און גאָרנישט זיך אַקעגנשטעלן! וואָרים איינמאָל דען זעבען אים געקומען אויפן געדאַנק ווילדע איינפאַלן און באַשלוסן, אַז ער איז געלאָפן אַבי זיך נאָר צו זען מיט איר, איין נאַכט דען איז ער אָפּגעשטאַנען אויפן רעגן און אויף דער קעלט, געהיטן

ווי דער הונט פאַר איר כאַלופּע! זי איז נישט אַרויסגעקומען, זי פלעגט אים אויסמיידן, אויפן וועג האָט זי אים שוין פונדערווייטנס אויסגעמיטן!...

נישט, איז נישט! און ער איז וואָס אַמאָל אַלץ כאַרביסענער געוואָרן קעגן איר און קעגן אַלץ! ז'איז נ'טאַטנס, אי זי, אַ פרעמדע אי זי, דאָס צושלעפעניש, דער הונט אָן אַ היים, דער גנב, וואָס גנבעט בּאַ זיי דעם גרונט, דאָס העסטע גוטס — איז מיטן שטעקן אים, כאָטש אַפילו אויפס טויט על איך אים דערדורסן!

און צי איינמאָל דען האָט ער זיך געוואָלט דעם טאַטן קעגן די אויגן אַנידערשטעלן און אויסשרייען; צ'טאָרט נ״ש מיט יאַגנען חתונה האָבן, ווייל ז'אי מיין! נאָר אַ שרעק האָט אים די האָר אויפגעשטעלט: — וואָס עט ער דער אַלטער זאָגן, וואָס עלן זאָגן מענטשן, וואָס עט זאָגן ס'דאָרף?...

און יאַגוש עט דעך זיין זיין שטיף־מאַמע, ווי אַ מאַמע פונקט — ווי אַזוי קען-זשע דאָס זיין, ווי אַזוי?... אַן עבירה, מוז דאַך דאָס זיין אַן עבירה! ער האָט אַזש מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָרים דאָס האַרץ איז אים אָפּגעשטאָרבן פאַר דער אומפאַרשטענדלעכער שרעק, פאַר מורא, פאַר עפּעס אַ שרעקלעכער געטלעכער שטראָף... און קיינעם ווייטער נישט זאָגן וועגן דעם, נאָר טראָגן דאָס אין זיך, ווי הייסע קוילן — ווי דאָס לעבעדיקע פייער, וואָס ברענט אַזש ביז די בייגער דורך... ניש פאַ קאַ מענטשלעכע כוחות אי דאָס, ניין.

און דאָ איז אין אַ וואָך אַרום שוין דער שלוב...

— דע באַבאָעס גייען! — האָט וויטעק זיך אָנגערופן, אַז אַנטעק האָט אַזש אַ ציטער געטון פאַר שרעק.

ס'האָט שוין געטונקלט אויף דער וועלט.

דער בין השמשות האָט זיך צעשאָטן איבערן דאָרף, ווי נישט אָפּגעקילט אַש, וואָס איז נאָך רויטלעך פון פאַרבאָרגענע הייסע קוילן — די רויטקייט פון זון־אונטערגאַנג האָט זיך געלאָשן. זי איז אַלץ בלאַסער געוואָרן פון די גרויע וואָלקנס, וואָס

דער ווינט האָט געטריבן און אָנגעוואָרפן אויפן מערב, אין אומ־געהייערע בערג. ס'איז געוואָרן קאַלט, די ערד איז געגליווערט געוואָרן, די לופט איז געוואָרן שאַרף, מונטער, ווי פּאַר אַ פראָסטל, און אַזוי קלאָר, אַז דאָס טופּען און דאָס ריטשען פון דעם אינ־ווענטאַר, וואָס מ'האָט געטריבן צום וואַסער טרינקען, האָט מען געהערט העכער, און דאָס סקזשיפּען פון די טויערן און פון די ברונעמס, בשעתן וואַסער אַרויפציִען, די געשפּרעכן, די געשרייען פון די קינדער, דאָס בילען, האָט זיך שאַרפער איבערן סטאַוו געטראָגן; ווי־נישט־ווי האָבן שוין פענסטער אויפגעבליצט און גע־לאָזט פאַלן איבערן וואַסער לאַנגע, צעריסענע, אויפציטערנדיקע ליכט־אָפּשפּיגלונגען... און פון הינטער די וועלדער אַפער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן אַ גרויסע, רויטע, פולע לבנה, אַזש לאָ־נעס האָבן פון איר געשלאָגן, ווי ס'וואָלט ערגעץ אַ פייער גע־זעצט אין די וועלדער־טיפעניש.

באָרינע האָט זיך איבערגעטון אין די געוויינטלעכע מלבושים און איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין צום באַלעבאַ־טישקייט. ער האָט אַריינגעבליקט צו די פערד, צו די בהמות, אין שייער אַריין און אפילו צו די חזירימלעך, ער האָט אָנגעשריגן אויף קובען פאַר עפּעס, און אויף וויטעקן דעסגלייכן, אַז די קעל־בער זענען אַרויסגעקראָכן פון דער פאַרצוימונג און זענען אַריין צווישן די קי, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, האָבן שוין אַלע אויף אים געוואַרט... זיי האָבן שטיל געשוויגן, נאָר אַלע אויגן האָבן זיך אויף אים אַ הייב אויף געטון און באַלד זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, וואָרים ער איז שטיין געבליבן אינדער־מיט שטוב, אומגעקוקט זיך אויף זיי און מיט חוזק אַ פרעג גע־טון:

— אַלע! ווי אויף עפּעס אַ סאָנד!

— ניש איך קאַ סאָנד, נאָ צון ענק זעמיר געקומען מיט אַ בקשה — האָט די קאָוואַלאָווע אויסגערופן נישט דרייסט.

— און פֿאַ וואָס עפּעס איז אויך דײַנער ניש געקו־מען?...

— ער האָט אַ נײַטיקע אַרבעט, איז ער געבליבן אינדער־היים...

— ס׳דען... אַן אַרבעט... ס׳דען... — האָט ער זיך צעשמייכלט, אַנשטויסנדיק זיך, ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קאַפּאָטע און אָנגעהויבן אַראָפּציִען די שטיוול, און זיי האָבן גע־שוויגן, נישט ווי־סנדיק, פֿון וואָס אָנצוהייבן. די קאָוואַלאָווע האָט אָפּגעהוסט און איינגעשטילט די קינדער, ווען זיי האָבן אָנגע־הויבן אַרומשטיפֿן, האַנקע איז געזעסן אויף דער שוועל און האָט געקאַרמעט דאָס שגצל, און איז געלאָפֿן מיט אומרויִקע אוי־גן אי־בער אַנטעקס פּנים, וואָס איז געזעסן אונטערן פֿענסטער און אָפּ־געסדרט זיך אין קאָפּ, וואָס ער האָט צו רעדן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פֿון אויפֿרעגונג און אומגעדולד. איין יוזשאַ נאַר, וואָס איז געזעסן רויִק און האָט געשיילט קאַרטאָפֿל אונטערן קוימען, צוגעוואָרפֿן אַ העלצל אויפֿן פֿייער און בייגעריק זיך צו אַלץ צוגעקוקט, ווען זי האָט זיך גאַרנישט געקענט אויסמיאַרקירן.

— וואָס ווילט עך, זאָגטס? — האָט ער שאַרף אויסגערופֿן, ווערנדיק אומגעדולדיק צוליבן שווייגן.

— נו, מ׳זעמיר... זאָג, אַנטעק... נו, מ׳זעמיר געקומען מכוח דעם דאָויקן אָפּשרייבן... — האָט אַרויסגעקרעכצט די קאָ־וואַלאָווע.

— כ׳אָב אָפּגעשריבן, און דע שלוב עט זיין זונטיק... דאָס זאָג איך ענק...

— דאָס ווייסן מיר, אָבער ניש וועגן דעם זעמיר געקומען.

— נאָר וועגן וואָס?

— צ׳האָט פֿאַרשריבן גאַנצע זעקס מאָרגעס!

— ווייל כ׳האָב אַזוי געוואָלט, און לאָמיך וועלן, איז אי־דעם אויגנבליק שרייב איך אַלדינג אָפּ...

— אַז אַלץ עט זיין ענקער, עט עך פאַרשרייבן! — האָט אַנטעק אַ זאָג געטון.

— נאָ ווען איז עס, האַ, ווען?...

— די קינדערס, אונדזערס.

— ביסט נאַריש אָט ווי דאָס קעלבל! דע גרונט אי מיין און כ׳על מיטן טון, וואָס מיר עט געפעלן.

— צ׳עט טון אָדער ניש טון...

— דו עסט מיר פאַרווערן, דו!

— יעך טאַקע, אונדז אַלע, אַ׳ ניש, על׳ן ענק די סאַ׳דעס פאַרווערן — האָט ער געשריגן, וואָרים ער האָט שוין נישט געקענט פאַרטראָגן, איז האָט ער אויסער זיך פון כעס אַרויסגעפלאַצט.

— מיט סאַנדעס שרעקסטו מיך, האַ? מיט סאָנדעס! — פאַ־מאַך צו דאָס פּיסק, כל זמן כ׳בין גוט, וואָרן ס׳עט דיר באַנג טון! — האָט ער געשריגן, צושפּרינגנדיק צו אים מיט די פויסטן.

— און באַעוולהן עמיר זיך ניש לאָזן! — האָ האַנקע גע־קוויטשעט, אויפשטעלנדיק זיך.

— און דו וואָס? דריי מאָרגעס זאַמד אָסטו אַריינגע־ברענגט אין אַן אַלטע פלאַכטע, און ז׳עט דאָ אויך עפענען אַ פּיסק?

— און עך האָט אַנטעקן אַפילו אַזוי פיל אויך ניש געגעבן, אַפילו זייבע פאָר מאָרגעס נאָך דער מאַמען, און מ׳אַרבעטן מיר באַן ענק, ווי די פאַראָבקעס, ווי די אָקסן.

— נעמט עך דערפאַר אַראָפּ פון דריי מאָרגעס.

— און מ׳אַרבעטן מיר ענק אָפּ פאַ צוואָנציק אָדער אפשר נאָך מער.

— אַ׳ ס׳איז ענק אַן עוולה, גייטס זוכטס ענק בע־סערס.

— מ׳עמיר ניש גיין זוכן, וואָרן דאָ איז אונדזערס! און־

דזערס נאָך די עלטער-עלטער-זיידעס! — האָט אַנטעק פּעסט או ס-גערופן.

דער אַלטער האָט אַ שאָס געטון אויף אים מיט די אויגן און גאָרנישט געענטפערט, ער האָט זיך נאָר אַנידערגעזעצט לעבן קוימען און אַזוי געהאַקט מיטן שאַר-אייזן אין די גלאָווניעס אַריין, אַז פינקען האָבן זיך אַזש אָנגעהויבן צו שיטן — ער איז בייז געווען, פייערן האָבן אויף זיין פּנים געפלאַמט און די האָר זענען אים כּסדר אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן, וואָס האָבן אים געגלאַנצט ווי בא אַ ווילדער קאַץ... נאָר ער האָט זיך נאָך געהאַמעוועט, כאָטש ער האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטן...

אַ לאַנג שטילשווייגן האָט די שטוב באַהערשט, אַז מ׳האָט נאָר געהערט דאָס סאַפּען און גיכע אָטעמען. האַנקע האָט שטיל געכליפּעט און צוגעהושטעט דאָס קינד, וואָרן ס׳האָט אָנגעהויבן יאָ-מערן.

— אונדז שטעלן מיר זיך ניש אַקעגן דעם חתונה-האָבן צ׳ווילט, איז אָטס חתונה...

— און שטעלטס ענק יאָ אַקעגן, כ׳שטיי אַ סך דער-באָך...

— נעמטס נאָ אָפּ דאָס אָפּגעשריבענע — האָט האַנקע מיט טרערן צוגעוואָרפן.

— עסט פאַרשטומט ווערן, און דאָס וועט דיר נאָ וואָיען, אין דע הינטישער מאַמען אַריין, כּסדר, ווי אַ צויג! — ער האָט אַ וואָרף געטון דאָס שאַר-אייזן אין פייער אַריין מיט אַזאַ כּוח, אַז די גלאָווניעס האָבן זיך איבער דער שטוב צעשיט.

— און עך מיאַרקירט ענק! וואָרן ס׳איז ענק ניש קאַ שיק-סע דאָרט, אַ׳ צ׳זאָלט דעם פּיסק אויף איר אַזוי אויפעפענען!

— אי פאַרוואָס פּיסקעוועט זי!

— ז׳האָט אַ רעכט, ווייל זי מאָנט זיך ס׳איריקע! — האָט אַנטעק וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואַלטעוועט.

— צ׳ווילט, איז שרייבטס אָפּ, אָבער דאָס ,וואָס איז איבערגעבליבן, שרייבטס אָפּ אויף אונדז — האָט די קאָוואַלאָווע אָנגעהויבן.

— ביסט אַ נאַר. קוקסט זי אָן, מיט מיינעם עט זי זיך דאָ גיין טיילן. אָ׳ ניש קאַ מורא, אויף קאַ קעסט צון ענק על איך ניש גיין... — אַזוי אָב איך געזאָגט!

— און אונדז עלן מיר ניש אָפּטרעטן, אונדז ווילן גערעכטיקייט.

— אַ׳ כ׳על נעמען אַ שטעקן, על איך ענק גען אַ גערעכטיקייט.

— פּרוּווטס נאָר אָנרירן, מעגט ען זיין פּעוּגע, אַ׳ צ׳עט ענק ניש דערוואַרטן ביז דער חתונה.

און זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קריגן, צושפּרינגען איינער צום אַנדערן, דראָען, קלאַפּן מיט דער פויסט אָן טיש, אויסשרייען און פאַרהאַלטן אַלע זייערע עוולות און ווייטיקן! אַנטעק איז געוואָרן אַזוי אויסער זיך און האָט זיך אַזוי צעכעסט, אַז אַ ווילדקייט האָט פון אים געזעצט און ער האָט אַלעמאָל שוין אָנגעכאַפּט דעם אַלטן דאָ באַם אָרעם, דאָ באַ די באַרקעס און איז שוין גרייט געווען זיך צו שלאָגן... אָבער דער אַלטער האָט זיך נאָך געהאַמעוועט, ער האָט נישט געוואָלט קיין געשלעג. ער האָט אָפּגעשטופּט אַנטעקן, אויף די באַליידיקונגען האָט ער זעלטן געענטפערט, אַבי קאַ בייז וווּנדער פאַר די שכנים און פאַרן גאַנצן דאָרף נישט אָנצומאַכן. אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבן אַזאַ געשריי און טומל, און אַ געוויין, וואָרן ביידע ווייבער האָבן געוויינט אין באַזאַמען געשריגן, און די קינדער האָבן אויך געקוויטשעט, אַזש קובאַ מיט וויטעקן זענען פון הויף הינטערן פענסטער אַרונטער געקומען צו לויפ... אָבער דערוויסן זיך, האָבן זיי גאָרנישט גע ענט זיך דערוויס, ווייל אַלע האָבן געקוויטשעט איגיינעם, ביז ענדלעך זיי האָבן שוין נישט געקענט שרייען, האָבן זיי נאָר געכריפּ ט בלויז מיט קללות און דראָונגען, האַנקע האָט אַ רי ש אַרויס געטון מיט אַ

פריש געוויין, אַנגעשפּאַרט זיך אָן אָקאַפּ און אָנגעהויבן אין אַ טייך פאַרגאָסענע טרערן און מיט אַ באַוווסטלאָזער שטימע צו שרייען:

— נאָר אויף בעטל קומט אונדז אויס צו גיין, אין דער וועלט אַריין... אָ מיין יעזוס, מיין יעזוס!.. ווי די אָקסן האָבן מיר דעך געהאָרעוועט בײַטאָג... און בײַ נאַכט... ווי די פּאַראָבקעס... און אַצינד וואָס... און גאָט עט ענק באַשטראָפן פאַר אונדזער עוולה... ר'עט באַשטראָפן... גאַנצע זעקס מאָרגעס אָבן זיי אָפּגעשריבן... און די מלבושים נאָך דער מאַמען... די פּאַטשערקעס... דאָס אַלץ... און פאַ וועמען אי דאָס, פאַ וועמען?... פאַר אַזאַ חזיר! אַ זאָסט אונטערן פּלאָט פּגרן פאַר אונדזער עוולה, אַ ס'לאָזן דיך די ווערים עסן, דו אַרומשלעפּערין, דו פּלאַק אייגער, דו!...

— וואָס אָסטו געזאָגט?... — האָט דער אַלטער אַ ריטש געטון, צושפּרינגנדיק צון איר.

— אַ ז'איז אַ פּלאַק און אַן אַרומשלעפּערין, איז ווייסט דאָס גאַנצע דאָרף דערפון... די גאַנצע וועלט... די גאַנצע...

אַ זאַשע דיר צון איר, וואָרן כ'על דיר דעם פּיסק אין דער וואַנט צעהאַקן, אַ זאַשע... — און ר'האָט אָנגעהויבן צו טרייסלען זי, אָבער אַנטעק איז שוין געגעבן אַ שפּרונג צו און זי פאַרשטעלט און אויך אָנגעהויבן צו שרייען:

— און איך חזר דיר אויך איבער, אַ ז'איז אַ פּלאַק, אַן אַרומשלעפּערין, יעך! און געשלאָפן איז מיט איר ווער ס'האָט נאָר געוו..לט, יעך... — האָט ער אויסער זיך געשריגן און גערעדט, וואָס ס'איז אים נאָר אויף דער צונג געקומען. ער האָט נישט דערענדיקט, וואָרן דער אַלטער האָט אים, שוין זייענדיק אינגאַנצן צעווילדעוועט, אַזאַ פּלאַם געטון אין פּיסק אַריין, אַז ר'איז אַזש אַ פאַל געטון מיטן קאָפּ אויפן גלעזערנעם שענקל און איניינעם דערמיט זיך אויף דער ערד אויסגעצויגן... ער האָט זיך פלינק,

אַ צעבלוטיקטער, אַ ריס אויף געמון און אַרויפגעפאַלן אויפן פּאַטער.

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון איינער אויפן אַנדערן, ווי צוויי ווילדע הינט, זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט באַ די בריסטן און אַרומגעשלעפּט איבער דער שטוב, געוואָרפן זיך, געשלאָגן זיך אָן די בעטן, אָן די קאַסטנס, אָן די ווענט, אַזש די קעפּ האָבן געקנאַקט. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומבאַשרייבלעך געשריי, די ווייבער האָבן זיי געוואָלט צערייסן, אָבער זיי זענען אַ פּאַל אַנידער געטון אויף דער ערד, און אַזוי צונויפגעשלאָסן, פול מיט שנאה און כּעס האָבן זיי זיך געטאָרגלט, געטרעטן, געשטיקט...

דאָס גאַנצע גליק איז געווען, וואָס די שכנים האָבן זיי גיך פונאַנדערגעריסן און אָפּגעשיידט איינעם פון אַנדערן...

אַנטעקן האָט מען איבערגעטראָגן אין דער צווייטער זייט אַריין און מיט וואַסער באַגאָסן, אַזוי איז ער אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון פאַרמאַטערקייט און בלוט-אָפּפלוס, וואָרים דאָס פּנים איז אים בעווען צעשניטן פון דעם גלאָז.

דעם אַלטן האָט גאָרנישט געשאַדט; דער שפּיגל איז אים נאָר געווען אַביסל צעפליקט, און דאָס פּנים צעדראַפּעט און אַזש בלוי פון ווילדן כּעס... ער האָט אָנגעשאָלטן און אַרויסגעטריבן די מענטשן, וואָס זענען זיך געהאַט צוזאַמענגעלאָפן, די טיר פון פעדערהויז האָט ער פאַרמאַכט און זיך אַנידערגעזעצט פאַרן קוימען...

אָבער ער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן, וואָרים ס'איז אים אַלעמאָל געקומען אויפן געדאַנק דאָס, וואָס מ'האָט אויף יאַגנען אויסגערעדט, און דאָס האָט אים געשניטן אין האַרץ, ווי מיט אַ מעסער...

— כ'על דאָס דיר נישט שענקן, הונט איינער, כ'על נישט שענקן! — האָט ער באַ זיך אין האַרץ אָפּגעשווירן. — וואָס הייסט, אויף יאַגושען... אָבער באַלד איז אים אויפן געדאַנק געקומען אויך דאָס, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל געהערט וועגן איר,

וואָס מ׳האָט נאָך לאַנג אויסגערעדט, און אויף וואָס ער האָט, קיין אַכט נישט געלייגט! ס׳איז אים געוואָרן הייס, און אויסטערליש שווער, און אויסטערליש אומעטיק... — ס׳אי ניש אמת, רכילותניקעס און מקנאניקעס, מ׳ווייסט שוין! — האָט ער אויפן קול אויסגעשריגן, אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל מער דערמאַנט אָן די מענטשלעכע גערעדערייען — ב׳אוודאי, אַז אַן אייגענער זון רעדט, זאָלן זיי ניש בילן! אַ שטשערווע! — אָבער ס׳האָבן אים געפרעסן די אַלע דערינערונגען ווי אַ פייער...

— און ווען יוזשאַ האָט צוגערוימט די שטוב נאָכן געשלעג, און צום סוף, שוין אפילו גאַנץ שפעט, דערלאַנגט די וועטשערע, האָט ער אַ פאַרזוך געטון די קאַרטאָפליעס און אַוועקגעלייגט דעם לעפל, ער האָט נישט געקענט אַראָפּשלונגען.

— אָסט פאַרשיט אָברעק די פערד? — האָט ער קובען אָ פרעג געטון.

— וואָ דען...

— ווו איז וויטעק?

— נאָך יאַמבראָזשין איז ער געלאָפן, ר׳זאָל אַנטעקן דעם קאָפּ באַנדאַזשירן; ס׳פּרצוף איז אים אָנגעשוואָלן, ווי אַ טאָפּ — האָט ער צוגעגעבן און זיך באַלד אָפּגעטראָגן, וואָרים די לבנה האָט געשיינט, און ער האָט זיך היינט געגרייט אויף פּאָלעוואַניע*) אין וואַלד אַריין... יוכעס, די האָבער שטעכט זיי, אי שלאָגן זיי זיך — האָט ער אַ מרוק געטון.

דער אַלטער איז אויך אַוועק אין דאָרף אַריין, באַ יאַגנען האָט ער פּונדעסטוועגן נישט אָפּגעטרעטן, כאָטש ס׳האָט אין די פענסטער שוין זיך געלויכטן, ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון דער סאַמער טיר און זיך אַוועקגעשלעפּט מיטן וועג צום מילנער.

ס׳איז געווען אַ קילע נאַכט, אַ צעפינקלטע, אַ פרעסטל האָט

*) יאַגד

די ערד אײַנגעפֿרירן, די לבנה איז געהאָנגען הויך און האָט אַזוי העל געלויכטן, אַז דער גאַנצער סטאַוו האָט זיך צעפֿינקלט, ווי מיט לעבעדיק זילבער. די ביימער האָבן געוואָרפֿן לאַנגע, וואַקלענדיקע שאָטנס אויף די ליידיקע וועגן. ס'איז שוין געווען שפּעט, ס'האָבן זיך געלאָשן די פֿײַערלעך אין די הײַזער, נאָר וואָס די געווייסטע ווענט זענען שאַרפֿער אַרויסגעטרעטן פֿון די נאַקעטע סעדער, די שטילקייט און די נאַכט האָט דאָס גאַנצע דאָרף אַרומגענומען, איין מיל נאָר, וואָס האָט גערוישט, און דאָס וואַסער האָט מאָנאָטאָן געפּליסטערט... מאַטשעי איז געגאַנגען דאָ מיט דער זײַט, דאָ מיט דער צווייטער זײַט סטאַוו און נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טון, ער האָט זיך נישט באַרויִקט, ווו דאָרט, דער כּעס און די שנאה האָבן אים נאָך שטאַרקער צענומען; איז ער אַוש צו דער קרעטשמע אַוועק, געשיקט נאָכן וואָיט, און כּמעט ביז האַלבער נאַכט געטרונקען, אָבער דעם וואָרעם האָט ער נישט געקענט פֿאַרגיסן... נאָר איין באַשלוס האָט ער אָנגענומען.

צומאָרגנס אינדערפֿרי, ווי ר'איז נאָר אויפֿגעשטאַנען, האָט ער אַריבערגעבליקט אויף דער אַנדערער זײַט, אַנטעק איז נאָך געלעגן, דאָס פּנים איז אים געווען אַרומגעבונדן מיט אַ פֿאַרבלוטיקט טיכל, אָבער ער האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן.

— טראָגטס ענק אַרויס אין דער אותו רגע פֿון דער כאַלופּע, אַ' ס'זאָל מיר נאָך ענק קאַ צייכן ניש בלײַבן — האָט ער אַ געשריי געטון. — ווילסט מלחמה, ווילסט אַ סאָנד, גיי אין סאָנד אַרײַן, קלאָג מיך איין, מאָן אויף ס'דײַניקע. וואָס אָסט דײַנס אײַנגעזייעט — עסטו זומער אַראָפּנעמען, און אַצינד טראָג דיך אַרויס! זאָלן ענק מײַנע אויגן ניש זען! דו הערסט! — האָט ער אַ ריטש געטון, וואָרים אַנטעק האָט זיך אונטערגעהויבן, אָבער ר'האָט גאָרנישט געענטפֿערט... און זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן אָנטון...

— אַ' צ'זאָלט ענק מיר ביז מיטאָג ש.ין דאָ ניש זנײַדעווען — האָט ער נאָך פֿון פֿעדערהויז אויסגערופֿן.

אַנטעק האָט אויך אויף דעם נישט אָפּגעענטפערט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט...

— יוזקאַ, רוף אַהער קובען, זאָל ער איינשפּאַנען די קאָבילע אין וואָגן, עט ער זיי אַרויספירן וווהין זיי ווילן נאָר.

— ס'דען, אַ' קובען איז עפּעסטשיס, ער ליגט אויפן טאַפּטשאַן און קרעכצט נאָר, און זאָגט, אַז ער קען אינגאַנצן ניש אויפשטיין, אַזוי טוט אים דער קרומער פוס ווי...

— אוודאי, דע פוס טוטן ווי! אַ פּוילאַק איינער, וויל זיך אויסרוען... — און ער האָט זיך אַליין אָנגעהויבן פּאָרען אַרום באַלעבאַטישקייט.

אָבער קובאַ האָט זיך אויף אַן אמת צעקרענקט. ער האָט נישט געזאָגט וואָס עס איז אים, כאָטש באָרינע האָט אים געפרעגט, נאָר גלאַט ער איז קראַנק, און ער האָט אַזוי געקרעכצט, אַזוי געסטעגקעט אַזש די פערד האָבן געהירזשעט. זיי זענען צוגעקומען ביזן טאַפּטשאַן און אַרומגעשמעקט אים דאָס פּנים, און געלעקט, און וויטעק האָט אים אַלע מאָל צוגעטראָגן וואַסער מיטן קובעל און בגנבה געוואַשן אין סטעקל עפּעס פאַרבלוטיקטע שמאַטעס...

דער אַלטער האָט דאָס נישט באַמערקט, וואָרן ר'האָט אָפּגעהיטן, אַז די אַנטעקס זאָלן זיך אַרויסטראָגן.

און זיי האָבן זיך טאַקע אַרויסגעטראָגן.

אָן געשרייען שוין, אָן קריגעריי, אָן זיך אַקעגנצושטעלן, האָבן זיי זיך געפּאַקט, אַרויסגעטראָגן די כּלים, געבונדן טלומאַקעס; האַנקע האָט אַזש געחלשט פאַר צרות, אַנטעק האָט זי מיט וואַסער געמינטערט און אונטערגעיאָגט זי, אַבי שוין וואָס גיכער אַוועק פון פאָטערס אויגן, אַבי וואָס גיכער...

ער האָט זיך אַנטליגן אַ פערד באַ קלעמבען, דעם פאָטערס האָט ער נישט געוואָלט נעמען, און האָט איבערגעפירט די זאַכן צו האַנקעס פאָטער, אויפן עק דאָרף, נאָך ווייטער פון דער קרעטשמע...

פון דאָרף זענען אָנגעקומען עטלעכע באַלעבאַטים, מיט ראָכן אין דער שפּיץ, און האָבן געוואָלט שלום מאַכן צווישן זיי, אָבער נישט דער זון, נישט דער טאַטע, האָבן נישט געלאָזט צו זיך רעדן וועגן דעם...

— זאָל ער פּרוּוון, ווי די פרייהייט שמעקט, און פאַרזוכן זיין אייגן ברויט — האָט דער אַלטער געענטפערט.

אַנטעק האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט אויף דעם צורעדן, ער האָט נאָר אויפגעהויבן די פויסט און אַזוי מוראַדיק געשאָלטן, אַזוי געדראָט, אַז ראָך איז אַזש בלאַס געוואָרן און האָט זיך צו־ריקגעצויגן צו די ווייבער, וואָס האָבן אין אַ געניגנדער צאָל זיך צונויפגעזאַמלט אין הויף און אויפן גאַנעק, כדי האַנקען צו העלפן, אַ ן דערהויפּט אויפן קול זיך צו באַקלאָגן און פּיסקעווען און פּלוידערן !...

ווען די צעבעטשעטע יוזשאַ האָט ס'מיטאָג אויפגעגעבן דעם פאָטער און ראָכן, זענען שוין יענע מיט די רעשט זאַכן און מיט די קינדער אַרויסגעפאָרן פון הויף אויפן וועג אַרויס... אַנטעק האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף דער כאַלופּע, ער האָט זיך נאָר איבערגעצלמט, שווער אָפּגעזיפצט, אַ שמיר געטון דאָס פערד, אונטערגעשפּאַרט דעם וואָגן, וואָס איז געווען פול אָנגע־לאָדנט און געגאַנגען ווי אַ טויטער און בלאַס ווי דאָס פּאַפּיר, די אויגן האָבן אים געגליט מיט פאַרביסנקייט און די ציין האָבן אים געשווידערט ווי אין פיבער... אָבער ער האָט קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט, האַנקע ווידער האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן וואָגן, דאָס עלטסטע שגצל האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער מאַמעס וועלניאַק און האָט יעמערלעך געשריגן, דאָס יינגסטע האָט זי גע־טוליעט צו דער ברוסט און פאַר זיך האָט זי געטריבן די בהמות, אַ סטאַדעלע גענדז און צוויי דאַרע חזירימלעך, און אַזוי געריי־טשעט, אַזוי געשאָלטן, אַזוי געוואָלטעוועט, אַז מענטשן זענען אַרויס פון די הייזער און ווי מיט פּראַצעסיע זיי באַגלייט...

און בײַ דעם אַלטן האָט מען געגעסן דאָס מיטאָג אין אַ מרה שחורהדיק שטילשווייגן.

דער אַלטער לאַפּאַ האָט געבילן אויפן גאַנעק, איז נאָכגע־לאָפן נאָכן וואָגן, ווידער זיך אומגעקערט און געוואָיעט... וויטעק האָט אים אָנגעהויבן צוצורופן, אָבער דער הונט האָט נישט גע־הערט, ער איז געלאָפן איבערן סאָד, אַרומגעשמעקט דעם הויף, אַרײַנגעפאַלן צו די אַנטעקס אין שטוב אַרײַן, עטלעכע מאָל זי אַרומגעלאָפן, אַרויס אין פעדערהויז אַרײַן, געבילן, געסקאַמליעט. ער האָט זיך צוגעלעקט צו יוזשען און איז ווידער אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער, דאָ האָט ער זיך אַ זעץ אַנידער געטון אויפן הינטן און מיט אַ נאַרישן בליק געקוקט, ביז ער האָט זיך ווידער אַ ריס אויף געטון, אַרונטערגעטוליעט דעם וויידל אונטער זיך און נאָכגעלאָפן נאָך די אַנטקעס...

— און אפילו לאַפּאַ איז זיי נאָכגעלאָפן...

— ר׳עט צוריקקומען, ר׳עט זיך אויסהונגערן, עט ער צוריקקומען, אָ׳ ניש קאַ מורא, יוזשאַ — האָט דער אַלטער ווייך געזאָגט — זאַ ניש קאַ נאַר! רוים אויס יענע זייט, ראַך עלן האָבן אַ דירה. רוף אהער יאַגוסטינקען, עט זי דיר העלפן... און פאַרנעם דיך מיטן באַלעבאַטישקייט אַצינד ביסטו באַלעבאָסטע, און אַלץ איז אויף דײַן קאָפּ... נאָר בעטשע ניש, ניין... ער האָט איר אַרומגענומען דעם קאָפּ, און געגלעט זי, און צוגעדרוקט זי צו דער ברוסט, און געלאַסקעט זי...

— כ׳על פאָרן אין שטאָט אַרײַן, על איך דיר קויפן אַ פּאָר שיך,

— צ׳עט קויפן, טאַטוליו? צ׳עט באמת קויפן?...

— כ׳על דיר קויפן, כ׳על דיר קויפן, און נאָך עפּעס, נאַ זאַ אַ גוטע טאָכטער, געדענק אָן באַלעבאַטישקייט!

— איז קויפסט מיר אויך אויף אַ קאַפּטאַן, אַזעלכן, ווי נאַסטושאַ גאַלענביאַנקע האָט.

— כ׳על דיר קויפן, טאָכטער, כ׳על דיר קויפן...

— אין בענדער, נאָ לאַנגע, וואָרן כ׳וואָט אויף ענקער התונה ניש געהאַט.

— וואָס דו דאַרפסט נאָ, זאָג, און עסט אַלץ האָבן, אַלץ.

XI

— שלאָפסט, יאַגוש?...

— כ׳קען דען. כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט, ווען ס׳אי נאָ טאָג געוואָרן, און ס׳ליגט מיר כסדר אין קאָפּ, אַ׳ ס׳אי הייַנט די חתונה... ס׳איז אַזש שווער צו גלייבן.

— ס׳אי דיר אומעטיק, טאַכטער, האַ? — האָט זי שטילער אַ פרעג געטון... מיט אַ שרעקעדיקער האָפנונג אין האַרץ...

— פאַרוואָס זאָל מיר זיין אומעטיק! נאָר דאָס, וואָס כ׳דאַרף אוועקגיין פון ענק, אויף אייגנס...

די אַלטע האָט נישט געענטפערט, זי האָט דערשטיקט אין זיך דעם צער, וואָס האָט זי פּלוצלינג אַדורכגעבויערט, און איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער, זיך ווי ס׳איז אָנגעטון און געגאַנגען אין שטאַל אַריין די שקצים אויפוועקן. זיי האָבן זיך אַ ביסל פאַרשלאָפן נאָך דער נעכטיקער צעפּלעכטונגס-צערעמאָניע, וואָרן ס׳אי פֿיין געווען גרויסער טאָג. דער פרימאָרגן האָט פאַרטרונקען די ערד אין אַ מבול פון זילבערנעם גלאַנציקן ווייסן פראָסט, אַ רויטקייט האָט זיך אויף מזרח צעברענט — ווי עמעצער וואָלט דעם הימל מיט אָנגעגליטע קוילן באַשיט.

די דאָמיניקאָוואַ האָט זיך אָפּגעוואַשן אין פּעדערהויז און

איז שטיל איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגען, אָבער זי האָט אַלע מאָל אַ קוק געטון אויף יאַגנען. איר קאָפּ האָט זיך קוים געזען אויפֿן געלעגער אין דער טונקלקייט, וואָס האָט נאָך איבער דער שטוב געהערשט...

— ליג דיר, טאָכטער, ליג... דאָס איז שוין ס׳לעצטע מאָל באַ דער מאַמען, ס׳לעצטע! — האָט זי געטראַכט און מיט אַזאַ ווייטיקלעכער בענקשאַפט, וואָס האָט זי כּסדר באַהערשט. ס׳האָט זיך איר נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז אויף אַן אמת שוין היינט, ביז זי האָט זיך כּסדר אַלץ געמוטשט דערמאַנען... יאָ, זי האָט עס אַליין געוואָלט, און איצט, און איצט... ווי אַ פּחד וואָלט זי אַרומגענומען אין אַזוי אַ טרייסל געטון, אַז זי האָט זיך אַזש איינגעקאָרטשעט פֿאַר ווייטיק און זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן בעט... באָרינע איז אַ גוטער מענטש, ער עט זי בכּבֿוד האַלטן און ר׳עט איר ניש טון קאַן עוולה... און יאַגוש עט אים פֿירן ווו ז׳עט נאָר וועלן, וואָ־ן דער אַלטער איז אויסער איר, זעט ער אפֿילו גאָטס וועלט נישט...

ניין, נישט דערפֿאַר האָט זי מורא געהאַט, נישט דערפֿאַר... די שטיפֿקינדער! אוודאי... צי וואָס האָט ער געדאַרפֿט די אַנ־טעקס אַוועקשרייבן? אַצינד עלן זיי ברענען ס׳אָרט און זוכן זיך נוקם צו זיין!... אין נישט אַרויסטרייבן ווידער, וואָס אַנטעק גע־וועזן באַ דער זייט, וואָט אַ גאָטס־באַליידיקונג דערפֿון אַרויסגעקו־מען, אָדער גאָך עפּעס ערגערס! יעזוס מיינער! און ס׳אי נישטאָ שוין קאַן עצה... מ׳האָט שוין אויסגערופֿן... אַ חזיר געקיילט, חתונה־געסט פֿאַרבעטן... שוין אַזוי פֿיל אָפּגעטון... דער אַקט פֿון אָפּשרייבן ליגט שוין אין קאַסטן... ניין, ניין! וואָס ס׳עט זיין, עט זיין און קאַן עוולה על איך איר כּל־זמן כ׳וועל לעבן, נישט לאָזן טון!... — האָט זי אַנטשלאָסן געטראַכט און איז ווידער בעגאַנ־גען צו די שקצים אַ געשריי טון פֿאַרוואָס זיי שטייען נישט אויף.

בשעת זי איז צוריקגעגאַנגען האָט זי שוין געוואָלט אַ רוף

כּוּן יאַגנען, אָבער יאַגוש איז איינגעשלאָפן. אַ רעגלמעסיק שטיל אָטעמען האָט זיך געטראָגן פון בעט, און ס'האָבן זי ווידער אָנגעכאַפּט פאַרשידענע ספקות און ווייטיקן, און ווי די רויב־פייגל האָבן זיי זיך מיט די נעגל אָנגעטשעפּעט אָן איר האַרץ, זיי האָבן עס געריסן און געשריגן מיט שרעק און זאָרג! זי האָט אַנידערגעקניט באַם פענסטער, איינגעזויגן אירע פאַרויטלטע, צעגליטע אויגן אין דעם פרימאָרגן און לאַנג און הייס מתפּלל געווען. זי איז אויפגעשטאַנען אַ שטאַרקע און גרייט אויף אַלעם!

— יאַגוש! שטיי אויף, טאָכטער, ס'אי שוין צייט! עווקע עט באַלד קומען צו לויפן צום קאָכן, און ס'אי נאָך דאָ אַזוי פיל אַרבעט!

— אַ שיין וועטער? — האָט זי אַ פרעג געטון, אויפהייבנדיק פויל דעם קאָפּ.

— און נאָך אַוואָסערס, ס'בלענדט אַזש פון דעם פרעסטל אויף דער וועלט! די זון עט באַלד אויפגיין...

יאַגנע האָט זיך שנעל אָנגעטון. די אַלטע האט איר געהאָלפן און האָט לאַנג וועגן עפּעס געטראַכט, וואָרים זי האָט ענדלעך אויסגערופן:

— און יעך חזר דיר איבער נאָכאַמאָל, וואָס כ'אָ שוין ניש איינמאָל געזאָגט... באָרינען דאַרף מען בכּבוד האַלטן... אַ גוטער מענטש איז ער... און מיט אַ ליאַדע ווענען זיך ניש אָפּצוגען... מ'זאָל דיך ווידער אויף די צונגען נישט אַרומטראָגן... מענטשן זענען ווי די הינט.,. נאָר אַ ביס צו טון! דו הערסט דאָס, טאָכטער?...

— כ'הער, כ'הער, אָבער צ'רעדט אַזוי, ווי כ'וואָלט מיין אייגענעם שכל נישט געהאַקט...

— קאַ גוטע עצה איז קיינמאָל קיינעמען נישט איבעריק... געדענק אויך דאָס, אַ' זאָסט מיט באָרינען ניש זיין הורו־בורו, נאָר ווייך, און מיט גוטסקייט... אַן עלטערער לייגט דיר סוף כּל סוף אויף דעם מער אַכט, ווי אַ יונגער צוציק... און ווער ווייסט

אפשר עט ער דיר עפּעס צושרייבּן פון גרונט אָדער דעם גרייטן גראָשן אין בּוזעם אַריינשטעקן!

— כ׳שטיי דאָרט נישט דערנאָך — האָט זי אומגעדולדיק אַ מרוק געטון.

— ווארן דו בּיסט יונג און אַ נאַר... און גי דיך נאָר אַזאַ קוק אום איבּערן דאָרף, צו מענטשן, עסטו זען, צוליב וואָס מ׳קריגט זיך, צוליב וואָס מ׳אַרבּעט, צוליב וואָס מ׳בּאַמיט זיך! נאָר צוליבּן גרונט, צוליבּן גוטס! ס׳וואָט דיר עפּעס גוט געווען אָן דער בּייט, אָן דער הייליקער ערד, האַ? נישט אויפן פאַרדינסט צו גיין און צו ליידן האָט דיך פאַן יעזוס בּאַשאַפן! ביין! און צוליב וואָס האָב איך מיך מיין גאַנץ לעבּן בּאַמיט — פאַ דיר נאַר, יאַגוש! און אַצינד על איך איבּערבּלייבּן ווי דער פינגער, איינער אַליין...

— און די יונגען גייען דען אַוועק אין דער וועלט אַריין, זיי בּלייבּן דען...

— כ׳אָ פון זיי אַזוי פיל נחת, וואָס פון נעכ״יקן טאָג! — האָט זי אויסגעשריגן און זיך צעוויינט — און מיט די שטיפקינ־דער דאַרפסטו לעבּן בּשלום! — האָט זי צוגעגעבּן, ווישנדיק זיך די אויגן.

— יוזקאַ איז אַ וויל מיידל, גזשעלאַ עט נאָך אַזוי גיך נישט אַהיימקומען פון די זעלנער... און...

— פאַ דעם קאָוואַל דאַרף מע זיך היטן...

— זיי פאַרהאַלטן זיך דאָך גאַנץ גוט מיט מאַטשעיען...

— דע קאָוואַל אָט דאָ עפּעס אַן אויסרעכנונג, ר׳האָט! אָבּצר כ׳על היטן... מיט די אַנטעקס איז צום ערגסטן, ווארן זיי ווילן ניש קאַ שלום מאַכן... און דע דאָבּראָדזשעי האָט נעכטן געוואָלט שלום מאַכן... זענען זיי ניש בּאַשטאַנען...

— ווארן מאַטשעי איז ווי דער משוגענער הונט, אַז ר׳האָט זיי פון שטוב אַרויסגעטריבּן! — האָט זי אויפגערעגט אויסגע־רופן.

— וואָס רעדסטו, יאַגוש, וואָס רעדסטו? אַ׳ טאַטש אַנטעק

אַט דעך צום מיינסט אויף דיר אויסגערעדט, און דעם גרונט אַט ער דיר געוואָלט צונעמען, און געדראָעט, און אויסגערעדט אויף דיר, אַז ס׳איז אַ שרעק איבערצוחזרן.

— אַנטעק קעגן מיר? זיי האָבן ענק אָפּגענאַרט, אַ׳ ס׳זאָלן זיי די פּאַסקודנע צונגען אָפּדאַרן...

— און פאַרוואָס האָלטסטו עס אַזוי פאַר זיין זייט, האַ? — האָט זי צאָרנדיק אויסגערופן.

— ווייל אַלע זענען קעגן אים! יעך בין ניש ווי יענער דזשאַדישער הונט דאָרט, וואָס לויפט נאָך יעדן איינציקן, ווער ס׳וואַרפט אים נאָר אַ שטיקל ברויט! כ׳זע גאַנץ גוט, אַז ס׳געשעט אים אַן עוולה...

— און אפשר וואָלסטו אים אָפּגעגעבן אויך דאָס, וואָס ר׳האָט דיר אָפּגעשריבן... האַ?

נאָר יאַגנע האָט שוין נישט באַוויזן צו ענטפערן, וואָרן אַ קוואַל טרערן האָט זיך איר פון די אויגן אַ גאָס געטון, איז זי נאָר אין קאַמער אַריין, צוגעקלאַפּט נאָך זיך די טיר און האָט לאַנג געבעטשעט...

די דאָמיניקאָווע האָט איר נישט געשטערט דערין, נאָר אַ פרישע זאָרג האָט זיך איר אַריינגעגליטשט אין האַרץ אַריין... אָבער ס׳אי נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן, עווקע איז געקומען, די שקצים האָבן זיך פאַר דעם פעדערהויז אויסגעצויגן, מ׳האָט זיך גענדאַרפט נעמען אָרדנונג מאַכן — און צו די לעצטע פאָר־ברייטונגען...

די זון איז אויפגעגאַנגען, און דער טאָג האָט זיך מונטער אַ לאָז געטון פאַרויס.

באַנאַכט איז געווען אַ נישקשהדיק פרעסטל, אַז די קאַלו־זשעס אויף די וועגן און די ברעגן פון סטאַוו האָבן זיך געהאַט מיט אייז באַצויגן, און אויף די גרודעס האָבן זיך אפילו די לייכטסטע בהמות נישט געקענט האַלטן.

ס׳איז געאָרן וואַרעם, אונטער די פּלעטער און אין די

שאַטנס האָט זיך נאָך געגרויט, אָבער פון די דעכער האָט שוין דאָס פּרעסטל אָראָפּגעקאַפּיעט מיט בלישטשענדיקע פּאַטשערקעס און אויף די נאַסע פעלדער האָט זיך דער טוי אויפגעהויבן, ווי אַ רויך. די לופט איז געווען אַזוי דורכזיכטיק, אַז די אַרומיקע פעלדער האָבן זיך געזען, ווי אויף דער האַנט, און די וועלדער האָבן זיך אַזוי נאָענט צוגערוקט, אַז מ'האָט אפילו טייל ביימער געקענט אונטערשיידן...

אויפן בלויען און נידעריקן הימל איז קיין איין וואָלקנדל נישט געווען.

אָבער אויף קיין שיין וועטער האָט זיך נישט געוויזן, וואָרים די קראָען האָבן זיך געדרייט לעבן די הייזער און די הע־נער האָבן געקרייעט.

אַ זונטיקדיקער טאָג אי דאָס געווען, און כאָטש די גלאָקן האָבן נאָך אין קלויסטער אַריין נישט גערופן, האָט שוין דאָך אין דאָרף געקאָכט ווי אין אַ בין-שטאָק. כמעט אַ האַלב דאָרף האָט זיך געגרייט אויף דער חתונה צו באָרינען מיט יאַגנען.

צווישן די כאַלופּעס און באַפּראַסטיקטע סעדער זענען שיקס־לעך געלאָפן מיט גאַנצע פּענקעס בענדער, און מיט וועלניאַקעס און מיט פאַרשידענע פאַרפּוצעכטסן...

און די כאַלופּעס איז אויך נישט געווען קיין קליין געררו־דער פון די צוגרייטונגען, צומעסטעכצן און צופּוצונגען, אַז פון די געדיכט געעפנטע טירן־פענסטער, האָבן אַזש געזעצט פריידי־קע קולות אָדער גאָר שוין די חתונה-לידער.

און אויך אין דער דאָמיניקאָוואַס כאַלופּע האָט זיך אויפגע־הויבן אַ געוואַלט און אַ צעמישונג, ווי דער שטייגער איז אין אַזאַ טאָג.

דאָס הויז איז געווען פריש אָפּגעווייסט, כאָטש אַ ביסל אָפּ־געקראָכן פון קאַלך צוליבן ווילגאָטש,*) און פונדערווייטנס האָט

---

*) פייכטקייט.

מען עס שוין אַרויסגעזען, וואָרים עס איז געווען באַגרינט, ווי אויף שבועות. די שקצים האָבן נאָך נעכטן אַרומגעשטעקט מיט טשוויערקעס דעם דאַך, דאָ די שפּאַרעס פון די ווענט, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, און דער גאַנצער צוגאַנג צום הויף איז געווען אויסגעשיט מיט גרינע נאָדלען — ס׳האָט געשמעקט, ווי אין אַ וואַלד פרילינג־צייט.

און אויך אינעווייניק איז געווען צוגעריכט גאַלאַנט.

אויף דער צווייטער זייט, ווו ס׳איז געלעגן דאָס אַלטוואַרג, האָט געביזעוועט אַ שטאַרק פייער. געקאָכט האָט עווקע פון מילנער מיט דער הילף פון די שכנותטעס און יאַגוסטינקן.

פון דער ערשטער שטוב ווידער האָט מען אַלע איבעריקע זאַכן אַרויסגעטראָגן אין קאַמער אַריין, אַז ס׳זענען נאָר איבערגעבליבן די הייליקע בילדער, און די יונגען האָבן אָנגעשטעלט אַרום די ווענט פעסטע בענק און לאַנגע טישן. די שטוב איז אויך געווען אויפסנייע אויסגעווייסט, אָפּגעוואַשן, און דער קוימען באַרשטעלט מיט אַ בלויער פלאַכטע — דער גאַנצער פּולאַפּ אָבער, צוזאַמען מיט די בעלקעס איז געווען שוואַרץ פון אַלטקייט. יאַגושאַ האָט אים הערלעך באַפּוצט מיט פאַרשידענע רייזעלעך. מאַטשעי האָט געהאַט געברענגט פון שטאָט קאָלירט פּאַפּיר, און זי האָט אויסגעשוירן דערפון געציינדלטע רעדעלעך, בלימעלעך, דאָ פאַרשידענע ווונדערלעכע זאַכן, אַ שטייגער: הינט יאָגן שעפּסן און דער פּאַסטוך לויפט זיי נאָך מיטן שטעקן, אָדער גאָר אַ גאַנצע פּראָצעסיע, מיטן גלח, מיט פענער, מיט הייליקע בילדער און אַנדערע פאַרשידענע זאַכן, אַז ס׳איז שווער אַזש צו געדענקען, און אַלץ אַזוי פּינקטלעך און פיין, ווי לעבעדיק — אַזש די מענטשן האָבן זיך נעכטן אויף דער צעפלעכט־צערעמאָניע געוווּנדערט. — זי האָט געקענט נישט נאָר אַזעלכע מאַכן, נאָר אַלץ וואָס ס׳איז איר נאָר איינגעפאַלן אָדער אויף וואָס זי האָט נאָר אַ קוק געטון... אַ׳ ס׳איז ניש געווען אין ליפּצע קאַ כאַלופּע, אָן די רייזעלעך אירע...

זי האָט עפּעס געכאַפּט אויף זיך אין קאַמער און איז אַרויסגעגאַנגען די רעשט אָנקלעבן לענגויס די ווענט, אונטער די בילדער, ווייל ערגעץ אַנדערש אי שוין קאַן אָרט ניש געווען.

— יאַגוש! וואָלסט שוין געמאַכט געלאָזט די דזיקע לאַלקעלעך, מען קוקט שוין די דרוכנעס*) אויס... מענטשן עלן זיך באַלד אָנהייבן צוזאַמענקומען, די מוזיק גייט שוין איבערן דאָרף... און זי שפּילט זיך...

— כ'על נאָך דאָנזשען**), כ'על דאָנזשען... — האָט זי קורץ אָפּגעענטפערט און האָט באַלד אויפגעהערט צו קלעבן — ס'האָט איר שוין פאַרפעלט געדולד... — זי האָט אויסגעשיט די פּאָדלאָגע מיט יעדלינע-נאָדלען, די טישן מיט דינעם לייוונט באַדעקט, דאָ די קאַמער ריין געמאַכט, אָדער מיט די ברידער זיך דורכגעשמועסט, אָדער פאַרן הויז אַרויסגעגאַנגען און לאַנג אין דער וועלט אַריין געקוקט! אָבער זי האָט קיין שום פרייד אין זיך נישט געפילט, קיין שום פרייד. זי האָט נאָר געטראַכט, אַז זי וועט זיך אָנטאַנצן, אָנהערן מיט מוזיק און געזאַנגען, אויף וועלכן זי איז זייער לאַקאָמע געווען. זי איז געווען ווי דער העלער טאָג, צעפינקלט, דאָך האַרבסטיק טויט און איינגעשטומט. ווען דאָס אַלץ זאָל זי נישט דערמאַנען, אַז דאָס איז אַ חתונה היינט, וואָלט זי גאָרנישט געדענקט דעראָן. באַרינע האָט איר נעכטן באָם צעפלעכטן, געגעבן אַכט בייטשן קרעלן, אַלץ, וואָס איז אים נאָר איבערגעבליבן נאָך אַלע פאַרשטאָרבענע... זיי זענען געלעגן אויף דער דנאָ פון קאַסטן, זי האָט זיי אפילו נישט אָנגעמאָסטן... זי איז נישט געשטאַנען נאָך זיי, זי איז היינט נאָך גאָרנישט געשטאַנען... זי וואָלט נאָר געפלויגן ערגעץ, אַזוי פאָרויס, כאָטש אין דער וועלט צריין... נאָר וווהין? — זי האָט דען געוואוסט! אַלץ

---

*) דער כל..ס חברטעס.

**) באַווייזן.

האָט זי געקלערט, און אויפֿן געדאַנק איז איר אַלע מאָל געקומען דאָס, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט וועגן אַנטעקן... — ווי קען עס זיין, ער וואָלט אויסגערעדט, ער?... זי האָט נישט געקענט גלייבן, זי האָט נישט געוואָלט... וואָרים ס'האָט זיך איר אַזש וויינען געגלוסט!... און אפשר!... נעכטן, ווען זי האָט געוואַשן אין סטאַוו, איז ער פֿאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך אַפֿילו ניש אומגעקוקט! און ווען זי איז אינדערפֿרי מיט באַרינען געגאַנגען זיך מתוודה זיין, האָבן זיי אים געטראָפֿן באַם קלויסטער... ער האָט זיך באַלד אַ דריי אַוועק געטון, ווי פֿון אַ משוגענעם הונט... און אפשר?... לאָז ער ביל, אַז ער איז אַזעלכער, לאָז ער בילן!...

זי האָט זיך אָנגעהויבן בונטעווען קעגן אים, אָבער פּלוצלינג האָבן דערינערונגען פֿון יענעם אָוונט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פֿון קרויט־רייניקן באַ באַרינען, איר אַ זעץ געטון אין מוח און זי אינגאַנצן פֿאַרטרונקען אין אַ פֿייער, און אַרומגענומען איר נשמה מיט אַזאַ קראַמפּט, און זיי האָבן אַזוי דייטלעך אויפֿגעלעבט אין איר זכרון, אַז זי האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן... ביז זי האָט זיך נישט פּלוצלינג אַ רוף אָפּ געטון צו דער מוטער:

— צ'ווייסט, נאָכן שלוב זאָלט עך מיר די האָר נישט אָפּשניידן!

— ס'דען, וואָס פֿאַר אַ חכמה זי האָט דאָ אויסגעטראַכט! — שוין דאָס געהערט געוואָרן, מ'זאָל קאַ מיידל די האָר נאָכן שלוב נישט אָפּשניידן!

— אין די הייף און אין די שטעט שניידט מע ניש אָפּ!

— אוודאי, — ס'דען, ווייל זיי דאַרפֿן דאָס אַזוי האָבן צו דעם אויסגעלאַסנקייט — זיי זאָלן מענטשן קענען אָפּנאַרן און פֿאַר עפּעס אַנדערש זיך אויסגעבן, — אוודאי, ניי פּראָוועס עט זי מיר דאָ איינפֿירן! — די הויפֿישע פּאַנגעס, זאָלן זיי פֿון זיך מאַכן

לאַלקעס און צו לייטיש געלעכטער, און זאָלן זיי גיין אין די קודלעס, ווי טייל ייִדינעס גייען — זיי מעגן, אַ זיי זענען נאַראָנים, און דו ביסט אַ באַלעבאַטישע טאָכטער פון עלטער זיידן, ניש דאָרט קאַ שטאָטישע פּאָמיעטלע*) איז דאַרפסטו טון ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי מ׳האָט שטענדיק אין אונדזער באַלעבאַטישן שטייגער געטון... כ׳קען די דאָזיקע שטאָטישע אויפטועכצן, כ׳קען... זיי זענען נאָך קיינעמען קיינמאָל צו געזונט נישט אויסגעגאַנגען! די פּאַקולאַנקע איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין דינען, איז וואָס? דע וואָיט אָט געזאָגט, אַז עפּעס אַ פּאַפּיר אי געקומען אין קאַנצעלאַריע אַריין, אַ ז׳האָט אַ קינד דערשטיקט און זיצט אין קרימינאַל... אָדער גאָר דע׳ וואָיטעק, באַרינעס קרוב נאָך דער שוועסטער, האָט זיך אַזוי גוט אַרויפגעאַרבעט אין שטאָט, אַז ער גייט אצינד אַרום איבער די דערפער נאָך בעטל-ברויט... און פריִער אָט ער געהאַט אַווירטשאַפט אין וואָלקע, האָט געהאַט פערד און ברויט איבערן מויל... האָט זיך אים פאַרגלוסט זעמל, אָט ער אַ שטעקן מיט אַ טאָרבע אויף דער עלטער... אָבער יאַגנע האָט די קלוגע ביישפּילן נישט געוואָלט הערן, און וועגן די האָר אָפּשניידן האָט זי אפילו צו זיך נישט געלאָזט רעדן... אָנגערעדט דערצו האָט זי יעווקע, און זי אי דיר געווען אַ ווייסערין, נישט איין דאָרף האָט זי געקענט, און איז יאָר באַ יאָר קאַ טשענסטאָכאָוו מיט קאָמפּאַניעס געגאַנגען. און יאַגוסטינקע האָט מיט איר איינגעטענהט, אָבער אַזוי ווי זי קען, כסדר וויצלענדיק זיך און אָפּלאַכנדיק, וואָרן צום סוף האָט זי אויסגעשריגן;

— לאָ דיר איבער נ׳צאָפּ, לאָ דיר איבער, ר׳עט צונויץ קומען באַרינען, ער עט זיך מיטן אַרומדרייען די האַנט, בעסער צוהאַלטן, און מיטן שטעקן דיר פעסטער אַריינצייילן... — זי האָט מער גאָרנישט געזאָגט, ווייל וויטעק האָט זי אַ רוף געטון, וואָרן

---

*) בעזעם.

צייט מ׳האָט די אַנטעקס אַרויסגעטריבן, האָט זי זיך איבערגעטראָגן צו באָרינען, ווייל יוזשאַ האָט זיך נישט געקענט קאָן עצה געבן מיטן באַלעבאַטישקייט. זי האָט צוגעהאָלפן עווקען קאָכן, און אַלע מאָל אַ כאַפּ געטון אַ בליק אין הויז אַריין. דער אַלטער האָט היינט צו גאָרנישט נ׳קאָפּ געהאַט, יוזשאַ האָט זיך שוין פון דער פרי אָן געשלייערט באַם קאָוואַל, און קובאַ איז נאָך כסדר אַלץ געלעגן קראַנק.

— קומטס גיכער, וואָרן קובאַ דאַרף ענק נייטיק האָבן — האָט דאָס שגצל זי אונטערגעיאָגט.

— ס׳איז דען ערגער?

— ס׳דען, ר׳סטענקעט אַזוי און קרעכצט, אַ מ׳הערט אַזש אויפן וועג.

— אָט לויף איך שוין, מיינע ליבע, כ׳על נאָ אַ קוק טון, וואָס ס׳טוט זיך מיטן, און כ׳קום באַלד צוריק...

— יאַגוש, דאַרפסט דיך אויך צואיילן, אָט קוקט מען שוין נאָר די דרוכנעס אויס — האָט די מוטער אונטערגעיאָגט.

אָבער יאַגוש האָט זיך נישט צוגעאיילט, זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרשלאָפענע. אויף די בענק זיך געזעצט, דאָ זיך פלוצלינג אַ כאַפּ אויף געטון און אָנגעהויבן צורוימען, אָבער די אַרבעט איז איר פון די הענט געפאַלן, און זי איז לאַנג, גאָרנישט טראַכטנדיק, געשטאַנען פאַרקוקט אין פענסטער. ווי אַ וואַסער האָט זיך די נשמה אין איר געוויגט און אַלע מאָל אָנגעקלאַפּט זיך, ווי אָן אַ שטיין עפּעס, אָן די דערינערונגען...

און אין שטוב איז דאָס גערויש געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, וואָרן ס׳זענען כסדר אָנגעקומען פאַרשידענע קומעס, דאָ קרובהטעס, דאָ באַלעבאָסטעס, און לויטן אַלטן מנהג אָנגעטראָגן הינער, אַ לאַבן ווייס ברויט, קוכן, זאַלץ, מעל, חזיר-שמאַלץ, אָדער אַ זילבערנעם רובעל אין אַ פּאַפּירל — דאָס אַלץ איז געווען אַלס דאַנק פאַרן בעטן אויף דער חתונה, כדי די באַלעבאָסטע זאָל זיך נישט צופיל אויסברענגען.

זיי האָבן אויסגעטרונקען מיט דער אַלטער צו גלעזעלעך זיסן, איינגעטענהט, אַנגעווונדערט זיך און איילִיק צעלאָפן זיך.

און די דאָמיניקאָוואַ איז שטאַרק פאַרפאַרעט געווען — זי האָט געהיטן דאָס געקעכץ, גערוימט, עצות געגעבן, און אויף אַלעם אָן אויג געהאַט, און אויף אַלץ אַ מיטל, און אָפּט אונטערגעטריבן די שקצים, וואָרן זיי האָבן זיך נישט געאיילט, און ווי איינער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיך פון כאַלופּע אין דאָרף אַריין אַרויסגעריסן, צום וואַיט, וואָרן די מוזיקאַנטן זענען שוין דאָרט געווען, און די דרויזשבעס*) האָבן זיך שוין צונויפגענומען...

אויף דער סוממע איז ווינציק ווער געגאַנגען, דער דאָבראָ־דזשעי איז דערפאַר בייז געווען, וואָס צוליב דע חתונה פאַגעסט מען גאָט צו דינען — וואָס עס איז טאַקע אמת געווען, אָבער דער עולם האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ חתונה קומט נישט פאַר יעדן זונטיק.

און באַלד נאָך מיטאָג האָט מען זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצו־פאָרן פון די נאָנטע דערפער, ווער ס'אי נאָר פאַרבעטן גע־ווען.

די זון האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעקאָלערט פון דרום און געזייעט מיט אַ בלאַסער, האַרבסטיקער ליכט, אַז די ערד האָט געבלישטשעט, ווי מיט טוי באַשפריצט, די פענסטער האָבן געזעצט מיט פלאַמען, דער סטאַוו האָט געפינקלט און געשימערט, ראָוועס באַם וועג האָבן געגלאַנצט מיטן וואַסער, ווי מיט שויבן — די גאַנצע וועלט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט ליכט פון דעם פאַרגיי־ענדיקן האַרבסט און מיט דער לעצטער וואַרעמקייט.

אַ טויבע, שטומע שטילקייט האָט אַרומגעהילט די צעגאַלדע־טע ערד.

---

*) דעם חתנס פריינט.

דער טאָג האָט אין אַ פּלאָמענדיקער העלקייט צוגעברענט און פֿאָמעלעך זיך אויסגעלאָשן.

אָבער אין ליפּצע האָט געררישט, ווי אויף אַ יאַריד.

ווי נאָר מ׳האָט אָנגעהויבן קלינגען צו דער אָוונט-תּפילה, האָט זיך די מוזיק שוין אַ לאָז אַרויס געטון פֿון וואַיט אויפֿן וועג אַרויס.

די ערשטע זענען געגאַנגען די פֿידלען, געפּאָרט מיט דער פֿלייט, און הינטער זיי האָט געוואַרטשעט דאָס פּייקל מיט די טאַצן, און די בעסער, אויסגעשלייערטע מיט בענדער, האָבן פֿריילעך אונטערגעברומט.

נאָך דער מוזיק זענען געגאַנגען ביידע שדכנים און די דרוזשבעס — זעקס זענען זיי געווען.

און אַלץ יונגע שקצים, געוויקסיקע, שלאַנקע, ווי די סאָס-נעס, אין דער טאַליע דין, ברייטע פּלייצעס, פֿאַרביסענע טענצערס, שטרענגע פּיסקאַטשעס, געזונטע שלעגערס, טרעטן קיינעם דעם וועג נישט אָפּ, סאַמע פֿון גוטער אָפּשטאַמונג, באַלעבאַטישע זין.

זיי האָבן געוואַליעט אינמיטן וועג, אין אַ גאַנצער קופּע, אָ־עם אין אָרעם — אַזש די ערד האָט געפּויקט אונטער די פֿיס און אַזוי פֿריילעך, חתונה־מעסיק און הערלעך אויסגעשלייערט זע-נען זיי געווען, אַז די געפּאַסעוועטע הויזן זייערע האָבן אַזש אויף דער זון געשפּילט, רויטע שפּענצערלעך, גאַנצע פּענקעס בענדער באַ די קאַפּעלושן, און צעלאָזט אויפֿן ווינט ווי פֿליגל, ווייסע קאַ-פּאָטעס...

זיי האָבן געשריגן הויך, פֿריילעך צוגעזונגען, פֿייערדיק צו־געטופּעט, און זענען געגאַנגען אַזוי רוישיק, ווי אַ יונגער וואַלד וואָלט זיך אָפּגעריסן און מיטן ווינט געפֿלויגן...

די מוזיק האָט געשפּילט אַ פּוילישס, וואָרן זיי זענען איצט געגאַנגען פֿון הויז צו הויז פֿאַרבעטן די חתונה־געסט — ווו מ׳האָט זיי בראָנפֿן אָוועקגעטראָגן, ווו מ׳האָט זיי איבעווייניק אַריינגפֿאַר־

בעטן, ווו מ׳האָט זיי ווידער מיט געזאַנג אָפּגעענטפערט — און פון אומעטום זענען אויסגעשלייערטע מענטשן אַרויסגעקומען, צוגעשטאַנען צו זיי און ווייטער מיטגעגאַנגען מיט זיי צוזאַמען, און אַלע האָבן שוין מיט איין קול געזונגען הינטער די פענסטער פון די דרוכנעס:

קום אַרויס, דרוכענקע, קום אַרויס קאַשענקע,
די מוזיק אי שוין אין גאַס —
ס׳עמע דאָרט שפּילן מאַזורקעס, קאַדרילן
די פידלען און באַס —
קאַ סך ניש געגעסן, באַם טרונק ניש פאַרזעסן!...
עס עך זיין נישט צו שפּאַס —
אוי טאַ דאַנאַ, אוי טאַ דאַנאַ, דאַ!...

זיי האָבן געזעצט איניינעם און מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס׳האָבן זיך אַזש די פריילעכע קולות איבערן דאָרף צעטראָגן, אַזש איבער די פעלדער אַרויס, הינטער די וועלדער אָפּגעהילכט, אין דער ברייטער וועלט זיך צעשאָלט.

מענטשן זענען אַרויסגעקומען פאַר די הייזער, אין די סעדער אַריין, אויף די פּלעטער, און ווער ס׳זאָל נישט זיין, אפילו נישט קאַ חתונה־גאַסט, איז אויך צו זיי צוגעשטאַנען, אַבי זיך נאָר אָנצוקוקן און אָנצוהערן, אַזוי, אַז איידער זיי זענען נאָך צוגעקומען אויפן אָרט, האָט זיך שוין כמעט ס׳גאַנצע דאָרף געהאַט צוזאַמענגעקליבט און אַרומגערינגלט די חתונה־לייט מיט אַזאַ ענגשאַפט, אַז זיי זענען וואָס אַמאָל פאַמעלעכער געגאַנגען, און די קינדער זענען אין אַ גאַנצער כמאַרע, נישט צום איבערציילן, און מיט אַ געקוויטש און מיט געזאַנג זיי פאַרויסגעלאָפן.

זיי האָבן צוגעפירט די חתונה־געסט ביז צום הויז, ווו די חתונה איז פאָרגעקומען, אָפּגעשפּילט לכבוד זיי און זיך צוריקגעקערט צום התן.

אין וויטעק, וואָס איז מיט די בענדער באַם שפּענצערל האָרט לעבן די דרוזשבעס כסדר מיטגעגאַנגען, איז אַצינד אַ שפּרונג געטון פּאַרויס.

— באַבאָעס, די מוזיק מיט די דרוזשבעס וואַליען שוין אַהער! — האָט ער אַ געשריי געטון אין פענסטער אַריין און איז אַוועקגעלאָפן צו קובען.

די מוזיק האָט הויך אַ שפּיל אויף געטון אויפן גאַנעק, און באַרינע איז באַלד אין דער רגע אַרויסגעקומען, ברייט אויפגע־פּראַלט די טירן, באַגריסט זיי און איבעוויייניק אַריינפּאַרבעטן, אָבער דער וואָיט מיט שימאָנען האָבן אים אַ נעם געטון אונטערן אָרעם און גלייך שוין צו יאַגנען אַהינגעפירט, וואָרים ס'איז שוין צייט געווען אין קלויסטער אַריין צו גיין.

ער איז געגאַנגען שטייף און אַזש צום באַוווּנדערן, ווי יונג ער האָט אויסגעזען: אָפּגעשוירן, ריין אָפּגעגאָלט, חתונהדיק אויס־געשלייערט — ער איז געווען הערלעך, ווי ווייניק ווער, און ווייל ער איז געווען שטאַרק זיכער אין זיך און ברייט צעוואַקסן, אַזוי האָט מען שוין פון דערווייטנס זיין געשטאַלט אַרויסגעזען מיט נישט ווייניק וויכטיקייט אין פּנים; ער האָט פריילעך געשמייכלט צו די פּאַראָבקעס, געשמועסט, און צום מייסט מיטן קאָ אַל, וואָ־רים ער האָט זיך אים כסדר פּאַר די אויגן געדרייט.

מ'האָט אים מיט כבוד אַריינגעפירט צו דער דאָמיניקאָנען; דער עולם האָט געמאַכט אַ וואַרע, און זיי האָבן אים אין שטוב אַריינגעפירט רוישיק, מיט מוזיק און געזאַנג.

אָבער יאַגושאַ איז נישט געווען, די ווייבער האָבן זי נאָך אַלץ געשלייערט אין קאַמער, וואָס איז געווען פעסט פאַרמאַכט און שטרענג אָפּגעהיטן, וואָרן די פּאַראָבקעס האָבן די טיר געשטופּט, שפּאַרעס אין די ברעטער געמאַכט און זיך איבעגעוויצלט מיט די דרוכנעס, און אַלס ענטפער האָט מען נאָר געהערט אַ געפּישטש, געלעכטערן און ווייבערישע געשרייען.

און די מוטער מיט די זין האָבן אויפגענומען די געסט,

מכבד געווען מיט בראָנפן, באַזעצט ווער עלטער ס׳איז אויף די בענק, און אויף אַלץ אַן אויג געהאַט, וואָרן ס׳האָט זיך אָנגעפּאַקט אַן עולם, אַז ס׳איז שוין שווער געווען דורך דער שטוב אַדורכצוגיין, אין פּעדערהויז איז מען געשטאַנען, און פאַרן הויף אפילו. ניש קאַ ליאַדע געסט אי דאָס געווען, ניין. סאַמע באַלעבאַטים, מיוחסים, און די רייכסטע, און אַלץ קרובים, משפחה־לייט און באַרינעס קומעס און פּאַטשעשעס, און אַזוי באַקאַנטע ווידער, וואָס זענען זיך פון ווייטערע דערפער צונויפגעפאָרן.

אוודאי, איז נישט קלאָנב, נישט די ווינטשאָרעקס, נישט דאָס ביסל מאָרגעדיקע אָרימעלייט אַצינד געווען, דאָס דרויב, וואָס גייט אויפן פאַרדינסט און האַלט שטענדיק ביטן אַלטן קלאָנב...

נישט פאַר קאַ הונט איז קעלבאַס געמאַכט געוואָרן, נישט פאַר קאַ חזיר האָניק!

ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, האָט מען אויפגעעפנט די טיר פון קאַמער, און די אָרגאַניסטעכע מיט דער מילנערין האָבן אַרויסגעפירט יאַגושען אויף דער שטוב, און די דרוכנעס האָבן זי אַרומגערינגלט, ווי אַ קראַנץ, און אַזוי געשלייערט זענען זיי געווען, אין אַלע אַזוי הערלעך, אַז מ׳האָט געקענט מיינען — זיי זענען יאָ בלומען, נישט בלומען, און זי איז געווען צווישן זיי די שלאַנקסטע, און ווי די פראַכטפולסטע רויז איז זי געשטאַנען אינדערמיט. זי איז געווען אָנגעטון אינגאַנצן אין ווייסן, אין סאַמעט, אין פעדערן, אין בענדער, אין זילבער און גאָלד — אַז זי האָט אויסגעזען ווי דאָס בילד, וואָס מ׳טראָגט בשעת אַ פראָצעסיע, און ס׳איז אַזש שטיל געוואָרן פלוצלינג, — אַזוי זענען די מענטשן פאַרשטומט געוואָרן פון באַוווּנדערונג.

העי! זינט מאַזורן זענען מאַזורן איז נאָך קיין שענערע נישט געווען!

באַלד האָב, די דרוזשבעס אויפגעהויבן אַ גערויש און האָבן אַ זעץ אַרויס געטון מיט דער פולער ברוסט:

לאָז הערן דיך, פידל, לאָז הערן!
טאַטע-מאַמע, יאַגוש, איבערגעבעטן זאָל ווערן —
לאָז הערן דיך, פליטל, לאָז הערן!
ברידער-שוועסטער, יאַגוש, איבערגעבעטן זאָל ווערן!...

באַרינע איז אַרויסגעטרעטן פאָרויס, אָנגענומען זי בײַ דער האַנט און אַנידערגעקניט פאַר איר, און די מוטער האָט זיי איבערגעצלמט מיטן הייליקן בילד און אָנגעהויבן זיי בענטשן און מיט געהייליקט וואַסער באַשפּריצן, ביז יאַגוש איז מיט אַ געוויין אַנידערגעפאַלן צו דער מוטערס פיס, און דערנאָך האָט זי אויך אַנדערע אַרומגענומען, איבערגעבעטן און מיט אַלע זיך געזעגנט. די ווייבער האָבן זי אין די אָרעמס גענומען, אַרומגעהאַלדזט און איבערגעגעבן זי איינע דער אַנדערער, ביז זיי האָבן זיך אַלע איניינעם צעוויינט, און יוזשאַ האָט צום מײַנסטנס געיאָמערט, וואָרן זי האָט זיך אָן דער פאַרשטאָרבענער מוטער דערמאָנט.

זיי האָבן זיך אַרויסגעשיט פאַר דער שטוב, אויסגעשטעלט זיך אין דער געהעריקער אָרדנונג און צופיס אַוועקגעגאַנגען, וואָרים אין קלויסטער אַריין איז געווען נישט ווייט.

די מוזיק איז געגאַנגען פאָרויס און געריסן מיט אַלע כּוחות.

און דערנאָך האָבן די דרוזשבעס געפירט יאַגנען — זי איז געגאַנגען מיטן קאָפּ פאַריסן, געשמייכלט מיט טרערן, וואָס זענען איר נאָך אויף די ווײַסע געהאַנגען, אַ פריילעכע, ווי דער בלומען-קזשאַק, און ווי די זון, וואָס ציט צו אַלעמענס אויגן, די האָר זענען איר איבערן שטערן געווען פאַרפלאָכטן, אַ הויכע קרוין האָט זיי אַרומגענומען, פון גאָלדענעם שעך, פון פאַווע-פעדערן און פון צווייגעלעך ראָזמאַרין, און לאַנגע פאַרשידנקאָליריקע בענדער זענען איר פון די פלייצעס אַראָפּגעפלאָסן און זענען געפלויגן נאָך איר און געשימערט, ווי אַ רעגנבויגן; אַ ווייסע ספּודניצע, געדיכט צוזאַמענגענומען אין דער טאַליע, אַ גאָרסעט פון הימל-בלויען סאַ-

מעט, אויסגענייט מיט זילבער, אַ בלוזע מיט ברייט-אָנגעבלאָזענע אַרבל, און אונטערן האַלדז אַ קעלנערל פון קריזשעס, אַדורכגע-שנירט מיט אַ בלוי פעדעמל, און אויפן האַלדז זענען איר גאַנצע שנורן קרעלן און בורשטינען אַזש ביז צו דער האַלבער ברוסט אַראָפּגעפאַלן.

נאָך איר האָבן די דרוכנעס געפירט מאַטשעיען.

פונקט ווי אַ צעוואַקסענער דעמב אין וואַלד גייט נאָך אַ שלאַנקער סאָסנע, אַזוי איז ער יאַגושען נאָכגעגאַנגען, וויגנדיק זיך נאָר אין די באָקעס, און האָט אַלעמאָל אויף די זייטן וועג זיך אומגעקוקט, וואָרן ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אַנ-טעקן אין דער ענגשאַפט באַמערקט.

און נאָך זיי ערשט איז געגאַנגען די דאָמיניקאָוואַ מיט די שדכנים, די קאָוואַלאָוועס, יוזשאַ, די מילנערס, די אָרגאַניסטעכע און די שענסטע מענטשן.

צום סוף ערשט האָט איבערן גאַנצן וועג דאָס גאַנצע דאָרף זיך נאָכגעשיט.

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען, זי איז געהאָנגען איבער די וועלדער, אַ רויטע, אַן אומגעהייערע, און פאַרגאָסן דעם גאַנצן וועג, דעם סטאַוו און די הייזער מיט אַ בלוטיקן בליאַסק, און זיי זענען געגאַנגען אין די לאַנגע פאַמעלעך, אַז ס'האָט אַזש אין די אויגן געבלענדט פון די בענדער, פאַווע-פעדערן, בלומען, רויטע הויזן, פאַמעראַנץ-קאָלירענע וועלניאַקעס, טיכלעך, ווייסע קאַפּאָ-טעס — ווי אַ בייט, מיט צעבליטע בלומען באַדעקט, וואָלט געגאַנ-גען און אונטערן ווינט זיך פאַמעלעך געוויגט — און געזונגען, וואָרים די דרוכנעס האָבן אַלע מאָל אַרויסגעקוויטשעט מיט זייע-רע דינענקע קולעכלעך:

זיי פאָרן, פאָרן, די וועגענער יאָגן —
אָ, יאַגוש מיינע, מען טוט נאָך דיר קלאָגן...
העי!

און זינגען הערט מען, אַך שוין פון דערווייטן —
צי זאָל עס, יאַגוש, דיין טרויער באַטייטן...
— !העי

די דאָמיניקאָוואַ האָט דעם גאַנצן וועג געוויינט און ווי אין אַ הייליקן בילד זיך איינגעקוקט אין דער טאָכטער, אַז זי האָט גאָרנישט געהערט, וואָס מ׳האָט גערעדט צון איר.

אין קלויסטער האָט שוין יאַמבראָזשי די ליכט אָנגעצונדן אויפן אָלטאַרזש.

זיי האָבן זיך נאָר איבערגעטון אין פעדערהויז פון קלויסטער, איינגעשטעלט זיך אין פאָרלעך און געלאָזט זיך צום אָלטאַרזש־צו, וואָרן דער גלח איז שוין אַרויסגעקומען פון גלחים־שטיבל.

דער שלוב איז באַלד פאָרגעקומען, ווייל דער גלח האָט זיך געאיילט צו אַ קראַנקן. און ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון קלויסטער, האָט דער אָרגאַניסטער אָנגעהויבן אויסקלאַפּן מאַזורקעס, און אָבערטאַסן, און קראַקאָוויאַקעס אַזעלכע, אַז די פיס האָבן אַזש געציטערט, און בישט אייער האָט שיער נישט אַרויסגעזעצט מיט אַ לידל, גוט, וואָס ער האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט!

צוריק זענען זיי שוין געגאַנגען אָן אַ שום אָרדנונג, מיטן גאַנצן וועג, ווי איינעם נאָר האָט זיך געגלוסט, און שטורמיש, וואָרן די דרוזשבעס מיט די דרוכנעס האָבן געקוויטשעט, ווי ס׳וואָלט זיי עמעצער פון דער הויט געשינדן.

די דאָמיניקאָוואַ איז שנעלער אַוועקגעלאָפן, און ווען דער עולם איז אָנגעקומען — האָט זי שוין דאָס יונגע פּאָר מיט אַ בילד פון דער שוועל אַראָפּ באַגריסט און מיטן הייליקן ברויט מיט זאַלץ, און דערנאָך ווידער זיך גענומען מיט אַלע באַגריסן, און אַרומכאַפּן זיך, און אין שטוב אַריין פאַרבעטן!

די מוזיק האָט געזעצט אין פעדערהויז, און ווער נאָר ס׳האָט די שוועל איבערגעטרעטן, האָט באַלד געכאַפּט אין דער העלפט

די ערשטע בעסטע פֿויערטע פֿון עק און זיך געלאָזט מיט איר מיט גרויסע שפּרייזן אין „כּלה-טאַנץ" — און אין שטוב האָבן שוין פֿאַרבן-רייכע, שימערירנדיקע פּאָרלעך, ווי אַ שלאַנג זיך געדרייט. זיי האָבן זיך געבויגן, אַרומגעקרייזט, אויסגעדרייט זיך מיט אַ וויכטיקער מינע, בּכּבודיק צוגעטופּעט מיט די פֿיס, צאַרט געוויגט זיך און געגאַנגען, געשווומען, געדרייט זיך, פּאָר נאָך פּאָר, קאָפּ בּאַ קאָפּ — ווי אַ צעוויגטע בייט מיט אויסגעשטאַנענם קאָרן, געדיכט דורכגעבליט מיט בלויע קאָרן-בלימעלעך און מיט מאָן... — און פֿאָרויס אין דער ערשטער פּאָר יאַגושאַ מיט באָריגען!

די ליכט, וואָס זענען אויפֿן אָקאָפּ געווען אָנגעשטעלט, האָבן אַזש געדריגעט, דאָס הויז האָט זיך געוואַקלט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט וועלן פּענקען פֿון דער ענגשאַפּט און קראַפּט, וואָס האָט געשלאָגן פֿון די טענצערס!...

זיי האָבן זיך אַזוי אַרום און אַרום געדרייט אַ גוטע ווײַלע ביז זיי האָבן געענדיקט.

די מוזיק האָט אַצינד אָנגעהויבן אויפֿשפּילן דעם ערשטן טאַנץ, פֿאַר דער כּלה, ווי דער מנהג איז געווען פֿון די אַלטע, אַלטע צייטן.

דער עולם האָט זיך צונויפֿגעפּאַקט אין אַ געדיכטעניש אַרום די ווענט און פֿאַרלייגט אַלע ווינקלען, און די פּאַראָבקעס האָבן געמאַכט אַ גרויס ראָד, אין וועלכן זי האָט אָנגעהויבן טאַנצן! דאָס בלוט האָט אין איר אויפֿגעשפּילט, אַזש די בלויע אויגן אירע האָבן געפֿינקלט און די ווייסע ציין האָבן געגלאַנצט אין דעם פֿאַררייטלטן פּנים: זי האָט אומדערמידלעך געטאַנצט, טוישנדיק אַלע מאָל די טענצערס, וואָרן זי האָט כאָטש איין מאָל אַרום געמוזט מיט יעדן אָפּטאַנצן.

די מוזיקאַנטן האָבן הילכיק געשפּילט, אַז.י., אַז די הענט זענען זיי אַזש אָפּגעשטאַנען, אָבער יאַגוש — פּונקט ווי זי וואָלט ערשט אָנגעהויבן! זי איז נאָך רויטער געוואָרן און אַזוי פֿאַרעקשנט געטאַנצט — אַזש די בענדער זענען איר מיט אַ גע-

רויש נאָכגעפלויגן, פלאַסק נדיק איבער די פנימער, און די פון ווינט צעבלאָזענע ספּודניצעס האָבן די שטוב אָנגעפילט.

און די פאַראָבקעס האָב פון פרייד אַזש מיט די פויסטן אין די טישן געזעצט און זייערע געשרייען האָבן דעם פּולאָפּ אונ־טערגעשפּאַרט.

ערשט אויפן סוף האָט זי דעם חתן אויסגעקליבן — באַ־רינע האָט זיך געגרייט דערצו, וואָרן ער איז ווי אַ חיה אַ שפּרונג געטון צו איר, אַרומגענומען זי אין דער העלפט, ווי אַ ווינט זיך מיט איר אויפן אָרט אַ דריי געגעבן און צו די מוזיקאַנטן אַ וואָרף געטון:

— אַ מאַזור, כלאָפּעס, נאָר פעסט!

...זיי האָבן אַ ריס געטון אויף די אינסטרומענטן מיטן גאַנצן כוח, אַז אין שטוב האָט זיך אַזש אַ מיש געטון, ווי אין אַ קעסל.

באָרינע ווידער האָט נאָר פעסטער יאַגנען אַרומגענומען, די פּאָלעס אויף דער האַנט פאַרוואָרפן, דעם קאָפּעלוש זיך גלייך געמאַכט, אַ זעץ געטון מיט די אָפּצאַסן, און פון אָרט זיך ווי אַ ווינט אָפּגעריסן!

העי! האָט ער געטאַנצט, אָבער געטאַנצט! און געדרייט זיך אויפן אָרט, און אויסגעדרייט זיך, און אָפּצאַסן געקנאַקט, אַזש שפּענער זענען פון דער פּאָדלאָגע געפלויגן, און געשריגן, און מיט יאַגושן געוואָרפן, און געדרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד, אַז זיי האָבן זיך אַזש אין איין קנויל צונויפגעפרעסט! און ווי אַ פּול שפּינדל זיך איבער דער שטוב געדרייט — אַז אַ ווינט און אַ קראַפּט האָט זיך נאָר פון זיי געטראָגן.

...די מוזיק האָט פייערדיק און ווילד אַ ריס געטון אַ מאַזור.

זיי האָבן זיך אַלע צונויפגעקנוילט אין דער טיר, אין די ווינקלען, זענען אַנטשוויגן געבליבן און געקוקט מיט באַוווּנדע־רונג, און ער האָט אומדערמידלעך געהוליעט און וואָס אַמאָל אַלץ

פאַרברענטער, נישט אײנער האָט זיך שוין נישט געקענט אײַנהאַלטן, װאָרן די פיס אַלײן האָבן געטראָגן, איז האָבן זײ נאָר צונעטופּעט צום טאַקט, און װער ס'איז אַ היציקער געװען, האָט אַ כאַפּ געטון אַ שיקסע און אַװעקגעלאָזט זיך מיט איר אין אַ טאַנץ, נישט קוקנדיק שױן אויף גאָרגישט!

יאַגושאַ, כאָטש זי איז געװען אַ שטאַרקע, אָבער זי איז גיך מיד געװאָרן און אָנגעהױבן אים איבער די הענט צו פאַלן, ערשט דאַמאָלס האָט ער אױפגעהערט און אַװעקגעפירט זי אין קאַמער אַרײַן.

— אַ' ביסט יאָ אַזאַ כװאַט, ביסטו מיר אַ ברודער, און באַם ערשטן שמד זאָסטו מיך בעטן פאַר אַ קװאַטער! — האָט דער מילנער אױסגעשריגן, נעמענדיק אים אין די אָרעמס אַרײַן.

זײ האָבן באַלד פעסט אױסגעטרונקען אױף ברודערשאַפט, װאָרים די מוזיק איז שױן אַנטשװיגן געװאָרן, און ס'האָט זיך אָנגעהױבן דאָס מכבד זײַן.

די דאָמיניקאָװאַ, די זין, דער קאָװאַל, יאַגוסטינקע — זײ אַלע האָבן זיך פלינק געפּאָרעט מיט פולע פלעשער און גלעזלעך אין די גאָרשטשעס, און האָבן צו יעדן באַזונדער אױסגעטרונקען. יוזשאַ מיט די קומעס האָבן פונאַנדערגעטראָגן אױף פּזשעטאַקעס צעשניטענע שטיקער ברױט און קוכן.

אַ גערױש האָט זיך אױפגעהױבן אַלע מאָל אַ העכערס, װאָרן יעדער האָט זיך זײַנס הױך אַרױסגעזאָגט, און אַלע האָבן זיך גערן אַ נעם געטון צו די גלעזלעך, כּדי אָפּצולעבן, װי עס געהער צו זײַן אַ חתונה.

אױף די בענק אונטערן פענסטער האָבן זיך אױסגעזעצט דער מילנער מיט באָרינען, דער װאָיט, דער אָרגאַניסטער און די שענסטע באַלעבאַטים. דאָרט איז שױן אַרומגעגאַנגען אַ נישקשהדיקע פלאַש אַראַק פון האַנט-צו-האַנט, און נישט אײן מאָל; און ביער האָט מען זײ נאָך צוגעברענגט — זײ האָבן אָן אַ שיער גע-

טרונקען, וואָרן זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אין די אָרעמס אַריין צו נעמען און ווי עס געהער זיין צו חברן!

די שטוב איז פאַרנומען געווען פון אַ נישקשהדיקן עולם, זיי האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין קופּעס, ווי ווען און מיט ווע־מען ס'איז געפעלן געווען, הויך איינגעטענהט צווישן זיך און נישקשהדיק געוויילט זיך מיט די גלעזלעך.

און אין קאַמער, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט דעם לאָמפּ וואָס מען האָט געבאָרגט בײַ די אָרגאַניסטערס, האָבן זיך צוזאַמענ־גענומען די באַלעבאָסטעס מיט דער אָרגאַניסטעכע און דער מיל־נערין בראש. זיי האָבן זיך אויף די קאַסטנס, אויף די בענק, וואָס זענען אויסגעשפּרייט געווען מיט וועלניאַקעס, בכבֿודיק צעזעצט, מעד דורך די ציין געזיגן און זיסן קוכן איידל מיט די פינגער געקרישלט, און זעלטן ווער ס'האָט אַ וואָרט אַרײַנגעוואָרפן: זיי האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט, וואָס די מילנערין דערציילט זיך אָן וועגן אירע קינדער.

אַפילו אין פעדערהויז איז אויך אַן ענגשאַפט געווען, אַז מען האָט זיך נאָך אינדרויסן פאַר דער טיר געפּאַקט, ביז עווקע האָט אַרויסגעטריבן, ווייל זיי זענען פאַרנומען געווען מיט דער וועטשערע צוגרייטן, פון וועלכער ס'האָבן זיך שוין געשמאַקע ריחות איבערן גאַנצן הויז געטראָגן, אַז נישט איינעם האָט עס אין די באָזלעכער אַ דריי געטון.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַרויסגעשיט פאַרן הויז, אַרויס פאַרן הויף, אויף דער פּריזבע; אַ קאַלטע נאַכט איז געווען, אַ שטילע און באַשיטע מיט שטערן, האָבן זיי זיך אינדרויסן גע־קילט, פריילעך געוויילט זיך, אַז ס'האָט אַזש געקלונגען פון די געלעכטערן, פון די געשרייען און אַרומלויפערייען, וואָרן נישט איין פּאָרל האָט זיך אַרומגעיאָגט איבערן סאָד, אַזוי, אַז עלטערע האָבן שוין פון די פענסטער אַרויסגעשריגן:

— בלימעלעך זוכט עך? צ'זאָלט נאָר, מיידלעך, דאָרט עפּעס אַנדערש אין דער נאַכט נישט פאַרלירן.

ס׳האָט זיי דען עמעצער געאָרכט?

אַין אין דער ערשטער שטוב ווידער איז יאַגושיאַ מיט נאַסטקאַ גאַלענביאַנקען אַרומגעגאַנגען. זיי האָבן זיך געהאַלטן באַ די טאַליעס און אַלעמאָל אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער און אין אויער זיך עפּעס איינגערוימט — שימעק, דער דאָמ־ניקאָוועס עלטסטער זון, האָט זיי נאָכגעקוקט און פון נאַסטקען קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, און אַלע מאָל מיט בראָנפן צון איר צוגעגאַנגען, געשטשערעט די ציין און גערעדט עפּעס.

דער קאָוואַל, יום־טובדיק אָנגעטון, אין אַ שוואַרצער קאַפּאַטע און אין הויזן איבער די כאָליעוועס אַריבערגעלאָזט, האָט זיך צום פלינקסטן אַרומגעפּאָרעט, געווען אומעטום, מיט אַלע געטרונקען, פאַרבעטן, מכבד געווען, איינגעטענהט און געאיילט זיך אַזוי, אַז אַלע מאָל האָט זיך זיין רויטער קאָפּ און פיי־עוואַטע פּנים אין אַן אַנדערע זייט געזען.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעטאַנצט, אָבער קורץ און נישט מיט קיין גרויס חשק, וואָרן זיי האָבן זיך אַלע מאָל צו דער וועטשערע אומגעקוקט.

די עלטערע ווידער האָבן איינגעטענהט צווישן זיך. דער וואָיט, וואָס איז שוין געווען שיכור, האָט אַלע מאָל העכער אָנגעהויבן רעדן, אַרויסגעשטעקט דעם בויך, געזעצט מיט דער פויסט אין טיש אַריין און אויסגערופן:

— דע וואָיט זאָגט עס ענק, זאָט עץ גלייבן. כ׳בין אַ רעגירונגס־מענטש, ס׳אי צו מיר געקומען אַ פּאַפּיר מיט אַ באַפעל, אַ׳ כ׳לאָז צוזאַמענרופן די גאַנצע גראָמאַדע און פון דער מאָרגע צו גראָשן אויף אַ שקאָלע באַשטימען...

— עץ, פיעטער, מעגטס ענק באַשטימען אפילו צו צענערלעך פון דער מאָרגע, און אונדז עלן מיר אפילו קאַ גראָשן ניש געגן!

— מ׳עלן מיר ניש געגן! — האָט עמעץ אַרויסגעשאָסן.

— שטיל, מ׳דאַרף, אַז אַ רעגירונגס־מענטש זאָגט...

— מ׳דאַרף מיר ניש קאַ זאַ שקאַלע! — האָט באַרינע געוואָגט.

— אוודאי דאַרף מע ניש — האָבן אַנדערע מיט אַ כאָר איבערגעחזרט.

— טה... אין וואָליע אי דאָ אַ שקאָלע, איבער דריי ווינטערן זענען מיינע קינדער געגאַנגען, און וואָס?... זיי קענען אפילו ניש אין ביכל דעם פּאַטשערוש דורכדרעפּטשען... פאַרן הונט אַזאַ לערנעכץ!

— די מאַמעס לאָזן לערנען פּאַטשערוש. אַ שקאָלע אי ניש אויף דעם, יעך, וואַיט, זאָג עס ענק.

— גאָר אויף וואָס אייגנטלעך? — האָט דער פּוֹן וואָליע אַ זעץ אַרויס געטון, אויפשפּרונגענדיק פון דער באַנק.

— יעך, וואַיט, זאָג עס ענק, הערטס נאָ גוט אויס... באַלד, ערשטנס... — אָבער ער האָט נישט אויסגעפּירט ביזן סוף, ווארים שימאָן האָט איבערן גאַנצן טיש אויסגעשריגן, אַ׳ דע וואַלד, וואָס אי פאַרקויפט געוואָרן, אָבן שוין די ייִדן אָפּגעצייכנט און ז׳עלן באַלד האַקן, זיי וואַרטן נאָר אויף די פרעסט און אויף אַ שליטוועגס.

— לאָזן זיי אָפּצייכענען, מיטן אויסהאַקן עלן זיי צוואַרטן — האָט זיך באַרינע אַריינגעמישט.

— עמיר גיין צום קאָמיסאַרוש זיך באַקלאָגן.

— ניש דאָס, דע קאָמיסאַרוש האַלט שטענדיק מיטן פּריץ, נאָר מיט דער גראָמאַדע עט מע גיין, צו צעטרייבן די העקערס.

— קיין איין כאַיאַק נישט דערלויבן צו האַקן!

— אַן אָנקלאַגע צום סאָנד דאַרף מען איינגען!

— טרינקטס צו מיר, מאַטשעי, אַצינד אי ניש די צייט זיך צו באַראַטן! שיכּורעהייט אי גרינג, אפילו קעגן גאָט אַליין זיך צו גראָזשען! — האָט דער מילנער אויסגערופן, אַנגיסנדיק. ס׳איז אים ניש געפעלן דער דאַזיקער שמועס און די דראָונגען, ווייל

ר׳איז געהאַט מיט די ייִדן אַדורכגעקומען און האָט זיי געזאָלט דאָס האַלדז אויף זיין טאַרטאַק לעבן דער מיל שניידן.

זיי האָבן אויסגעטרונקען און פון די ערטער זיך אויפגעהויבן, וואָרן מ׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו דער וועטשערע צוגרייטן און צונויפטראָגן אַלע מכשירים וואָס מ׳האָט געדאַרפט אויפן טיש און זיי אויסשטעלן.

אָבער די באַלעבאַטים האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן פון וואַלד, ווי דען, אַ ברענענדיקע ווייטיק איז דאָס געווען, האָבן זיי זיך צונויפגעשפּאַרט אין אַ גאַנצער קופּע און, רעדנדיק שטילער צוליבן מילנער, געעצהט זיך און זיך אָפּגעשמועסט, אַז מ׳זאָל זיך צונויפקומען צו באַרינען און עפּעס באַשטימען... אָבער ז׳האָבן נישט געענדיקט, וואָרים יאַמבראָזשי איז גראָד אַריינגעקומען און באַלד צו זיי צוגעשטאַנען. ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, ווייל ער איז מיטן גלח צו אַ קראַנקן געפאָרן אַזש אויפן דריטן דאָרף, קיין קראָסנאָווע, האָט ער זיך אַצינד פּוסט גענומען צום טרינקען, כדי צו דעריאָגן... ער האָט אָבער נישט געדאַנזשעט, וואָרן די עלטערע ווייבער האָבן אין אַ כאָר אַ זינג אויף געטון:

שטעלט אייך, דרוזשבעס, שנעל אַרומעט, צעשטעלט אייך;
נו, פאַרבעטס צום טיש, צעזעצטס זיי, ווי ס׳געפעלט אייך!

און דערויף האָבן די דרוזשבעס, אָנמאַכנדיק אַ גערויש מיט די בענק, אָפּגעענטפערט:

טאַטש פאַרבעטן אָב׳מיר שוין, נו — געזעסן!
ביטס באַר עפּעס גוטס אַהער — על זיי עסן!

און זיי האָבן פֿאַמעלעך אָנגעהויבן צו די טישן צוצוגייִן און אויף די בענק זיך צו באַזעצן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויפֿן ערשטן אָרט דאָס יונגע פּאָר, און לעבן זיי פֿון ביידע זייטן די גרעסטע מיוחסים, לויטן כבוד, לויטן פֿאַרמעגן, לויט דער עלטער, אַזש ביז די דרוכנעס און קינדער — און מ׳האָט זיך קוים אַן אָרט געפֿונען, כאָטש טישן האָט מען אויסגעשטעלט לענגויס דריי ווענט.

נאָר די דרוזשבעס האָבן זיך נישט געזעצט, ווייל זיי האָבן געדאַרפֿט באַדינען, און די מוזיקאַנטן אויך נישט.

דער טומל האָט אויפֿגעהערט, דער אָרגאַניסטער האָט אָפּגעזאָגט שטייענדיקערהייט אויפֿן הויכן קול די תּפֿילה — נאָר איין קאָוואַל האָט אים נאָכגעזאָגט, ער האָט זיך אפֿנים פֿאַרשטאַנען אויף לאַטיין, און דערנאָך האָבן זיי אויסגעטרונקען צו גלעזלעך אויף לחיים און אויף גוטן אַפּעטיט.

די סאַרווערינס צוזאַמען מיט די דרוזשבעס האָבן אָנגעהויבן אַרייַנצוטראָגן פֿאַרענדיקע, אומגעהייערע דיניצעס מיט עסן און האָבן צוגעזונגען:

— מ׳טראָגט דאָ רייז פֿאַר יעדערן
יויך מיט הון נ׳די פּעדערז!

און באַם צווייטן געריכטס:

וואָמפּן פּיל מ׳ט פּעפּער, זאַלץ,
עסט-זשע אַלע אויף דאָס אַלץ!

די מוזיק ווידער האָט זיך באַזעצט באַם קוימען און צוגעשפּילט אין דער שטיל פֿאַרשידענע לידלעך, כדי ס׳זאָל זיך געשמ קער עסן.

זיי האָבן געגעסן פֿיין, פֿאַמעלעך, כמעט שטילשווייגנדיק, ווייניק ווער ס׳האָט אַ וואָרט אַרייַנגעוואָרפֿן, אַזוי, אַז נאָר אַ פּאַטשן

מיט די מיילער און אַ קראַצן מיט די לעפל האָט די שטוב אָנ־געפילט. און ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַביסל אונטערגעלענט און דעם ערשטן הונגער פאַרזעט, האָט דער קאַוואַל ווידער גע־לאָזט אין גאַנג דאָס פלעשל, דערביי האָט מען שוין אָנגעהויבן שטיל איינצוטענהן און איבערצושמועסן זיך איבער די טישן אַריבער.

איין יאַגושיאַ, וואָס האָט כמעט גאָרנישט געגעסן. צומזיסט האָט זי באָרינע געגייט דערצו, אַרומגענומען זי אין דער העלפט און ווי באַ אַ קינד זיך געבעטן, נאָר וואָס, אַז זי האָט אַפילו קאַ פלייש נישט געקענט אַראָפּשלינגען, זי איז געווען זייער פאַרמאַ־טערט, און דערהיצט — זי האָט נאָר בלויז קאַלט ביער געטרונקען און מיט די אויגן איבער דער שטוב געפירט און קוים, קוים זיך צו באָרינעס שעפּטשן צוגעהערט.

— יאַגוש, ביסט צופרידן, האַ? שיינקייט דו מיינס! יאַגוש, אָ' ניש קאַ מורא, ס'עט דיר גוט זיין באַ מיר, באַ דער מאַמען אַפילו אי דיר נישט בעסער געווען... עסט דיר זיין אַ פריצה, יאַגוש, אַ פריצה... כ'על דיר צודינגען אַ שיקסל, זאָסט דיך נישט צו פיל איבעראַרבעטן... עסט זען!... — האָט ער שטיל גע־רעדט צון איר און איר ליבלעך אין די אויגן אַריינגעקוקט, שוין נישט זעענדיק קיינעם פאַר זיך, אַז מ'האָט אַזש אָנגעהויבן אויפן קול פון אים חוזק צו מאַכן.

— ווי אַ קאַץ צו דער סמעטענע האָט ער זיך צוגע־באַפּט.

— ז'אי טאַקע אויסגעפּאַשעט ווי אַ טייג.

— דער אַלטער טאַנצט אַזוי אַרום איר, אַז אַ האָן קענען אים אי גאַנישט!

— ער עט זיך דאָס מחיה זיין, דער אַלטער יוכע! — אוי, עט ער זיך מחיה זיין! — האָט דער וואָיט אויסגערופן.

— ווי דע הונט אויפן פראָסט — האָט דער אַלטער שי־מאָן צערייצט אויסגערופן.

זיי האָבן אַ זעץ אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער, און דער מילנער האָט זיך אַזש אויפן טיש אויסגעצויגן און מיט דער פויסט פאַר נחת געזעצט.

די סאַרווערינס האָבן ווידער אויפגעזונגען:

טראָגן מיר שיסלען הירזש דאָ פעט,
לעגט עס ענק אונטער צו דער זעט!

— יאַגנע, בייג דיך נאָר צו, על איך דיר עפעס זאָגן! — האָט דער וואָיט געזאָגט. ער האָט זיך אַרונטערגעבויגן הינטער באַרינען, ער איז געזעסן לעבן איר, און אַ קניפּ געטון איר אין דער זייט אַריין. — הערסט, זאָלסט מיך בעטן צום קינד-שמדן! — האָט ער מיט אַ געלעכטער אויסגערופן און באַטראַכט זי מיט תאוהדיקע אויגן, וואָרן זי איז שטאַרק רויט געוואָרן, און די פּייערטעס האָבן אויף דעם אַ זעץ אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער און אָנגעהויבן חוזק צו מאַכן, שיטן מיט וויצן און איר עצות געבן, ווי אַזוי זי האָט זיך מיטן מאַן צו באַגיין!

— און דאָס איבערבעט זאָלסטו אַלע אויפדערנאַכט באַם קוימען אָנוואַרעמען.

— דער עיקר, פעט צ׳עסן געבן, עט ער כוח האָבן...

— און זיי צון אים צוגעלזאָן, כאַפּ אים אָפּט באַם האַלז אַרום.

— און האַלט אים דעליקאַטנע, איז עט ער ניש דערקענען, וווהין דו פאַרפירסט אים! — האָט אייגע נאָך דער אַנדערער גע-עצהט, ווי דער שטייגער ווייבער, ווען זיי זענען בגליפינדיק און עס צעלאָזן זיך באַ זיי די צינגלעך.

די שטוב האָט זיך אַזש געטרייסלט פון געלעכטער, און זיי האָבן אַזוי צעלאָזט די מיילער, אַז די מילנעדין האָט זיי אַזש אָנגעהויבן מוסרן, אַז זיי זאָלן די שיקסעס און די קינדער אין זינען האָבן, און דער אָרגאַניסטער האָט אויך אויפגעוויזן, אַז

ס׳איז אַ גרויסע זינד צו פאַרשפּרייטן שלעכטס און צו געבן אַ שלעכטן בייּשפּיל.

— וואָרן — האָט ער געטענהט — פאַן יעזוס האָט אונדז געזאָגט און אויך די הייליקע אַפּאָסטאָלן האָבן דאָס געזאָגט, אין אַלע לאַטייני־שע ביכלעך שטייט עס קלאָר ווי אַן אָקס אָנגעשריבן, אַ׳ ס׳איז גלייכער שוין צו דערהרגענען אײנעם, איידער אים שלעכט צו מאַכן, וואָרן אַ׳ ד׳עסט די קליינע קינדער שלעכט מאַכן, איז דאָס פּונקט, ווי מיך אַליין; אַזוי שטייט אין דער הייליקער שריפט. — דאָס נישט מיאַרקירן זיך אין טרינקען, אין עסן, ווי אויך אין די מעשים, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן, דאָס זאָג איך ענק, ליבע מענטשן — האָט ער געבאַלעגאָטשעט אומפאַר־שטענדלעך, וואָרן ר׳איז שוין געווען נישט נאָכן ערשטן און נישט נאָכן צווייטן גלעזל...

—אַן אָרגל־בלאָזער, יוכע, ר׳עט פאַרווערן מענטשן זיך צו ווײלן.

— ער רייבט זיך אָן גלח, מיינט ער, אַ׳ ר׳איז אַ היי־ליקער!

— זאָל ער זיך מיט דער קאַפּאָטע דאָס אויער פאַר־שטאָפּן! — האָבן זיך געטראָגן נישט קיין גינסטיקע שטימען, ווייל מ׳האָט אים אין דאָרף נישט ליב געהאַט.

— ס׳איז הײנט אַ חתונה, איז נישט קיין עבירה צו פאַר־ווײלן זיך, אַ לאַך צו טון פון עפּעס פריילעכס און זיך פריילעך צו מאַכן, דאָס איז יעך, וואָיט, זאָג עס ענק שוין, מיינע ליבע מענטשן.

— אין אפילו למשל יעזוס פלעגט אויך זיין אויף חתונות און טרינקען ווײן... — האָט יאַמבראָזשי וויכטיק צוגעוואָרפן, אָבער שטיל, און ווייל ר׳איז שוין געווען שיכור און ר׳איז בּאַ דער טיר געזעסן, האָט אים קיינער נישט געהערט — און אַלע האָבן אָנ־געהויבן רעדן, לאַכן, אָנקלאַפּן זיך מיט די גלעזלעך און וואָס אַמאָל אַלץ פאַמעלעכער עסן, כדי זיך גוט צו דער זעט אונטער־

צוּלעגען, נישט איינער האָט זיך שוין אפילו דעם פּאַסעק נאָכגע־לאָזט, זיך אויסגעצויגן, כּדי ס׳זאָל מער אַריין אין זיים... כ׳על אַריבערטראָגן! צו שלעכטן פון די קינדער באַלעוועץ זיי.

די סאַרוועריגס זענען ווידער געגאַנגען מיט פרישע שיס־לען און געזונגען:

געמרוטשעט, געקוויטשעט, אין גערטל געגראָבן,
אַצינד, באַלעבאַטים, פאַרן שאָדן עט עך האָבן!

— זיי האָבן זיך דאָס צעלאָזט, נע, נע! — האָבן זיך מענטשן געוווּנדערט.

— ס׳דען, באַ טויזנט גילדן קאָסט די חתונה...

— ס׳האָט זיך נישקשהדיק געלוינט, ר׳האָט דען נישט זעקס מאַרגעס אָפּגעשריבן!

— און יאַגנע זיצט ווי דער מרוק.

— פאַ דאָס לייכט מאַטשעי מיט די שליפּיעס ווי אַ ווילדע קאַץ!

— ווי פראַכנע איז עס, מיינע ליבע, ווי פראַכנע.

— ער עט נאָך וויינען.

— ער אי נישט פון די, וואָס וויינען, ער עט זיך גיכער צום שטעקן נעמען...

— כ׳אָב דאָס אייגענע געזאָגט דער וואָיטאָווע, ווען זי האָט מיר פון די תּנאים דערציילט.

— וואָס איז זי עפּעס היינט נישט געקומען?

— ווי הייסט, זי ווערט דאָך אַ ליאַדע טאָג געלעגן...

— כ׳וואָלט מיר קאַ האַנט ניש געלאָזט אָפּשניידן, אַז אין קורצן עט זיך שוין יאַגנע נאָך די פּאַראָבקעס יאָגן, זאָלן זיך נאָר די מוזיקעס אין דער קרעטשמע אָנהויבן.

— מאַטעוש וואַרט נאָר דערויף!

— אַזוי, אַזוי?

— אודאי! די וואַרשאַוער האָט געהערט, וואָס ר'האָט אויסגערעדט אין דער קרעטשמע.

— ווייל מ'האָט אים נישט געבעטן צו דער מוזיק?

— דער אַלטער האָט געוואָלט, נאָר די דאָמיניקאָווא האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, אַלע ווייסן וואָס ס'אי געווען, איז ווי־זשע?...

יעדער לייגט צו עפּעס, אָבער ס'האָט עמעצער געזען?

— איז, הייסט עס, רעדט מען גלאַט אַזוי בחנם!

— און באַרטעק קאָזשאַל האָט זיי נישט וויאַסנע־צייט גע־פּאַקט אין וואַלד?

— קאָזשאַל איז אַ גנב און אַ ציגיינער, ר'האָט געהאַט מיט די פּאַטשעשעס אַ ספּראַווע וועגן אַ חזיר, איז רעדט ער פּאַר כעס אויס.

— און אויך אַנדערע האָבן אויגן, וואָס זען, זיי האָבן...

— און דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן, צ'עט זען... אוודאי, מיך גייט דאָרט אַ סך אָן, נאָר כ'קלער אַזוי, אַז אַנטעקן מיט די קינדער איז געטון געוואָרן אַן עוולה, איז אַ שטראָף, מוז קומען דערפאַר.

— געוויס, פאַן יעזוס איז נישט קאַ גיכער, נאָר גערעכטיק זיכער...

— וועגן אַנטעקן האָט מען אויך עפּעסטשיס געמירמלט, אַז מען האָט זיי דאָ און דאָרט געזען צוזאַמען, ווי זיי האָבן זיך אָפּ־געשמועסט... — מ'האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער און פאַרביסע־נער איינצוטענהן און מ'האָט אומברחמנותדיק די גאַנצע משפּחה דורכגענישטערט, נישט שוינענדיק אַפילו די אַלטע — און אָננע־מענדיק זיך צום מייגסט פאַר אירע שקצים.

— און צי אי דען דאָס נישט קאַ זינד! פאַראָבקעס מיט וואָנסעס, שימעק האָט שוין אַ גוטע דרייסיק יאָר, און זי לאָזט אים נישט חתונה האָבן, פון שטוב לאָזט זי אים נישט אַרויס, און

פאַר אַ ליאַדע וואָס ברענט זי אים ס'אָרט.

— און ס'אי דאָך אַ בושה, אַזעלכע פויערן און טוען אַלע ווייבערישע אַרבעט...

— אַבי יאַגושיאַ זאָל זיך נאָר די הענטלעך נישט איינ־רעכטן.

— און ז'האָבן צו פינף מאָרגעס, ז'וואָלטן שוין געקענט חתונה האָבן!

— אַזוי פיל שיקסעס דאָ אין דאָרף...

— און ענקער מאַרציכאַ וואַרט שוין צום לענגסטן, און דער גרונט ליגט לעבן די פאַטשעשעס!

— גיטס בעסער אַכטונג אויף ענקער פראַנקען, אַ' זי זאָל זיך פון אַדאַמען נישט עפעס דערוואַרטן!

— די אַלטע איז אַ גיהנומניצע. דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה, אָבער די שקצים זענען אויך טויגענישטן און טשאַפעס.

— אַזעלכע באַשריגענישן, און האָבן מורא דער מאַמעס פאַר־טוך אַפצולאָזן!

— ז'עלן אָפלאָזן... שוין היינט לויפט שימעק דער נאַסטקע גאָלענביאַנקען נאָך.

— דער טאַטע זייערער איז אויך געווען דער אייגענער — כ'געדענק גוט און די אַלטע אי מיידלווייז ניש בעסער געווען פון יאַגושען!...

— ס'עפעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע!

די מוזיק איז אַנטשוויגן געוואָרן, די כלי־זמרים זענען גע־גאַנגען עסן אין דער צווייטער זייט אַריין, וואָרן די וועטשערע האָט שוין געהאַלטן באַם סוף.

ס'איז פלוצלינג שטיל געוואָרן פונקט ווי אין אַ קלויסטער, בשעת מ'הייבט אָן די תפילה — נאָר נאָך אַ קורצע ווײַלע האָט אַ זעץ געטון אַ געטומל נאָך אַ שטאַרקערס, אַזש ס'האָט זיך ווי אין אַ קעסל אַ מיש געטון, אַלע האָבן גערעדט אויף אַ מאָל, גע־

שריגן און געשפּאַרט זיך איבער די טישן, אַז איינער האָט דעם אַנדערן שוין ניט געהערט.

צום סוף האָט מען אויפגעגעבן פאַר די בעסערע געסט אַ קרופּניק, צוגעפּראַוועט מיט האָניק און מיט געווירצן, און פאַר דער רעשט האָט מען געשטעלט מיט דער פולער האַנט שטאַרקן אַקוויט און ביר.

ווייניק ווער ס׳האָט אַכטונג געגעבן, וואָס ער טרינקט, וואָרן פון די קעפּ האָט זיי שוין נישקשהדיק געפּאַרעט, און די בגלופינדיקייט האָט צענומען. זיי האָבן זיך צעזעצט, ווי איינעם באַקוועמער ס׳איז געווען, די קאַפּאָטעס צעקנעפּלט פאַר היץ, צעלייגט זיך אויף די טישן. זיי האָבן געזעצט מיט די פויסטן, אַז די שיסלען זענען אונטערגעשפּרונגען, געכאַפּט זיך אין דער העלפט, דאָ באַ די באַרקעס, דאָ אַרום האַלדז, געצאַמפּערט זיך. זיי האָבן זיך אויסגערעדט, ווי אַ ברודער פאַר אַ ברודער, ווי דער אמתער קריסט פאַר זיין שכן דעם קריסט.

— ס׳אי שלעכט אויף דער וועלט! ס׳דען! אַ תּל ווערט פון מענטש, און נאָר נויט און אָרימקייט...

— אַוועק הינטישע געבליטן... — הינטער די שייערן האָבן זיך הינט איבער אַ ביין געריסן.

...די איינציקע טרייסט אי נאַר, וואָס אַ שכן מיט אַ שכן קומט זיך צונויף און מען טענהט זיך אַ ביסל באַם גלעזל אייז, מען רעדט זיך דאָס האַרץ אויס און מען איז זיך מוחל, וואָס איינער האָט קעגן אַנדערן געזונדיקט — אוודאי, אַז נישט פאַר דער אויסגעפּאַשעטער תּבואה, נישט פאַרן אַריינאַקערן אין פרעמדן פעלד אַריין, ווייל דאָס ווייסן שוין די סאָנדעס און די עדות עלן דאָס באַשטעטיקן, ווער ס׳איז באַעוולהט און ווער גערעכט, נאָר דאָס וואָס קען זיך דאָרט טרעפן צווישן שכנים — צי שרצים האָבן עפּעס אין סאָד צעגראָבן, צו באַבעס זיך צעקריגט, אָדער די קינדערלעך האבן זיך געהרגעט — ס׳טרעפט דאָך פאַרשיינס...

טאַטש דערויף אי דאָך אַ חתונה, אַז דאָס עקשנות זאָל צעריגען און ברידערלעכקייט און אחדות זאָל וואַקסן צווישן מענטשן!

— „כאָטשביק נאָר אויף דער צייט פון דער חתונה, אויף איין טאָג!"

— „און מאָרגן עט עס שוין אַליין קומען! העי! וועסט נישט אַנטלויפן פאַרן גורל, אַכיבע אין דער הייליקער ערד אַריין; ס'עט קומען, באַם קאָפּ אָנכאַפּן, די יאַרזשמע אויפן קאָפּ אַרויפלייגן, אין נויט דיך טרייבן און דו, פאָלק, שלעפּ, דערגאָך וועסטו דיך מיט בלוט באַגיסן, דיינס זאָלסטו געדענקען, לאָז נישט אַרויס פון דער גאָרשטש אַפילו נישט אויף קיין אויגנבליק, כדי זאָלסט נישט אונטערן ראָד אַרונטער!

— „פאַן יעזוס האָט מענטשן באַשאַפן, זיי זאָלן ברידער זיין, און זיי זענען וועלף איינער צום אַנדערן!

— „נישט קיין וועלף, ניין, די נויט הודזשעט נאָר אונטער, רייצט אָן און וואַרפט איינעם אויפן אַנדערן, אַז זיי בייסן זיך אַט ווי די הינט איבער דעם אַרומגעגריזשעטן ביין!

— „נישט נאָר די נויט אַליין, ניין, דער יצר־הרע וואַרפט דאָס אָן אַ פינסטערניש אויפן פאָלק, אַז זיי דערקענען נישט וואָס גוט און וואָס שלעכט איז!

— „אמת, אמת, און ער בלאָזט אויף דער נשמה, ווי אויף אָפּגעלאָשענע הייסע קוילן, ביז ער צעבלאָזט אַזש גיריקייט, כעס און אַלע אַנדערע זינד אין האַרץ!

— „אַזוי אי דאָס, ווער ס'איז טויב אויף גאָטס געבאָטן, דער הערט מיט מער חשק די גיהנומדיקע מוזיק!

— „אַמאָל איז נישט אַזוי געווען! מ'האָט זיך געהאָרכט, די עלטערע כבוד אָפּגעגעבן, און ס'איז געווען אַחדות!

— „און גרונט האָט יעדערער געהאַט, וויפיל ר'האָט נאָר געקענט באַאַרבעטן, און פּאַשע, און לאָנקעס, און וואַלד.

— „און וועגן פּאָדאַטקעס ווער האָט עס אַמאָל געהערט?

— „אָדער האָלץ האָט גאָר ווער געקויפט ?... מ׳אי גע־פּאָרן אין וואַלד אַריין און גענומען וויפיל איינער האָט געדאַרפט, און אפילו די בעסטע סאָסנע אָדער דעמב!... וואָס ס׳איז געווען דעם פּריצס, איז אויך געווען דעם פּויערס.

— „און איצט איז עס ניש דעם פּריצס, ניש דעם פּויערס — יידישס איז עס, אָדער גאָר נאָך עפּעס ערגערס.

— „שטשערוועס! כ׳אָ געטרונקען צון ענק, טרינקטס עץ אויך צו מיר! זיי האָבן זיך באַזעצט, ווי באַם טאַטן אין וויינ־גאָרטן — טרינקטס נאָר, דיינס איז גוט, איז אויך מיינס גוט, אַבי גערעכטיקייט זאָל אומעטום זיין...

— „פּאַרשיווע פּריצים! אין ענקערע הענט! אַ ביסל בראָנפן אי ניש קאַן עבירה, אַבי נאָר אויף אַן אָרנטלעכן שטייגער, און מיט ברידער, איז עס צו געזונט, רייניקט דאָס בלוט און ציט די קרענק אָפּ!

— אַז טרינקען, אי שוין מיט דער גאַנצער קוואָרט, אַז הוליען, איז שוין אַ גאַנצע וואָך. און אָסטו, מענטש, אַרבעט? — אַרבעט פלייסיק, קאַרג ניש די פיס, טו דיך ערלעך צו! און אַ׳ ס׳עט זיך טרעפן למשל אַ געלעגנהייט — אַ חתונה, אַ שמד, אָדער ס׳עט עמעץ שטאַרבן ווער — איז לאָז נאָך אַביסל, רו דיך אָפּ, קוק מיט אָפענע אויגן אויף דער וועלט און האָב נחת! און אַ׳ ס׳עט אויסקומען עפּעס שלעכטס. — דאָס ווייב עט זיך דיר זמאַרנעווען, אַ בהמה עט דיר פּגרן, אַ שרפה עט קומען — איז עס גאָטס ווילן, שטעל דיך נישט אַקעגן, וואָרן וואָס, אָרימענקער נעבעך, וועסטו העלפן מיט דיין שרייען און מיט דיין וויינען? — גאָרנישט; עסט נאָר די רויִקייט אָנווערן, אַז אַפילו דאָס עסן וועט דיר אין מויל ווי פּאָקשיוועס אויסזען! — איז דעריבער לייד, און טרוי דיך אָן אין פאַן יעזוסעס דערבאַרמדיקייט... ס׳עט קומען ערגערס, דער טויט עט דיך באַם האַלדז אָנכאַפּן און אין די שליפיעס דיר אַריינקוקן — פּרווו דיך גאָרנישט אַרויסרייסן, נישט דיין כּוח איז דערצו — וואָרן אַלץ איז אין גאָטס האַנט...

— „אַוודאי, ווער קען דיר דאָס אויסמיאַרקירן, ווען יעזוס עט אַ געשריי טון: „ביז דאַנען אי דיין, — פון דאַנען אָן אי מיין, מענטש.“

— „אַזוי איז דאָס, אַזוי! אינדערהייך, ווי אַ בליץ, לויפן די געטלעכע באַפעלן, און קיינער ניש, זאָל עס אַפילו זיין דער גלח, זאָל עס אַפילו זיין דער גרעסטער חכם, עט ער זיי פריער נישט דערזען, ביז זיי פאַלן נישט אויפן פאָלק ווי צייטיקע קערנער אַראָפּ!

— „און דו, מענטש, דאַרפסטנאָר אײנס וויסן — דו זאָלסט נאָר דיינס טון און לעבן, ווי די הייליקע געבאָטן הייסן דיך, און ווייטער פון דיר זאָלסטו נישט קוקן... דער פאַן יעזוס גרייט פאַ יעדן אָן זיין שכר, און ער וועט ערלעך באַצאָלן, וואָס נאָר איי־נעם ס׳וועט אויסקומען...

— „באַ דעם האָט זיך ס׳פּוילישע פאָלק געהאַלטן — און אַזוי דאַרף זיין אויף דורי דורות, אָמן!

— „און מיט געדולד וועסטו אפילו די גיהנום־טויערן ביי־קומען.“

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך איינגעטעגהט, טרינקענדיק כסדר און יעדער האָט אַרויסגערעדט, וואָס ר׳האָט געהאַט אויפן האַרץ און וואָס ס׳איז אים לאַנג ווי אַ ביין אין האַלדז געשטאַנען! און צום מייסטן און צום העכסטן האָט גערעדט יאַמבראָזשי, אמת, אַ׳ מ׳האָט אים ווייניק־וואָס אויסגעהערט, וואָרים יעדער האָט גערעדט און זיינס געוואָלט אויפווייזן, און ווייניק אַכט געלייגט אויף די אַנדערע... אין שטוב האָט שוין געקאָכט און גערוישט, ווי אין אַ קעסל, אַלע מאָל שטאַרקער, ווען עווקע מיט יאַגוס־טינקען זענען אַריינגעקומען, טראָגנדיק פאַר זיך מיט גרויס פאַ־ראַד אַן אויסגעשלייערטן קאָכלעפל. — אַ מוזיקאַנט, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט צוגעשפילט אויף דער פידל, און זיי האָבן געזונגען:

אַ פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך
פֿון די טישן אַפּערגעגאַנגען!
צו דריי גראָשן פֿאַר אַ געקעכץ,
און צו צענערס פֿאַר אַ גערעכץ —
די קעכינס צו דערלאַנגען!

דער עולם איז געווען זאַט, פֿגלופּינדיק און גערירט פֿון דעם גוטן עסן און פֿון אָפּטן טרינקען, איז האָבן טייל אפֿילו זילבער־געלט אין קאָכלעפֿל אַרייַנגעוואָרפֿן.

צוביסלעך האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן אַפּערצוקייקלען פֿון אונטער די טישן און פֿאַמעלעך זיך פֿונאַנדערצוגיין, ווער אויף דער לופֿט אַרויס דעם אָטעם כאַפּן, ווער אין פֿעדערהויז אַריין און ווער ס׳איז אין שטוב שטיין געבליבן און ווייטער פֿאָרט־געזעצט די וויכּוחים. אַנדערע ווידער האָבן זיך אַרומגעכאַפּט פֿון פֿרייַנטשאַפֿט, און נישט איינער האָט זיך שוין אויף די פֿיס גע־וואַקלט און איבער די ווענט מיטן קאָפּ געאַקערט, אָדער אַנדערע ווי אַ שעפּס געבאָדזשעט, — וואָס ס׳איז אפֿילו קאַ וווּנדער ניש, וואָרים די וועטשערע איז געדיכט מיט בראָנפֿן דורכגעפֿלאָכטן געווען.

באַם טיש זענען נאָר איבערגעבליבן דער וואָיט מיטן מיל־נער, זיי האָבן זיך געקריגט און מיט אַן אומגעוויינטלעכער היצי־קייט געשפּרונגען איינער צום אַנדערן ווי די רויב־פֿייגל, אַזש יאַמבראָזשי האָט מיט בראָנפֿן געוואָלט צווישן זיי שלום מאַכן.

— דאָס קלויסטער־פֿעדערהויז היט אָפּ, דזשאַד, און צו באַלעבאַטים אַ זאַשע דיר — האָט דער וואָיט אַ וואָרטשע גע־טון.

ער איז אומעטיק אַוועקגעגאַנגען פֿון זיי, דאָס פֿלעשל צו־געדריקט צו דער ברוסט, ער האָט אַוועקגעהינקט, הויך צוקלאַפּנ־דיק מיטן הילצערנעם פֿוס, און געזוכט עמעצן, מיט וועמען גוט־ברודעריש אַ טרונק צו נעמען און זיך אויסשמועסן.

דאָס יונג־יאַרג ווידער האָט זיך אַרויסגעשיט אויפֿן הויף אַרויס, און בײַ די טאַליעס זיך האַלטנדיק, אויפֿן וועג אַרויסגעלאָזט צו טומלען און ליידנשאַפטלעך געפֿלאַקערט — אַז ס׳האָט אַזש געפּויקט פֿון דעם אַרומיאָגן זיך און פֿון די געשרייען — אַ העלע נאַכט איז געווען, די לבנה איז געהאָנגען איבערן סטאַוו, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געגלאַנצט, אַז אַפֿילו די שוואַכסטע רעדער, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אַרום פֿון דעם שטאַרקן ליכט־אָפּשײַן, האָבן אויסגעזען, ווי שלאַנגען וואָלטן זיך אין אַ האַלב־קרייז אין דער שטילקייט געגליטשט; ס׳האָט געכאַפּט אַ נישקשהדיק פֿרעסטל, די גרודעס האָבן זיך געבראָכן אונטער די פֿיס, און אַ ווײַסער פֿראָסט האָט די דעכער אָפּגעווײַסט און די ערד מיט אַ גרויקייט באַדעקט.

ס׳איז שוין געווען שפּעט, וואָרים די ערשטע הענער האָבן זיך שוין איבערן דאָרף אָנגערופֿן.

און אין שטוב האָט מען דערווײַל אָרדנונג געמאַכט און צו די טענץ צוגעגרייט.

און באַלד ווי די מוזיקאַנטן האָבן זיך נאָר געהאַט אונטערגעלענט און אַ ביסל זיך אָפּגערוט, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן אין דער שטיל אונטערצושפּילן, כּדי די חתונה־געסט זאָלן זיך צונויפֿזאַמלען אין אַ קופּע.

אָבער מ׳האָט זיי נישט געדאַרפֿט לאַנג בעטן, און זיי האָבן זיך אַ שיט אַרײַן געטאָן אין שטוב, וואָרים די פֿידלען האָבן אַזוי געצויגן צום טאַנץ, אַז די פֿיס אַליין האָבן שוין געטראָגן — אָבער אומזיסט, די פּאַראָבקעס האָבן זיך נאָך אַ ביסל שווערלעך געפֿילט נאָך דער וועטשערע, איינער, צוויי האָט זיך אַ ביסל אַ דריי געטאָן, און גיך אַרויסגעלאָפֿן אין פֿעדערהויז אַרײַן אַ פּאַפּיראָס פֿאַררייכערן אָדער די פֿעסטע ווענט אונטערשפּאַרן.

יאַגנעס האָבן די ווײַבער אין קאַמער אַרײַנגעפֿירט. באָריבאַ איז אויף דער פּריזבע געזעסן מיט דער דאָמיניקאָווען, און ווער נאָר עפּעס עלטערס — האָט די בענק אין די ווינקלען פֿאַרנומען,

און געפּלוידערט אַזוי, אַז אין שטוב זענען נאָר די שיקסעס אי-בערגעבליבן און געהאַלטן אין איין לאַכן צווישן זיך, אָבער אַזוי ווי דאָס איז זיי גיך פאַרמיאוסט געוואָרן, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ פאַרוויילונג מיט פאַרשידענע שפּילן, כּדי גיכער די שקצים אויפ-צורודערן.

צום ערשטן האָבן זיי געשפּילט אין „לויפט אַ פּיקסל הענדום-פּענד, ר׳האָט קאַ פּיס ניש, ניש קאַ הענט.״

פּאַר אַ פוקס האָבן זיי איבערגעטון אין אַ פעלץ, מיט דער וואָל אַרויף, יאַשעקן, מיטן צונאָמען פּושעוואָראַטני — אַ גאַפּ א ז דאָס געווען, אַ שלים מזל, און ס׳גאַנצע דאָרף האָט פון אים חוזק געמאַכט, שוין אַ דערוואַקסענער פּאַראָבעק, און איז מיט אַן אָפן מויל אַרומגעגאַנגען, געשפּילט זיך מיט די קינדער, צו אַלע שיק סעס זיך געשדכנט, און זייער אַ גרויסער נאַר געווען, נאָר ווייל ר׳איז געווען אַן איין און איינציקער אויף צען מאָרגעס, איז האָט מען אים אויך אומעטום פאַרבעטן — דאָס העזל ווידער איז גע-ווען יוזשאַ באָריגיאַנקע.

און געלאַכט האָט מען דאָס, אָבער געלאַכט, יעזוס מיי-נער!

— וואָס אַ טריט, האָט זיך יאַשעק אַ צעשפּרייט געטון אַזן ווי אַ קלאָץ אַ דובענק אַנידער געטון אויף דער ערד, ווייל מ׳פלעגט אים אַ פוס אונטערשטעלן, און יוזשאַ האָט אַזוי קינציק געמיאַו-טשעט, געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי אַ קלעצל, און באַוועגט מיט די ליפּן, בעסער ווי אַ לעבדיקער האָז.

און דערנאָך אין אַ „וואַכטל״.

נאַסטקע גאַלענביאַנקע האָט אָנגעפירט מיטן שפּיל, און האָט זיך אַזוי פלינק געדרייט, אַזוי פלינק איבער דער שטוב זיך גע-גליטשט, אַז מ׳האָט זי בשום אופן נישט געקענט כאַפּן, ביז זי איז אַליין אין די הענט אַריינגעקראָכן, כּדי אַרומצוטאַנצן אין ראָד.

און אין „מייזעלע״ האָבן זיי געשפּילט!

און צום סוף, האָט עמעץ פון די דרוזשבעס, דאַכט זיך, טאָמעק וואַכניק, געוויזן אַ באָטשאַן; ר'האָט זיך מיט אַ פלאַכטע דעם קאָפּ אַרומגעדעקט, און פון אונטער איר פאַר אַ שנאָבל אַ שטעקן אַפּערגעשטעקט און אַזוי קינציק געקלעקאָטשעט, ווי אַן אמתער באָטשאַן, אַז יוזשאַ, וויטעק און די רעשט יונגוואַרג האָבן אים אָנגעהויבן נאָכיאָגן און שרייען:

קלע, קלע, קלע — איך קען אים,
זיין מאַמע איז אין גיהנום.
אין גיהנום דאָרט, וואָס טוט זי?
פאַר קינדער פערפעלעך שיט זי.
פאַרוואָס איז זי געשטאָרבן?
ווייל ז'האָט קינדערלעך פאַרדאָרבן.

און זענען זיך מיט אַ געקוויטש צעלאָפן און זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען, ווי די קוראָפּאַטוועס, וואָרן ר'האָט נאָכגעיאָגט אַלע, געדזשאָבעט און געקלאַפּט מיט די פליגל.

די שטוב האָט זיך אַזש געטרייסלט פון די געלעכטערן, געשרייען און דעם אַרומיאָגן זיך.

בײַ אַ גוטע שעה האָט די פאַרווײַלונג געהאַט געדויערט, ביז דער עלטערער דרוזשבע האָט אַ צייכן געגעבן זיי זאָלן שטיל בלייבן.

די ווייבער האָבן אַרויסגעפירט פון קאַמער יאַגושען, זי איז מיט אַ ווייסער פלאַכטע באַדעקט געווען, האָבן זי אינדערמיט שטוב אויף אַ דזשיזשע באַזעצט, וואָס איז מיט אַן איבערבעט איבערגעדעקט געווען. — די דרוכנעס האָבן זיך אַ ריס געטון, מכלומרשט ווי אָפּצושלאָגן זי, אָבער די עלטערע און די פויערן האָבן זי פאַרטיידיקט, איז האָבן זיי זיך אַקעגן אין אַ קופּע צונויפגענומען, און טרויעריק, ווי מיט אַ געוויין, מיט אַ הויך קול אַ זינג אַרויס געטון:

און אָט איז דיר שוין
נאָך די חופּה־שטהן —
דער טשעפּיק געשטריקט און אויפגענייט
ווי פאַר דיר, יאַגוש, אָנגעגרייט:
כּו עס אויפן קעפּל אָן!...

דאַן האָט מען זי אָפּגעדעקט.

דעם טשעפּיק האָט זי שוין געהאַט אָנגעטון אויף די צוזאַמענגעוויקלטע גראָבע צעפּ, אָבער זי האָט אַציגד נאָך שענער אויסגעזען אין דעם אָנטון, וואָרן זי איז געווען צעשמייכלט, פריילעך און האָט מיט שטראַלנדיקע אויגן איבער אַלע געפּירט.

די מוזיק האָט פאַמעלעך אָנגעהויבן צו שפּילן, און דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם, אַלט און יונג, אפילו די קינדער, האָבן אויפגעזונגען דעם „שיכּרות־טאַנץ" מיט איין אומגעהייערע שטימע פון פרייד. און נאָכן אָפּזינגען, האָבן זי נאָר בלויז באַלעבאָסטעס גענומען צום טאַנצן. יאַגוסטינקע, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל אָנג טרונקען, האָט זיך אונטער די באָקעס „אָנגענומען און אָנגעהויבן איר לידלעך צוזוואַרפן:

ווען כ׳וואָלט געווען נאָר וויסן,
אַז ד׳עסט צ׳אַן אַלמן שטייגן...
כ׳וואַלט אַ קראַנץ דיר אָפּגעפלאַכטן
פון יאַלאָווע צווייגן!

און נאָך אַנדערע, נאָך מער גיפטיקערע און שטעכיקערע לידעלעך.

אָבער קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, וואָרים די מוזיקאַנטן האָבן שוין מיטן גאַנצן כּוח געריסן און דער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ — ס׳האָט פלוצלינג אַ פויס אויף געגעבן, ווי הונדערט צעפּעס וואָלטן אין אַ שייער

אָנגעהויבן קלאַפּן און די פֿאַרפּלאָנטערטע געדיכטעניש האָט געווימלט אין שטוב, וואָרים איינער איז געגאַנגען נאָכן אַנדערן, אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר, קאָפּ בײַ קאָפּ און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַזאַ שנעלקייט — אַז די קאַפּאָטעס האָבן זיך אויפֿן ווינט צעלאָזט, און זיי האָבן ברייט זיך צעוויגט, צוגעקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, געשאָקלט מיט די קאַפּעלושן, און טיילמאָל האָט ווער מיט אַ לידל אַ זעץ אַרויס געטון, אין די שיקסעס האָבן אונטערגעכאַפּט מיט אַ „דאַ דאַנאַ" און געדרייט זיך וואָס אַמאָל גיכער, געוואַקלט זיך צום טאַקט און געגאַנגען אין אַזאַ שנעלן און ווילדן ווירוואַר־טאַנץ, — אַז מען האָט שוין קיינעם אין דעם געטומל נישט דערקענט; און יעדעס מאָל, וואָס די פֿידלען האָבן אַ זעץ אַרויס געטון מיט אַ ציטערדיקן טאָן, האָבן הונדערט פּאָדקעוועס אַ זעץ געטון אָן דער פּאָדלאָגע, הונדערט שטימען האָבן אַ ברום געטון מיטן גאַנצן כּוח און הונדערט מאַן האָבן זיך אויפֿן אָרט אַ דריי אויס געטון, ווי אַ ווינט וואָלט אַ ריס געגעבן — אַזוי, אַז אַ גערויש האָט זיך נאָר געטראָגן פֿון די קאַפּאָטעס, וועלניאַקעס און טיכער, וואָס האָבן איבער דער שטוב געווייעט, ווי די פֿאַרביקע פֿייגל. ס'איז אַריבער אַ מינוט, צוויי און דריי, און זיי האָבן אַלץ כּסדר געטאַנצט אָן אָפּרו, אָן אויפֿהער, די פּאָדלאָגע האָט געציטערט, די ווענט האָבן זיך געטרייסלט און די שטוב האָט געקאָכט מיט אַ געטומל, און דער חשק איז אַלץ נאָך מער געוואַקסן, פּונקט ווי דאָס וואַסער נאָך אַ שלאַגס־רעגן, — איז האָט עס נאָר געקאָכט ווי אין אַ קעסל און האָט די שטוב איינגעלייגט.

און ווען ז'האָבן געענדיקט, האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּריכטן פֿאַרשידענע מנהגים, ווי דער שטייגער איז בשעת דער צערעמאָניע פֿון אָנטון דעם טשעפּיק.

צו אַלעם ערשט האָט זיך יאַגושיאַ געדאַרפֿט איינקויפֿן צווישן די באַלעבאָסטעס!

און דערנאָך האָבן זיי געהאַלטן אין איין אָפּריכטן פֿאַרשידענע אַנדערע צערעמאָניעס; ביז די פֿאַראָבקעס האָבן אָפּגעפּלאָכטן

אַ לאַנגע שטרוי־גאַרטל פון נישט אויסגעדראָשענעם ווייץ איז אַרומגענומען מיט איר אַ גרויסעכנע ראָד, וואָס די דרוכנעס האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף עס אָפּגעהיטן, און יאַגושיאַ איז געשטאַנען אינדערמיט — האָט וויר געוואָלט טאַנצן מיט איר, האָט ער געמוזט צוגיין, מיט כּוח זיך אַריינרייסן און הוליען אין דעם ראָד, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מ'האָט אים אפילו געפּלאָמט מיט אַנדערע שטרוי־גאַרטלען איבערן ווייכן אָרט. צום סוף ווידער, האָט די מילנערין און די וואַכניק וואָס אָנגעהויבן צוזאַמענצוגעמען אויף אַ טשעפּיק. דער ערשטער האָט דער וואָיט אַ וואָרף געטון אַ גאָלדשטיקל אויפן טעלער, און נאָך אים האָבן זיך, ווי אַ קליינגענדיקער האָגל, אַ שיט געטון זילבערנע רובלעס, און ווי בלעטעלעך אין האַרבסט־צייט זענען געפלויגן די פּאַפּירלעך.

מער ווי דרייהונדערט גילדן האָבן זיי צוזאַמענגענומען!

אַ שפּאָר ביסל געלט, אָבער אַ פּליג אי דאָס פּאַ דער דאָמיניקאָוועץ, זי אי נישט געשטאַנען נאָך די מתּנות, וואָרן זי האָט געהאַט געגוג איר אייגנס, און נאָר ווייל זיי האָבן זיך דאָס אַזוי געגרן געלאָזט פאַר יאַגושען קאָסטן, איז האָט עס זי איינגאַנצן דורכגענומען, אַז זי האָט זיך נישט געקענט אַזש איינהאַלטן פון נישט אַרויסצוווייגען — האָט זי אַ געשריי געטון אויף די שקצים, אַז זיי זאָלן דערלאַנגען בראָנפן, און האָט אַליין אָנגעהויבן מכבד צו זיין, צו טר נקען לחיים און מיט טרערן, וואָס זענען איר פון די אויגן געגרונען, האָט זי די קומעס און די קומעכעס געקושט.

— טרינקטס, שכנים... טרינקטס, האַרציקע מענטשן, אייגענע ברידער... כ'זאָל אַזוי די וויאַסנע אין האַרץ מייגעם האָבן... פאַר יאַגושעס געזונט וועגן... נאָך דאָס דאָזיקע גלעזל... נאָך... — און נאָך איר האָט דער קאָוואַל געטרונקען מיט אַנדערע, און אירע שקצים באַזונדער — וואָרן אַן עולם אי דיר געווען, נישט קיין קליין געדיכטעניש, יאַגוש האָט ווידער געדאַנקט

אין איר נאָמען פאַר דער גוטסקייט, און ווער ס'איז עלטער געווען, האָט זי באַ די קני אַרומגענומען!...

אַ רעש איז אין שטוב געוואָרן, וואָרן די גלעזלעך זענען געדיכט איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און די היץ האָט געזעצט פון אַלע, און אַ פרייד! די פּנימער האָבן זיך גערייטלט, די אויגן האָבן געגלאַנצט און הערצער האָבן זיך צו הערצער געריסן, ברידערלעך, ווי באַ שכנים. העי! איינמאָל שטאַרבט מען, אַזוי פיל פאַרמאָגט נאָר דער מענטש, וואָס ער לעבט צו מיט די ברידער, וואָס פרייט זיך און פאַרגעסט אָן דער גאַנצער וועלט! בלויז דער טויט נעמט צו יעדן איינציקן באַזונדער, אָבער אויף אַ חתונה דאַרף מען גיין קופּעסווייז און פרייען זיך גאַנצע קאָמפּאַניעסווייז. חברהווייז האָבן זיי טאַקע די גאַנצע שטוב פאַרלייגט, געטרונקען איינער צום אַנדערן און פריילעך איינגעטענהט, און יעדער האָט זיינס הויך אַרויסגעזאָגט, אַז אפילו איינער דעם אַנדערן האָט שוין נישט געהערט, אָבער דאָס אי גאָרנישט, ווייל סיי ווי האָבן זיי אַלע נאָר איינס געפילט, און איין פרייד האָט זיי צונויפגעשפּאַנט אין אַ קופּע און האָט זיי אַלע אַדורכגעדרונגען!

און ווער ס'האָט עפּעס אַ טרויער, באַהאַלט אים אויף מאָרגן, היינט פאַרוויל דיך, געניס פון פריינטשאַפט, דערפריי די נשמה! פּונקט ווי דער פּאַן יעזוס גיט דער הייליקער ערד רו נאָך דעם זומער-גערעטעניש, אַזוי קומט אויך דעם מענטש זיך אויסצורוען אין האַרבסט, נאָכדעם ווי ער האָט אין פעלד אָפּגעאַרבעט. און ווען דו האָסט, מענטש, פולע סטערדעס און פולע שייערס מיט תבואה, וואָס איז אַזוי טייער ווי גאָלד און וואַרט אויף די צעפּעס נאָר, איז געניס דיר דערפאַר, וואָס דו האָסט דיך און זומער אָנגעפּראַצעוועט, אָנגעהאָרעוועט און אַזוי אַרום די צייט פאַרברענגט!

אַזוי האָבן זיך אַ טייל פון זיי איינגעטענהט, און אַנדערע ווידער האָבן פאַרשידענע עניגים און ווייטיקן איינער דעם אַנדערן

אויסדערציילט; אַ טייל, וואָס האָבן שוין נישט גאָר אַ קו־ווײדל אויף זייער לעבן געזען, אָדער בלויז גאָר די פּליי בּאַ דער באַבע, האָבן זיך אַרום שימאָנען פאַרזאַמלט און גערעדט וועגן די אַלטע־ציַיטן, פרישע עוולות, שטייערן און עבינים פון דער גאַנצער גראָמאַדע, און אין דער שטיל אויך וועגן וואָיטס געשעפטלעך.

נאָר באָרינע, וואָס ער איז נישט צוגעשטאַנען צו קיין שום קופּע, ער איז אַרומגעגאַנגען פון איינער צו דער צווייטער, אָבער די אויגן פון יאַגנען נישט אַראָפּגענומען און זיך באמת גרויס־געהאַלטן, וואָס זי איז אַזאַ געראָטענע, און האָט פון צייט־צו־צייט די מוזיקאַנטן צו גילדנס צוגעוואָרפן, אַז זיי זאָלן נישט קאַרגן קיין סמיטשיק, וואָרן זיי האָבן געשפּילט אַצינד שטיל, ווײלנדיק זיך אָפּרוען אַ ביסל.

דאָ האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קנאַלנדיקער אָבערטאָס פון די אינסטרומענטן, אַז אַ פראָסט האָט די בייגער דורכגענומען און באָרינע האָט אַ שפּרונג צו געטון צו יאַגנען, פעסט זי אַרומגענומען און פון אָרט אַוועקגעריסן געטון אַזאַ אָבערעק, אַז די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע האָבן אַזש אַ קוויטש געטון, און ער האָט געשוועבט איבער דער שטוב, אויסגעדרייט זיך, געזעצט מיט די פּאָדקאַוועס, אַ קני געטון און זיך ווידער אַ לאָז געטון, און צושאָקלענדיק זיך, ברייט איבער דער שטוב זיך געטראָגן, פון איין וואַנט צו דער צווייטער, דאָ לידלעך פאַר דער מוזיק אויפגעזונגען, און זיי האָבן אים מוזיקאַנטיש אָפּגעענטפערט, און ער האָט ווייטער פייערדיק געהוליעט און ווילד געפירט דעם טאַנץ, וואָרן נאָך אים האָבן זיך אויך אַנדערע פאָרלעך אָנגעהויבן אָפּצודרייסן פון דער קופּע, און צוצוטופּען, צו זינגען, צו טאַנצן און וואָס אַמאָל אַ גרעסערן אימפּעט צו נעמען, גלייך, ווי הונדערט שפּינדלעך פיל מיט פאַרשידנקאָליריקן וואָל וואָלטן מיט אַ געוויש איבער דער שטוב געשוועבט און זיך אַזוי בּלינק אַרומגעדרייט, אַז קיין שום אויג האָט שוין נישט געקענט אונטערשיידן וווּ אַ בּויער, וווּ אַ פּויערטע; גאָרנישט, נאָר גלייך ווי ס'וואָלט עמיצער אַ

רעגנבויגן צעשיט און מיט אַ שטורמווינט אין אים געשלאָגן, אַז
ער האָט זיך מיט די קאָלירן צעשפּילט און געבלענדט און זיך
וואָס אַמאָל גיכער געדרייט, ווילדער, שגעונדיקער, אַזש די ליכט
האָבן זיך אַלעמאָל געלאָשן פון דעם אימפּעט, די נאַכט האָט איינ-
געהילט די טענצערס, און נאָר דורך די פענסטער האָט זיך גע-
גאָסן דאָס לבנה-ליכט, וואָס האָט מיט אַ צעשוווּמענדיקן, לייכטנ-
דיקן פּאַס נעפּינקלט מיט קאָכעדיקן זילבער דורך דער פינסטער-
ניש און דורך דער ווירוואַר-קרייזלענדיקער מענטשן-געדיכטעניש,
וואָס איז אָנגעשוווּמען מיט אַ צעשוימענדיקער, צעזונגענער כוואַליע,
געשימערט און געקנוילט זיך אין די שטראַלן, ווי אין אַ טרוים-
בילד, און פאַרפאַלן געוואָרן אין אַ נישט דורכדרינגבאַרער פינ-
סטערניש, כדי ווידער אַרויסצושווימען און אויף אַן אויגנבליק אַ
בלענד צו טון פאַר דער צווייטער וואַנט, אויף וועלכער די שויבן
פון די בילדער האָבן אין ליכט-אָפּגלאַנץ געשפּריצט און געטריפט
מיט פייערן, און אַריבערצוקאָלערן זיך און פאַרפאַלן ווערן אין
דער נאַכט אַריין, אַזוי, אַז מ׳האָט נאָר געהערט אַ שווער אָטעמען,
אַ טופּען. געשרייען האָבן זיך געריסן, געפּלאָנטערט זיך און טויב
געראַשט אין דער בלינד געוואָרענער שטוב.

און געצויגן האָבן זיך די טענץ שוין אין איין קייט, אָן
אונטערברעכונג און אָן אויפהער... וואָרים וואָס די מוזיק האָט אַ
שפּיל אויף געטון אַ פרישס, האָט זיך ווידער דער עולם אַ הייב
געטון פּלוצלינג, אויסגעגלייכט זיך ווי אַ וואַלד און אַ נעם געטון
פון אָרט מיט אַן אימפּעט פון אַזאַ קראַפט, ווי אַ הוראַגאַן; דאָס
זעצן מיט די פּאָדקאָוועס צום טאַקט-צו האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן
ווי דאָס קנאַלן פון דונערן, אַ ליידנשאַפטלעך געשריי האָט מיטן
גאַנצן הויז געטרייסלט, און זיי האָבן זיך אַ וואָרף אַריין געטון אין
טאַנץ מיט אַזאַ ווילדקייט, מיט אַזאַ שגעון, ווי אין אַ שטורם-ווינט
און אין אַ קאַמף אויף טויט און לעבן.

און זיי האָבן געטאַנצט!

...אָט יענע אונטערציטערנדיקע און שטיפערישע קראַקאָ-

וויאַקעס, מיט די אָפּגעהאַקטע, קלאַנגפולע טענער און פריילעכע אויסגעשרייען, דורכגעפלאָכטן, פונקט ווי די פּאַסן, די מיט טשוועקעלעך באַזעצטע, די וואָס זענען מיט געלעכטער פול און מיט שטיפעריי, מיט התונה־מוזיק און רייכער, קרעפטיקער, שטיפערישער יונגקייט און דערביי פיל מיט פריילעכע קינצן, געיאָגערייען און אויפגעקאָכטקייט פון יונגען בלוט, פון ליידנשאַפטלעכער ליבע. העי!

...יענע מאַזורן, לאַנגע ווי די מיעדזעס, צעשפּרייטע, ווי די באַרן־ביימער מאַטשעקס, רוישיקע און ברייטע, פונקט ווי די מיטן אויג נישט צו דערקוקן פעלדער פלאַכע, שווערע און פייערשפּריצנדיקע, בענקנדיקע און עזותדיקע, צעוואָרפענע און מוראדיקע, בכבודיקע און וויל־יונגערישע און נישט אָפּטרעטנדיקע, ווי די פויערן, וואָס זענען צונויפגעשלאָסן אין איין קופּע, פונקט ווי אַ וואַלד אַ געדיכטער, האָבן זיי זיך אַ וואָרף אַריין געטון אין טאַנץ מיט אַזאַ קראַפט, אַז כאָטש נעם — און מיט הונדערט קעגן טויזנט צו גיין, אַז כאָטש די גאַנצע וועלט צוצערייסן, צעקיילן, צעטרעטן, אויף פיצלעך צעברעקלען און אויף די אָפּצאַסן צעטראָגן און אַליין פאַרפאַלן צו ווערן, און כדי נאָך דאָרט, נאָכן טויט ווייטער צו טאַנצן, מיט די פּאַדקאָוועס צום טאַקט־צו צוזעצן און ראַש, מאַזוריש אויסצושרייען: „דאַ דאַנאַ!“

...יענע אָבערטאַסן, די קורץ־אָפּגעהאַקטע, די פאַרדרייענדיקע, ווילדע, שגעונדיקע, קונדייסישע און רירנדיקע, די פייערדיקע און פאַרטראַכטע און מיט טרויעריקע טענער אַדורכגעפלאָכטענע, די מיט דער אויפגעקאָכטקייט פון פולסירנדיק־פייערדיקן בלוט און פול גוטסקייט און ליבע, פונקט ווי אַ האָגל־וואָלקן, וואָס פאַלט פלוצלינג אַראָפּ, פול מיט האַרציקע שטימען, פול מיט בלויע בליקן, פרילינגדיקן אָטעם, שמעקעדיקע גערוישן, צעבליטע סעדער; פונקט ווי די פעלדער אין פרילינג צעזונגענע, אַזש טרערן פון געלעכטער פליסן, און דאָס האַרץ זינגט מיט פרייד, און די נשמה רייסט זיך פאַרבענקט אין די ברייטע שטחים אַוועק, היגטער

די ווייטע וועלדער, און גייט אין דער וועלט אַוועק אינגאַנצן אַ פאַרחלומטע און „אוי דאַ דאַנאַ“ זינגט זי צו.

אָ, אַזעלכע טענץ נישט צום אויסדערציילן זענען איינער נאָכן צווייטן געגאַנגען.

וואָרן אָט אַזוי נו, פרייט זיך דאָס פויערן-פאָלק אין דער פּאַס׳קער צייט.

און אַזוי האָט מען זיך אויך געוויילט אויף יאַגנעס מיט באָרינעס חתונה!

שעהן נאָך שעהן זענען פאַרפלאָסן און זענען פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרגעסן אין דעם געטומל, אין די געשרייען, אין דער רוישיקער פרייד, אין דער טאַנצנדיקער פאַרגעסנהייט, אַז מען האָט זיך אפילו גאָרנישט אַרומגעזען, ווי עס האָט שוין אָנגעהויבן אויף מזרח-זייט צו בלאַסן, און דאָס פרימאָרגן-ליכט איז פּאַמעלעך אַראָפּגעפלאָסן און די נאַכט אָפּגעווייסט. די שטערן זענען בלאַס געוואָרן, די לבנה איז פאַרגאַנגען און אַ ווינט האָט זיך פון וואַלד אויפגעהויבן, און אַ צי געטון, ווי צעבלאָזנדיק די שיטער-ווערנדיקע פינסטערניש; דורך די פענסטער האָבן צעקודלעטע צעדרייטע ביימער אַריינגעבליקט און וואָס אַמאָל נידעריקער די ווייס-באַפּראָסטיקטע און שלעפעריקע קעפּ אַראָפּגעבויגן, און דאָס הויז האָט כסדר געזונגען און געטאַנצט!

פּונקט ווי די לאָנקעס און די תבואה-פעלדער, און די צעבליטע סעדער וואָלטן זיך אויף דעם חתונה-באַל צוזאַמענגעקומען, און מיטן שטורם-ווינט מיטגעריסענע איניינעם אין אַ לאַנגן, געשווינדן, פייערדיקן קאַראַהאָד געגאַנגען!

זיי האָבן די טיר אין דער גאַנצער ברייט צעעפנט, די פענסטער אויפגעפּראַלט, און דאָס הויז האָט געזעצט מיט אַ געטומל, מיט ליכט, האָט געדריגעט, געטרייסלט זיך, געקנאַקט, געקרעכצט און וואָס אַמאָל שטאַרקער געהוליעט, אַז ס׳האָט זיך שוין געדאַכט, פּונקט ווי די ביימער און די מענטשן, די ערד און די שטערן, און די פלעטער, און דאָס אַלטע הויז, און אַלץ האָט זיך

באַ די באַרקעס גענומען, איינגעדרייט זיך אין איין קנויל, צונויפֿגעפּלאָנטערט זיך, און פֿאַרשיכּורט, פֿאַרבלענדט, און גאָרנישט געדענקענדיק, צעווילדעוועט זיך געוואַקלט פֿון וואַנט צו וואַנט, פֿון שטוב אין פֿעדערהויז אַריין, פֿון פֿעדערהויז אויפֿן וועג אַרויסגעשווומען, פֿון וועג אויף די אומגעהייערע פֿעלדער, אין די וועלדער, אין דער גאַנצער וועלט זענען זיי אין אַ טאַנצנדיקן ווירוואַר געגאַנגען, געוואַקלט זיך, אַרומגעקרייזט און זענען מיט אַ נישט צעריסענער, שימערנדיקער קייט אין די שטראַלן פֿון דעם אויפֿגייענדיקן מאָרגן-רויט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

די מוזיק האָט זיי דאָס געפֿירט, דאָס שפּילן, די לידלעך...

...די בעסער האָבן צוגעברומט צום טאַקט און ציטערנדיק צוגעזומט ווי די באַנקעס, און די פֿלייט האָט אונטערגעהאַלטן און פֿריילעך צוגעפּייפֿט, געפּישטשעט, געמאַכט קונצן, ווי להכעיס דעם פּויקער, וואָס איז פֿריילעך אונטערגעשפּרונגען, מיט די טאַצן אַ געטומל אָנגעמאַכט, געשטופּט און געטרייסלט זיך, ווי אַ ייִדישע באָרד אויפֿן ווינט, און די פֿידלען האָבן געפֿירט, זענען געגאַנגען פֿאָרויס ווי די בעסטע טענצערין, האָבן אַ זינג אויף געטון שטאַרק מיטאַמאָל. אויפֿן העכסטן טאָן, ווי זיי וואָלטן די שטימע אויסגעפּרוווט, און דערנאָך זיך אָנגעהויבן ברייט צו צעזינגען, דורכנעמענדיק, טרויעריק, ווי יתומים-געוויינען וואָלטן אויף די שייד-וועגן געביטערט, און פּלוצלינג האָבן זיי אינמיטן אַ האַק אָפּ געטון און אַ פֿאַל אַראָפּ געטון מיט אַ קורצן, שימערירנדיקן און שאַרפֿן טאָן, פּונקט ווי הונדערט פֿאָר וואָלטן מיט די אָפּצאַסן צום טאַקט אַ זעץ געטון, און הונדערט פֿייערן וואָלטן מיט דער פּולער ברוסט אויסגעשריגן, אַזש דער אָטעם איז פֿאַרהאַקט געוואָרן, און אַ ציטער איז דורך דער הויט דורכגעגאַנגען און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן אַרומצוקרייזן, צוצוזינגען, אויסצודרייען זיך, דראָבנע מיט די פֿיס צוצוקלאַפּן, צוצושפּרינגען און לאַכן, און פֿרייען זיך, אַז אַ וואַרעמקייט איז דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען און דער חשק האָט אין די קעפּ

אריין ווי בראָנפּן געשלאָגן... דאָ האָבן זיי ווידער אויפגעזונגען מיט יענעם לאַנג אויסגעצויגענעם טרויעריקן און ווייַנענדיקן טאָן, ווי מיט טוי באַשפּריצט; מיט יענעם טאָן אונדזערן, דעם ליבן, האַר־ציקן, מיט דער פאַרשיכורנדער גרויסער קראַפט און ליבע, און גע־פירט אין אַ ראַשן ווילדן, ווירוואַר־טאַנץ אַ מאַזור.

. . . .

דער פאַרטאָג איז געוואָרן וואָס אַמאָל העלער, אַז די ליכט־פלעמלעך זענען שוין בלאַס געוואָרן, און די שטוב האָט אַ ברוּ־דיקע מאָנטנע טונקלקייט פאַרגאָסן, און זיי האָבן זיך אַלץ נאָך געווײַלט מיטן גאַנצן האַרץ, און וועמען דער כּיבוד איז ווייניק געווען, דער האָט אין קרעשטמע אַריין נאָך בייעם בראָנפּן געשיקט, צוזאַמענגענומען זיך אין אַ קאָמפּאַניע און געטרונקען אויף הומאָר.

ווער ס׳איז אָוועקגעגאַנגען, איז אָוועקגעגאַנגען, ווער ס׳האָט זיך פאַרמאַטערט, האָט אָפּגערוט, און ווער ס׳האָט זיך אָנגעשי־כּורט, איז אויף דער פריזבע געשלאָפן, אָדער גאָר אין פעדער־הויז; טייל ווידער, וואָס זענען שוין אינגאַנצן פון די פיס גע־פאַלן, זענען אונטער די פלעטער געלעגן, אָדער ווי ס׳האָט זיך געמאַכט אַנידערגעפאַלן, און די רעשט האָט געטאַנצט ביז צום פאַלן...

ביז די מער ניכטערע האָבן זיך צונויפגענומען אין אַ קופּע בײַ דער טיר, צוגעקלאַפּט אין דער פאָדלאָגע צום טאַקט און אָנ־געהויבן זינגען:

נעמטס ענק, מענטשן, דאָ צוזאַמען, צייט שוין
באַלד.

דער וועג — אַ ווייטער,
דער טייך — אַ ברייטער
דורכן פינסטערן וואַלד!

נעמטס ענק, מענטשן, דאָ צוזאַמען, צײַט שוין
באַלד!

מאָרגן קומען ווידער,
מיט נייע טענץ און לידער,
מיר דאָ טרינקען באַלד!

אָבער קיינער האָט זיי נישט געהערט!

XII

באַלד ווי ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז וויטעק, אַן אויסגע־מאַטערטער פון דער פאַרווייליגג און אַרויסגעטריבן דורך יאַגוס־טינקען, אַוועקגעלאָפן אין דער כאַלופּע אַריין.

דאָס דאָרף איז נאָך געשלאָפן פאַרזונקען אין פינסטערניש, וואָס האָט זיך נידעריק געשפּרייט איבער דער ערד אין גראָבע, שוין שיטער ווערנדיקע שיכטן, דער סטאַוו איז געלעגן טויט, צו־געדרוקט מיט דער טונקעלער געדיכטעניש פון די ביימער באַם ברעג און אַזוי פאַרטרונקען אין דער פינסטערניש, אַז ער האָט קוים אַרויסגעבליקט פון דער נאכט און געשימערט מיט אַ גרויען מאָרגן־ליכט, פונקט ווי אַן אויג מיט אַ בעלמע פאַרצויגן.

אַ פעסט פרעסטל האָט גענומען, אַ קאַלטער ווינט האָט אַ צי געטון, אַז די שטייפע לופט האָט אַזש אין דער נאָז געקיצלט און דעם אָטעם פאַרכאַפּט, די ערד האָט געקלונגען אונטער די פיס, און די געפרוירענע קאַלוזשעס האָבן זיך געבליט אויפן וועג, פונקט ווי צעפּלאַצט און בלענדנדיק גלאָז, און די וועלט איז פאַמעלעך פאַרוויסט געוואָרן פון פאַרטאָג, האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער פינסטערניש אַ וויס־באַפּראָסטיקטע און אַ פאַרטויבטע פון אַ גע־פרוירענער שטילקייט, די הינט האָבן נאָר פון צייט־צו־צייט שלע־

פעריק אַ בּיל געטון, די מיל האָט געדרוישט אין דער ווייטקייט, און דאָס געפּילדער פון דער התונה האָט געזעצט פון דער כאַלו-פּע און זיך צעטראָגן ברייט אַרום, אויף אַ שטח פון אַ גוטן וואָרף מיט אַ שטיין.

אין בּאָרינעס שטוב האָט נאָך געטליעט אַ קליין פייערל, ווי אַ לייכט-ווערעמל, אַז וויטעק האָט אַ בּליק אַריין געטון דורכן פענסטער; דער אַלטער ראָך איז געזעסן בּאַם טיש און פון אַ בּיכל אַרויסגעזונגען הייליקע רעליגיעזע לידער.

דאָס שגצל האָט זיך שטיל צוגערוקט צו דער שטאַל און אָנגעהויבן טאַפּן און זוכן דעם סקאָבּעל, ווי ער איז פּלוצלינג אַ שפּרונג אָפּ געטון, וואָרים עפּעס אַ הונט האָט זיך אים אַ וואָרף געטון אויף דער בּרוסט מיט אַ וואָיען.

— לאַפּאַ! לאַפּאַ! בּיסט דאָס צוריקגעקומען, הינטל, בּיסט צוריקגעקומען, אָרימער נעבּעך! — האָט ער אויסגעשריגן, דער-קענענדיק דעם הונט, און ער האָט זיך אַזש אויף דער שוועל אַ זעץ אַראָפּ געטון פאַר פרייד. — בּיסט הונגעריק, נעבּעך, האַ?

ער האָט געפונען אין בּוזעם אַן אָפּגעשפּאָרט שטיק קעלבּאַ-סע פון דער התונה און עס אים אַריינגעשטופּט אין פּיסק אַריין, אָבער לאַפּאַ האָט זיך נישט צוגעכאַפּט צום עסן, נאָר געבּילט, גע-וואָרפן זיך אים אויף דער בּרוסט און געסקאַמליעט פון פרייד.

— מ'האָט דיך אויסגעהינגערט, אָרימער נעבּעך, און דיך אַרויסגעיאָגט אין דער וועלט אַריין! — האָט ער געשעפּטשעט, אויפעפענענדיק די טיר אין שטאַל אַריין און זיך בּאַלד, אַזוי ווי ר'איז געשטאַנען און געגאַנגען אַ וואָרף געטון אויפן טאַפּטשאַן — איך וועל דיך שוין אַצינד אָפּהיטן און זאָרגן פאַר דיר... — האָט ער אַ מרוק געטון, אַריינקאָפּענדיק זיך אין שטרוי, און דער הונט איז געלעגן לעבּן אים, האָט געוואָרטשעט און געלעקט אים דאָס פּנים.

אינגיכן זענען זיי בּיידע איינגעשלאָפן.

און פון דער פערד-שטאַל, וואָס איז געווען אַקעגן, האָט

קובאַ געראָפן מיט אַ שוואַכער קרענקלעכער שטימע, לאַנג געראָפן, אָבער וויטעק איז געשלאָפן, ווי אַ שטיין, נאָר לאַפּאַ האָט, דער־קענענדיק זיין שטימע, אָנגעהויבן בילן זייער שטאַרק און רייסן אים בײַ דער קאָפּאָטע, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס? — האָט ער געמורמלט פון שלאָף.

— וואַסער! די היץ נעמט מיך אַזוי אַדורך... וואַסער!

כאָטש ס'איז אים טרויעריק געווען און דער שלאָף האָט אים געפּייניקט, האָט ער אים דאָך אַרײַנגעטראָגן אַ פולע וויאַדרע וואַסער און אונטערגעשטעלט צו טרינקען.

— כ'בין אַזוי קראַנק, אַ' כ'זשיפּיע קוים... וואָס וואָר־טשעט עס?

— לאַפּאַ אי דאָס! ר'אי צוריקגעקומען, דער הונטשינע, פון די אַנטעקס.

— לאַפּאַ! — האָט ער אַ שעפּטש געטון, טאַפּנדיק אין דער פינסטער דעם הונטס קאָפּ, און לאַפּאַ איז אַרויפגעשפּרונגען, געבילן און געריסן זיך אויפן טאַפּטשאַן.

— וויטעק, לייג אַרײַן היי די פערד, וואָרן זיי קלינגען מיט די ציין אין ליידיקן זשלוב, און איך קען מיך נישט רירן. מ'טאַנצט נאָך? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אַ פרעג געטון, ווען דאָס שנגצל האָט אַראָפּגעקאָלערט אַ בינטל היי פון בוידעם און עס אַרײַנגעלייגט הינטער די לייטערס.

— ז'עבן אוודאי ערשט ענדיקן אויף מיטאָג, און טייל האָבן זיך אַזוי אָנגעשיכורט, אַ' זיי ליגן אויפן וועג.

— זיי לעבן צו, די באַלעבאַטים, זיי לעבן צו — האָט ער שווער אָפּגעזיפצט.

— די מילנערס זענען געווען?

— זעמע געווען, נאָר זיי זעמע באַלד אַוועקגעגאַנגען.

— אַ גרויסער עולם?

— ווער קען דאָרט באַרעכענען?... די כאַלופּע איז אַזש איבערגעגאַנגען.

— ז׳האָבן געגעך צ׳עסן צו דער זעט?

— ווי אין אַ הויף ערגעץ. פלייש האָט מען גאַנצעבנע שיס־לען געטיילט, און ערשט וויפיל בראָנפן האָט מען אויסגעזשלאָקעט, און וויפיל ביער, וויפיל מעד. בלויז קעלבאַסע איז געווען דריי אָנגעגאָרוועטע מילטערס.

— ווען איז דאָס צומאָרגנס־מאָלצייט?

— היינט נאָכמיטאָג.

— ז׳עלן נאָך צולעבן אָנפרייען זיך... יעזו מיינער, כ׳אָ געמיינט, אַ׳ כ׳על אַ ביינדל עפּעס אָפּגריזשען און כ׳על מיך כאָטש איינמאָל צו דער זעט אָנעסן, און דאָ ליג, פּגר און הער אויס ווי אַנדערע ווילן זיך.

וויטעק איז שלאָפן געגאַנגען.

— אַ׳ כאָטש די אויגן כ׳לאָז אָנזעטיקן... כאָטש...

ער איז אַ פאַרמאַטערטער, שטיל געבליבן, געגעסן זיך פון וויטיק, און עפּעס אַ שטיל, נישט דרייסט באַקלאָגן זיך האָט, ווי אַן אָפּגעשטאַנענעט פייגעלע. געפיקט אים אין דער ברוסט און ווייטיקלעך נעפּישטשעט.

— לאָז זיי זיין צו געזונט, לאָזן זיי כאָטש לעבן... — האָט ער געטראַכט, אַ גלעט טוענדיק דעם הונטס קאָפּ.

די היץ האָט אים וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרטויבט, איז האָט ער, ווי כדי צו פאַרטרייבן זי, אָנגעהויבן שעפּטשען אַ תּפילה און אויף פאַן יעזוסעס בראָט זיך איבערגעגעבן, אָבער ער האָט פאַרגעסן די ווערטער, דער שלאָף איז אים אַלעמאָל באַפאַלן, און דער המשך פון זיין שעפּטשען, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט געבעט און טרערן, האָט זיך געריסן און איז צעשיט געוואָרן פּונקט ווי רויטע פּאַטשערקעס, אַז ער האָט זיי געוואָלט אַזש צוזאַמענקלויבן, אַזוי קלאָר האָבן זיי זיך אים געקאָלערט אויפן פעלץ; ער האָט אָבער באַלד אָן אַלעם פאַרגעסן, ער איז איינגעשלאָפן...

ער האָט זיך פון צייט=צו-צייט אַ כאַפּ אויף געטון, און אַ פיר געטון מיט אַ פוסטן בליק, אָבער ער האָט גאָרנישט דערקענט און איז ווידער אַוועקגעפאַלן און געזונקען אין אַ טויטער, אויסגעשטאָרבענער פינסטערניש.

דאָ האָט ער ווידער געקרעכצט און אַזוי געשריגן פון שלאָף, אַז די פערד האָבן מיט אַ כראַפּען זיך געריסן פון די קייטן, איז ער אַ ביסל געקומען צו זיך און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— יעזוס, כ'זאָל כאָטש דעם טאָג דערלעבן! — האָט ער מיט שרעק געקרעכצט און מיט די אויגן דורכן פענסטערל אַרויסגעלאָפן, אין דער וועלט אַריין, נאָכן טאָג; די זון האָט ער געזוכט אויפן גרויען, אָפּגעקילטן און מיט בלאַסע שטערן אויסגעזעצטן הימל...

אָבער דער טאָג איז נאָך געווען ווייט.

די פערד=שטאַל האָט זיך געטרונקען אין אַ שטויב פון גרויען מאָרגן=ליכט, אַזוי, אַז די קאָנטורן פון די פערד האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צייכענען, און די לייטערס אונטער די פענסטערלעך האָבן, פונקט ווי זשעבערס, זיך אַרויסגעזען אונטער דעם ליכט...

ער איז שוין נישט אַנטשלאָפן געוואָרן, וואָרים נייע ווייטיקן האָבן אים אָנגעכאַפּט, זיי האָבן זיך אים אין פוס אַריינגעגליטשט, ווי סענקאַטע שטעקנס, און אַזוי צעשפּאַרט, אַזוי געבויערט, אַזוי געברענט, ווי עמעצער וואָלט אים פלאַמענדיק פייער צו דער וווּנד צוגעשיט, אַז ער האָט זיך אַזש פּלוצלינג אַ כאַפּ אויף געטון און אָנגעהויבן מיט אַלע כּוחות צו שרייען, ביז וויטעק האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז געקומען צו לויפן.

— איך וועל שוין שטאַרבן! כ'וועל שטאַרבן! ס'טוט מיר אַזוי וויי, די קרענק וואַקסט אַזוי אין מיר און שטיקט... וויטעק, גיב אַ לויף נאָך יאַמבראָזשין... אָ יעזוס, אָדער יאַגוסטינקען גיב אַ רוף... אפשר עלן זיי עפּעס העלפן, וואָרן כ'על שוין נישט

איסהאַלטן... ס׳גייט שוין די לעצטע שעה אויף מיר... די לעצ־טע שעה... — האָט ער אַרויסגעזעצט מיט אַ שרעקלעך געוויין, אַריינגעגראָבן דאָס פּנים אין שטרוי און יעמערלעך און מיט שרעק געשלוכצט.

און וויטעק איז, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז גע־ווען פאַרש׳אָפּן, אוועקגעלאָפן צו דער חתונה.

מען האָט נאָך געטאַנצט דאָרט, ווי עס געהער צו זיין, אָבער יאַמבראָזשי איז שוין אַנגעשיכורט געווען, ווי זיין שטייגער איז. ר׳איז געשטאַנען אויפן וועג אַקעגנאיבערן הויז, האָט זיך גע־וואַקלט פון סטאַוו צו די פּלעטער און געהאַלטן אין איין זינגען.

אומזיסט האָט אים וויטעק געבעטן און באַם אַרבל געצויגן, דער דזשאַד אָבער, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געהערט און נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, האָט זיך נאָר געוואַקלט און עקשנותדיק כסדר געזונגען דאָס זעלבע לידל.

ער איז אוועקגעלאָפן צו יאַגוסטינקען, וואָרן זי האָט זיך אויך געקענט אויף קרענק, אָבער די אַלטע איז געזעסן מיט די קומעס אין קאַמער, און זיי האָבן געטרונקען איינע צו דער אַנדערער, און פאַרטרונקען מיט דעם קרופּניקל, אַזוי מחיה זיך געווען מיטן ביער און אַזוי כסדר גערעדט און געבלעקעצט די לידער, אַז ס׳איז אומזיסט געווען די רייד אפילו צון איר. ער האָט זי איינ־מאָל, און נאָכאַמאָל געבעטן, אַז זי זאָל גיין צו קובען, זי האָט אים אַ וואָרף אַרויס געטון פאַר דער טיר און עפּעס דאָרט מיט דער פויסט אים נאָך אויפן וועג צוגעלייגט; מיט אַ געוויין איז ער צוריק געקומען צו לויפן אין פערד-שטאַל אַריין. דאָס איז גע־ווען אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעטון.

און ווייל קובאַ איז געהאַט ווידער אויף אַ פּאָר מינוט איינ־געשלאָפן, האָט ער זיך אַליין אויך איינגעגראָבן אין שטרוי, צו־געדעקט זיך מיט אַ פּאָר לאַכעס דעם קאָפּ און אַנטשלאָפן גע־וואָרן.

אַ שפּאָר שטיק שוין נאָכן אָנבייסן האָט אים אויפגעוועקט

דאָס ריטשען פון די הונגעריקע און נישט אויסגעמאָלקענע קי, און דאָס פייערן פון יאַגוסטינקען, וואָס האָט פאַרשלאָפנדיק גלייך מיט אַלע אַנדערע און אָנגעמאַכט אַצינד אַ געוואַלט באַם פאָרען זיך אַרום באַלעבאַטישקייט.

ערשט דאַמאָלס, ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל אָפּגעפּאָרעט מיט דער אַרבעט, האָט זי אַריינגעכאַפּט אַ בליק צו קובען.

— העלפּטס, גיטס אַן עצה — האָט ער שטיל געבעטן.

— איז האָב-זשע חתונה מיט אַ יונגער שיקסע, עסטו גיך אויסגעהיילט ווערן! — זי האָט אָנגעהויבן פריילעך, אָבער ווי נאָר זי האָט אַ קוק געטון אויף זיין בלוי און אָנגעשוואָלן פּנים, איז זי באַלד געוואָרן ערנסט. — דאַרפסט גיכער האָבן אַ גלח איידער אַ דאָקטאָר! וואָס קען יעך דיר העלפן, האַ? כ׳וואָלט אָפּגעשפּראָכן, אָפּגערייכערט, עט עס דען העלפן?... ס׳זעט מיר אויס, אַ׳ דו ביסט שוין קראַנק אויף טויט, אויפן ריינעם טויט...

— כ׳על שטאַרבן?

— ס׳איז באַ גאָט אין דער האַנט, אָבער ס׳זעט זיך מיר אויס אַ׳ ד׳עסט דיך פון מלאך המוותעס נעגל שוין נישט אַרויסדרייען.

— כ׳על שטאַרבן, זאָגט עך?...

— נאָכן גלח וואָט מען געדאָרפן שיקן, האַ?

— דעם גלח! — האָט ער פאַרווונדערט אויסגעשריגן. — דעם גלח דאָ אַהערברענגען, אין שטאַל אַריין צו מיר?... וואָס פאַלט ענק איין אין קאָפּ?

— און וואָסי, פון צוקער איז ער, און עט צוגיין אין פערדישן מיסט? אַ גלח איז אויף דעם, אַז ווו מ׳עטן בעטן צו אַ קראַנקן, לאָז ער גיין.

— יעזוס! און כ׳וואָלט דען געהאַט די העזה, אין דעם מיסט, צו מיר?...

— ביסט נאַריש ווי דער שעפּס! — זי האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און אַרויסגעגאַנגען.

— זי איז אַליין אַ נאַר, זי ווייסט אפילו ניש, וואָס זי רעדט... — האָט ער אַ מרוק געטון שרעקלעך אויפגערעגט. ער איז שווער צוריקגעפאַלן אויף דער נאָרע און לאַנג נאָך נאָכגע־טראַכט. — וואָס אַ באַבע פאַרגלוסט זיך... ס׳דען, דער האַרצי־קער דאָבראָדושעי גייט זיך אַרום אין סאַלאָנען... לייענט בי־כער... רעדט מיט גאָט... און דאָ גאָר גיי רוף אים אַהער?... די ווייבער, דאָס עט דיר נאָר מאָלן מיט די צונגען... אַ נאַר...

און אַזוי איז ער שוין אַליין געבליבן, גלייך ווי מען וואָלט אָן אים אינגאַנצן פאַרגעסן.

וויטעק האָט פון צייט-צו-צייט אַריינגעבליקט, כדי די פערד אָברעק צו צושיטן, אָנצוטרינקן, איז האָט ער אים אויך וואַסער דערלאַנגט, און איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז געלאָפן אויף דער חתונה, וואָס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צונויפקלויבן באַ דער דאָמיניקאָוואַ אויף דעם צומאָרגנס־מאָלצייט. טיילמאָל איז יוזקאַ אַריינגעפאַלן מיט אַ געשריי, אַריינגעשטופּט אים אַ שטיקל קוכן אין מויל אַריין, אָנגערעדט, אָנגעקלאַפּט, פול געמאַכט די שטאָל מיט געשריי, אַזש די היגער האָבן זיך פון שרעק צע־קוואָקעט אויף די פלעטער, און זי איז ווידער געשווינד אַנט־לאָפן.

ס׳דען, מ׳האָט געהאַט צו וואָס, וואָרן מ׳האָט זיך שוין דאָרט נישקשהדיק געווײַלט, די מוזיק האָט גערוישט דורך די ווענט, און פריילעכע געשרייען און געזאַנגען האָבן זיך געטראָגן.

און קובאַ איז געלעגן שטיל, וואָרים ס׳האָט אים עפּעס זעלטן נאָר אָנגעכאַפּט די ווייטיק, איז האָט ער זיך נאָר אײַנגע־האָרכט אין פאַרשטאַען, ווי אַזוי מען ווײַלט זיך דאָרט, און אײַנ־געטענהט מיט לאַפּאַן, וואָס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אפילו אויף קיין מינוט, און זיי האָבן זיך בשותּפות געגעסן יוזשעס קוכן; אָדער ער האָט געשמאָטשקעט צו די פערד און גערעדט צו זיי, זיי האָבן פריילעך אַ הירזשע געטון און אויסגעדרייט די קעפּ פון

די זשלויבן, און אפילו די זשריביע האָט זיך אָפּגעריסן פון ציימל און צוגעקומען צום טאַפּטשאַן שטיפן אַ ביסל און צוטוליען די פּייכטע און וואַרעמע נאָזלעכער צו זיין פּנים.

— ביסט מאָגער געוואָרן, אָרימע נעבעך, ביסט מאָגער געוואָרן! — ער האָט זי צערטלעך געגלעט און געקושט זי אין די אויפגעבלאָזענע נאָזלעכער אַריין. — אָ׳ ניש קאָ מורא, כ׳על גיך געזונט ווערן, על איך דיר באַלד די באַקעס גרעבער מאַכן, אפילו מיט ריינעם האָבער...

ער איז באַלד שטיל געבליבן און אָן רעיונות געקוקט אויף די שוואַרצלעכע סענקעס, פון וועלכע ס׳האָבן געטריפט אויף די ווענט שנירלעך זשיוויצע, פונקט ווי בלוטיקע און געגליווערטע טרערן...

דער זוניקער און בלאַסלעכער טאָג האָט מיט שטילע אויגן דורך די שפּאַרעס אַריינגעבליקט. דורך די אָפענע טירן אָבער האָט געזעצט אַ שטראָם פון פינקלדיקער שימערנדיקער העלקייט, ווי דאָס גאָלדענע שפּינוועבס אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער, אין וועלכע עס האָבן זיך פליגן מיט אַ שלעפעריקער, פאַרחלשטער געזשומעריי געפּלאָנטערט...

עס זענען אַריבער שעהן נאָך שעהן. זיי האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, ווי די בלינדע און לאָמע דזשאַדעס אין שרעקלעכע זאַמדן, שטילשווייגנדיק, אָדער ווי דער שטיין וואָס פאַלט אין זומפּ אַריין, און זינקט, ווערט פאַרפאַלן, ווערט פאַרלוירן, אַז אפילו ס׳מעגנטשלעכע אויג דערכאַפּט אים שוין נישט.

טיילמאָל נאָר זענען צעטשוויטשערטע שוואַלבן אין אַ רוישיקער מחנה אין שטאַל אַריינגעפאַלן און עזותדיק זיך אויף די זשלויבן געוואָרפן...

— ווי קינציק זיי מאַכן דאָס, די יוכעס! — האָט ער געשעפּטשעט. — אַזאַ פייגעלע, און פאַן יעזוס גיט עס אַזוי פאַרשטאַנד, אַז ס׳ווייסט זיך וווּ שפּייז צו געפינען. שטיל, לאַפּאַ, זאָלן זיי זיך דערנערן און אונטערלענען, די אָרימע נעבעך, וואָרן אויך אויף

זיי עט דער ווינטער קומען. — ער איז שטיל געבליבן, וואָרן דער הונט האָט אַ שפּרונג געטון אַרויסטרייבן די קליינע אָנפֿאַלער.

די חזירים האָבן אָנגעהויבן צו קוויטשען אין הויף און רייבן זיך אָן די ווינקלען, אַזש די שטאַל האָט זיך געטרייסלט, און דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינשטעקן אין דער טיר די לאַנגע, פֿאַרבלאָטיקטע העלדזער און צוקוויטשען.

— טרייב אַרויס, לאַפּאַ. דזשאַדעס איינע, אַלץ אי פּאַ זיי שטענדיק ווייניק!

נאָך זיי האָבן זיך די הינער צעקוואָקעט פֿאַר דער שוועל, און אַ גרויסער, רויטער האָן האָט פֿאָרזיכטיק אַרייַנגעבליקט, צוגערוקט זיך, געקלאַפּט מיט די פֿליגל און געשריגן, ביז ער איז עזותדיק די שוועל אַריבערגעשפּרונגען און איז גלייך צו די קאָביאַלקעס פֿול מים אָברעק צו, און נאָך אים איז די רעשט נאָכגעלאָפֿן, אָבער זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך גוט אָנצוועסן, ווי ס'האָט שוין אַ מחנה געגנדז אָנגעצויגן, מיט געגאָדעריי, מיט אַ געשיפּעריי. עס האָבן געשימערט די רויטע שנאָבלען אויף דער שוועל און ווייסע, אויסגעצויגענע העלדזער האָבן זיך געוואַקלט.

— טרייב אַרויס, הינטל, טרייב אַרויס! ז'עלן זיך צעקריגן באַלד, די יוכעס, ווי די באַבעס!

און טאַקע באַלד אינגיכן האָט זיך צעטראָגן אַ געשריי, אַ געפּישטש, אַ ברעכן פֿון פֿליגל, און פֿעדערן האָבן אָנגעהויבן פֿליִען, ווי פֿון אַן אויפֿגעטרענט איבערבעט, וואָרים לאַפּאַ האָט זיך נישט געקאַרגט אַ שפּיל צו טון, ר'איז צוריקגעקומען אַ פֿאַרסאַפּעטער, מיט אַן אַרויסגעהאָנגענער צונג און האָט פֿריילעך געסקאַמלעט.

— שטילער אַ ביסל!

פֿון הויז ה‍ָבן זיך צעטראָגן צאָרנדיקע קולות פֿון יאַגוסטינקען, אַ געלויפֿעריי און געקלאַפּעריי פֿון די זאַכן, וואָס מען האָט אַריבערגעשלעפּט פֿון איין שטוב אין דער אַנדערער אַריין.

— זיי גרייטן זיך צום צומאָרגנס־מאָלצייט!

איבערן וועג איז פון צייט צו צייט ווער דורכגעפאָרן, אָבער ועלטן, און אַצינד טאַקע האָט געטשלאַפּעט עפּעס אַ וואָגן מיט אַ בּוּסקזשיפּ; קובאַ האָט אויפמערקזאַם אַלץ אונטערשיידט:

— די קלענבעס אַ וואָגן, אין איין פערד געשפּאַנט און מיט לייטערס, זיכער נאָך בלעטער אין וואַלד אַריין. און טאַקע, אַן אַקס איז פון פאָרנט אויסגעריבן, און דעריבער רייבט זיך די פּיאַסטע אַזוי אין עס סקזשיפּעט.

איבער די וועגן האָבן זיך כסדר געטראָגן אָפּקלאַנגען פון טריט, פון געשפּרעכן, די שטימען האָבן זיך געטראָגן, און האָבן געציטערט, קוים וואָס מ׳האָט געהערט, קוים וואָס מ׳האָט דערכאַפּט דעם קלאַנג, אָבער ער האָט זיי אַזוי שוועבּדיקערהייט אויפגע־כאַפּט און דערקענט.

— דער אַלטער פּיעטראַס גייט אין קרעטשמע אַריין — האָט ער געמרוקעט. — די וואַלענטאָווע מאַכט געוואַלטן... עמעצנס גענדזלעך זענען זיכער אַריבערגעגאַנגען אין איר זייט אַריין... אַ גיהנומניצע ניש קאַ באַבע! די קאָזלאָווע, זעט זיך מיר אויס... יאָ טאַקע... זי לויפט און שרייט... ס׳אי טאַקע זי!... פּיעטרעק ראַפּאַלווו... ער רעדט, די יוכע, גלייך ר׳וואָלט קליסקעס געהאַלטן אין פּיסק... דעם גלחס קאָבילע פּאָרט נאָך וואַסער, יאָ... ז׳אי שטיין געבליבן, ז׳האָט פּאַרטשעפּעט מיט די רעדער... ז׳עט זיך נאָך די פּיס צעבּרעכן...

און אַזוי האָט ער פּאַמעלעך אַלץ אויפגעכאַפּט און פּאַר־שטאַנען, און איז מיטן געדאַנק, מיטן זען דורכן געפיל איבערן דאָרף געגאַנגען, געזאָרגט זיך, באַמיט זיך, צרות געליטן און מיט־געלעבט מיטן לעבן פון גאַנצן דאָרף, אַז ער האָט קוים באַמערקט ווי דער טאָג איז פּאַמעלעך אַריבער, די ווענט האָבן זיך געלאָשן, די טירן זענען בלאַסער געוואָרן און די שטאָל האָט זיך אָנגעהויבן צו טונקלען.

שוין סאַמע אָוונט־צייט איז געקומען יאַמבראָזשי, נאָך נישט

אינגאַנצן אויסגעניכטערט, וואָרים ר׳האָט זיך נאָך געוואַקלט אַלץ און אַזוי גיך גערעדט, אַז ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין אים.

— אָסט דיר אַפּנים נ׳פוס אויסגעדרייט?

— באַקוקטס נאָ און גיטס עפּעס אַן עצה.

ער האָט שווייגנדיק אָפּגעוויקלט די דורכגעבלוטיקטע שמאַטעס, וואָס זענען געווען פאַרטרוקנט און צוגעקלעבט צום פוס, אַזש קיבאַ האָט הימלשרייענדיקע געוואַלטן גצמ זכ ז.

— אַפילו אַ מיידל ווען זי גייט צו קינד, קוויטשעט ניש אַזוי! — האָט יאַמבראָזשי מיט חוזק אַ מרוק געטון.

— אַ׳ ס׳טוט וויי! טאַמש ריי סטס ניש! יעזוס! — האָט ער כמעט געוויַעט.

— אוי האָט מען דיך צעשניטן! אַ הונט אָט דיר די לידקע אויסגעפרעסן, צי וואָס? — האָט ער דערשטוינט אויסגעשריגן, וואָרים די לידקע איז געווען אינגאַנצן צעריסן, מיט מאַטעריע, דער פוס איז געווען אָנגעשוואָלן, ווי אַ קאָן.

— דאָס אָט... נאָ דעציילטס ניש קיינעם... דע גאַיאָווע מיר דורכגעשאָסן. . נאָ...

— אמת... שטיקלעך שרויט זיצן ווי מאָן אונטער דער הויט... פונדערוויטנס אָט ער דיר דערלאַנגט? האָ, האָ! דע פוס, זעט זיך מיר אויס, אי שוין צו גאָניש... וואָרן די ביינדלעך קרישלען זיך... פאַרוואָס האָסטו מיך באַלד ניש גערופן?

— כ׳אָ מורא געהאַט... גלייך ז׳וואָטן זיך דערוווסט, כ׳בין אַרויסגעגאַנגען כאַפּן אַ האָז... כ׳אָ דערשאָסן... און כ׳בין שוין געווען אויפן פעלד... און דער, ווי ער גיט דאָס ניש קאָ זעץ נאָך מיר...

— ר׳אָט געזאָגט דאָ-ווען-נישטשיס דער גאַיאָווע, אין קרעטשמע, אַז עמעץ מאַכט אים שאָדנס אָן...

— אוודאי... שאָדנס... גלייך ווי די האָזן וואָטן עמעצנס געווען... אַ שטשערווע... ר׳האָט מיך אָפּגעטשאַטעוועט... כ׳בין

שוין געווען אויפן פעלד, און ער האָט אַזש פון צוויי לופּעס געשאָסן...
אַ׳ ס׳זאָל דיך, גהינומניק... נאָ זאָגטס גאָניש... ז׳וואָטן מיך אין
סאָנד אַריין איינגעגען... די סטראַזשניקעס... און ז׳וואָטן מיר
באַלד אויך די ביקס צוגענומען... און ז׳אי גיש מיין... כ׳אָ
געמיינט, אַ׳ ס׳עט אַליין איבערגיין... העלפּטס, וואָרן ס׳רייסט
אַזוי, ס׳טוט אַזוי וויי...

— אַזאַ מייסטער ביסטו דאָס! אַזאַ געבעכל, אַזוי שטילער־
הייט, אַזאַ לעמעשקעלע, און מיטן פריץ גייט ער זיך טיילן מיט
די האָזן... טה... אָבער עסט פאַר דעם שותפות מיטן פּוס באַ־
צאָלן...

ר׳האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט, און איז שרעקלעך באַטריבט
געוואָרן.

— צו שפּעט, גאָר צו שפּעט!

— גיטס אַן עצה, גיטס אַן עצה — האָט ער געקרעכצט אַן
איבערגעשראָקענער.

ער האָט שוין גאָרנישט געענטפערט, נאָר פאַרשאַרצט די
אַרבל, אַרויסגענומען אַ שאַרפן קניפּעק, דעם פּוס פעסט אָנגענו־
מען און אָנגעהויבן אַרויסדליביען דעם שרויט און אויסקוועטשן די
מאַטעריע.

קובאַ האָט מיט אַ מאָל אַ ריטש געטון, ווי אַ דערשאָכטענע
חיה, האָט ער אים דאָס מויל מיטן פעלץ פאַרשטופּט און ער איז
שטיל געוואָרן, וואָרן ר׳האָט געחלשט פון ווייטיק. ער האָט צו־
רעכט געמאַכט דעם פוס, אַרומגעלייגט מיט עפּעס אַ זאַלב אַזוינעם,
אַרומגעוויקלט מיט פרישע שמאַטעס, און ערשט אַצינד אים אָפּ־
געמינטערט.

— אין שפּיטאָל אַריין מוזסטו גיין... — האָט ער שטיל
אַ מרוק געטון.

— אין שפּיטאָל אַריין?... — ער איז נאָך נישט געווען
באַם גאַנצן באַוואוסטזיין.

— מ׳וואָט דיר אָפּגעשניטן דעם פוס, קען זיין, וואָלסטו גע־זונט געוואָרן.

— דעם פוס?...

— אוודאי, ר׳טויג שוין צו גאָרנישט, קאַליע געוואָרן, ער ווערט אינגאַנצן שוואַרץ.

— מ׳וואָט אָפּגעשניטן? — האָט ער געפרעגט, נישט קע־נענדיק פאַרשטיין.

— באַ דער קני. אָ׳ ניש קאַ מורא, מיר אָט אַ קויל דעם פוס באַם סאַמע זאָד אָפּגעריסן, און כ׳לעב.

— אי דאַרף מע נאָר אָפּשניידן דאָס אָנגעווייטיקטע אָרט, און כ׳וואָלט געזונט געווען?...

— ווי ס׳וואָלט עמעץ מיט דער האַנט אַוועקגענומען... אָבער אין שפּיטאָל אַריין דאַרפסטו שוין גיין...

— ניין, כ׳אָ מורא, ניין... אין שפּיטאָל אַריין...

— ביסט אַ נאַר!...

— דאָרט שניידט מען לעבעדיקע שטיקער... דאָרט... שניידטס עץ אָפּ... וויפיל עץ ווילט נאָר, על איך באַצאָלן, שניידטס אָפּ... אין שפּיטאָל אַריין וויל איך נישט, ס׳אי מיר שוין גלייכער דאָ צו פּגרן...

— איז עסטו פּגרן... נאָר אַ דאָקטאָר קען דיר אָפּשניידן. ג׳על באַלד גיין צום וואַיט, אָ׳ מ׳זאָל דיר אויף מאָרגן געבן אַ וואָגן, און דיך אָפּפירן אין שטאָט אַריין.

— אומזיסט עט עץ פאָרן, וואָרן אין שפּיטאָל אַריין על איך ניש גיין... — האָט ער האַרט געזאָגט.

— ס׳דען, מ׳עט דיך פרעגן, אַ נאַר!

— אָפּשניידן, און ר׳עט זיך באַלד אויסהיילן... — האָט ק באַ שטיל איבערגעחזרט באַך זיין אַוועקגיין.

דער פוס האָט אים נאָכן באַנדאַזשירן אויפגעהערט ווייצו טון, ר׳איז נאָר פאַרשטאַרט געוואָרן אַזש ביזן בויך, און איבער דער גאַנצער צייט האָט ער נאָר געפילט ווי מאָרוועס וואָלטן

געקראַכן. ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, וואָרן ר׳האָט זיך טיף פאַרטראַכט.

— ר׳וואָט אויסגעהיילט געוואָרן! קען זיין, אַז ס׳איז אַזוי, וואָרן יאַמבראָזשי האָבן דאָך אויך ניש קאַ גאַנצן פוס... ר׳גייט אויף קוליעס... ר׳זאָגט, גלייך מען וואָלט מיט דער האַנט אַוועקגענומען... אָבער באָרינע וואָט מיך אַרויסגעיאָגט... ס׳דען, אַ פאַראָבעק אָן אַ פוס... נישט צום אַקעראַייזן, נישט צו קאַ שום אַרבעט. צו וואָס וואָלט איך מיך גענומען? נאָר בהמות פאַשען, אַדער אויפן בעטל גיין... אין דער וועלט אַריין, הינטער אַ קלויסטער ערגיטש?... אָדער ווי דער אַלטער טרעפאַק*) דאָרט אויפן מיסט... פגרן אונטער אַ פלאָט. יעזוס דערבאַרמדיקער, יעזוס! — ער האָט פלוצלינג קלאָר אַלץ פאַרשטאַנען און זיך אַזש אונטערגעהויבן פון דער פאַרבלענדנדיקער שרעק. — יעזוס! יעזוס! — האָט ער הייס איבערגעחזרט, ציטערנדיק אינגאַנצן אין אומבאַוווסטזיין.

ער איז פאַרגאַנגען אין אַ טיף, יעמערלעך געוויין, מיט אַ געשריי פון שוואַכקייט, וואָס ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אָן שום רעטונג.

ער האָט לאַנג געיאָמערט און געוואָרפן זיך אין פיין, אָבער דורך די טרערן און פאַרצווייפלונג האָבן זיך אים אָנגעהויבן וועבן עפעס באַשלוסן, באַטראַכטונגען. ער איז ביסלעכווייז אַנטשוויגן געוואָרן, באַרויקט זיך און אַזוי זיך פאַרטיפט אין זיך, אַז ער האָט שוין גאָרנישט געהערט; ווי אין אַ חלום עפעס האָס זיך אים געפלאָנטערט, ווי מ׳וואָלט געשפילט, געזונגען, נאָענטע געשרייען.

אין דער זעלבער צייט טאַקע האָט זיך די חתונה איבערגעטראָגן צו באָרינען.

ס׳איז פאָרגעקומען דאָס איבערפירן יאַגנען צום מאַן.

---

*) אַ שטעק־שוך פון האָלץ.

אַ ביסל פריִער, האָט מען איבערגעפירט אַ קו אַ פעטע און אַ קאַסטן בעטגעוואַנט און פאַרשידענע כלים, וואָס זי האָט געקריגן אַלס נדן.

אַצינד ווידער, אפשר אַ רגע נאָכן זון-פאַרגאַנג, ווען ס'איז שוין פינסטער געוואָרן און די וועלט האָט זיך פאַרצויגן מיט נעפלען, וואָרים דאָס וועטער האָט זיך געהאַלטן באַ ענדערן, האָט מען זיך אַרויסגעפאַקט פון דער דאָמיניקאָוועו.

די מוזיק איז געגאַנגען פאָרויס און מונטער אויפגעשפילט, און נאָך איר האָט די מוטער מיט די ברידער און די קומעס געפירט יאַגושען, אַן אויסגעשלייערטע, נאָך חתונה-מעסיק, און ערשט נאָך זיי, ווו ס'האָט נאָר עמעצער אַן אָרט פאַרכאַפט, האָט זיך ערשט אַ גאַנצע מחנה מיט אַ רעש געלאָזט.

זיי זענען געגאַנגען פאַמעלעך לענגויס דעם סטאַוו, וואָס איז שוואַרץ געוואָרן און געלאָשן זיך, צוגעדריקט מיט דער פינסטערניש, צווישן אַלעמאָל מער געדיכט ווערנדיקע נעפלען, אין דער שטילקייט פון אַ טויבער בלינדער פינסטערניש, אַזוי, אַז דאָס געטופעריי און דאָס שפילן האָבן זיך גאָר נאָנט צעטראָגן, און ס'האָט געפויקט ווי פון אונטערן וואַסער אַפער.

דאָס יונגוואַרג האָט אַלעמאָל אונטערגעזונגען, דאָ האָט אַ קומע אַ זינג אויף געגעבן, אַ פויער האָט אַ זעץ אַרויס געטון. אַ: „דאַ דאַנאַ", אָבער זיי זענען באַלד אַנטשוויגן געוואָרן, ס'האָט נאָך קיינער קיין חשק נישט געהאַט און אַ פייכטע קעלט האָט ביזן לייב דורכגענומען.

ערשט דאַמאָלס, ווען ז'האָבן אָפגעדרייט צו באָרינעס הויף-צו, האָבן די דרוכנעס אויפגעזונגען:

און געווייגט אַך האָט דאָס מיידל,
ווען מען האָט איר שלוב געגעבן;
אויפגעשפילט איר האָט דער אָרגל,
ליכט זיך ברענען פיר דערלעבן.

גע‏מיינט האָסטו, מיידל,
מ׳עט דיר שטענדיק שפּילן פיין?...
אַ ביסל נעכטן, היינט אַ ביסל...
ס׳גאַנצע לעבן איז געווייִן...
דאַ דאַנאַ! ס׳גאַנצע לעבן איז געוויין!

אויפן גאַנעק, פאַר דער שוועל, האָט שוין געוואַרט באַ־רינע, די בחורים און יוזקאַ.

די דאָמיניקאָוואַ האָט פאַרויס אַרייגעטראָגן אין אַ פעקל אַ פיצל ברויט, אַ קאָפּ זאַלץ, אַ קיילעכל, וואַקס פון אַ גראָמניץ־ליכט און אַ בינטל זאַנגען, געהייליקטע אויף זשעלנע*), און ווען יאַגוש האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל, האָבן די קומעס איר נאָכגע־וואָרפן אויסגעטפעטע פעדעם ליאַנען־בינטלעך, דער טייוול זאָל קיין שליטה נישט האָבן און ס׳זאָל זיך איר פירן ווי צום בעסטן.

בשעת דעם האָבן זיי זיך אויך באַגריסט, געקושט, און גע־ווונטשן דעם יונגן פּאָר גליק, געזונט און וואָס גאָט וועט דאָרט געבן, און זענען אַרייַנגעגאַנגען אין שטוב, און באַלד אַלע בענק און ווינקלען פול געמאַכט.

די כּלי־זמרים האָבן, סטרויענדיק די כּלים, צוגעבאָמבלט אין דער שטיל, כּדי נישט צו שטערן דעם כּיבוד, מיט וועלכן באָרינע איז אַרויסגעטרעטן.

ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסער בלעך פון קום צו קום, מכבד געווען, געבייט מען זאָל טרינקען, געטומען אין די אָרעמס אַריין, און צו יעדן געטרונקען, דער קאָוואַל האָט אים אין דער צווייטער זייט שטוב צוגעהאָלפן, און מאַגדאַ מיט יוזקען האָבן צעטראָגן אויף טעלערס ק״כן, אָנגעפילט מיט האָניק און קעז, וואָס

---

*) אַזאַ יום טוב.

זי האָט אומישנע אָפּגעבאַקן אויף דעם צומאָרגנס־מאָלצייט, כדי זיך דעם פֿאַטער אונטערצוחנפֿענען.

אָבער די פּאַרוויילונג איז עפּעס נישט געגאַנגען, ווי עס געהערט צו זיין, אמת, ס׳האָט קיינער זיך הינטערן קאָלנער נישט אַרונטערגעגאָסן און פֿון גלעזל זיך נישט אַוועקגעדרייט, געטרונקען אפילו מיט הנאה, נאָר ס׳האָט דאָך נישט אײַנגענומען עפּעס דעם חתונה־כאַראַקטער, און ס׳איז נישט געקומען צו קיין אויפֿקאָכן זיך, זיי האָבן קוים געקלעקאָטשעט, ווי דאָס וואַסער אויף אַ שוואַך פֿייער; זענען געזעסן אָנגעבלאָזן, באַוועגט זיך שווער, מוטלאָז, ווייניק גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל, און ווער פֿון די עלטערע האָט שוין אפילו בגנבה אַ גענעץ געטון, אויסגעצויגן זיך, אַ טראַכט געטון, ווי אַזוי מען כאַפּט זיך וואָס גיכער ערגעץ אויפֿן שטרוי אַרויף.

די ווייבער ווידער, כאָטש דאָס איז אַ זריעה פֿון נאָר געוואָלט מאַכן און ווײַלן זיך, האָבן זיך אויך נאָר אויף די בענק צעלייגט, אין די ווינקלען זיך געטוליעט און ווייניק־וואָס איינגעטענהט צווישן זיך.

יאַגושיאַ האָט זיך אין מאַנס חדרל אויף גיך איבערגעטון, אין געוויינטלעכע קליידער, בלויז נאָר אַ ביסל אַ יום־טובדיקע און איז אַרויסגעגאַנגען מכבד זיין די געסט און אויפֿנעמען, אָבער די מוטער האָט זי צו גאָרנישט געלאָזט זיך צורירן.

— געניס פֿון דער חתונה, טעכטערל! עסט דיך נאָך אָנאַרבעטן, נאָך אָנפּראַצעווען! — האָט זי געשעפּטשעט און יעדעס מאָל זי צו דער ברוסט צוגעצויגן און מיט אַ געוויין צוגעטוליעט, אַזש ס׳איז נישט איינעם מאָדנע אויסגעקומען, וואָרן זי האָט דאָך נישט חתונה געהאַט אין דער וועלט אַריין, ערגעץ נישט אין קיין אַנדער דאָרף אַריין און נישט אויף קיין נויט.

זיי האָבן אָפּגעלאַכט פֿון אַזאַ מוטערלעכער צערטלעכקייט, און זיך געשאַרפֿט די ציין מיט שטעך־ווערטלעך, ווייל טאַקע אַצינד אויף דעם צומאָרגנס־מאָלצייט, ווען יאַגוש איז שוין אַלס

באַלעבאָסטע אין מאַנס הויז אַרייַנגעקומען, אויף אַזוי פיל גרונט אין כּלערליי גוטס, האָבן זיך באַ זיי די אויגן געעפנט, און נישט איין מאַמען פון אויסגעוואַקסענע טעכטער האָט די קנאה אַזש אין האַלדז געדריקט, די שיקסעס זענען אויך געווען עפּעס ווי מוטלאָז און אומעטיק.

זיי זענען אַריבערגעגאַנגען אין דער צווייטער העלפט הויז, וווּ די אַנטעקס האָבן פריִער געוווינט, און וווּ עווקע מיט יאַגוס־טינקען האָבן צוגעגרייט די וועטשערע, אַז ס'האָט אַזש געהוטשעט אין קוימען, און וויטעק האָט קוים נאַדאַנזשעט האָלץ אָנצוטראָגן און אונטערצולייגן אונטער די אומגעהייער גרויסע טעפּ.

און איבערן גאַנצן הויז זענען זיי זיך צעקראָכן, און אין יעדער שפּאַרע די קנאהדיקע אויגן אַרייַנגעשטעקט.

ס'אי דען ניש מקנא צו זיין אַזאַ מזל?...

שוין ס'הויז אַליין איז דאָס בעסטע אין דאָרף. אַ גרויס, אַן אָנזעעוודיקס, אַ הויכס. שטיבן ווי אין אַ הויף ערגעץ, אויסגעווייסטע, מיט פּאָדלאָגעס, ריינע! און וויפיל זאַכן, וויפיל פאַרשידענע כּליִם, בילדער אַליין איז דאָ באַ אַ צוואָנציק, און אַלע מיט שויבן! און איצט נאָך: שטעלער, כּליוועס, שייערס, אַ שאָפּע! און אַ קליינער לעוועטאַרזש אי דאָ? פינף אי דאָ בלויז קי־ווידלען, שוין נישט רעכנענדיק דעם ביק, וואָס גיט אַ נישקשהדיקן רווח! דריי פערד, און וווּ איז ערשט דער גרונט, וווּ די געגנדז, די חזירים!...

זיי האָבן טרויעריק אָפּגעזיפצט און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערע שטיל אויסגערופן:

— גאָט מיינער, אַז דער פאַן יעזוס גיט אַזויגע, וואָס האָבן זיך אפילו נישט פאַרדינט דערויף!

— זיי האָבן זיך געקענט העלפן, ז'האָבן געקענט!

— נ'אַוודאי, שטענדיק עט דיר דער קריגן, וואָס עט אַקעגן אַרויסגיין.

— פאַרוואָס אי דאָס ענקער אולישיאַ נישט אַרויסגעגאַנגען אַקעגן?

— ווייל ז'האָט פאַ גאָט מורא געהאַט, און פירט זיך אויף אַרנטלעך.

— און אַנדערע אויך איבער דעם אייגענעם.

— אַן אַנדערע וואָט דער עולם ניש דורכגעלאָזט, זאָל מען זי נאָר טרעפן דאָס אייגציטשקע מאָל באַנאַכט מיט עפּעס אַ שגץ, עלן זיי שוין אויף די צונגען איבער דער וועלט צעטראָגן.

— אַ זעלכע האָט גליק...

— וואָרן ז'האָט קאַ בושה ניש...

— אַ' טאַטש קומסט — האָט יענדזשיק אויסגערופן. — די מוזיק שפּילט און אין שטוב אי קאָן איין ספּודניצע נישטאָ אפילו מיט ווע־מען צו טאַנצן!

— וואָס פאַר אַ חשק דאָס האָט, און די מאַמע עט דיר דען פּאָזוואָליען?

— פאַרליר נאָר ניש די הייזעלעך, און באַווייז ניש דעם שפּיגל, אַ' דו רייסט דיך יאַ אַזוי האַסטיק.

— און וואַרף נישט מיט די פּיס אַזוי צווישן מענטשן!

— מיט דער וואַלענטאָווע גיי אין דער פּאָר, עלן זיין צוויי פּאָקראַקעס!

יענדזשיק האָט באָר אַ וואָרף געטון אַ קללה און אַ כאַפּ גע־טון די ערשטע פון עק און זי אָוועקגעפירט, נישט הערנדיק אפילו וואָס מען באַנקעט הינטער אים.

אין שטוב האָט מען שוין געטאַנצט, פּאַמעלעך נאָך און ווי אָן חשק; איין נאַסטקע גאָלעבביאַנקע נאָר, וואָס האָט פעסט געהוליעט מיט שימעק פּאַטשעשען. ז'האָבן זיך פריער אָפּגערעדט, איז קוים האָט נאָר די מוזיק אַ שפּיל אויף געטון, האָבן זיי זיך שוין פעסטן צונויפגעשלאָסן און אַ טאַנץ געטון, ווי עס געהערט צו זיין, או לאַנג; דאָ האָבן זיי זיך בשעתן אָפּרוען אין דער העלפּט גע־נומען און געטראָגן איבער דער שטוב, אַז ס'האָט זיי אַזש אייבער צום אַנדערן אַ חשק אָנגענומען, דאָ האָבן זיי פרייליך גערעדט

צווישן זיך, געלאַכט אויפן קול און זייט באַ זייט געגאַנגען; אַזש די דאָמיניקאַווע האָט מיט אַן אומרויִקייט דעם זון נאָכגעקוקט.

אָבער דאַמאָלס ערשט, ווען דער וואָיט איז אָנגעקומען, ער האָט זיך געהאַט פאַרשפּעטיקט, ווייל ר'האָט געמוזט אָפּשטעלן די רעקרוטן אין פּאָוויאַט אַריין, איז דער עולם ערשט אויפגעהייטערט געוואָרן, ווייל אַזוי ווי ער איז נאָר אַרייַנגעקומען, האָט נאָר קוים אויסגעטרונקען איין מאָל און צוויי מאָל, האָט ער שוין אָנגעהויבן אַרומצואַרבעטן מיט די באַלעבאַטים און חוזק מאַכן פון דעם „יונגן פּאָר".

— דער חתן איז ווי די וואַנט, און די כלה ווי רויטער טוך.

— צ'עט שוין מאָרגן דערציילן...

— אַ כוואַט זענט עך, מאַטשעי, צ'האָט נישט באַלאַמוטשעט דעם טאָג.

— ר'אי דעך ניש קאַ גאַנער, איז עפּעס פּאַסט דאָך נישט פאַר אַלע אין די א׳יגן!

— כ'וואָט אפילו קאַ האַלב קוואַרטירל דערויף נישט געוואָלט איינשטעלן! וואַרף נאָר אַריין אַ שטיינדל אין אַ קזשאַק, עט דיר שטענדיק עפּעס אַ פייגעלע אַרויספליִען, דע וואָיט זאָגט עס ענק!

זיי האָבן אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער, וואָרן יאַגנע איז אַנטלאָפן אין דער אַנדערער זייט אַריין.

די ווייבער האָבן זיך אויך צערעדט, וואָס ס'איז זיי נאָר אויף דער צונג געקומען.

באַלד איז דער גערעטועמל גרעסער געוואָרן, און אַ פרייד האָט די נשמה אַרומגענומען, דער וואָיט האָט געטריי אונטערגעהאָלפן, אָבער אויך דער בראָנפן האָט ס'זייניקע געטון. באָרינע האָט נישט געזשאַלעוועט און כסדר געלאָזט די פלאַש אין דער רייע; די טענץ זענען אויך געגאַנגען אַלץ מונטערער און אָפטער, מען האָט

שוין אָנגעהויבן זינגען, צוטופּן, און וואָס אַמאָל אין אַ גרעסערן ראָד איבער דער שטוב זיך דרייען.

און דאָ האָט זיך שוין יאַמבראָזשי באַוויזן, ער האָט זיך באַלד צוגעזעצט, כמעט אויף דער שוועל, און מיט זשעדנע אויגן אויף דער פלאַש געקוקט.

— ענק דרייט זיך דער קאָפּ אָן נאָר דאָרט, ווו גלעזלעך קלינגען! — האָט דער וואָיט אַ וואָרף געטון.

— ווייל זיי זענען קלינגעדיקע; און ווער עס טרונקט אַ דורשטיקן אָן, האָט אַ שכר דערפאַר! — האָט ער ערנסט אָפּגעענטפערט.

— נאַדיר וואַסער, לעדערנער זאַק!

— וואָס עס שמעקט אַ בהמה, שאַדט עס אַ מענטש! מ׳זאָגט: „ווענען וואַסער ס׳היילט, היילט עס, נאָר ס׳ביסל בראָנפן — איז יעדן אייניצקן ווילט עס".

— איז טרינק-זשע אַ ביסל אָקעוויט, אַ׳ דו ביסט יאָ אַזאַ חברה-מאַן.

— טרינקטס צו מיר, וואָיט, מ׳זאָגט אויך דאָס: „אַ שמד נעם אויף מיט וואַסער, אַ שלוב באַגיס מיט בראָנפן, און דעם טויט מיט געוויין".

— מ׳זאָגט גוט, טרינקטס אויס ס׳צווייטע...

— כ׳על ניש אַנטלויפן אפילו פאַרן דריטן! כ׳טרינק שטענדיק איינס פאַרן ערשטן ווייב און צווי פאַרן צווייטן.

— פאַרוואָס עפּעס?

— ווייל ז׳אי פרי געשטאָרבן, כדי כ׳זאָל מיר אַ דריטע אויסזוכן.

— וועגן אַ ווייב חלומט זיך אים, און נאָך מיטאָג לעשט אים שוין די פינסטערניש די שליפיעס אויס...

— כ׳וואָט נאָך אין דער פינסטער מיט אַ שטעקן אָנגעטאַפּט, ווו דער באַבעס ווייך אָרט געפינט זיך!

די שטוב האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

— מ׳עט ענק שדכנען מיט יאַגוסטינקען! — האָבן די ווייבער געשריגן.

— און בראָנפן האָט זי ליב, אַ פיסקאַטע איז זי אויך — האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

— מ׳זאָגט „אַ ווייב אַ פיסקאַטע, אַז גאָט גיט ווענען, קענען זיי ביידע אפילו אַ האַלבע וועלט איינעמען״.

דער וואָיט האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים, און אַנדערע אויך דערלעבן, וו ס׳האָט נאָר עמעצער געקענט אַ באַנק פאַרכאַפּן, און אַז ס׳האָט אָרט פאַרפעלט, זענען זיי שטיין געבליבן און צו־נויפגעפּאַקט זיך אין אַ קופּע, זיי האָבן כמעט אַ האַלבע שטוב פאַרנומען, נישט קוקנדיק אויף די טאַנצנדיקע.

באַלד טאַקע האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן וויצן, פאַרשידענע איינפאַלן, ווערטלעך, פריילעכע מעשיות, און גלאַט מעשהלעך, אַזש די שטוב האָט זיך געטרייסלט פון די געלעכטערן, און צום מיינסט האָט אָנגעפירט יאַמבראָזשי, ער האָט דאָס מיט ווערטלעך געשיט, די יוכע, און געציגיינערט אין די אויגן אַריין, נאָר אַזוי געשיקט און וויציק, אַזש זיי האָבן זיך אויסגעלייגט פון געלעכטער; און פון די ווייבער האָט די וואַכניקאָוואַ נישט געלאָזט קיינעם קיין וואָרט אויסרעדן, און געשפּילט די ערשטע פידל מיטן מויל, דער וואָיט האָט אויך אונטערגעבאַסעוועט אויף וויפיל ס׳האָט אים נאָר דערלויבט די אַכטונג צו זיין אַמט.

די מוזיק האָט געריסן אין אויער, פייערדיק, דאָס יונגוואַרג האָט געהוליעט מונטער, געשריגן און ראַש צוגעקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, און זיי האָבן זיך אַזוי פריילעך באַזאַמען געווילט, אַז ז׳האָבן אַזש אָן גאָטס וועלט פאַרגעסן, ביז עמעץ האָט דערזען יאַנקעלן אין פעדערהויז. זיי האָבן אים באַלד אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין. דער ייִד האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, געבייגט זיך און מיט אַלע באַגריסט זיך פריינטלעך, נישט קוקנדיק, וואָס פאַר־שידענע צונעמען, פליען ווי די שטיינער אַרום זיינע אויערן

— געלער! אומגעשמדטער! קאָבילע־זון!

— שטילערס! נעמטס אים אויף מיט עפּעס, גיטס אים בראָנפן! — האָט דער וואָיט געשריגן.

— כ׳בין מיר אַדורכגעגאַנגען דאָ מיטן וועג, אָבּ איך געוואָלט אַ קוק טון, ווי אַזוי באַלעבאַטים ווײַלן זיך. לאָז ענק גאָט באַצאָלן, פּאַניע וואָיט, כ׳על מיר אויסטרינקען אַ ביסל בראָנפן, פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט אויסטרינקען פאַרן געזונט פון יונגען פּאָר?

באַרינע האָט אַרויסגעטראָגן אַ פלאַש און מכבד געווען. יאַנקעל האָט דאָס גלעזל אויסגעווישט מיט דער קאַפּאָטע, זיך דעם קאָפּ באַדעקט און אויסגעטרונקען, און מיט אַ צווייטס פאַרבעסערט.

— בלייבטס, יאַנקעל, צ׳עט ענק נישט טרפה מאַכן! העי מוזיקאַנטן, שפּילטס אויף א יידיעס! לאָז יאַנקעל אַ טאַנץ טון! — האָבן זיי מיט אַ געלעכטער אויסגערופן.

— כ׳קען טאַנצן, ס׳אי ניש קאַן עבירה!

אָבער איידער די כלי־זמרים האָבן נאָך פאַרשטאַנען, וואָס מען שרייט צו זיי, האָט זיך שוין יאַנקעל שטיל אַרויסגערוקט אין פעדערהויז אַריין און פאַרשווינדן געוואָרן אין הויף, ער איז געגאַנגען צו קובען די ביקס אָפּנעמען.

זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, וואָרן יאַמבראָזשי האָט נישט אויפגעהערט צו ציגיינערן און די וואַכניקאָווא האָט אונטערגעהאַלטן ווי אַ באַס, אַזוי האָבן זיי פאַרפרענגט ביז דער סאַמער וועטשערע; די מוזיק איז שוין שטילער געוואָרן, מ׳האָט צערוקט די טישן, געגרעגערט מיט די שיסלען און כסדר געהאַלטן אין איין לאַכן.

אומזיסט האָט באַרינע כסדר פאַרבעטן צום עסן, קיינער האָט אפילו נישט געהערט. דערנאָך האָט יאַגוש נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז זיי זאָלן צום טיש גיין, איז האָט זי דער וואָיט אַ צי אַריין געטון אין דער קופּע, באַזעצט זי לעבן זיך און געהאַלטן באַ דער האַנט.

ערשט דאַמאָלס האָט יאַשעק, מיטן צונאָמען פּזשעוואָטני, אַ געשריי געטון אויפן קול:

— צו די שיסלען קימטס, מענטשן, ווייל ס'ווערט קאַלט!

— שטיל ער, נאַרול, ס'עט פאַ דיר אויך איבערבלייבן אַ ביסל צום אויסלעקן!

— יאַמבראָזשי ציגיינערן נאָר, אַז ס'גייט אַזש אַ רויך, און זיי מיינען, אַז ס'גלייבט אים ווער...

— יאַשעק, וואָס מ'עט דיר גען אין פּיסק אַריין, נעם, ווייל ס'אי דיין, אָבער מיך טשעפּע ניש, עסט דיר ניש קאַן עצה גען.

— נו. לאָמיר זיך פּרווון! — האָט דער פאַראָבעק אָפּגע-ענטפערט, וואָרן ר'איז געווען אַ באַרישעוואַטער און האָס זיך נישט פאַרשטאַנען אויף די רייד.

— אַן אָקס עט זיך אויך אַן עצה גען; אָדער גאָר נאָך בעסער.

— יאַמבראָזשי טראָגן אַרויס נאָכן נלה, איז מיינען זיי, אַז זיי אַליין זעמע נאָ קלוג!

— לאָז אַריין אַ קאַלב אין קלויסטער אַריין, עט עס אויך נאָר אויפהייבן נ'ווידל! אַ נאַר! — האָט ער אַ באַליידיקטער אַ מרוק געטון.

וואָרן דאָס האָט עס יאַשעקס מוטער געוואָלט דעם זון פאַר-טיידיקן. ער האָט זיך טאַקע דער ערשטער צום טיש באַזעצט, און נאָך אים האָבן אויך אַנדערע אָנגעהויבן צו פאַרנעמען ערטער, און אין איילעניש, ווייל די סאַרווערינס האָבן שוין אַריינגעטראָגן די פאַרעדיקע שיסלען, און די ריחות האָבן זיך איבער דער שטוב פאַרשפּרייט.

זיי האָבן זיך באַזעצט לויט דער עלטער, און ווי עס פאַסט פאַר אַ צומאָרגנס-מאָלצייט, מיט דער דאָמיניקאָוועז און מיט די שקצים אין דער מיט; די דרוכנעס און די דרוזשבעס האָבן זיך איינענעם באַזעצט, איינער לעבן אַנדערן, און באַרינע מיט יאַגו.

שען זענען געבליבן אויף דער שטוב, כדי צו באַדינען און אַכטונג צו געבן אויף אַלדינג.

ס׳איז געוואָרן שטיל, נאָר וואָס די קינדער האָבן הינטער די פענסטער געוואַלטעוועט און אַרומגעוויוועט צווישן זיך, און לאַפּאַ איז מיט אַ געבילעריי אַרום דעם הויז געלאָפן און געריסן זיך אין פעדערהויז אַריין, דער עולם ווידער האָט שטיל, נאָר ערנסט זיך געפּאָרעט מיטן עסן און מיט חשק געבאַדזשעט אין די געבלימטע שיסלען אַריין, אַז נאָר די לעפל האָבן געקראַצט אַן די עקן, און די גלעזלעך האָבן כסדר געקלונגען.

יאַגושיאַ ווידער האָט געהאַלטן און איין פּאַרבעטן, און האָט יעדן איינציקן באַזונדער אונטערגעשטופּט, דאָ אַ שטיק פלייש, דאָ עפּעס אַנדערש נאָך דערצו, און געבעטן יעדן, מען זאָל זיך נישט זשאַלעווען. דאָס איז איר הערלעך געלונגען, זי האָט יעדן אַזוי צוגעטראָפן מיט דעם געהעריקן חניפה-וואָרט, און דאָס געמאַכט מיט אַזוי פיל ליבלעכקייט, אַז נישט איינער פון די פּאַראָבקעס איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פּאַרבענקטע אויגן, און די מאַמע איז אַזש געוואַקסן פאַר נחת; זי האָט אָנגעלייגט דעם לעפל, כדי נאָר צו קוקן אויף איר און נחת צו קלויבן.

און באָרינע האָט דאָס אויך געזען, וואָרן ווען זי איז געגאַנגען צו די סאָרווערינס, איז ער איר נאָכגעלאָפן, דעריאָגט זי אין פעדערהויז, פעסט זי אַרומגענומען און שטאַרק זי געקושט.

— באַלעבאָסטע מיין טייערע! אַ טאַטש ווי אַ הויפישע פּריצה, אַזוי באַגייסטו דיך בכבודיק און גיסט דיר אין אַלץ אַן עצה!

— און צי בין איך דען נישט קאַ באַלעבאָסטע! גייטס נאָר אַריין אין שטוב, גולבאַס מיט שימאָנען זיצן עפּעס אָנגעבלאָזן און עסן זייער ווייניק. טרינקטס אויס צו זיי!...

פּאַרשטייט זיך, אַז ר׳האָט זי געהאָרכט און געטון. וואָס זי האָט געוואָלט! און יאַגושען איז מאָדנע פריילעך און אויפגעלייגט

געוועז אויף דער נשמה. זי האָט זיך דערפילט, ווי אַ באַלעבאָס-טע, און נישט קאַ ליאַדע וואָס, כמעט אַ פּריצה, דאָ איז איר דאָס הערשאַפט אַליין אין די הענט געגאַנגען, און מיט דעם איז גע-וואַקסן איר אָנזעז און שטאָלץ, פול מיט מאַכט און רויִקייט! זי האָט זיך פריי איבער די שטיבן געטראָגן, צו אַלץ זיך צוגעקוקט אַזוי פליגק און קלוג רעגירט מיט אַלעם, גלייך זי וואָלט שוין פון וויפיל יאָרן אויף אייגנס געבאַלעבאַטעוועט.

— וואָס פאַר איינע ז׳איז, עט שוין דער אַלטער אַליין דערקענען, און דאָס אי זיין זאַך, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אַ באַלעבאָסטע עט זי זיין אַ פיינע — האָט עווקע אַ שעפּטש געטון צו יאַגוסטינקען.

— אפילו קאַשקע אי קלוג, אַ ס׳אי פול די קרוג! — האָט יאַגוסטינקע שטיל אָפּגעוועגדט — ס׳עט אַזוי לאַנג געדויערן, כל-זמן דער אַלטער עט איר ניש פאַרמיאוסט, ווערן, אַזוי לאַנג ווי זי וועט ניש אָנהייבן זיך יאָגן נאָך די פאַראַבקעס...

— דאָס עט זי ניש טון, נאָר מאַטעוש, וואָס ר׳איז נאָך איבערגעבליבן, עט ער זי דאָך נישט געמאַכט לאָזן.

— אי... ר׳עט זי געמאַך לאָזן! ס׳עטן עמעצער אַנדערש דערצו בייטן, ר׳עטן בייטן...

— באָרינע?

— ס׳דען, באָרינע! ס׳אי נאָך דאָ עפּעס שטאַרקערס פון זיי ביידע... ס׳אי דאָ... לאָ נאָר אָנקומען די צייט, עט עץ שוין אַליין זען... — האָט זי זיך כיטרע צעשמייכלט. — וויטעק טרייב נאָר אַוועק ב׳הונט, וואָרן ר׳בילט און בילט, אַזש די אויערן טוען וויי, און צעטרייב די שקצימלעך, ז׳עלן נאָך די שויבן אויסזעצן און דאָס אַרומהילעכץ פון דער כאַלופּע צעטראָגן.

וויטעק איז אַ שפרונג אַרויס געטון מיט דער בייטש, דער הונט איז שטיל געבליבן, אָבער ס׳האָט זיך צעטראָגן אַ געקוויטש און טופעריי פון דער אַנטלויפנדיקער שרייענדיקער חברה; ר׳האָט זיי פאַרטריבן אַזש אויפן וועג אַרויס און האָט זיך באַלד איינגע-

בויגענערהייט צוריק אומגעקערט, וואָרן ס׳האָט זיך אים נאָכגעשיט אַ האָגל פון בלאָטע און שטיינער.

— וויטעק! וואַרט נאָר! — האָט ראָך געוופן, שטייענדיק אין ווינקל פון הויף, אין שאָטן. — רוף אַרויס יאַמבראָזשין, זאָג אים, אַז אַ נייטיקער ענין, כ׳על וואַרטן אויפן גאַנעק.

ערשט אין אַ ווײַלע אַרום איז יאַמבראָזשי עפּעס יאָ אָנגעקומען, שרעקלעך בייז, וואָס מ׳האָט אים איבערגעריסן דאָס עסן אין רעכטן מיטן, ווייל ר׳האָט געהאַלטן באָם חזיר־פלייש מיט אַרבעס.

— ס׳קלויסטער ברענט, צי וואָס?

— שרייטס ניש! קומטס אַריין צו קובען, וואָרן ס׳דאַכט זיך מיר, אַז ער שטאַרבט!

— לאָז ער פגרן, און זאָל ער נישט שטערן מענטשן צו עסן. כ׳בין נאָכמיטאָג באַן אים געוועזן, און כ׳האָבן געזאָגט, דער יוכע, אַז ר׳זאָל זיך צוגרייטן אין שפּיטאָל אַריין, מ׳וואָטן אָפּגעשניטן דעם פוס, וואָס ער איניגיכן געזונט געוואָ־ן!

— צ׳האָט אים וועגן דעם געזאָגט! אַצינד פאַרשטיי איך, דאַכט זיך מיר, אַז ר׳האָט זיך אַליין דעם פוס אָפּגעהאַקט...

— יעזוס, מאַריאַ! וואָס הייסט, ר׳האָט זיך אַליין אָפּגעהאַקט?...

— קומטס גיכער, עט עך זען. כ׳בין געגאַנגען שלאָפן אין שטאַל אַריין, און ווי נאָר כ׳בין אַרויפגעקומען אויפן הויף אַרויף, איז לאַפּאַ אַ שפּרונג צו געטון צו מיר, געבילן, געסקאַמליעט, מיט די ציין מיך באַ דער קאַפּאָטע געריסן און געשלעפּט, כ׳אָב נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס ער וויל... און ער איז אַ לויף געטון פאַרויס, אַנידערגעשטעלט זיך אויף דער שוועל פון דער פערד־שטאַל און געוויזעט. כ׳בין צוגעגאַנגען, כ׳גיב אַ קוק, קובאַ ליגט איבער דער שוועל, מיטן קאָפּ אין שטאַל! אויפן ערשטן בליק האָב איך געמיינט, אַז ער האָט געוואָלט אַרויסגיין אויפן הויף אַרויס און איז חלשות געבליבן. כ׳האָב אים איבערגעטראָגן אויפן

טאַפּטשאַן אַרויף און אָנגעצונדן אַ לאַמטערל, כּדי כ׳זאָל אָפּזוכן וואַסער, און ער איז אינגאַנצן געווען בלויז בלוט, בלאַס ווי די וואַנט, און פון פוס שטראָמט דאָס בלוט. גיכער, וואָרן ער הויכט אויס דעם לעצטן אָטעם...

זיי זענען אַריינגעקומען אין שטאַל אַריין, יאַמבראָזשי האָט זיך שנעל גענומען אים מינטערן; קובאַ איז געלעגן אָנמעכטיק, ר׳האָט קוים־קוים געאָטעמט און געכאָרכלט דורך די פאַרהאַקטע ציין, אַז מען האָט זיי געמוזט מיט אַ מעסער אויפרייסן, כּדי אים אַ ביסל וואַסער אין האַלדז אַריינצוגיסן.

דער פוס איז בײַ אים געווען איבערגעהאַקט בײַ דער קני, ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף דער הויט און האָט זייער שטאַרק געבלוטיקט.

אויף דער שוועל האָבן זיך גערייטלט פלעקן פון בלוט און ס׳איז געלעגן אַ פאַרבלוטיקטע האַק, און דער שלייף־שטיין צום אָנשאַרפן, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אונטערן אָקאַפּ פון דער פערד־שטאַל, האָט זיך געוואַלגערט איצט בײַ דער שוועל.

— טאַקע, ר׳האָט זיך אַליין אָפּגעהאַקט. ר׳האָט מורא געהאַט פאַרן שפּיטאָל, ר׳האָט געמיינט, דער נאַר, אַז ער וועט זיך העלפן, אָבער אָן עקשן אַ פויער, אָבער אַ פאַרביסענער! יעזוס, מען זאָל זיך אַליין דאָס אַ פוס אָפּהאַקן! ס׳אי פּשוט נישט צו גלייבן! ס׳בלוט איז אים אַ סך אָפּגעפלאָסן.

קובאַ האָט מיטאַמאָל געעפנט די אויגן און אַ פּיר געטון מיט זיי גאַנץ באַוווסטזיניק.

— ר׳איז אַראָפּגעפאַלן? כ׳אַ צוויי מאָל אַ האַק געטון, אָבער ס׳אי מיר פינסטער געוואָרן פאַר ד׳אויגן... — האָט ער געשעפּטשעט.

— ס׳טוט דיר טאַקע וויי?

— גאָרנישט מיט גאָרנישט. כ׳אַ מיך נאָר ביזן גרונט אַרויסגעשלאָגן פון די כּוחות, נאָר כ׳בין געזונטער!

ער איז געלעגן רו׳ק און האָט אפילו נישט קיין געשריי געטון, ווען יאַמבראָזשי האָט אים צוזאַמענגענומען דעם פוס, געוואַשן אים און איינגעקרעמפּעוועט אין איינגענעצטע טיכער.

ראָך האָט קנ׳ענדיק צוגעלויכטן מיט אַ לאַמטער און אַזוי הייס מתפלל געווען, אַז טרערן זענען אים איבערן פנים גערונען, און קובאַ האָט נאָר פריילעך געשמייכלט, עפּעס אַזוי גערירט און צעבראָכן, פונקט ווי דאָס קינד אויפן פעלד אַוועקגעוואָרפן, וואָס איידער ס׳ווערט געוויר, אַז עס איז אָן אַ מאַמען, פרייט עס זיך צו די גראָזן, וואָס רוישן איבער אים, קוקט אויף דער זון, צו די דורכפל׳ענדע פייגעלעך ציט עס די הענטלעך אויס, און רעדט אויף זיין שפּראַך מיט אַלעם און פרייט זיך, אַזוי אויך האָט ער זיך אַצינד געפילט; ס׳איז אים געווען גוט, רו׳ק, און ס׳האָט אים נישט וויי געטון, און אַזוי לייכט און פריילעך איז אים אויף דער נשמה געווען, אַז די קרענק האָט אים גאָרנישט געאַרט, און ער האָט זיך שטיל באַרימט... ווי אַזוי ער האָט דאָס העקל גוט אויסגעשאַרפט... דעם פוס אויף דער שוועל אַנידערגעלייגט... און אַ האַק געטון אין דער סאַמער קני... ס׳האָט אָנגעהויבן וויי טון, אָבער דער פוס איז פון דעם איינעם מאָל נישט אַראָפּגעפאַלן... דעריבער האָט ער אַ צווייט מאָל אַ האַק געטון מיטן גאַנצן כוח... און אַצינדערט אָ טוט אים לחלוטין נישט וויי, ווייזט אויס ס׳האָט געהאָלפן... אַזוי, אַז ווען ער זאָל נאָר האָבן אַ ביסעלע מער כוח, וואָלט ער שוין מער נישט געפוילט אויפן טאַפּטשאַן, נאָר אויף דער חתונה וואָלט ער געגאַנגען... צום טאַנצן וואָלט ער זיך גענומען... און וואָלט זיך אַ ביסל אונטערגעלעבט, ווייל ס׳הונגערט אים...

— ליג רו׳ק און ריר דיך נישט אינגאַנצן, עסט באַלד קריגן עסן, כ׳על זאָגן יוזשען.

ראָך האָט אים אַ גלעט געטון איבערן פנים און איז מיט יאַמבראָזשין אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף.

— ביז אינדערפרי עט ער אויסגיין, ווי אַ פייגעלע שט

ער שטיל איינשלאָפֿן, וואָרן ס׳בלוט איז אים אײנגאַנצן אָפּגע־פלאָסן.

— מ׳דאַרף צוּן אים ברענגען אַ גלח, כל זמן ער איז נאָך באַם שכל!

— אַ׳ דער גלח זענען גאָר אין אָוונט אַוועקגעפֿאָרן קיין וואָליע צום פּריץ.

— כ׳על גיין נאָך אים, מ׳טאָר ניש אָפּשלעפּן!

— קאַ וואָליע איז אַ מייל וועגס, באַנאַכט, און דורך אַ וואַלד, צ׳עט נישט טרעפן. — ס׳שטייען דאָ גרייטע פערד פון די מענטשן, וואָס דאַרפן נאָך דער וועטשערע אַוועקפאָרן, נעמטס און פאָרטס.

זיי האָבן אַרויסגעפירט די פערד אויפן וועג און ראָך איז אויפגעזעסן.

— און פאַרגעסטס ניש אָן קובען, מ׳דאַרף אים צו היטן! — האָט ער אויסגערופן, רירנדיק פון אָרט.

— כ׳על אים ניש איבערלאָזן איינעם אַליין, כ׳על ניש פאַרגעסן.

ר׳האָט אָבער באַלד פאַרגעסן, ר׳האָט נאָר געדענקט אַזוי פיל, וואָס ר׳האָט יוזשען געזאָגט וועגן עסן, און אַליין האָט ער זיך באַלד אומגעקערט צום טיש, אַ נעם געטון זיך צום פלעשל זוי האַרציק, אַז באַלד אָן גאָטס וועלט פאַרגעסן.

יוזקאַ ווידער, ווייל דאָס איז געווען אָן אָרנטלעך שיקסל, האָט זי צונויפגענומען אויף אַ שיסעלע, וואָס זי האָט נאָר געקענט, בראָנפן אין דער האַלבער קוואָרט האָט זי געהאַט גענוג, און זי האָט אים גערן אַהינגעטראָגן.

— קובאַ, לעגטס ענק אונטער אַ דזשעבלע, ווייסטס אויך פון אַ חתונה צו זאָגן!

— לאָ דיר גאָט באַצאָלן! די קעלבאַסע, זעט מיר אויס, אי געשמאַק, ס׳שמעקט פון איר.

— טאַטש כ׳אָב אומישנע צוגעפרע גלי, אַ צ׳זאָלט הנאה

האָבן. — זי האָט אים אַריינגעשטופּט דאָס שיכעלע אין די הענט, וואָרן ס׳אי פינסטער געווען אין שטאַל. — טרינקטס פּריער אויס דעם בראָנפן.

ער האָט אויסגעטרונקען איינגאַנצן ביז דער דנאָ.

— זיץ דאָ אַ דזשעבעלע, ס׳אי מיר אַזוי אומעטיק אַליין...

ער האָט אָנגעהויבן צו דזשעמדזשען, גריזשען, קייען, אָבער ר׳האָט גאָרנישט געקענט אַראָפּשלינגען.

— זיי הוליען דאָרט, האַ?

— אַזאַ התונה, אַזאַ עולם, אַ צייט כ׳לעב האָב איך קיין גרעסערן נאָך ניש געזען.

— מאַ, ס׳אי דעך באָרינבעס, אי קאַ וווּנדער ניש! — האָט ער מיט שטאָלץ געמירמלט.

— אוודאי, און דע טאַטע פרייען זיך אַזוי, און קריכן כסדר נאָך יאַגושען, כסדר.

— ווי דען... ז׳איז אַ געראָטענע, און שיין אי זי אויפן פּנים, ווי עפּעס אַ הויפישע פּריצה!

— צ׳ווייסט, און שימעק דער דאָמיניקאָוועס שאַרט זיך דאָך צו נאַסטקע גאַלענביאַנקען.

— די אַלטע עט נישט דערלאָזן, באַ נאַסטקען זיצן באַ אַ צען מיילער אויף דריי מאָרגעס.

— זי צעטרייבט זיי טאַקע, ווו זי פּאַקט זיי נאָר, און היט זיי שרעקלעך.

— דע וואָיט אי דאָ?

— ער ווילט אַנדערע און פּיסקעוועט צום מייסטן, און יאַמבראָזשי דעסגלייכן.

— נאָך דאָס זאָלן זיי ניש, אַז זיי זענען דאָ אויף אַזאַ התונה, באַ אַזאַ באַלעבאָס! ווייסט נישט, וואָס הערט זיך באַ די אַנטעקס? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטון.

— וואָס הייסט, ווען ס׳אי פינסטער געוואָרן בין איך צו־געלאָפן צו זיי, די קינדער פלייש אַהינגעטראָגן, קוכן און ברויט...

האָט ער מיך פון דער כאַלופּע אַרויסגעטריבן און צוריקגעוואָרפן מיר דאָס, וואָס כ'האָב דאָ געבּרענגט... ר'האָט זיך פעסט פאַר־עקשנט און איז אַזוי בּייז... און אַ נויט איז בּאַ זיי אין דער כאַלופּע, און אַ געוויין... האַנקע האַלט זיך נאָר אין איין אַרומ־קריגן מיט דער שוועסטער, אַ' ז'האָבּן זיך שוין אַפּנים בּאַ די קודלעס געריסן.

ער האָט גאָרגישט געענטפערט אויף דעם, גוט זיך די נאָז אויסגעשנייצט און עפּעס גיכער געאָטעמט.

— יוזשאַ, — האָט ער נאָך אַ ווײַלע אויסגערופן — די קלאַטש סטענקעט עפּעס און לייגט זיך שוין פון אָוונט אָן, זי האַלט זיך זיכער באַם אָפּזשריביען.. מ'וואָלט געדאַרפט צו היטן. צו־גרייטן עפּעס א טרונק. ווי דאָס סטענקעט! האַרציקע, נעבעך, און איך קען איר גאָרגישט העלפן... כ'בין שרעקלעך שוואַך... אָן כּוחות אינגאַנצן...

ער האָט זיך פאַרמאַטערט און איז שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט אײַנגעשלאָפן.

יוזקאַ איז אײַליק אַוועקגעגאַנגען.

— צעשיאַ! צעש, צעש... — האָט ער אויסגערופן, קוּ־מענדיק צו זיך.

די קלאַטש האָט אַ לאַנגן הירזשע געטון און געוואָרפן זיך אויף דער קייט, אַזש ס'האָט אַ קלינג געטון.

— כ'על מיך כאַטש איין מאָל אָנעסן צו דער זעט! ד'עסט קריגן, הינטל, דיינס, עסט קריגן, סקאַמלע נאָר ניש...

ער האָט זיך פעסט גענומען צו דער קעלבאַסע, אָבער האָט נישט געקענט, ר'האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין חשק דערצו, עס האָט אים אין מויל אויפגעווירן.

— יעזוס מיינער, אַזוי פיל קעלבאַסע, אַזוי פיל פלייש... און כ'קען נישט... כ'קען אינגאַנצן נישט.

אומזיסט האָט ער נאָכאַמאָל געפּרוּווט, אַרומגעלעקט זי, גע־שמעקט צו איר — ר'האָט נישט געקענט, די האַנט איז אים אָנ־

מעכטיק אַראָפּגעפאַלן, האָט ער זי דעריבער באַהאַלטן אונטערן שטרוי, נישט אַרויסלאָזנדיק פון דער גאַרשטש.

— גאָט מיינער, אַזוי פיל אי דאָ, אַז צייט כ'לעב האָב איך נאָך דאָס ניש געהאַט, און כ'קען נישט.

אַ ווייטיק האָט אים באַ דער נשמה אַ דריק געטון, און טרערן זענען אים איבערן פּנים געפלאָסן, ר'האָט ביטערלעך געוויינט, אַז ר'האָט זיך אַזש צעיאָמערט ווי אַ באַעוולהט קי.. .

— כ'על עס דערנאָך אויפעסן, כ'על מיך אַ ביסל אָפּרוען און על מיר דערנאָך פּראָווען אַ באַל — האָט ער אַ טראַכט געטון.

אָבער ער האָט אויך דערנאָך נישט געקענט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף און נישט געפילט, ווי ער האָט די קעלבאַסע פון גאַרשטש אַרויסגעלאָזט און ווי לאַפּאַ האָט זי שטילערהייט אַרומגעגריזשעט...

ער איז פּלוצלינג צו זיך געקומען, וואָרן נאָך דער וועטשערע, האָט די מוזיק אַ זעץ אַרויס געטון אין דער כאַלופּע מיט אַזאַ קראַפט, אַזש די ווענט פון דער פערד-שטאַל האָבן אַ ציטער געטון און די איבערגעשראָקענע הינער האָבן זיך צעקוואָקעט אין די כליוועס.

די געוואַלטן האָבן געזעצט אין דער וועלט אַריין און געשפּריצט פון הויז, ווי די רויטע פייערן אין אַ פינסטערער נאַכט, ווי דונערן וואָלטן אין דער פערד-שטאַל געקנאַלט.

די הוליאַנקע איז שוין דאָרט געגאַנגען מיטן גאַנצן ברען, געלעכטערן, פריילעכקייט, פאַרוויילונגען, און פון צייט צו צייט האָט די ערד פון די געיאָגערייען זיך צעפּויקט, און די קוויטשן פון די שיקסעס האָבן די לופט דורכגעריסן.

קובאַ האָט אין אָגהייב זיך איינגעהערט, אָבער באַלד האָט ער אָן אַלעם פאַרגעסן, אַ שלאָף איז אים באַפאַלן און אים אַוועקגעטראָגן ערגעץ אין אַ טומלענדיקער פינסטערניש עפּעס, ווי אונ-

טער רוישנדיקע וואַסערן אַרונטער... אויף דער דנאָ פון וועלדער שטורמדיקע, דורך ווינטן צעוואָיעטע.

און ווען די חתונה האָט שטאַרקער אַ ריס געטון, דאָס גערויש און פייערדיקע צוקלאַפּן מיט די פּאָדקעוועס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט דאָס הויז איינגעלייגט, האָט ער זיך אָנגעהויבן וועקן ביסלעכווייז, זיין נשמה האָט זיך פון דער פינסטערניש דערהויבן, איז פון פאַרגעסנהייט אויפגעשטאַנען, פון די שרעקלעכע ווייטקייטן זיך אומגעקערט און זיך איינגעהאָרכט.

און טיילמאָל האָט ער אַ פּרווו געטון עפּעס עסן, אָדער ער האָט שטיל און האַרציק אַ שעפּטש געטון:

— צעשקאַ, צעש, צעש!

נאָר די נשמה איז שוין פאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען פון אים און זיך אַוועקגעטראָגן אין די ווייטע וועלט אַריין, זי האָט זיך נאָך געדרייט בלאָנדזשענדיק, ווי דאָס פייגעלע יעזוסעס, אַרום דעם הויז, זיך אָפּרייסן נאָך נישט געקענט, און אַראָפּגעלאָזט זיך אַלע מאָל צו דער הייליקער ערד, כדי זיך אָפּצורוען פון פאַרמאַטערטקייט, כדי איינצוטוליען איר געוויין, דאָס יתומישע, אין דעם מענטשן-געטומל; זי האָט צווישן אירע האַרציקע אַרומגעפלאַטערט, צווישן די לעבעדיקע זיך געדרייט, די ברידער רחמנותדיק גערופן און באַ די הערצער הילף געבעטן, ביז זי האָט זיך מיט יעזוסעס הילף און באַרמהאַרציקייט געשטאַרקט, אַוועקגעטראָגן ערגעץ אויף פר ליגנס-פעלדער, אויף די דאָזיקע גאָטס ווייטע און ברייטע פעלדער-שטחים, נישט מיטן אויג אַרומצונעמען, וואָס ליגן אין אייביקער ליכטיקייט און אין אייביקער פרייד איינגעוועבט.

און זי איז נאָך העכער געפלויגן, ווייטער, אַזש ביז דאָרט...

...אַזש ביז דאָרט, וווּ זי וועט שוין קיין מענטשלעך געוויין ניט הערן, קיין יעמערלעך באַקלאָגן זיך פון קיין שום נשמה...

...דאָרט, וווּ נאָר שמעקעדיקע ליליען וויגן זיך, וווּ צע-

בליטע פעלדער רוישן מיט אַ האָניק-זיסקייט, ווו שטערנדיקע טייכן פליסן אין פילפאַרביקע געלעגערן, ווו דער טאָג איז אייביק.

...דאָרט, ווו נאָר שטילע תפילות שוועבן און שמעקעדיקע רויכן ציִען זיך כסדר, ווי די נעפלען, גלעקלעך קלינגען און די אָרגלען שפּילן שטיל, און מ'איז כסדר מקריב הייליקע קרבנות, און דאָס פאָלק איז שוין נישט זינדיק מער, און די מלאכים, און אַלע הייליקע זינגען איבּיינעם אַ לויב צו גאָט, אין דעם דאָזיקן הייליקן, אייביקן, געטלעכן קלויסטער! דאָרט, ווו די מענטשלעכע נשמה דאַרף גישט מער ווי נאָר מתפּלל זיין, און זיפצן און וויינען פון כרייד, און פרייען זיך מיט גאָט שוין אויף אַלע אייביקייטן.

דאָרט אַהין טאַקע האָט זיך געריסן די פאַרמאַטערטע, נאָך רו פאַרבענקטע נשמה, קובעס נשמה.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

דאָס הויז אָבער האָט כסדר געטאַנצט און געפרייט זיך מיטן גאַנצן האַרץ, נאָך מיט מער חשק ווי נעכטן, וואָרן דער כיבוד איז געווען נאָך אַ מער זעטיקער און מ'האָט די באַלעבאַטים צום טרונקען און עסן נאָך מער געבייט, ווי נעכטן האָבן זיי אויך געטאַנצט ביז צום פאַלן.

זיי האָבן שוין געקאָכט, פונקט ווי דאָס קאָכעדיקע וואַסער אויף אַ שטאַרקן פייער, און וואָס זיי זענען שוואַכער געוואָרן אַ דזשעבּלע, האָט די מוזיק אויפסניי אַ דונער אַרויס געטון מיט אַ פרישער קראַפט. אַזוי, אַז זיי האָבן זיך, פונקט ווי אַ תבואה-פעלד פון שטורם-ווינט אַרומגעכאַפּט, געבויגן, אָנגענומען בייעם אימפּעט, אַ פלאַמיקן זעץ געטון מיט די פיס און מיט אַ געשריי אין אַ בייעם טאַנץ געגאַנגען, מיט געזאַנגען, און רוישיק, טומלענדיק און פייערדיק.

אַז די נשמות זענען זיי שוין אײַנגאַנצן פון פלאַמעדיקייט צעגאַנגען, דאָס בלוט האָט געזאָטן פון אויפגעקאָכטקייט, דער שכל

איז אַוועקגענומען געוואָרן, די הערצער האָבן זיך פֿאַרגעסן אין דער הוליאַנקע, און יעדער נערוו האָט צוגעדריגעט צום טאַקט, יעדע באַוועגונג איז געווען אַ טאַנץ, יעדעס געשריי אַ געזאַנג, און יעדנס אויגן האָבן מיט פֿריילעכקייט און לעבעדיקייט געשטראַלט.

און אַזוי האָט זיך דאָס שוין געצויגן א גאַנצע נאַכט, ביזן סאַמע פֿאַרטאָג.

און דער טאָג האָט זיך געשטעלט שווער און שטיל, די מאָרגן־גרויקייט האָט טריב זיך געוויגט אין די שווערע אָנגעוואָרפענע שטיקער וואָלקנס, וואָס זענען איבער דער וועלט געהאָנגען, און ווען די זון האָט שוין געהאַלטן באַם אויפגיין, האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן אַלץ כמאַרנער ווערן, ביז עס איז אינגאַנצן פֿינסטער געוואָרן, עס האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אַ שניי. ער האָט אַ ווייע געטון אין אָנהייב שיטער און שטעכיק, ווי די צעוויגטע נאָדל־ביימער אין אַ ווינטיקן טאָג, ביז ער האָט דערנאָך אין אַ געדיכטן שטאַרקן שניי זיך פֿאַרוואַנדלט.

ער האָט געשיט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, איז געפֿאַלן גלייך, רויִק, אייבאַרטיק, אָן דעם מינדסטן שאָרך און האָט באַדע... די דעכער, די ביימער, די פּלעטער און די גאַנצע ערד, ווי ...ס אַ ווייסן געוועב, אָדער געדיכט מיט פֿעדערן באַשיט.

אַקוראַט דאַמאָלס האָט זיך אויך די חתונה געענדיקט, זיי האָבן זיך געזאָלט נאָך צונויפֿנעמען אין אָוונט אין קרעטשמע אויף „פּאָפּראַווינעס", נאָר אַצינד האָבן זיי זיך שוין אָנגעהויבן פֿונאַנדערצוגיין אין זייערע הייזער.

נאָר די דרוזשבעס און די דרוכנעס, מיט דער מוזיק אין דער שפּיץ, האָבן זיך נאָך צונויפֿגענומען אין איין קופּע פֿאַרן גאַנעק און אַלע איינעם האָבן מיט איין קול אַ זינג אַרויס געטון דאָס לעצטע לידל:

> אַ גוטע נאַכט דעם יונגן פּאָרל
> אַ גוטע נאַכט!

אַ נאַכט אַ גוטע ווינטשן מיר,
דאָ צו וואַכן בלייבן מיר,
אַ גוטע נאַכט!

. . . .

און קובאַ האָט אין דער זעלבער צייט זיין נשמה צו די הייליקע פיס פון פאַן יעזוס אוועקגעלייגט.

. . . .

סוף פון דער ערשטער טייל